STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00710

POYLN

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible by
Rachel Zylberberg
in memory of
Ada Blogowska, who perished in the Holocaust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

געדרוקט 2,500 עקזעמפלארן

י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

צווייט בוך

קינדער־יאָרן

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו יאָרק, 1946

J. J. TRUNK

POILN

BOOK TWO

Copyright 1946
by
UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street, New York.
166

מיין פֿרוי און חבר חנה טרונק,
דער געטרייער יידישער טאָכטער,
צום געדעכעניש.

אינהאַלט

זייט

קאַפּיטל איינס
כ'וואָר געבוירן אַ ווייגער — 13

קאַפּיטל צוויי
זכרונות פון וויגל — — — 17

קאַפּיטל דריי
פּסיכאָ - אַנאַליטישע דעגרעסיעס 21

קאַפּיטל פיר
דער זיידע ברוך — — — — 27

קאַפּיטל פינף
די באַבע לאה קאָן נישט איינרוען 43

קאַפּיטל זעקס
די מומע שפרה מירל און די באַבע לאה — — — — — 49

קאַפּיטל זיבן
אַ וויסטע אלמנה מיט צוויי יתומות — — — — — 57

קאַפּיטל אַכט
די קאַלישער רביצין גרייט זיך פונדאַסטיי אויף דער גאַלדע-נער שטול — — — — — 67

קאַפּיטל ניין
די קאַלישער רביצין פאָרט קיין לאָדזש — — — — — — 73

זייט

קאַפּיטל צען
די קאַלישער רביצין נעמט אויף איר גורל מיט ווירדע — — 79

קאַפּיטל עלף
גליקלעכע בריוועלעך פון לאָדזש 85

קאַפּיטל צוועלף
מיר קומען אויף אַן אַלטער פּריצישער קאַטש צופאָרן קיין לאָדזש — — — — 91

קאַפּיטל דרייצן
לאָדזשער חדר — — — — 95

קאַפּיטל פערצן
שמחה ווישליצקי און זיין גבֿיריש הויז-געזינט — — 101

קאַפּיטל פופצן
די אַסמולסקער משפחה קומט פאַמעלעכל קיין לאָדזש — 109

קאַפּיטל זעכצן
עס שטעלט זיך אַ שווערער ווינטער — — — — — 121

קאַפּיטל זיבעצן
כ'ערשטע זיידענע קאַפּאָטקעלע 125

	זייט
קאַפּיטל אַכצן	
דאָס גרויסע שטיבל — — — —	129
קאַפּיטל ניינצן	
שבת צום עסן — — — — —	143
קאַפּיטל צוואַנציק	
כאָלערע אין פּוילן — — — —	149
קאַפּיטל איין און צוואַנציק	
עס רוישן די וועלדער פון לאַגעווניקי — — — — —	153
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק	
אין די גרויסע היצן שווייגן די וועלדער אין לאגעווניקי און אין לאָדזש בושעװעט די כאָלערע — — — — —	157
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק	
ווידער אין לאָדזש — — — —	163
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק	
ר׳ יהושיעלע קוטנער האַלט ביים שטאַרבן און די וועלט ווערט פינצטער — — — —	165
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק	
שידוכים פאַר דער מומע איטקע	171
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק	
די מומע איטקע אַ פאַרביטער־טער משכיל — — — — —	177
קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק	
מע פאַרגעסט אַז די מומע איטקע איז אַ כלה — — — —	189

	זייט
קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק	
אין זדונסקע וואָליע גרייט מען זיך צו דער חתונה — — — —	195
קאַפּיטל ניין און צוואַנציק	
דלוטאָוו — — — — — — — —	203
קאַפּיטל דרייסיק	
פרימאַרגן — — — — — — — —	211
קאַפּיטל איין און דרייסיק	
דריי פּראָסטע דלוטאָווער יידן —	215
קאַפּיטל צוויי און דרייסיק	
די באָבע חיה נעמט זיך צו דאָרפישער באַלעבאַטישקייט	219
קאַפּיטל דריי און דרייסיק	
די פינצטערע דלוטאָווער וועל־דער — — — — — — —	223
קאַפּיטל פיר און דרייסיק	
ר׳ נח בראָם קומט צופאָרן אויף אַ צעקראַכענער בריטש־קע — — — — — —	229
קאַפּיטל פינף און דרייסיק	
געסט פון קוטנע — — — — —	237
קאַפּיטל זעקס און דרייסיק	
אַ שולעכל אין דלוטאָווער הויף — — — — — — —	241
קאַפּיטל זיבן און דרייסיק	
דער תבואה־שניט אין דלוטאָוו	255
קאַפּיטל אַכט און דרייסיק	
עס רוקן אָן די ימים נוראים	261

זייט

קאַפּיטל ניין און דרייסיק
הארבסט — — — — — — — 265

קאַפּיטל פערציק
פאַרוואָרפענע יידישע ישוב-
ניקעס קומען האַלטן די הוי-
ליקע טעג אין דלוטאָוו — 271

קאַפּיטל איין און פערציק
אַ בריטשקע מיט דרייו וואַר-
שעווער יידן — — — — 277

קאַפּיטל צוויי און פערציק
די צוויי גרעסטע תורה-משפחות
אין פוילן זענען זיך משדך 289

קאַפּיטל דריי און פערציק
דער סאָכאַטשאָווער הויף — — 297

קאַפּיטל פיר און פערציק
אַ חופּה אין סאָכאַטשאָוו — — 305

קאַפּיטל פינף און פערציק
סאָכאַטשאָווער חתונה - מאַלצייט 309

קאַפּיטל איינס

כ'ווער געבוירן אַ ווינער. די באַבע חיה וויינט מיט אין די קישענס. סימכע גייגע ברענגט אַ טויבן פאַסטוך. דער גרויסער פדיון-הבן. איך ווין ווייטער. די מומע רויזע און די פּראָצעסיע פון אַלטע ווייבער.

שוין אין די ערשטע טעג נאָך מיין געבוירן בין איך געווען זייער אַ נערוועז קינד. איך האָב נישט אויפגעהערט צו שרייען אין די ווינדעלעך און כסדר צו וויינען. מיינע עלטערן זענען געווען דערשראָקן און אוממעכטיק. דער יונגער פּויערישער אַם זענען ניט באַקומען די אייַדעלע פרישע הינדעלעך און די פעטע געצוקערטע יויכן מיט וועלכע די באַבע חיה האָט זי אומאויפהערלעך געקאָרמעט און ממש — סיי אויפּסגעוואַלט, און סיי מיט גרויס געבעט — איר אַריינגעשטופּט אין מויל אַריין, כדי זי זאָל האָבן אַ סך זיסע, פעטע און גוטע מילך מיך צו זייגן. די פּויערטע איז געוואַקסן, דאָס פּנים האָט איר געבליט פון געזונטער און זאַטער רויטקייט און זי איז דיק געוואָרן. אָבער דאָס אַלץ איז איר נישט באַקומען. מחמת גאַנצע נעכט האָט זי מיך געמוזט אַרומטראָגן אויף די הענט, וויגן מיין וויגל און זינגען מיר אַלערליי לידלעך. לידלעך פון דער לוויוויטשער ערד. אפילו דאָס טעמפּע פּויערישע געדולד פון אַ יונגער זייגנדיקער שיקסע האָט שיעור נישט געפּלאַצט. אין די לאַנגע נעכט האָט טיילמאָל די שיקסע אויפגעזיפצט אין מיטן אירע לידלעך און זיך איבערגעצלמט. ס'האָט גאָרנישט געפּועלט. איך האָב נישט אויפגעהערט צו שרייען און צו וויינען אין די ווינדעלעך.

די באַבע חיה האָט זיך געבראָכן די הענט אין איר כסדרדיקער נידערגעשלאָגנקייט. זי האָט אַ בלייכע געפּליסטערט, אַז איך שריי מיר אוים די לונגען. ביינאַכט האָבן זי אַנגסטן באַשלאָגן ווען זי האָט געהערט מיינע קולות און דאָס מאָנאָטאָנע זינגען פון דער שלעפּעריקער שיקסע. די באַבע חיה האָט אויך מיטגעוויינט און באַגראָבן

איר פּנים אין די קישנס, כּדי דער זיידע ברוך זאָל נישט הערן ווי זי וויינט און איבערגעוועקט ווערן פון זיין פעסטן און געזונטן שלאָף.
די באָבע חיה האָט זיך דערמאָנט אין אירע געשטאָרבענע קינדער.

די באָבע חיה האָט סימכע גייגען ארומגעשיקט צו אַלערליי גוטע־יידן נאָך סגולות און דערביי מיטגעשיקט פעטע פּדיונים. די סגולות האָבן וויניק געהאָלפן. ס'איז געקומען דער דאָקטער קענצקי פון סאניק. דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט מיר באַטאַפּט דאָס בייכל, פאַרשריבן רעצעפּטן. איך האָב נישט אויפגעהערט צו וויינען. סימכע גייגע איז געוואָרן דער איינציקער נאָמן ביי דער באָבע חיה וואָס שייך סגולות און אָבערגלויבערישקייטן און זי האָט אים אומעטום געשיקט מיט אַזעלכע שליחותן. ענדלעך האָט זיך סימכע גייגע מיישב געווען: פון אַ ווייט אָפּגעלעגן דערפל הינטער אָסמולסק האָט ער געבראַכט צו פירן אַן אַלטן שאָף־פּאַסטוך.

דער אַלטער פּאַסטוך, אַ הויכער אויסגעדאַרטער גוי, איז געקומען אַ באָרוועסער אין אַ צעריסענער און געלאַטעטער סוקמאַנע. פון אים האָט געשמעקט מיט שאָף, מיט פעלד און מיט שטאַל־מיסט. ער האָט געהאַט עטלעכע לאַנגע גרויע האָר אויף דער אָראָפּגעלאָזענער פויערישער גאָמבע, און — אַ פון דער זון אָפּגעשיילטן — ליסן קאָפּ פול מיט ביילן. דער פּאַסטוך איז געווען טויבלעך פון זיין אייביקער איינזאַמקייט אויף די פעלדער. ער איז געקומען מיט אַ געלן אויסגעקראָכענעם הונט און מיט אַ לאַנגער בייטש וואָס איז אים ארומגעוויקלט געווען איבער דער שמאַטעוואַטער סוקמאַנע. אויף אַ פויערישן אופן און מיט עטלעכע גראָבע פויערישע קללות האָט אים סימכע גייגע אריינגעשריגן אין די טויבע אויערן אריין. דער פּאַסטוך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ טויבער, געענטפערט מיט אַ טעמפּ־שרייענדיק קול פונקט ווי ער שרייט צו די שאָף אין דער איינזאַמקייט פון די פעלדער און אויפגעעפנט זיין פינצטער ציינלאָז מויל. דאַן האָט ער פון אַ טיפער קעשענע פון זיין סוקמאַנע ארויסגענומען אַ גרויסע שער מיט וועלכער מע שערט שאָף. ער האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק פון מיינס אַ ווינדעלע און עס איינדרויסן פאַרבראַנט צווישן די סאָד־ביימער.

דער קולמינאַציע־פּונקט, אָבער, פון מיין וויינען איז געווען ביי

מיין פדיון־הבן. ס׳איז געווען פרילינג־צייט. דער גאַנצער סאַד איז געווען ווייס פון וואַרעמען שמעקנדיקן בליעכץ. ווידער זענען אָנגע־קומען די קאַטשן פון קוטנע. די גאַנצע מיוחסדיקע קוטנער משפחה איז געקומען צופאָרן. אַלע מומעס, געשוויסטער־קינדער און אַלע רביצינס. די באָבע לאה און די באָבע פּריווע. דער פעטער יעקל און זיין איידעם ירחמיאל. אויך ר׳ יהושיעלע קוטנער איז געקומען צוליב דעם פדיון־הבן. לכבוד אים האָט דער זיידע ברוך אַרויסגעשיקט אַ באַזונדערע פּריצישע קאַטש, און דער משמש הירשל נאָמן איז געזעסן אויפן באָק מיט פולע פלאַשן וואַסער אין די קעשענעס פון זיינע קאַ־פּאָטעס.

אויף ר׳ יהושיעלע קוטנערס קאַטש איז מיטגעפאָרן אַ חשובער כהן פון וועמענס הענט מ׳זאָל מיך אויסלייזן. ער איז געווען אַן אַל־טער קאָצקער חסיד. אַ גרויסער למדן און אַ פריילעכער ייד. און אַ ווילדער שטאַמלער. דערצו האָט ער כסדר געהוסט. דער ייד איז נעבעך געווען אַ ביטערער אָרעמאַן, הגם ער האָט געהאַט אַלערליי פּרנסות. ער איז געווען אַ שדכן, אַ בורר, האָט געהאַנדלט מיט ציצית און ארץ־ישראל־אתרוגים, און אַ כהן אויף פדיון־הבנס. ווי אַזוי אַ שטאַמלער און אַ הוסטער האָט געקאָנט זיין אַ שדכן און אַ בורר, איז אַן אַנדער פראַגע — נאָר אַזוי איז עס געווען. דערביי האָט ער געהאַט אַ נאָז וואָס איז געווען אי בלוי אי רויט. דער כהן האָט זייער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן.

דער זיידע ברוך האָט ווידער געלאָזט מאַכן אַ גרויסע סעודה לכבוד דעם פדיון־הבן. אַ סעודה מיט פישן, פליישן, צימעסן און אונ־גאַר־וויינען. סטעאַרין־ליכט האָבן געפלאַקערט. די באָבעס האָבן מיך אַריינגעבראַכט צו טראָגן צום טיש אויף אַ זילבערנער טאַץ. מ׳האָט מיך אַרומגעבעט מיט אַטלעס און זייד און מיט חלה־טישטעכער, און אויף מיר אַרויפגעלייגט כלערליי גאָלדענע און זילבערנע תכשיטים. אויך אויף דער זילבערנער טאַץ האָב איך געוויינט.

אַלע האָבן געמיינט, אַז נאָכדעם ווי דער אַלטער, פריילעכער און שטאַמלדיקער כהן וועט מיך אַרויסלאָזן פון זיין רשות און נעמען פאַר מיר פינף גרויסע זילבערנע רובל — וועל איך זיך בארואיקן און אויפ־

הערן צו וויינען. אָבער אויך דאָס האָט נישט געפּועלט. נאָכן פּדיון־הבן האָב איך ווייטער געוויינט גאַנצע נעכט. די באָבע חיה האָט אנגס־טיק און שטיל מיט מיר מיטגעוויינט אין אירע קישענעס. ס׳זענען איר כּסדר געקומען צו חלום אירע געשטאָרבענע קינדער. די שיקסע האָט געזונגען לוויוויטשער לידער און מיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטוב.

ווען די סאָד־בוימער האָבן געהאַלטן ביים אָפּבליען האָט ערשט די מומע רויזע גענומען די זאַך אין די הענט אַריין.

פון אַלטע שטיקלעך יום־כּיפּור־ליכט וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ביי איר אונטערן פּיעקעלעך, האָט זי צונויפגעקנאָטן אַ גרויס געל וואַקס־ליכט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז זי געקומען קיין אַסמולסק אין „הויף״ אַריין צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַלטע ווייבער. סימכע גייגע האָט געשאַפט פון גוטע יידן סגולות און אָפּגעשפּראָכענע בוימאיילן און האָט זיי אויסגעמישט מיט איינגעטריקנטע קרייטעכצער וואָס ער האָט באַקומען פון אַן אַלטן גויאישן פּאַסטוך. דאָס אַלצדינג האָט מען אַריינגעטאָן אין אַ פאַן. דאַן — אַריינגעלייגט אין דער פאַן גליען־דיקע קוילן. ווען די פאַן האָט אָנגעהויבן צו רויכערן מיט אויסטער־לישע און אומבאַקאַנטע ריחות, האָט די מומע רויזע אָנגעצונדן דאָס גרויסע און געלע יום־כּיפּור־ליכט. זי איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן מיט די אַלטע ווייבער און מיט דער באָבע חיה. דאָס צעריסענע טער־קישע טוך איז איר, דער מומע רויזע, געהאַנגען איבער די אַקסלען און דער פויגל האָט געציטערט אויף איר טשיפּיק. די מומע רויזע האָט געטראָגן דאָס אָנגעצונדענע יום־כּיפּור־ליכט. נאָך איר איז געגאַנגען די באָבע חיה מיט דער רויכערנדיקער פאַן. נאָך דער באָבע חיה, — די עטלעכע אַלטע יידישע ווייבער פון שטעטל אַסמאָלין. די דאָזיקע אויסטערלישע פּראָצעסיע פון אַלטע ווייבער זענען אַרומגעגאַנגען דעם פּריצישן „הויף״ זיבן מאָל. דערביי האָט די מומע רויזע מיט אַ קול פון אַ בייזע דערצאָרנטע הון געפּישטשעט:

— וואו וואוינט דער וויינער? וואו וואוינט דער וויינער?

די אַלטע ווייבער בייזאַמען מיט דער באָבע חיה האָבן איר פרום און מאָנאָטאָן נאָכגעזאָגט.

די אויבסט־ביימער אין סאָד האָבן געהאַלטן ביים אָפּבליען.

קאַפּיטל צוויי

זכרונות פון וויגל. מיין אַם פּערל. דער קאַלטער שנייאיקער פּרימאָרגן. אינדיקעס כאָלדערן אויף די שנייען.

אויב איך וויל מיך דערמאָנען מאָמענטן פון יענע פריע צייטן — אַזוי צו זאָגן פון די פּרע־היסטאָרישע צייטן פון מיין אויטאָביאָגראַפיע — געדענק איך נאָר דריי מאָמענטן. איך בין מודה: דריי גאַנץ נישט וויכטיקע מאָמענטן. איך וויים נישט זייער צוזאַמענהאַנג צווישן זיך און נישט וואָס זיי האָבן צו טון מיט מיין שפּעטערער „לעבנס־ליניע" און מיט דעם שיקזאַל פון מיין כאַראַקטער. איך לאָז עס איבער פאַרן פּסיכאָאַנאַליטיקער דערין צו געפינען די ערשטע טריט צום וועג פון מיין כאַראַקטער און דעם שליסל צו מיינע לעבנס־מעשים און צו מיין וועזן. וואָס איך געדענק פון יענע צייטן איז קודם־כל: דאָס רויטע קליידעלע מיט שוואַרצע קעסטעלעך וואָס איך האָב געטראָגן ווען איך האָב מיך נאָך ווי אַ קליין חיהלע געריטשט אויף דער ערד. צווייטנס: מיין יידישע אַם. איך געדענק איר פולן קערניקן קערפּער און די גרויסע ווייסע ברוסטן אירע, וועלכע זענען פאַר מיר אַרויסגעקומען פון איר רויטן שפּאַנצער ווי צוויי ווייסע וואונדערלעכע און פריידיקע ברונעמער וואָס האָבן מיך פול געמאַכט מיט גליק און מיט רואיקייט. זי האָט געהייסן פּערל. ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסן קינד פלעג איך מיט מיינע עלטערן קומען צו גאַסט קיין קוטנע. פּערל האָט שוין דאַן געהאַט חתונה געהאַט פאַר אַ קוטנער קצב און זי איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין יאַטקע. ווען זי האָט געהערט אַז איך בין אין קוטנע איז זי געקומען אַריינצולויפן מיט אַ ווילד פריידיק געשריי צו דער באָבען אין קיך. זי איז צו מיר צוגעפאַלן און מיך געוואָלט אויסקושן. אַנגסטן פון שרעק זענען מיך באַפאַלן פאַר דער דאָזיקער ווילדער פריידיק־שרייענדיקער יידענע וואָס האָט געלאַכט

מיט אַ היסטעריש גליק, אויסגעשפּרייט צו מיר אירע הענט און גע־שריגן: איך בין דאָך דיין אַם! איך האָב דיך געזוּיגן. איך פלעג פון איר אַנטלויפן מיט גרויס פּחד.

דער שפּעטערער פּחד פאַר מיין היסטערישער אַם ליגט מיר נאָך אין די ביינער באַגליידט מיט דער גליקזעליקער רואיקייט פון דעם וואַ־רעמען זכּרון פון אירע ווייסע ברוסטן.

אַ דריטן מאָמענט געדענק איך פון דעם פריסטן באַגינען פון מיין לעבן. אַ לאַנדשאַפט־מאָמענט. עס שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אַזאַ שאַרפקייט ווי זעלטן־ווען אַ לאַנדשאַפט וואָס איך האָב געזען. נעמלעך: אַ ווינטער פרימאָרגן אין דאָרף אַסמולסק.

איך האָב אָקערשט אָנגעהויבן צו גיין נאָר איך ווייס גישט אויף וואָסער אופן און ווער עס האָט מיך אַרויסגענומען אין דרויסן. איך געדענק ווי די טיר האָט זיך געעפנט. עס האָט קאַלט געשיינט די זון. די ערשטע קעלט אין מיין לעבן האָט אַרומגענומען מיין הויט. ס'איז געווען דאָס רויע גרויזאַמע געפיל וואָס כ'האָב געשפּירט אין היפּך צו די אַלע צערטלעכקייטן פון די וואַרעמקייטן מיט וועלכע איך בין געווען אַרומגענומען — די וואַרעמקייטן פון נאָענטע לעבעדיקע מענטשלעכע גופים. די וואַרעמקייטן פון דער שטוב און די וואַרעמקייטן פון בעט־געוואַנט. דאָ אין דעם רויען ווינטערדיקן דרויסן האָב איך ס'ערשטע מאָל געפילט אַן עקזיסטענץ וואָס רעכנט זיך נישט מיט מיין וואויל. די שאַרפקייטן פון דעם פראָסטיקן ווינטער־פרימאָרגן האָבן מיר געביסן די הויט, די אויגן, און זיך ווי קאַלטע מעסערס אַריינגעריסן אין דעם אָטעם פון מיינע נאָז־לעכער. צוזאַמען מיט דער דאָזיקער גרויזאַמער און ליבלאָזער באַציאונג צו מיר האָב איך ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן — דוכט זיך — געזען די שיינקייטן פון דער וועלט. מחמת איך געדענק דורכאויס אָט אַ־די באַגינענדיקע ווינטער־לאַנד־שאַפט אין אַסמולסקער סאָד. איך געדענק די ווייסע געפרוירענע שנייען וואָס האָבן פול און ווי מיט אַ פראָסטיקער וואַרעמקייט צוגע־דעקט די גאַנצע וועלט און געפינקלט אין ליכט און אין פראָסט. זייער קאַלטע ווייסקייט האָט געשמעקט. זי האָט געשמעקט מיט אַ וואונדער־לעכער פרישקייט וואָס ליגט מיר נאָך היינט אין זכּרון. די שנייען

האָבן געשמעקט מיט קעלט און מיט ליכטיקער שטילקייט. די סאָד־ביימער זענען געשטאַנען פאַרשנייטע און ליכטיקע. און אויך זיי האָבן געשמעקט פון פרישער קעלט און פראָסט. אין די לופטן איז געלעגן די שטילקייט אַ זוניקע, אַ קאַלטע און אַ געפרוירענע. איך געדענק דאָס קול פון אַ סטאַדע אינדיקעס וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די אויפ־געוואָרפענע שמעקנדיקע שנייען, זיך געבלאָזן און געכאָלדערט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע קול וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די שניידיקע און וויים־שמעקנדיקע שטילקייט פון די שנייען.

איך מוז צוגעבן: אַפילו נאָך היינט, ווען איך זע אַ שנייאיקן און פראָסטיקן ווינטער־פרימאָרגן אין דאָרף, קומען מיר אומווילקירלעך אַרויף אויפן זכרון יענע ערשטע שנייען וואָס כ'האָב געזען אין מיין פריסטער קינדהייט. אין דער נאָז פיל איך נאָך די וואונדערלעכע קאַל־טע ריחות פון דעם אַסמולסקער ווינטער.

קאַפּיטל דריי

פּסיכאָ-אַנאַליטישע דעגרעסיעס. מיין פאָטער צווישן אַסמולסקער יידן. מיין מוטער.

די ערשטע ליבשאַפטן פון מיינע עלטערן צו מיר געדענק איך נישט. מעגלעך, — ביי גאַנץ יונגנטלעכע עלטערן איז דער אופן ווי אַזוי זיי דריקן אוים זייער ליבע צו קינדער נאָך נישט גענוג אַנטוויקלט. דאָס קינד באַווייזט עס נישט צו געניסן מיט דער פולער שפע. דעריבער איז דער איינדרוק אַ שוואַכער. די פּאַרצערטלעכקייט פון אַ בן־זקונים שטאַמט מן־הסתם דערפון, וואָס ביי עלטערע עלטערן זענען די מעגלעכ־קייטן פון זייער קינדער־ליבשאַפט פולשטענדיק רייף געוואָרן. זי גיט זיך איבער דעם קינד מיט אַלע ניואַנסן און געפילן. ביי יונגע עלטערן זענען נאָך די דאַזיקע געפילן רוי און נישט אַנטוויקלט. זיי זענען זיך נאָך נישט אויסגעשטאַנען אין די געמיטן פון דער נשמה — און זיי פעלט נאָך די ווירקלעכע געשטאַלט און דער ווירקלעכער אויסדרוק. די ליב־שאַפט איז אַזוי ווי איידעלער ווייַן. וואָס רייפער, גייסטיקער און אויס־געשטאַנענער זי איז, אַלץ רייכער און ניואַנסנפולער זענען אירע אַראָמאַטן.

חוץ דעם האָט עס נאָך אוודאי מיטגעשפּילט וואָס דער קאָנטראַסט צווישן מיינע עלטערן איז געווען אומגעווייַנטלעך טיף. ווי מיר וועט נאָך שפּעטער אויסקומען צו דערציילן האָט דער דאָזיקער גייסטיקער קאָנטראַסט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון מיין היים און — מן־הסתם — אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון מיין כאַ־ראַקטער. דער קאָנטראַסט צווישן אינסטינקטלאָזן שכל און שכללאָזן אינסטינקט. מיינע עלטערן זענען געווען פולשטענדיק קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן. מיין פאָטער — אַן איידעלער קוטנער עילוי, אומגעוויינט־לעך פּעאיק, אויפגעצויגן צווישן תורה און ספרים. ער איז געווען אַ

שטילער עניו און אין אים האָט געשטעקט עפּעס פון דער איידעלער און צערפולער פּאַריתומטקייט פון פּאַרלאָזענע קינדער — הגם אויך מיין פאָטער איז געווען פאַרצערטלט אין זיינע קינדער־יאָרן סיי פון דער באָבע לאה סיי פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. פון וואנען האָט זיך גע־נומען צו אים אָט די אָרגאַנישע הילפלאָזיקייט? איך שטעל מיר פאָר: יענע איינזאמע נעכט ווען די באָבע לאה איז געזעסן אַ פאַרלאָזענע אויפן בוידעם־שטיבל נעבן דער קוטנער ווייבער־שול, אויך די צייטן פון דער „גייסטיקער נאכט" ביים זיידן ר׳ משהל, זענען אויפן קינד אינעם וויגל נישט פאַרגאַנגען אָן שפּורן, און אין אים איבערגעלאָזט עפּעס ווי דאָס אומהיימלעכע און עלנטע געפיל פון אַ יתום. מיט דער מילך פון דער באָבע לאה האָט אויך מיין פאָטער אין זיך אריינגעזויגן איר וואורקער איידלקייט, אירע אומגעשטילטע בענקשאַפטן צו נישט־דער־גרייכטער שיינקייט, אירע ביטערע מחשבות און אירע אנגסטן. קינדער פון קראַנקע עלטערן האָבן אין זיך אַ סך מינדערווערטיקייטס־געפיל. תמיד האָבן זיי מורא פאַרן שיקזאַל. פון פאַראויס רעזיגנירן זיי מיט אַ שטומער הילפלאָזיקייט. מיין שטילער און איידעלער פאָטער, אַ גרויסער למדן, און אַ מענטש מיט היבשע פרייהייטלעכע און קריטישע געדאַנקען איז תמיד ארומגעגאַנגען אין לעבן אַ הילפלאָזער מיט דער דיסקרעטער נידערגעשלאָגנקייט פון אַ שוואַך־ווילנדיקן און טאַטלאָזן אינטעלעקטואַליסט. שטענדיק, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענער אוממעכטיקייט. יונגערהייט איז ער אריינגעקומען אין דאָרף צווישן פּראָסטע, געזונטע און כאַראַקטערפולע יידן. יידן וואָס האָבן קנאַפּ געהאַט מחזקות מיט ספרים און בית־מדרש, נייערט מיט קי, מיט פערד, מיט פּויערים און מיט ערד. יידן וואָס זייערע שטאַרקע אויסגעאַרבעטע הענט האָבן תמיד צוגעהאָלפן אויסצופירן זייער ווילן, ווי נאָר ער האָט אויפגעדעמערט אין זייער בלוט. יידן וואָס האָבן שווער און פיזיש געאַרבעט. אַזוי צו זאָגן געקעמפט מיט די אומשטענדן. און נאָר דער שווערער קאַמף האָט זיי געגעבן זייער ברויט. פּראָסטע אינסטינקטפולע יידן. אָפנהאַרציקע ווי די פּרימאַרגנס. יידן וואָס אין זייער פרייידיקייט האָבן זיי געלאַכט הויך ווי די טייכן ביי די וואַסער־מילן, און האָבן געקאָנט רעווען און וויינען ווי די ווייבער. אין דער

דאָזיקער וועלט פון חכמהלאָזער טאַט איז מיין פאָטער נאָך שטילער און נאָך אָפּהענטיקער געוואָרן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ פּאַרלאָזן בלעטל אויף שטאַרקע ווינטן. אוממעכטיקייט — דאָס איז ביי מיין פאָטער געוואָרן כמעט ווי אַ לעבנס־דעוויז. אָבער ער האָט די דאָזיקע יידן ליב געהאַט און אינערלעך מקנא געווען זייער געזונטער נאַאיוויטעט. נאָר אַליין פּערזענלעך, האָט ער זיך הילפלאָז געפילט אינעם ווילדן אומ־ברחמנותדיקן שפּיל פון פּסיכישע קאָנטראַסטן. ער האָט גאָרנישט גע־קאָנט האָבן ביי זיי קיין באַשטאַנד, מחמת ער האָט קיין מאָל נישט געפּרוּווט אויפצונעמען דעם קאַמף און אויך צו לאָזן זיין ווילן גילטן אויף די וואָג־שאָלן פון לעבן. שוין פון זיין יוגנט אָן האָט ער אוועקגעלייגט אַלע קאָרטן אויפן טיש און געזאָגט פּאַס.

ס׳זענען זיכער געווען אינערלעכע פּסיכישע דיספּאָזיציעס, וואָס האָבן מיט אַזאַ טיפער טראַגיק געפאָרעמט די איידעלע טאַטלאָזע עניוות פון זיין כאַראַקטער. זעלטן־ווען טרעפט זיך—ווי עס איז געווען דער פאַל ביי מיין פאָטער — אַז די אָביעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען שפּילן־צו מיט אַזוי פיל טרויעריקער האַרמאָניע צו די אָנגעבוירענע און אין דער וויג געשטאַלטיקטע דיספּאָזיציעס פון דער פּסיכיק. אין דער זע־עלישער טראַגישקייט פון זיין לעבן איז מיין פאָטער געווען דער קרבן סיי פון פּסיכישער דיספּאָזיציע און סיי פון אָביעקטיווע באַדינגונגען.

ווי וואונדערלעך ! — איך מוז עס נאָך אַמאָל באַטאָנען — אָט די אַלע פּראָסטע טאַטהאַפּטיקע אָסמולסקער פּעטערס און מומעס זענען דאָך אייגנטלעך געווען די אייביקע מעמענטאָ מאָרים פון זיין הילפלאָזער טאַטלאָזיקייט. נישט מיט זייער שולד — נאָר פאַקטיש און פּסיכיש האָבן זיי מן הסתם — אַ סך פאַראורזאַכט דאָס עלנטע געפיל פון זיין לעבן. זיי האָבן עס פאַראורזאַכט אין זייער ווידערשפּרוך. פון דעסט־וועגן — צו אָט־אָ די יידן האָט זיך מיין פאָטער באַצויגן מיט אָן אויס־טערליש דיסקרעטער ליבשאַפט. ער — דער אינטעלעקטועלער בעל־שכל, דער עילוי פון ר׳ יהושיעלע קוטנערס שטוב, דער דאָזיקער וואָס האָט תמיד גערעדט שטיל מיט דער עניוות פון אַ תלמיד־חכם — מיט דער אינטימסטער אהבה — אפילו מיט אַ סך אינערלעכער אכטונג — האָט ער

זיך באַצויגן צו די פּראָסטע פּעטערס פון אַסמולסק, צו די יידן, וואָס זענען געווען האַפּעדיק אין זייער אָפּנהאַרציקייט און האָבן מיט אַ מאָדנער לייכטקייט פאַרוואַנדלט זייערע געפילן אין טאַט. יאָ. ער האָט זיי ליב געהאַט. פּונקט ווי ער האָט ליב געהאַט די שיינקייטן פון דער נאַטור. איך האָב זעלטן געזען אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט אַזוי פּראָסט, אַזוי אוממיטלבאַר און דיסקרעט ליב געהאַט די שיינקייטן פון דער נאַטור, ווי מיין פאָטער. אויך אין איר, אין דער נאַטור, האָט ער געזוכט די איינזאַמקייטן פון זיין געמיט. איך געדענק, שפּעטער אין דאָרף דלוטאָוו פלעגט מיין פאָטער אַליין אַוועקגיין אין די וועלדער. אין דלוטאָוו (ווי מיר וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן) זענען געווען גרויסע אַלטע און פינצטערע פּוילישע וועלדער. אַהין פלעגט מיין פאָטער אויף לאַנגע שעהן אַוועקגיין. ער, אַ טראַגישער איינזאַמער מענטש, האָט זיך מן־הסתם גוט געפילט אין די טונקלקייטן פון די רוישנדיקע דלוטאָווער וועלדער. ער האָט וואונדערלעך ליב געהאַט אַלע איינזאַמקייטן.

מיין מוטער איז געווען דער עקסטרעמסטער קעגנזאַץ צו מיין פאָטער. עס איז ווירקלעך שווער צו שרייבן וועגן די אייגענע עלטערן. איבערהויפּט איצט, אין די טעג ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות. ס'איז נאָוועמבער. יאָר 1942. אין ניו יאָרק. ס'טראָגן זיך אַהער מאוימדיקע שמועות פון פּוילן און פון וואַרשע. ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות — ווער ווייסט אויב מיינע אומגליקלעכע עלטערן זענען דאָרט נישט אויסגעשאָכטן געוואָרן פון היטלערס רוצחים און אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט אַנדערע יידן? ווי קאָן די פעדער אין אַזעלכע מאָמענטן זיך נעמען פּסיכאָלאָגיש צו אַנאַליזירן די נאָענטסטע מענטשן, וואָס האָבן זייערע לעצטע יאָרן שוידערלעך פאַרברענגט אין דער וואַרשעווער געטאָ. — אפשר האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער פאַר דעם מעסער פון די טייוולאָנישע תלינים און מקדש־השם געווען! און איך האָב געגעסן און געשלאָפן אין אַמעריקע. ווען דאָס געוויין שטיקט אין האַלדז און די האָר ווערן גרוי אויפן קאָפּ — צי איז עס גאָר מעגלעך צו שרייבן פּסיכאָלאָגישע פּאָרטרעטן פון די אייגענע עלטערן, וואָס זענען אפשר איצט יידישע קדושים?

ליבער לעזער, דו וואס וועסט אמאל לייענען די דאזיקע בלעטער, וועלכע איך שרייב לזכרון די וואונדערלעכע הייליקע יידן פון פוילן, זיי מיר מוחל. —

מיין מוטער איז געווען דער פולקאמענער קעגנזאץ פון מיין פאטער. זי איז אין תוך געווען סאמע אינסטינקט פונקט ווי איר אסמולסקער משפחה. זי האט ווייניק געוואוסט פון די וואקלענישן און סקעפטיציזמען פון שכל, און נישט געוואוסט פון זיינע שוואכקייטן. צו דער וועלט האט זי געהאט איין און איינציקן שטאנדפונקט: דעם אינסטינקט־פולן ווילן. עס איז מירווירקלעך שווער צו זאגן, צי מיין מוטער איז געווען א גוטע אדער א שלעכטע, א קלוגע אדער א נארישע. די דאזיקע אלע אטריבוטן זענען כמעט ווי נישט אריינגעגאנגען אין דעם חשבון פון איר כאראקטער. זי איז געווען א פארצערטלטע בת־יחידה, איבערגעבליבן איינע פון א רייע געשטארבענע קינדער. אירע עלטערן האבן נישט אויפגעהערט איבער איר צו ציטערן. קינדווייז איז מן־הסתם יעדער מינדסטער וואונטש אירער באלד פארוואנדלט געווארן אין טאט. אין א כאראקטער וואו די אינסטינקטן דאמינירן איבער דעם רעזאן, קאן זיך לייכט אנטוויקלען די פארשטעלונג, נעמלעך: „נישט בלויז ביי מיינע איבערגעשראקענע עלטערן, נייערט אויך אין דער וועלט בכלל בין איך דער אייגנטלעכער מיטלפונקט. די וועלט — זי ווארט נאר אויף דעם מינדסטן קאפריז פון מיין ווילן. זי וועט נישט האבן די העזה, די וועלט, זיך מיר אנטקעגנצושטעלן. אלצדינג מוז איך אויספירן און אלצדינג מוז זיין, ווי איך וויל". פונקט דער עקסטרעמסטער קעגנזאץ פון מיין פאטער. מיין פאטער האט דעם מינדסטן דערפאלג זיינעם אויפגענומען ווי א מתנה. עס האט זיך אים גארנישט צוגעגלויבט, אז די הארטע אומפריינדלעכע וועלט האט פלוצעם געמאכט לגבי אים עפעס אן אויסנאם. זי וועט זיך נאך מן־הסתם מיישב זיין און חרטה קריגן. חוץ דעם איז מיין מוטער פון תמיד אן געווען אויפגעצויגן אין אן איינזאמען דארף. פון אלעמען פארצערטלט. די איינציקע טאכטער פונעם פריץ.

צווישן אזעלכע קעגנגעזעצלעכע כאראקטערן, הן וואס שייך טעמ־

פּעראַמענט, הן וואָס שייך אינטעלעקט, האָט נישט געקאָנט הערשן קיין אייגנטלעכע האַרמאָניע. צוויי לעבנס־אַטמאָספּערעס, וואָס איינע האָט נישט געקאָנט וואַרפן אויף דער אַנדערער נישט קיין ליכט און נישט קיין וואַרעמקייט. ממילא האָט דאָ אויך נישט געקאָנט זיין די שטילע האַרמאָנישע ליבשאַפט, די ליבשאַפט וואָס אַ קינד באַדאַרף אויפנעמען אין זיין יונגער נשמה אַלס עלעמענט פון דערינערונג.

קאַפּיטל פיר

דער זיידע ברוך. זיין ליבשאַפט צו מיר. דער זיידע ברוך גייט מיט מיר שפּאַצירן צווישן טאָפּאָליען. זיינע בעטלער-מעשיות. צווישן שאָף. דער רזשאָנדזשע גאנשעראָווסקי. אָוונט-גאָלד. ברוגזן מיטן זיידן ברוך און מיינע סטראַשונקעס. מיך הונגערט אינמיטן די פעלדער. בעטלער-ברויט. רפאל דער שמש. זיינע איבערלעבענישן. „דערנאָך האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק צו הונגערן". די מומע רחל. דער טומטום דער פעטער דוד. דער פעטער דוד שווייגט און דערלאַנגט מיר אַ רויטן עפּל.

די גרויסע ליבשאַפט צו מיר, וואָס איך געדענק — און זי ליגט נאָך אין מיר, ווי אַ שטילע וואַרעמע צאַרטקייט — איז די ליבשאַפט פון זיידן ברוך.

ווער עס האָט פונדערווייטנס און אויבנאויפיק געקאָנט דעם זיידע ברוך וואָלט זיך שווער געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער ייד האָט געהאַט אַזוי פיל געפיל פאַר אַ קינד. דער זיידע ברוך איז געווען אַ נידעריק קרעפּקע יידל, אַ ביסל אַ דיקלעכער מיט אַ רויטער באָרד און מיט שטענדיק צעפלאַמטע באַקן. ער האָט כסדר געררויכערט געמיינע ביליקע ציגאַרן, וואָס האָבן אַרום אים געמאַכט אַ לופט פון אַ שאַרפער ביטערקייט. ס'האָט אויסגעקוקט, אַז ער איז שטענדיק בייז און אָנגע-כמורעט, מחמת ער האָט בכלל גערעדט מיט אַ הויך קול. דערצו האָט ער געהאַט אַ טבע, אַז פאַר אַ ליאַדע עפּעס האָט ער זיך צעשריגן און זיך געבייזערט. אויף וועמען האָט ער נישט געשריגן? קודם-כל, פאַרשטייט זיך — אויף דער באָבע חיה און אויפן פעטער לייזער יוסף, — דערנאָך אויף די פויערים, אויף די פאַראַבקעס אין גוט אָסמולסק, און אויף וועמען נישט? דער זיידע ברוך, ווי אַ דאָרפס-ייד, וואָס איז כל-ימיו געוואוינט געווען צו פעלד און וואַלד, האָט בכלל, ווי אַלע פויערים, גערעדט הויך. ווען ער האָט געשריגן, האָט מען זיין קול גע-הערט איבערן האַלבן גוט אָסמאָלסק. אָבער — קיינער האָט זיך נישט

געמאַכט דאָס מינדסטע פון זיידן ברוכס געשרייען. פאַרקערט: סיי גויים און סיי יידן האָבן געזאָגט, אַז דערנאָך, ווי דער זיידע ברוך שרייט זיך גוט אויס, ווערט ער ווייך ווי פוטער און מ׳קאָן ביי אים אַלצדינג פועלן. מענטשן, וואָס האָבן עפּעס באַדאַרפט פון זיידן ברוך האָבן נאָר געוואַרט דערויף, אַז ער זאָל זיך גוט אויסשרייען און גוט אויסבייזערן, נאָכדעם קומט די זון אַרויס פון די וואָלקנס און דאָס גוטע פאָלקסטימ־לעכע האַרץ פון זיידן ברוך עפנט אויף אַלע טירן.

דער דאָזיקער וואונדערלעכער אוממיטלבאַרער ייד, וואָס פלעגט אויסשרייען זיינע אַפעקטן אין די פוסטע וועלדער אַריין, האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אַזעלכע צאַרטע און אינטימע ליבשאַפטן, וועלכע ליגן מיר נאָך אין דער נשמה, ווי די איידלסטע דערינערונגען. אין זיין ליבשאַפט צו מיר האָט זיך דער דאָזיקער רויטער דיקלעכער ייד פאַרוואַנדלט ממש אין אַ קינד. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע פעאיקייט צוצוגיין צו אַ קינ־דערישער נשמה און זי פאַר זיך עפענען. איך שטוין אַליין, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען צו אים אָט־אָ די פעאיקייטן, — צו אים, וואָס האָט געהאַט אַ האַרט און שווער לעבן, זיך זייער שווער אַרויפגעאַרבעט צו זיין רייכטום, תמיד אַרומגעפאָרן אין די פוילישע וועלדער, און גע־שריגן אויף די פויערים. קיינער אין מיין יוגנט האָט מיר נישט דער־ציילט קיין מעשיות, אחוץ דער זיידע ברוך. מיין פאָטער איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט, געהאַלטן פון אַלגעברע און „מורה־נבוכים", אָדער פון ליטעראַרישע ראָמאַנען מיט אַן אידעע און מיט אַ מוסר־השכל. אין פּשוטע און נאאיווע פאָלקס־מעשיות האָט ער נישט געפילט קיין טעם. מיין מוטער האָט געהאַט קנאַפּע עלאָקווענטישע פאַרשטענדעניש. זייביידן, מיינע עלטערן הייסט עס, אין זייער פּסיכישן ווידערשפּרוך, האָט געפעלט דער אוממיטלבאַרער צוגאַנג צו זייער אייגן קינד. דערפאַר איז דער זיידע ברוך געווען פול מיט מעשיות. און דווקא מעשיות, וואָס האָבן געקאָנט אַ קינדערישע נשמה פאַרכאַפּן מיט זייער כּישוף. דער זיידע ברוך האָט אַליין תמיד געלייענט מעשה־ביכלעך און אויף אַ וואונדערלעכן אופן באַוויזן זיי איבערצודערציילן מיט זייער גאַנצן חן און מיט זייער גאַנצער פאָלקס־נאאיוויטעט און פאָלקס־אמונה. אחוץ דעם האָט ער, דער זיידע ברוך, הייסט עס, „אויסגעטראַכט" און אימפּראָוויזירט מעשיות

פאַר מיר, ווען די געליִיענטע מעשה־ביכלעך זענען נישט גענוג געווען אויף איבערצודערציילן. גאַנצע טעג, און ווען דער זיידע ברוך האָט נאָר געהאַט צייט, בין איך נישט מיד געוואָרן פון צו הערן זיינע מעשיות. דער זיידע ברוך האָט געוואוסט, ווי אַזוי אויפן איידלסטן אופן אריינ־צוגיין אין דעם מלכות פון קינדערישער פאַנטאַזיע און צו וועקן אירע כוחות און אירע ברונעמער. ער פלעגט מיך צו נעמען אין בעט אריין אין דער פרי. די קישנס זענען שוין פול געווען מיט דעם ביטערן און שאַרפן רויך פון די ביליקע ציגאַרן, וואָס דער זיידע ברוך האָט געסמאָקעט שוין פון באַגינען אָן. איך בין געלעגן אין דעם דאָזיקן רויך און דער זיידע ברוך האָט מיר דערציילט מעשיות. ער האָט זיי אימפּראָוויזירט לויטן נוסח פון די יידישע מעשה־ביכלעך. אַ מעשה פון צוויי ברידער, איינער אַן עושר און איינער אַן אָרעמאַן, אָדער איינער אַ קלוגער און איינער אַ נאַר, אָדער מעשיות פון מלכים און בעטלערס, בת־מלכהס, און יידענעס, וואָס טוען כישוף.

בייטאָג, ווען דער זיידע ברוך האָט נאָר געהאַט צייט האָט ער מיך מיטגענומען שפּאַצירן. אין אַסמולסק איז געווען אַן אַלטער פּוילישער וועג. אַ שמאָלער און אַ זאַמדיקער האָט ער זיך געצויגן צום דאָרף סטאַראָפּאָליע. פאַזע דעם וועג זענען געוואַקסן אַלטע הויכע טאָפּאָלן. טייל פון זיי זענען שוין געווען אויסגעקרישלט פון די לאַנגע יאָרן. טייל — זענען געווען צעשפּאָלטן פון אריינגעטראָפענע דונערס. די טאָפּאָלן האָבן אויסגעקוקט, ווי אומהיימלעכע און זייער דערפאַרענע אינוואַלידן פון די וועלט־צייטן. זייערע זקנישע צווייגן האָבן זומער געגרינט מיט אָרעמע בלעטלעך. און די בלעטער אויף די פאַרדאָרטע צווייגן פון די דאָזיקע ביימער־אינוואַלידן האָבן אויסגעקוקט, ווי די איינציקע פאַר־יתומטע ציינער אין דעם איינגעפאַלענעם מויל פון אַ זקן. אין מיטן דעם וועג, ווען מען איז לענגער געגאַנגען, האָט מען אָנגעטראָפן אַ צלם. דער צלם האָט אויך אויסגעקוקט, ווי איינער פון די אַלטע טאָפּאָלן. ער איז געשטאַנען אַ האַלב־צעבראָכענער, אַן איינגעבויגענער און באַוואַקסן מיט מאָך וואָס איז געוואָרן שוואַרץ פון דער צייט. אויף דער דאָזיקער חורבה פון אַ האָלץ האָט געהאַנגען דער נאַקעטער, געקרייציקטער גאָט, אַ גאָט פון אַלטן פאַרזשאַווערטן בלעך מיט שפּורן

פון אמאליקער רויטער פארב, וואס איז אפגעשוואכקען געווארן פון די רעגנס, אוועקגעווייעט געווארן פון די ווינטן און אויסגעבלרענט געווארן פון די זונען. דאס האלב־אפגעמעקטע פנים פון דעם פרימיטיוון און פארזשאווערטן געטער־בילד האט איינזאם און אויסטערליש ארויפגע־קוקט פון די דאזיקע אלטע אפגעשוואכטע צייטן.

אויף אט־א דעם ראמאנטישן און פארלאזענעם וועג פלעגט דער זיידע ברוך מיך מיטנעמען שפאצירן. אויפן שפאציר, אין דער שטיל־קייט פון די אמסקולסקער פעלדער, האט ער מיר דערציילט זיינע מעשיות פון די גוטע און שלעכטע ברידער און פון די וואנדערנדיקע בעטלערס, וואס קוקן אויף דער וועלט מיט טיפע און טונקעלע בליקן, האבן ליב גוטע קינדער, שלעכטע קינדער, אבער, כאפן זיי אריין אין זייערע טאר־בעס און טראגן זיי אוועק אהין פון וואנען עס קומען די ווינטן און די רעגנס. אויפן סטאראפאליער וועג הינטער די אלטע טאפאלן־בוימער זענען געווען גריבער. פינצטערע גריבער, וועלכע קיינער האט קיין מאל נישט פארשיט און זיי זענען געווען באוואקסן מיט גראזן און קוסטעס. אבער די גריבער האבן זיך ארויסגעפינצטערט פון צווישן דעם ווילדן אנגעוואקסענעם גרינס. דער זיידע ברוך פלעגט מיר דערציילן, אז אין אט די פינצטערע גריבער וואוינען יענע אלטע בעטלערס מיט די טיפע טארבעס. א קינד דארף דארט ניט צוגיין נאענט און נישט וועקן די בעטלערס, טאמער שלאפן זיי דארט אין די טונקלקייטן אונטערן גראז. די בעטלערס קאנען בייז ווערן און מיך אריינכאפן אין די טארבעס. כ׳האב מורא געהאט, אבער מיין פאנטאזיע האט זיך העל און פארביק אנגע־צונדן, ווי א גארטן אין פארביקן צוויט. דעם זיידנס מעשיות זענען וואונדערלעך אילוסטרירט געווארן פון דער שטימונג פון דעם וועג און דער לאנדשאפט איבער וועלכער ער האט מיך געפירט.

אן אנדערש מאל פלעגט מיר דער זיידע ברוך דערציילן מעשיות פון שאף־פאסטעכער, וואס זענען תמיד אין איינזאמקייט אויף די ליידיקע פעלדער און פארשטייען צו רעדן מיט די שאף. ער האט מיר דער־ציילט מעשהלעך פון די פאסטעכער אין חומש און אין דער „צאינה־וראינה״, — און אזוי דערציילנדיק פלעגט ער מיך מיטנעמען אויף די פעלדער, וואו עס האבן זיך געפאשעט זיינע סטאדעס שאף. דער

זיידע ברוך האָט אין אַסמולסק געהאַט עטלעכע טויזנט שאָף. ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו די פעלדער, האָט מען געהערט דאָס מעקען פון אומצייליקע שאָף. זיי האָבן זיך געוויסט און באַוועגט אויפן פעלד, ווי גראָע ים־כוואַליעס. ווען מיר זענען אַריינגעקומען צווישן די שאָף, האָט אונדז אַרומגענומען אַ וואונדערלעכע וואַרעמקייט. עס האָט געשמעקט מיט שאָף און מיט ערד. דער פּאַסטוך ווינצענטי, אַ הויכער, לאַנגער פּויער מיט אַראָפּגעלאָזענע שוואַרצע וואָנסעס, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען. אויך דער געלער הונט זיינער איז אָנגעלאָפן אַרויס פון דער סטאַדע שעפּסן און צו מיר צוגעלאָפן און מיך פריינדלעך באַשמעקט. דער זיידע ברוך צוזאַמען מיט ווינצענטין דעם פּאַסטוך זענען אַריינגעגאַנגען אין מיטן דער שמעקעדיקער וואַרעמקייט פון די שאָף. דאָס מעקען פון די שאָף אויף די פעלדער האָט עפּעס פאַר מיר אויסגעקוקט ווי עס מעקען אַזוי וואַרעם די גראָע פון די שאָף אויפגעלעבטע פעלדער.

דער פּאַסטוך האָט מיר געבראַנגט אַרויסצוטראָגן אַ שעפּעלע פון דער סטאַדע. איך האָב עס אַרומגענומען מיט מיינע קינדערישע הענטלעך און צוגעדריקט מיין פּנים צו די וואַרעמע און זיס־שמעקנדיקע וואָל פון זיין לייב. און — עס געהער אפשר אויך צו די קינדהייטלעכע דערינערונגען — נאָך היינט צו טאָג, ווען איך זע אַן איינזאַם און אָפּגעשניטן תבואה־פעלד, פיל איך אין מיר דעם וואַרעמען און ליידנשאַפטלעכן ריח פון די קליינע שעפּעלעך, וועלכע דער זיידע ברוך האָט געגעבן מיר אין דער האַנט אַריין, און געוואָלט דערמיט מיר אויסדריקן אַ וואונדערלעכע מוטערלעכע צערטלעכקייט, אַן ערדישע און אַ וואַרעמע. —

טיילמאָל האָט מיך דער זיידע ברוך מיטגענומען פאַרנאַכטלעך צו — די זון האָט זיך געזעצט. פון די פעלדער האָט געשלאָגן די רייפע וואַרעמקייט פון אַ זומערדיקן אָוונט. די שאָף זענען אַהיימגעגאַנגען פון דער פּאַשע. דער סטאַראָפּאָליער וועג צווישן די טאָפּאָלן־ביימער איז געווען פול מיט דעם שמעקעדיקן שטויב פון אַהיימקערנדיקע טשערעדעס און מיט דעם מעקען פון שאָף. אין די מערב־הימלען האָבן געברענט קליינע וואָלקנדלעך. די זון האָט געשיט איר טונקל בין־השמשות־

גאָלד אויף דעם זאַמדיקן סטאַראָפּאָליער וועג, אויף די אַלטע צעבראָכענע בוימער און אויף דעם שטויב פון די שאָף. די אַסמאָלסקער דאָרף־תּפֿלה האָט געקלונגען אין דער ווייטקייט, און די שאָף האָבן זיך געוויסט און אַרויסגעמעקעט פון דעם טונקל־באַגילדעטן שטויב־וואָלקן. איך געדענק נאָך גוט יענע וואונדערלעך־טרויעריקע און זיסע גאָלדענע בילדער פון דעם צוריקגיין אַהיים פון די שאָף־סטאַדעס פאַרנאַכט איבער דעם פּוילישן וועג נאָך סטאַראָפּאָליע.

דער זיידע ברוך איז מיט מיר אַהיימגעגאַנגען פאַרנאַכט און געהאַלטן מיין קינדעריש הענטל אין זיין דיקער האָרעפּאַשנער האַנט. תמיד האָט ער געפונען דעם אופן מיט מיר צו רעדן און מיר עפּעס צו דערציילן. עס פלעגן דאַן די פּויערים אויך אַהיימגיין פון דער פעלד־אַרבעט. זיי האָבן געטריבן די אויסגעשפּאַנטע פערד און אָקסן, אַהיימגעגאַנגען מיט אַקער־אייזנס און אַנדערע פעלד־מכשירים. טיילמאָל פלעגן מיר טרעפן דעם זשאָנדצע גאָנשעראָווסקי, וואָס איז אַהיימגעריטן אויף אַ גראָ פריציש פערד. זיין אַלטער הונט טרעזור איז אים נאָכגעלאָפן. גאָנשעראָווסקי, זיצנדיק אויפן פערד, האָט זיך מיטן זיידע ברוך האַרציק באַגריסט. דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט זיך געדרייט די לאַנגע וואָנסעס און מיטן זיידן געשמועסט. גאָנשעראָווסקי פלעגט מיך אויך טיילמאָל אַרויפנעמען צו זיך אויפן זאָטל און מיט מיר פּאַמעלעך רייטן, און אַזוי רייטנדיק געשמועסט מיטן זיידן ברוך, וועלכער איז מיטגעגאַנגען האַרט נעבן פערד.

אַזוי האָט זיך אין מיינע קינדעריאָרן פּאַמעלעך פאַרבונדן אַ טיפע און האַרציקע ליבשאַפט צום זיידן ברוך און צו זיינע מעשיות, וואָס האָבן זיך ביי מיר שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן. מיינע ערשטע שריפטשטעלערישע אַרבעטן, ווען איך האָב נאָר געקאָנט האַלטן אַ פען אין דער האַנט, איז געווען אויפצושרייבן די מעשיות, וואָס דער זיידע ברוך האָט פאַר מיר „אויסגעטראַכט”. ביז מיין בר־מצווה איז ביי מיר געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן שוין גאַנץ פריי זיך אַריינצוליינן צום זיידן ברוך אין בעט, ליגן אינמיטן דעם שאַרפן ביטערן ריח פון זיינע וואָלוועלע ציגאַרן און צו האָרכן, ווי דער זיידע ברוך האָט זיך פאַר מיר פונאַנדערדערציילט. ער איז געווען מיין ערשטער חבר. און איך וויל צוגעבן, אַז

עס האָט זיך גריילעך גאַנץ אָפט געטראָפן, אַז מיר האָבן זיך „צעקריגט", ד"ה איך האָב מיך צעקריגט מיטן זיידן ברוך. איך האָב אים דאָן גע־דראָט, אַז כ'וועל מיט די אייגענע הענט, אויסרייסן אַלע בוימער אין זיינע וועלדער. אוים וועלדער, — און ער וועט זען מיט וועמען ער האָט צו טון! דער זיידע ברוך האָט זיך מפּלומרשט געמאַכט, ווי ער שרעקט זיך אויסטערליש פאַר מיינע דראָאונגען אים צו מאַכן אַ תּל פון זיינע וועלדער. ער האָט אָנגעהויבן מיט מיר צו פאַרהאַנדלען און ביי מיר אויסצופועלן, אַז איך זאָל איינשטילן מיין כּעס און חס־ושלום ניט אויספירן מיינע סטראַשונקעס. דאָס גרעסטע איבערבעטן איז געווען, ווען דער זיידע ברוך איז צוריקגעקומען אין שטוב מיט אַ קליין שעפעלע אונטערן אָרעם מיט וועלכן איך זאָל מיך שפּילן, אָדער מיט אַ טויב פון זיין טויבנשלאָק. נאָך אַזאַ מחלוקה זענען מיר געוואָרן נאָך מער חבר, ווי פריער, און דער קוואַל מעשיות ביים זיידן ברוך האָט זיך פונאַנ־דערגעעפנט מיט אַ נייער שפע.

איך געדענק — הגם איך קאָן מיך נישט דערמאָנען ביי וואָסערע אומשטענדן. אפשר בין איך געווען נאָך אַ קרענק, וואָרעם קינדרווייז האָב איך אָפט און שווער געקרענקט אויף אַלערליי מחלות — איין מאָל האָט דער זיידע ברוך געהייסן איינשפּאַנען זיין גרויסע פּריצישע בריטשקע מיט די קאַרע פערד און מיט מיר פאָרן שפּאַצירן. ס'זענען מיטגעפאָרן אַ סך ווייבער. דוכט זיך, עס איז אויך מיטגעפאָרן די מומע רויזע מיטן טערקישן טוך און מיטן פויגל אויפן טשיפּיק. דער עיקר געדענק איך די באָבע חיה. זי האָט מיר כּסדר אויסגעלעקט די אויגן קעגן עין־הרעס, און אַרויפגעלייגט אויף דער בריטשקע אַ סך קישנס, אַז עס זאָל מיר זיין מיט צו זיצן און כ'זאָל מיר — בעת די בריטשקע וועט זיך טון אַ שאָקל — ניט „אָפּרייסן די קישקעלעך". איך געדענק: מיר זענען ערגעץ ווייט פאַרפאָרן אויף די אָסמולסקער וועגן. ס'איז געווען וואָרעם. די פעלדער זענען געשטאַנען אין פולע תבואות. אין דער לופטן האָבן געצוויטשערט פייגל. מיר זענען לאַנג געפאָרן. במשך דער צייט האָבן מיר אויפגעגעסן אַלע עסנס, וואָס די באָבע חיה האָט מיטגענומען אין פאַרשיידענע קאָשיקלעך. מיך האָט פּלוצעם אָנגעהויבן שטאַרק צו הונגערן. איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען און צו בעטן עסן.

צווישן די ווייבער אויף דער בריטשקע איז אנטשטאַנען אַ מהומה. מ'האָט פון דאָס ניי אויסגענישטערט אַלע קאַשיקלעך, אָבער מ'האָט שוין דאָרט גאָרנישט געפונען. די סיטואַציע איז געוואָרן אויסזיכטסלאָז. די מיטפאָרנדיקע ווייבער האָבן זיך איבערגעקוקט דערשראָקענע. די באָבע חיה האָט שטיל און הילפלאָז אָנגעהויבן צו וויינען. די פולע תבואה־פעלדער, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אונטערן לינדן ווינט, און דאָס געצוויטשער פון די פייגל אין די בלוי־גאָלדענע הימלען האָבן נאָך מער אויפגעוועקט אין מיר די שרעק פאַר מיין אייגענעם הונגער. אַ געפיל, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ ניי, אַ אומהיימלעך. דאָס אַלצ־דינג האָט נאָך מער געשטאַרקט מיינע געוויינען. איך האָב אומברחמנות־דיק געשריגן עסן. —

די בריטשקע האָט זיך שנעל געטראָגן איבער די פעלדער. און איך האָב מקנא געווען די קאַרע פערד, וואָס לויפן האַפערדיקע און זאַטע אויפן זאַמדיקן פוילישן וועג צווישן די וואָרעם־צעכוואַליעטע תבואה־פעלדער.

איך האָב געוויינט פון הונגער.

אַזוי ווי מיר פאָרן, גייט אויפן וועג פאַר אונדז פאַרביי אַן אַלטער בעטלער. ער איז געגאַנגען שווער און באָרוועס מיט אַ לאַנגן שטעקן. אַן אַלטער אָפּגעריסענער גוי און כמעט אַ האַלב נאַקעטער. דער קאָפּ איז אים געווען גרוי און אַנטבלויזט. אַ דינע גרויע באָרד האָט אים געציטערט אויף דער אויסגעצויגענער גאָמבע. דער בעטלער האָט אויף זיך געטראָגן אַ לאַנגע טאָרבע, און ער איז פונקום ענלעך געווען צו די בעטלער אין זיידע ברוכס מעשיות, בעטלערס, וואָס שלאָפן אין די טונקעלע גריבער פון סטראָפּאָליער וועג...

די באָבע חיה האָט געהייסן די בריטשקע אָפּשטעלן און געפרעגט ביים בעטלער צי ער האָט נישט אַ שטיקל ברויט אין דער טאָרבע, וואָרעם דאָ אויף דער בריטשקע וויינט אַ קינד פון הונגער...

דער בעטלער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע אַ טרוקן רייפטל ברויט און עס מיר געגעבן. דאָס דאָזיקע שטיקל בעטלערישע ברויט איז מיר זיסער געווען, ווי די אַלע גוטע מעדנים, וואָס די באָבע חיה

האָט שפּעטער, אַהיימקומענדיק, מיר געגעבן. אָט־אָ די סצענע האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון און זי שטייט נאָך עד־היום אַ לע־בעדיקע פאַר מיינע אויגן.

דאַן געדענק איך דעם האַרבסט אין אָסמולסק. ס'זענען אָנגעקומען די קאַלטע ווינטן און די רעגנס. די בוימער האָבן אָנגעהויבן צו פאַר־לירן זייערע בלעטער. פון בוידעם אין אָסמולסקער „הויף" האָבן אַראָפּ־געשמעקט די ווינטער־עפּל, וועלכע זענען בערג־ווייז דאָרט געלעגן צו־געדעקט מיט שטרוי. אויף די פעלדער האָט מען אויסגעגראָבן די קאַר־טאָפל און די צוקער־בוראַקעס. די האַרבסט־פעלדער זענען פול געווען מיט איינגעבויגענע פויערטעס און שיקסעס, וואָס האָבן געגראָבן די קאַרטאָפל אָדער די בוראַקעס. אין די זוניקע האַרבסט־טעג האָט די ערד גאָלדיק געלויכטן צוזאַמען מיט די פויערטעס. די באָבע חיה האָט מיך אָנגעטון וואַרעם און דער זיידע ברוך האָט מיך מיטגענומען אויף די פעלדער. צווישן די פויערטעס, וואָס האָבן געגראָבן די בוראַקעס זענען געשטאַנען גרויסע אויסגעשפּאַנטע וועגענער. אַהין אַריין, האָבן די פויערטעס מיט קאָשיקעס אַריינגעשיט די גרויסע רויטע בוראַקעס. דער זיידע ברוך האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַזאַ וואָגן. ווען דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי איז אָנגעקומען צו רייטן אויף זיין פערד האָט ער מיך צו זיך אַרויפגענומען אויפן זאָטל.

אין יענע צייטן פלעגן צוויי יידן פון דערנעבנדיקן שטעטל קער־ניזשע טיילמאָל קומען צו אונדז אין „הויף" אַריין נאָך אָסמולסק. ס'זענען געווען צוויי אויסטערלישע און עקזאָטישע יידן. פון זייערע קאַפּאָטעס האָט געוויייעט דער ריח פון וואונדערלעכע און אַלטע מעשיות. פאַר מיר זענען זיי געווען, ווי לעבעדיקע פיגורן פון די פּערסאָנאַזשן פון זיידע ברוכס מעשיות. אַרומגייענדיקע „דערציילטע" טיפּן. און זיי האָבן אין מיר געוועקט אַ נייגעריקייט, אַ אומהיימלעכקייט. דער ערשטער איז געווען דער קערניזשער שמש רפאל. ער איז, דוכט זיך, זייער זעלטן געקומען קיין אָסמולסק, אָבער ווען ער איז געקומען, איז ער געקומען אַ באָרוועסער און צופוס, הגם רפאל איז געווען אַ זקן ביי די נייג־ציקער. ער איז געווען אַ קליינער, אַן איינגעבויגענער מיט אַ גרויסן אויסגעקראָכענעם קאָפּ, אויף וועלכן עס איז פעסט געזעסן עפּעס אַן

אַלט פאַרצייטיש היטל. זיין באָרד איז געווען אַ לאַנגע און אַ גרויע, נאָר די גרויקייט האָט אָנגעהויבן גרין צו ווערן, מחמת עלטער. רפאל האָט געהאַט רויטע קאַליע אויגן, אויגן וועלכע האָבן שטאַר און אומ־היימלעך געקוקט, ווען מען האָט צו אים גערעדט. דאָס אַלטע פּנים האָט שוין מער נישט באַוויזן צו שמייכלען. דאָס פינצטערע ציינלאָזע מויל האָט זיך כּסדר געשאָקלט, ווי עס וואָלט געוואָלט צוזאַמענפאַלן. דערביי איז דער אַלטער רפאל געווען אַ גרויסער אַכלער. די שיסלען מיט עסנס, וואָס די באָבע חיה האָט פאַר אים אַנידערגעשטעלט, זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אין זיין איינגעפאַלענעם ציינלאָזן מויל, ווי אין אַ תהום אַריין. נאָך דער גרעסטער סעודה האָט מען נישט געקאָנט וויסן, צי דער אַלטיטשקער רפאל איז שוין מער נישט הונגעריק. אויף אים אַליין, אויף זיין אויסגעטריקנט פּנים, אין די קאַליע אויגן, האָט מען נישט דערקענט דעם מינדסטן שפּור פון זאַטקייט. זיין ציטערדיק מויל איז כּסדר גרייט געווען איינצושלינגען נייע שיסלען.

ווען רפאלן אַליין זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע לעגענדעס. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען די ווייבער זיינע, וואָס זענען ביי אים געשטאָרבן במשך פון די לאַנגע יאָרן. אויך נישט די נעמען פון די זין און טעכטער, וואָס זענען במשך זיין לאַנג לעבן ביי אים אויסגע־שטאָרבן. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז רפאל איז ענדלעך אַריבערגע־קומען איבער דעם שטראָם פון די צייטן און דאָס לעבן איז פאַר אים שוין נישט מער ווי עפּעס אַ פלאַנטער פון בלאַסע רעמינעסצענצן. די מעשיות, וואָס האָבן זיך ווען אים אַרומגעטראָגן — און דוכט זיך גע־נוג אַוואַנטוריסטישע און אויסטערלישע מעשיות — האָבן עפּעס ווי נישט געהאַט די מינדסטע שייכות צו דעם איינגעטריקנטן גוף פון דער דאָזיקער פּערזאָן, וואָס איז שוין ווי אַריבערגעקומען דעם שטח וואו עס טוען זיך די געשעענישן און עס לויפן די יאָרן. אין קערניזשע האָט ער מער נישט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל. אַלע זענען זיי געלעגן אונטער איינגעפאַלענע מצבות אויפן קערניזשער בית־עולם און די בוימער האָבן איבער זיי גערוישט. רפאל אַליין, ווי דער טויט וואָלט אָן אים פאַרגעסן, איז איצטער געווען שמש אין דער קערניזשער שול, געזעסן דאָרט אין די שאָטנס און געהערט צו די אַלטע רעקוויזיטן אין

דער שול און צו זייערע ריחות. הושענא־רבה האָט ער געברענגט הושענות פון די פעלדער און יידן האָבן אים געגעבן צו עטלעכע גראָשן און שיסלען פולע מיט קרעפּלעך, וועלכע האָבן אראָפּגענידערט צו רפאלן אין בויך אַריין, ווי פון דאָרטן ערשט וואָלטן זיי אַריינגעפאַלן ערגעץ אין אַ תהום.

ווי איך האָב שוין דערציילט, זענען וועגן דעם דאַזיקן רפאלן אַרומ־געגאַנגען אין קערניזשע פאַרשיידענע לעגענדעס און זיי האָבן אויך געשמעקט מיט דער זעלבער אַלטקייט און דער זעלבער אויסטערליש־קייט און מיט דער מעגלעכקייט פון לאַנגע צייטן, ווי זיין גאַנצע פיזיאָ־נאָמיע. קודם־כּל האָט מען דערציילט, אַז רפאל האָט אָנטיילגענומען אין דער ערשטער פּוילישער רעוואָלוציע פון 1831. ער האָט געהערט צו די אַ"ג „קאָסע־טרעגער", און דער דאָזיקער ייד האָט, צופוסנס, מיט זיין קאָסע אָוועקגעשניטן די קעפּ פון רייטנדיקע קאָזאַקן, ווי מען שנייט הויפּטלעך קרויט. צווייטנס: רפאל איז אַמאָל אַריינגעקומען צוועלף בייננאַכט אין שול. ס'האָבן גראָד — ווי דער שטייגער איז — געדאַוונט די מתים פון קערניזשער בית־עולם, און מ'האָט הויך געלייענט אין דער תורה. רפאל, אַ פּראָסטער און אוממיטלבאַרער ייד, האָט זיך נישט אָריענטירט וואוהין ער איז אַריינגעפאַלן און ער איז צוגעגאַנגען צום טויטן גבאי, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַלעמער נעבן דער פּור־נאַנדערגעוויקלטער ספר־תורה, און אים, דעם גבאי, עפּעס געוואָלט זאָגן. די קערניזשער מתים — נאָך ביים לעבן פּראָסטע בעסדיקע יידן, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע — זענען זייער דערצאָרנט געוואָרן פון דער חוצפּה פון אַ לעבעדיקן. זיי זענען רפאלן באַפאַלן און אים נעבעך צעקיילט אויף אַזאַ ביטערן אופן, אַז רפאל איז טאַקע קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון זייערע קאַלטע טויטע הענט און נאָך געמוטשט ליגן קראַנק צו בעט היפּשע עטלעכע וואָכן. נאָך פאַר־שיידענע מעשיות האָבן זיך אין קערניזשע אַרומגעטראָגן וועגן דעם איינגעבויגענעם זקן, וואָס לעבט עקשנותדיק אַלעמען איבער און עס חלומט זיך אים אַפילו נישט צו שטאַרבן. אַז מ'האָט רפאלן איבערגע־פרעגט צי די אַלע מעשיות זענען וואָר, האָט ער עס צוגעגעבן מיט אַזאַ

פשוטע זעלבסטפארשטענדלעכקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן א שיסל לאָקשן, וואָס ער האָט אויסגעזופּט מיט אַ האַלבע שעה צוריק.

ווען רפאל איז געקומען אַ באַרוועסער פון קערניזשע אין „הויף״ אריין קיין אַסמולסק, איז ער באַלד אַריין אין קיך. די באָבע חיה האָט גלייך פאַר אים אַנידערגעשטעלט אַ גרויסע שיסל מיט געקעכץ. דער זקן האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און זיך גענומען צו דער מלאכה. אַזוי ווי רפאל האָט קיין מאָל נישט דערציילט קיין מעשיות וועגן זיך און בטבע געווען אַן איינגעהאַלטענער שווייגער, האָט מען אים תמיד געמוזט אויס־פרעגן, און דאַן האָט רפאל, מיט אַ זעלבסטפארשטענדלעכער נאַטיר־לעכקייט, צוגעגעבן דעם אמת פון די אויסטערלישע פּאַסירונגען. דער זיידע ברוך האָט מיך אריינגענומען אין קיך אריין, מיר האָבן זיך ביידע אוועקגעזעצט נעבן רפאלן, וואָס איז געווען טיף פאַרקוקט אין דער שיסל און געזופּט מיט גרויס כוונה. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פאָלגנ־דיקער דיאַלאָג:

דער זיידע ברוך: וואָס איז געווען דאָמאָלס,ר׳ רפאל, ווען מ׳האָט אייך געגעבן אַ קאָסע אין דער האַנט און געהייסן שניידן די קעפּ פון די קאָזאַקן?

רפאל הויבט צו אונדז אויף זיינע רויטע קאַליע אויגן. זיין איינ־געפאַלן ציטערדיק מויל טריפט פון ווארעמען און פעטן געקעכץ: גאָר־נישט. די פּריצים זענען געקומען אין שול אַריין, מיר געגעבן אַ גרויסע קאָסע אין דער האַנט אריין און מיך געהייסן גיין. איך בין געגאַנגען אפשר דריי טעג און דריי נעכט. איך בין געקומען אויף אַ פעלד. ס׳האָט זיך דאָרט געטון חושך, זעלנער, קאָזאַקן, פערד. מע שיסט און מע ממיתט זיך. איך האָב שטאַרק מורא געקריגן, האָב פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן צו האַקן מיט דער קאָסע. איך האָב אַזוי געהאַקט עט־לעכע שעה מיט צוגעמאַכטע אויגן. און פּאַמעלעך איז געוואָרן אַ שטיל־קייט אין פעלד. איך טו אַ מאַך אויף די אויגן, ארום איז דאָס פעלד פול מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, ווי מיט קאַרטאָפל. איך האָב גאָרנישט געטון, נאָר ווייטער געהאַקט מיט דער קאָסע אין דער לופטן.

דער זיידע ברוך: וואָס איז געווען דערנאָך, ר׳ רפאל?

רפאל: דערנאָך האָט מיך שטאַרק אָנגעהויבן צו הונגערן.

דער זיידע ברוך: וואָס איז געווען, ר' רפאל, דאַמאָלס, הושענא רבה ביינאַכט, ווען די הימלען האָבן זיך געשפּאָלטן?

רפאל: גאָרנישט. איך זיץ מיר אַזוי אויף דער שוועל פאַר דער שול, זאָג תיקון און וויל כאַפּן אַ דרעמל. פּלוצעם הער איך אַ קלאַפּ. איך טו אַ קוק, עס שפּאַלט זיך דער הימל. מלאכים מיט ליכטיקע בע־זעמער אין די הענט הויבן אָן אויסצוקערן די הימלען. עס איז אויף מיר אַראָפּגעפאַלן אַזוי פיל שטויב און מיסט, אַז כ'בין קוים אַ לעבע־דיקער אַריין אין דער שול און פעסט הינטער מיר פאַרמאַכט די גרויסע שול־טיר.

דער זיידע ברוך: וואָס איז געווען, ר' רפאל, ווען יהושע בן נונס קאָפּ, וואָס הענגט אין די הימלען, די לבנה הייסט עס, האָט אייך פאַר־נאַרט אין אַ וואַסער?

רפאל: גאָרנישט. איך זיץ מיר ביינאַכט אויף דער שוועל פון דער שול. דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ פון יהושע בן נון קריכט אַפער פון הינטער אַ הויכן בוים און הויבט אָן צו מיר צו ווינקען און מיך צו רופן. איך הער בפירוש, ווי ער רופט: רפאל. נו, אַז מע רופט, מוז מען גיין. הויב איך מיך אויף פון דער שוועל און גיי נאָך די לבנה. איך גיי און גיי, און די לבנה אויבן ווינקט צו מיר און רופט מיך. איך בין פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ וואַסער און קוים אַרויס אַ לעבעדיקער.

אַזוי ווייט וועגן שמש רפאל.

דער צווייטער אויסטערלישער ייד פון וועלכן עס האָט פאַר מיר געווייט מיט אומהיימלעכקייט, איז געווען דער פעטער דוד.

דער פעטער דוד איז געווען דער מאַן פון דער איינציקער לעבעדיקער שוועסטער פון דער באָבע חיה, די מומע רחל. דאָס פּאָרפאָלק האָט געוואוינט אין קערניזשע. די מומע רחל איז זעלטן־ווען צו אונדז גע־קומען. אויב זי פלעגט קומען, האָט מען כמעט נישט באַמערקט איר אָנוועזנהייט. זי איז געווען אַ שטילע, נאָך שטילער, ווי די באָבע חיה, און זי האָט תמיד געשוויגן מיט אַן עקשנותדיקער נידערגעשלאָגנקייט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק פאַר דער לופט, וואָס זי אָטעמט

און פאר דעם פיצל ארט, וואס זי פארנעמט אויף דער וועלט. די מומע רחל איז געווען א קליינע, אן אויסגעדארטע, מיט א געל אויסגעקראכן שייטל אויפן קאפ און מיט גרויסע געלע ברעמען איבער אירע וואסערדיקע אויגן, אויגן וואס האבן זיך כמעט קיין מאל נישט אויפגעהויבן צו קיין מענטש, אפילו צו דער אייגענער שוועסטער, די באבע חיה, — אויגן, וואס האבן זיך שטענדיק פאר עפעס געשעמט און כסדר אראפגעקוקט אויף דעם דיל. ווען די מומע רחל פלעגט צו אונדז קומען, איז זי נישט אריינגעגאנגען אין די חדרים, זי האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל ערגעץ אין קיך, אראפגעלאזט די וואסערדיקע דערשראקענע אויגן אויף דעם דיל און פארעקשנט געשוויגן. דער זיידע ברוך האט פיינט געהאט די מומע רחל, ווי מען האט פיינט א מויז... די מומע רחל האט טאקע אין זיך געהאט פון דער אומהיימלעכקייט פון אן איבערגעשראקענער מויז. איך האב תמיד געהאט דאס געפיל, אז די מומע רחל איז צו אונדז געקומען נישט דורך דער טיר, נאר דורך א טונקעלן שפאלט אין דעם דיל פון דער קיך, אדער פון אונטער א שאנק אפער. פונקט ווי א מויז.

איר מאן, דער פעטער דוד, פלעגט זעלטן קומען צו אונדז. אבער, ווען ער איז געקומען, פלעגט ער זיך באווייזן, ווי א בייז אנשיקעניש. הגם ער איז אויך געווען א ווילדער שווייגער און נישט געטשעפעט קיין פליג אויף דער וואנט. בלויז זיין פיזיאנאמיע האט געמאכט דעם איינדרוק, גלייך ווי ער וואלט געווען דער שליח־מיוחד פון אומהיימלעכע כוחות. ער איז געווען א הויכער אויסגעדארטער ייד מיט א דינע פארבלאזע באָרד, וואס האט ביי אים אנגעהויבן צו וואקסן הויך אין די באקן און האט זיך אויסגעלאזט מיט צוויי פונאנדערגעטיילטע שפיצן. דער פעטער דוד האט כמעט ווי נישט געהאט קיין ברעמען, און די אויגן האבן ביי אים בייז געשיקלט. ער האט זעלטן ווען גערעדט, אבער ווען ער האט גערעדט, איז דאס קול הויל און טרוקן אים ארויסגעקומען פון בויך. צו וואס דער פעטער דוד איז אייגנטלעך צו אונדז געקומען, ווייס איך נישט. דער זיידע ברוך האט אים פיינט געהאט און פון גרויס פיינטשאפט, אויף אים צומאל ניט געשריגן. דער תמיד־שרייענדיקער זיידע ברוך איז אויך אומהיימלעך אנטשוויגן געווארן אין אנגעזיכט פון

אויסגעצויגענעם און שווייגנדיקן פעטער דוד. פון פעטער דוד האָט געוויזט מיט אַן אומהיימלעכקייט פון „יענע לייט". אַלע האָבן געזאָגט, אַז דער פעטער דוד איז אַ וויסטער טומטום, באַדאַרף גאָרנישט קיין ווייב. אין די יונגע יאָרן פון דעם אויסטערלישן פאַר־פאַלק האָט זיך די משפּחה אַריינגעלייגט דערין, אַז דער טומטום דוד זאָל געבן דער מומע רחל אַ גט. אַ יידישע טאָכטער זאָל נישט איינגעדאַרט ווערן ביי דעם סרים רחמנא־ליצלן. דער פעטער דוד האָט אָבער דער מומע רחל אָפּגעטון עפּעס אַזוינס ווי אַ כּישוף. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין גט, נייערט בלייבן ס'גאַנצע לעבן צוזאַמען מיטן טומטום, הגם ער איז אויך אין פּרנסה־זאַכן געווען אַ לאַ־יוצלח און קוים פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. דורך די לאַנגע יאָרן האָט די מומע רחל זיך אָנגענומען מיטן האַרטנעקיקן שווייגן פון דעם טומטום, דעם פעטער דוד. זי איז געוואָרן אַלט און איינגעשרומפּן. די גרויסע ברעמען אויף אירע וואַסערדיקע אָפּגעשראָקענע אויגן זענען פון יאָר צו יאָר געוואָרן געלער און געלער.

ווי איך געדענק איז דער פעטער דוד סיי זומער און סיי ווינטער געקומען צו אונדז אין אַ לאַנג אָפּגעשאָסן כאַלאַטל. פון אים האָט כּסדר געוויזט מיט אומהיימלעכקייט. דאָס וואָרט „טומטום" מיט וועלכן מ'האָט אים גערופן — און וואָס האָט געהאַט פאַר מיר אַן אומפאַרשטענדלעכן שייכות מיט דער געלער און שווייגנדיקער מומע רחל — האָט נאָך מער אין מיר געוועקט דאָס געפיל פון פּחד פאַרן פעטער דוד. קיינער האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס און צוליב וועמען ער איז געקומען צו אונדז. ער אַליין האָט געשוויגן און אויף אַלעמען געקוקט מיט זיינע בייזע שיקלדיקע אויגן. און אויך אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן אין זיין קעגנוואַרט. טייל מאָל פלעגט ער צו מיר צוגיין, אַרויסנעמען פון דער קעשענע פון זיין אָפּגעשאָסן כאַלאַטל אַ רויטן עפּל און מיר אים שווייגנדיק דערלאַנגען, און אויף מיר שיקלדיק־בייז אַ קוק טון. תּמיד, ווען ער האָט מיר געגעבן אַן עפּל איז דער עפּל געווען רויט און תּמיד האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס כאַלאַטל פונעם טומטום הויבט פּלוצעם אָן צו שמעקן מיט עפּל, ווי די סעדער פון אַסמולסק.

איך האָב גענומען דעם רויטן עפּל פון פעטער דודס האַנט און געוואָלט אָנהויבן וויינען פאַר שרעק. אפילו צו וויינען האָב איך מורא געהאַט אין מיטן דער גרויסער שווייגעניש, וואָס האָט געהערשט אין אונדזער שטוב בעת די וויזיטן פון פעטער דוד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ רויטן עפּל האָב איך קיין מאָל נישט געגעסן.

קאַפּיטל פינף

די באָבע לאה קאָן נישט איינרוען. סימכע גייגע ווערט אומעטיק. דער זיידע ברוך גרייט זיך צו מלחמה. דער פּראָסטער ייד דער זיידע ברוך און דער גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער. דער זיידע ברוך פאַרשפּילט.

אין ר׳ יהושיעלעס שטוב אין קוטנע האָט די באָבע לאה נישט געקאָנט איינרוען, וואָס איר געליבט קינד, דער עילוי, פאַרברענגט זיינע יונגע יאָרן צווישן די פּויערישע יידן פון אָסמאָלין. עס האָט זי פון תחילת אָן נישט געהאַרצט דער שידוך מיטן זיידע ברוך. זי האָט אויך קיין מאָל נישט ליב געהאַט מיין מוטער, איר שנור. נאָר פאַרפאַלן. דער גרויסער גאון ר׳ יהושיעלע איז באַשטאַנען אויפן שידוך. די באָבע לאה איז געוואוינט געווען צו האָרכן אויפן קול פון צדיקים. אָבער איצטער — אָנשטאָט צווישן לומדים און חסידים, פאַרגייען אים, דעם געליבטן עילוי, די יאָרן צווישן אַרענדאַרישע עם־האַרצישע יידן, צווישן פּויערים און קי. די באָבע לאה האָט אָנגעהויבן נישט צו ווען שוויגן. די אַלטע אַפּעקטן אירע קעגן דעם גאַנצן שידוך האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצולאָדענען אין באַרעכטיקטע טענות. זי האָט — אפשר אונטער־באַוואוסטזיניק — געוואוסט, — דאָס געהער סוף־כל־סוף צו די נקמה־געפילן פון געקריוודעטער ווייבערישער און מוטערלעכער אַמביציע,—אַז דער קאַמף אירער, וואָס זי הויבט אָן קעגן דער גאַנצער אָסמאָלינער משפחה וועט טרעפן אין האַרצן פון די פּראָסטע אַרענדאַרישע יידן. עס וועט טרעפן אין זייער לעבנס־שטייגער. אין זייער איינגעזעסנקייט אויף די פעל־דער פון אָסמולסק. די באָבע לאה האָט צוזאַמענגענומען איר גאַנצע ענערגיע. זי האָט אָנגעהויבן די מלחמה, און אַרויסגעלייגט אירע גע־רעכטע טענות.

זי האָט עס געטון מיט א קלוגער באַרעכנטער טאַקטיק, און מכלומרשט אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין דעם זיידן ברוך, אַז ער אַליין הייסט עס, דאַרף

איינזען: פאַר דעם לומדישן איידעם איז עס אַ קנאַפּער תּכלית צו זיצן צווישן פּויערים און קי און צווישן טויבע פעלדער. וואָס וועט פון אים ווערן אין אַזאַ פּויערישן העק? סיידן ער מוז מיט דער צייט פאַר־גרעבט ווערן. ער, דער עילוי, אַן אייניקל פון ר׳ יצחק וואורקער און פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. אַ יונגערמאַן מיט אַזעלכע גאָלדענע גייסטיקע פעאיקייטן און מיט אַ זכּרון, וואָס שמעקט מיטן גאונישן זכּרון פון ר׳ יהושיעלען. תּורה באַדאַרף תּורה, ווי דער קוואַל די קוואַלן. „וואָס ווייסט איר פון אַזעלכע זאַכן, מחותן, ר׳ ברוך" — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ חסידישן שטאָך. דער זיידע ברוך איז דערציטערט געוואָרן, ווען ער האָט געהערט דאָס שוואַרצע בילד, וואָס די באָבע לאה האָט געמאָלן פון אָסמולסק. זיין אָסמולסק, וואו די פעלדער זענען פול מיט תּבֿואות און בוראַקעס, עס פּאַשען זיך טויזנטער שאָף, און פון די קי רינט די מילך פעט פונקט ווי ביי די טשערעדעס פון די גרויסע פּוילישע פּריצים זיינע שכנים. צווייטנס: ווי שיקט זיך עס צו שיידן זיך מיט דער בת־יחידה, וואָס איז געבליבן איינע פון די פיל געשטאָרבענע קינדער און אויסגעוויינט און אויסגעבעטן געוואָרן ביי די הייליקסטע צדיקים פון פּוילן? אַז די באָבע חיה האָט אָנגעהויבן טעג און נעכט צו וויינען, ווען זי האָט דערהערט, וואָס דער קוטנער יחוס גרייט אויף איר — פון דעם איז אָפּגערעדט. דאָס יונגע ווייבל, מיין מוטער, געבוירן און אויפגעצויגן אין דער שטילקייט פון דאָרף און צווישן דער שמעקנדיקייט פון סעדער, האָט זיך אויך שטאַרק דערשראָקן, ווען זי האָט געזען, ווי די איידעלע רביצינישע הענט שטרעקן זיך אויס אַרום איר און ווילן זי אַרויסנעמען ווי אַ פייגעלע פון אַ וואַרעמער נעסט. און וואו אַהין? צו יענע ערפורכטיקע יידן, וואָס זיצן תּמיד צווישן גרויסע דעמפּיקע אַלמערס פול מיט ספרים. יידן וואָס רעדן אינדערגעשווינד עפּעס אַן אומפאַר־שטענדלעך לשון. וואָס וועט זי דאָרט טון? און מיט וועמען וועט זי זיך דאָרט געפינען? מיט דער באָבע לאה פון וועמעס בליקן זי פילט ביטול און גרינגשעצונג און אַ באַהאַלטענע שנאה פון אַ געקריוודעטער מוטער? צווישן די פעטערס אין אָסמאָלין איז אויך געוואָרן אַ מרה־שחורה. סימכע גייגע האָט פאַרלוירן פון זיין האָפערדיקייט. אין יענע טעג איז גאָר אָפּט געקומען דער טומטום, דער פעטער דוד, אויף אַלעמען

שווייגנדיק געקוקט מיט בייזע שיקלדיקע אויגן, ארויסגענומען א רויטן עפל פון די טאשן פון זיין אפגעשאסן כאלאטל און מיר אים אונטערגע־טראגן. די אפטע וויזיטן פון פעטער דוד, — וואס קיינער האט נישט געוואוסט צו וואס ער איז געקומען — האבן נאך פארגרעסערט דעם אומעט אין אסמולסק.

דער זיידע ברוך האט געפרואווט אויפצונעמען דעם קאמף, — נאר ער האט פארלוירן דאס געמיט צו פארציילן מיר מעשיות, צו גיין מיט מיר שפאצירן אויפן סטאראפאליער וועג, אדער צו די סטאדעס שאף אויף די פעלדער. ער האט אויך אויפגעהערט אוועקצופארן אין זיינע ווייטע וועלדער אריין. דער גאנצער צענטער ביי אונדז אין שטוב איז געווען די באבע לאה. דער זיידע ברוך איז נישט געוואוינט געווען נאכצוגעבן. זיין גאנץ לעבן האט ער הארט געקעמפט פאר זיין עקזיס־טענץ. זענען דאך זיינע פעלדער אין אסמולסק, זיינע וועלדער איבער דער פוילישער ערד, נאר די פראדוקטן פון א שווערן הארטנעקיקן קאמף מיטן לעבן. איצט איז א קליינע ווינציקע יידענע ארויסגעטרעטן קעגן אים אויף דער ארענע. און ער האט געוואוסט, דער זיידע ברוך, אז ער האט פארשפילט. הינטער די פלייצעס פון דער דאזיקער ווינציקער יידענע שטייט דער גרויסער שאטן פון ר' יהושיעלע קוטנער. הגם דער דא־זיקער וואפן איז דערוויל פון דער באבע לאה נישט אויסגענוצט געווארן. די באבע לאה איז פארגעגאנגען טאקטיש און זי האט געהאט צייט. צומאל האט דער זיידע ברוך אויך געשריגן אויף דער באבע לאה. גע־שריגן צו די פוסטע ווענט. מחמת די יידענע, וואס האט אויפגעהויבן דעם קאמף מיט דעם רויטן און קרעפקן זיידן ברוך און מיט זיין גאנצן לעבנסשטייגער, איז גאר געזעסן אין קוטנע. נאר עס האט זיך אויס־געדוכט, אז איר שאטן קוקט ביי אונדז ארוים פון יעדן ווינקל. דער זיידע ברוך האט געשריגן מיט די העכסטע קולות בלויז אויפן קלאנג פון איר נאמען. ער האט געשריגן מיט דעם זעלביקן טעמפעראמענטפולן אימפעט, ווי ער פלעגט שרייען אויף די פויערים אין די פעלדער. ניין, דער זיידע ברוך איז נישט געוואוינט געווען צו פארשפילן. ווי אין אן אוממיטלבארן מענטש האט זיך אין אים אנטוויקלט א ביטערער האס

צו דער באָבע לאה, א האס וועלכער האָט אין אים באהאַלטן געברענט במשך זיין גאנץ לעבן.

אין א שיינעם נאָכמיטאָג — דער טומטום, דער פעטער דוד איז געוועזן ביי אונדז אין אָסמולסק. זיין אָנוועזנקייט האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די דריקנדיקע פאַרביטערטקייט, וואָרעם דער זיידע ברוך האָט זיך ניט געקענט אויסשרייען — האָט זיך פלוצעם הירשל נאמן באוויזן אין דער טיר. ער איז געקומען אויף א ספּעציעלער פור פון קוטנע. ער איז געקומען אין זיינע זיבן קאַפּאָטעס, און ס'האָט זיך געפילט דער ריח פון קוטנער יאַטקעס. הירשל נאמן האָט נישט געוואַרט, אַז מ'זאָל אים עפּעס פרעגן. נאָך איידער דער זיידע ברוך האָט אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם, שטייענדיק אויף דער שוועל פון דער טיר, האָט ער מיט זיין גראָבלעך הייזעריק קול געזאָגט צום זיידן ברוך, אַז ער, הירשל הייסט עס, קומט מיט א ספּעציעלער שליחות פון ר' יהושיעלע קוטנער, און אַז דער „רבי" בעט דעם מחותן ר' ברוך זיך מטריח צו זיין און אריבערצוקומען קיין קוטנע.

דער טומטום, דער פעטער דוד האָט גראָד געהאַלטן דערביי צו מיר צוצוגיין און ווי זיין שטייגער איז אַרויסצונעמען א רויטן עפּל פון די טאַשן פון זיין אָפּגעשאָסענעם כאַלאַט.

אין דער שטוב האָט הירשל נאמנס שליחות געמאַכט אַן איינדרוק, ווי דער דאַך וואָלט פלוצעם איינגעפאַלן איבער אַלעמענס קעפּ. די שלאַכט איז פאַרשפּילט. די באָבע חיה האָט פאַרבראָכן מיט די הענט. נאָר דער זיידע ברוך איז מיטאַמאָל געוואָרן פעסט רואיק. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שיקסע און זי געהייסן שנעל אַרויסלויפן און הייסן מאָמענטאַל איינשפּאַנען די בריטשקע. מען פאָרט קיין קוטנע.

הירשל נאמן האָט דערווייל געקריגן צו עסן א שמעקנדיקן דאָרפישן מיטאָג. ער האָט זיך געוואַשן, און בנעימות אָנגעהויבן צו קייען די גוטע מילכיקע מאכלים.

די בריטשקע איז פאַרפאָרן פאַרן „הויף". דער זיידע ברוך האָט אונטערגעיאָגט הירשל נאמנען אַז ער זאָל א ביסל מקצר זיין, מחמת די שעה ווערט שפּעט.

אין קוטנע האָט דער זיידע ברוך אָנגעטראָפן פּונקט צו ר׳ יהושיע־לעס „שיעור״. די גרעסטע לומדים פון קוטנע און די עילוישסטע בחורים פון קוטנער בית־מדרש זענען געזעסן אַרום ר׳ יהושיעלעס לאַנגן טיש. דער טיש איז געווען אָנגעלייגט מיט גרויסע אויפגע־מישטע ספרים. אין דער שטוב האָט זיך געפילט דאָס דומפּעכץ פון אַלט פּאַפּיר און פון געבונדענע ספרים. אויבנאָן, אין זיין טיפער לעדערנער שטול, איז געזעסן דער גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער, האָט געררויכערט דעם לאַנגן רבנישן ליולקע־ציבעק און געשווינד גערעדט און געשיט מיט ציטאַטן און הלכישע סברות. די גרויסע לומדים אַרום טיש האָבן אָנגעשטרענגטע אויפגעטון די אויערן.

דער פּראָסטער ייד, דער זיידע ברוך פון אָסמולסק, איז געשטאַנען פון דער וויטנס, ווי אַן אָרעמאַן ביי דער טיר. זיינע נאָזלעכער האָבן אין זיך אריינגעאָטעמט דאָס דומפּעכץ פון די אויפגעמישטע ספרים אויפן טיש און פון די פונאַנדערגעשטעלטע ספרים אין די גרויסע נאַקעטע אַלמערס, וואָס זענען געשטאַנען און פול געמאַכט די ווענט פון ר׳ יהושיעלע קוטנערס בית־דין־שטוב. ער האָט געהערט דאָס פלינקע קול פון דער תורה, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פונעם מויל פון דעם וועלט־גאון אין דער טיפער לעדערנער שטול. דער זיידע ברוך איז דערציטערט געוואָרן פון זיין אייגענער אוממעכטיקייט און ער האָט געפילט בחוש, ווי זיין דיקלעך־פעטסטע געשטאַלט בויגט זיך אונטער אַ גרויסער לאַסט, און אַז דער ביטערער טעם פון די געמיינע ביליקע ציגאַרן, וועלכער איז אים תמיד געלעגן אויף דער צונג און צווישן די ציינער, ווערט נאָך שאַרפער און ביטערער. דער זיידע ברוך איז געשטאַנען און געוואַרט ביז ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט ענדלעך באַמערקט זיין אָנוועזנקייט.

שלום־עליכם, מחותן ר׳ ברוך, האָט ר׳ יהושיעלע קוטנער ווי צופעליק איבערגעריסן דאָס קול פון תורה און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום זיידן ברוך.

דער זיידע ברוך האָט זיך עניוותדיק דערנעענטערט צום טיש פון ר׳ יהושיעלעס „שיעור״.

— נו, מחותן ר׳ ברוך, האָט ר׳ יהושיעלע געזאָגט ווי ער וואָלט קיין צייט נישט געהאַט און אַ קוק געטון צום זיידן ברוך, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיין שטול, — מיין איידיקל, אייער איידעם, איז אַ גרויסער עילוי. ס׳איז נישט קיין תכלית פאַר אים אייביק צו זיצן אין דאָרף. ער באַדאַרף צו זיין אין אַ מקום תורה.

— ווען און וואו אַהין זאָל זיך דאָס פאַר־פאָלק אַוועקציען, הייליקער רבי? — האָט דער זיידע ברוך געפרעגט מיט אַן עניוות־דיקער אַנטשלאָסנקייט.

— נו, דאָס וועלן מיר זען, מחותן ר׳ ברוך, האָט ר׳ יהושיעלע געענטפערט, — גייט דערוויילי אַריין צו דער רביצין, מחותן ר׳ ברוך, וועט איר קריגן לעקעך און בראָנפן, — האָט ר׳ יהושיעלע אויף אין דער געשווינד געזאָגט, זיך געוואָנדן צו דעם פולן טיש מיט לומדים און אָנגעהויבן פון דאָס ניי צו זאָגן דעם איבערגעריסענעם „שיעור״.

ווען דער זיידע ברוך איז אַריינגעקומען אין די הינטערשטע חדרים צו די ווייבער, האָט אים די באָבע לאה שוין אָפגעוואַרט ביי דער טיר, זיך מיט אים אַנידערגעזעצט ביים טיש און אים אָנגעהויבן אויסצולייגן דעם פּלאַן ווי אַזוי אין קוטנע איינצואָרדענען דאָס יונגע פּאָר־פאָלק.

דער זיידע ברוך האָט געהאָרכט. ער האָט אויף אַלצדינג מסכּים געווען.

קאַפּיטל זעקס

די מומע שפרה מירל און די באָבע לאה. די מומע שפרה מירל ווערט די חשובֿע אלמנה. רבנים ווייזן קונצן אין זייערע הספדים. אַראָפּ פון דער גאָלדענער שטול. פּרינצן און גראַפֿן. שיקזאַל־שפּיל. שידוכים פאַר יוכבֿד׳ן.

צווישן דער האָפּערדיקער קאַלישער רביצין, די מומע שפרה מירל, וואָס האָט זיך נישט אויפגעהערט צו באַרימען מיטן רבנישן יחוס, און דער באָבע לאה איז פון תמיד אָן אָנגעגאַנגען אַ שטילע מחלוקה, אַ מחלוקה וואָס איז קיין מאָל נישט געקומען צום אויסדרוק, מחמת זיי זענען זעלטן געווען צוזאַמען. דערצו האָט די שטילע און קלוגע באָבע לאה שטענדיק אויסגעמיטן נישט־טאַקטישע און ברויזנדיקע אויפטריטן. נאָר די מחלוקה איז אָנגעגאַנגען אין די ווייבערישע הערצער, און זי איז געוואָרן פון יאָר צו יאָר טיפער און פאַרביטערטער. דער אָנגרייפערישער צד איז געווען די שטאָלצע און האָפּערדיקע קאַלישער רביצין. זי האָט אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן, אַז סך־הכּל איז זי די טאָכטער פון וועלט־גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער, דאָס ווייב פון „נפש חיה", אחוץ דעם אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט די גרעסטע גבֿירטעס פון פּוילן, געננוג צו דערמאָנען — איין קליינקייט! — שבֿעלע פּריוועס. די קאַלישער רביצין איז געווען אַ ראַציאָנאַליסטקע, זי האָט געוואָלט זען ממשותדיקע זאַכן. אויבּ געלט — זאָלן עס זיין די מיליאָנען פון ר׳ ישעיה פּריוועס, און אויבּ תורה, איז עס די תורה פון ר׳ יהושיעלע קוטנער און פון „נפש חיה". די אַבסטראַקטע יחוסן פון גוטע־יידן, יחוסן וואָס לאָזן זיך נישט אָנטאַפּן מיט דער האַנט, קומען בלויז פון געמיט אָן דער שווערער האַרעוואַניע איבער ספרים — דאָס איז געווען אינערלעך דערווידער דער מומע שפרה מירל. אויף דעם — פאַר איר — אומפאַרשטענדלעכן

שפּראַך־אופן פון ר׳ יהושיעלען, האָט זי געקוקט ווי אויף די העכסטע מדרגות פון גייסט. טיפע אומפאַרשטענדלעכקייטן האָבן אימפּאָנירט דער גרויסער מיוחסת, די מומע שפרה מירל. חסידישע גוטע־יידן זענען ס׳רוב אַזוי פשוט און פאַרשטענדלעך אפילו פאַר גאָר פּראָסטע יידן. דאָס דאָזיקע פאַרשטענדלעכקייט איז פולשטענדיק געגנוג געווען כּדי אַראָפּצורייסן דאָס גוטע־יידישע אָנזען אין די אויגן פון דער קאָלישער רביצין. אויב אַלע פאַרשטייען די גייסטיקייט, און אויב מיט אַלע קאָן די גייסטיקייט זיין „פאַן בראַט״, און אויב יידן, וואָס זענען קנאַפּע לומדים, נאָר סתם הוליאַקעס און שלעפּערס, קאָנען זיין ביי גוטע־יידן דאָס אויבערשטע פון שטויסל — דאַן זענען דאָך אָפּגעווישט אַלע גרענעצן! גרענעצן אין שטאַנד און אין דער מדרגה פון געבורט און שטעלונג — דאָס איז געווען דער אָרגאַנישער לעבנס־קוק פון דער קאָלישער רביצין. יחוס. נישט מישן זיך מיטן המון — דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעכע פון אַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן. פון אָט דער רבישער יחוס־ספערע וואָס איז אינגאַנצן ווי אַ ווידער־שפּרוך צו די לעבנס־אויפפאַסונגען פון דער קאָלישער רביצין, קומט די באָבע לאה. די איינציקע שנור פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. די קאָלישער רביצין האָט נישט ליב געהאַט קיין ווידערשפּרוכן און נישט געקענט איינגיין דערויף, אַז אָט דאָס גוט־יידישע וואורקער אייניקל (די מומע שפרה מירל האָט געקאָנט די וואורקער פּריילעכע הוליאַקעס פון דעם שניט ווי דער פעטער יעקל. זי האָט זיי בשום אופן נישט געקענט גלייכשטעלן אין דעם געמיט פון איר חשיבות־געפיל, מיט יידן לומדים), אַז זי הייסט עס, די וואורקער באָבע לאה, זאָל זיין אירס גלייכן און אַריינגעשריבן ווערן אין דעם חשבון־בוך פון גרויסן יחוס, וואָס די מומע שפרה מירל האָט געפירט אין איר לעבן, אַ יחוס, וועל־כער האָט זיך געצויגן דורך אַ קייט פון גאונים אַזש ביז דוד המלך אין ירושלים. ניין. קיין רעוואָלוציעס אין אירע געדאַנקען האָט די קאָלישער רביצין נישט ליב געהאַט. זי איז געווען קאָנסערוואַטיוו און אַ האָפערדיקע עקשנטע, און תמיד געמוזט באַשטיין אויף דאָס איריקע.

די פאַרביטערטקייט פון דער קאָלישער רביצין קעגן דער באָבע

לאה האָט זיך נאָך פאַרטיפערט בעת די קאַלישער רביצין איז געוואָרן אַן אַלמנה. דער „נפש חיה" איז „אהיים געגאַנגען צו זיינע עלטערן", און די מומע שפרה מירל איז איבערגעבליבן נישט קיין אַלטע אַלמנה מיט אירע צוויי טעכטער פון קאַלישער רב. ווען דער קאַלישער רב איז נפטר געוואָרן האָט זיך צווישן די פרומע יידן אין פוילן געטון חושך. אויף דער לוויה זענען זיך צונויפגעפאָרן די גרעסטע רביים, די גרעסטע רבנים און די גרעסטע גבירים פון פוילן. מיט אַלעמען פון די חשובים פון פוילישע יידן איז דער „נפש חיה" געווען פאַר־זענלעך באַפריינדעט. ער איז ביי אַלעמען געשטאַנען אין גרויס חשיבות, מחמת אחוץ זיין שאַרפע לומדות האָט ער אין זיך געהאַט די ווירדע פון עפּעס אַ שטיקל „שר" און האָט געשטאַמט פון קיר"ה. מ'האָט דעם טויטן גוף פון „נפש חיה" טובל געווען אין דער מקווה. די גרעס־טע רבנים פון פוילן האָבן אים מספיד געווען אין דער קאַלישער שול און אין זייערע הספדים אַרויסגעוויזן אַלע קונצשטיק פון הלכישן דרוש. אַ סך פון די רבנים האָבן זייערע הספדים אָפּגעדרוקט אין באַזונ־דערע ספרימלעך סיי לזכרון דעם „נפש חיה", סיי אַרויסצואווייזן זייער אייגענע מייסטערשאַפט. אַ סך האַרבע רמבמס זענען פאַרענטפערט געוואָרן אין אָנגעזיכט פון באַקלאָגן דעם טויטן קאַלישער רב. די קאַלישער שול איז פול געווען מיטן געוויין פון יידן. אחוץ דעם האָט מען דעם קאַלישער רב מספיד געווען אין דער „חורבה" פון ר' יהודה החסיד אין ירושלים און ביי דער כותל־מערבי. דער קאַלישער רב איז געווען דער „נשיא" פון דער „חלוקה", וואָס איז סיי ביי די פרו־מע יידן אין פוילן און סיי ביי די פרומע יידן אין ירושלים גלייך גע־ווען ווי אַ „נשיא פון ארץ־ישראל". אין דעם גרויסן טאַראַראַם פון דער קבורה און די הספדים זענען די יחוס־אַפעקטן ביי דער קאַלישער רביצין נאָך מער געשטאַרקט געוואָרן. זי האָט נאָך אַמאָל געזען באַ־שיינפערלעך וואָס הייסט אַזוינס אַ טאָכטער פון ר' יהושיעלע קוטנער און אַ לייבלעך ווייב פון „נפש חיה". ווען זי איז געזעסן שבעה צוזאַמען מיטן קאַלישער רבס טעכטער, און צווישן זיי — איין קליינינקייט! — איטעלע, אַ שנור פון ר' ישעיה פריוועס, זענען די גרעסטע רבנים, גוטע־יידן און גבירים פון פוילן אַריינגעקומען אין דער שבעה־שטוב

זי מנחם־אָבל זיין. די מומע שפרה מירל, אין די זאָקן און אויפן נידעריקן אָבל־בענקל איז געזעסן אין איר גאַנצער שווערקייט צוזאַמען מיט די אבלות נאָכן „נפש חיה", אַרומגערינגלט מיט די חשובסטע ווייבער פון קאַליש און פון פּוילן. די טיר האָט נישט גערוט פון די חשובע טרייסטער און טרייסטערקעס. אין גרויסן טרויער פון איר מצב איז אויך געוואַקסן איר אייגענער אַנזען אין אירע אייגענע אויגן. אָבער די פייערלעכע שבעה־טעג האָבן זיך גיך אויסגעלאָזט, אַלע זענען זיך צעפאָרן, און אַרום דער מומע שפרה מירל איז פאַרבליבן אַ גראָע פּוסטקייט. זי האָט גענומען אירע צוויי טעכטער און מיט אַ פּאַר־ביטערט האַרץ צוריקגעפאָרן אין איר פאָטער־הויז, צו ר' יהושיעלע קוטנער.

דאָרט איז איר אויסגעקומען ענדלעך צוזאַמען צו וואוינען מיט דער באָבע לאה. טאָג־טעגלעך האָט זי געזען, ווי אָט־אָ די איר נישט סימפּאַטישע פּערזאָן איז סוף־כל־סוף דאָס ווייב פון ר' יהושיעלעס בן־יחיד, איז אַרומגערינגלט מיט קינדער, איז בטבע אַ פריילעכער און אוממיטלבאַרער מענטש, און נאָך דער באָבע פּריוועו איז זי די צווייטע עקרת־הבית אין ר' יהושיעלעס שטוב — בעת די שטאָלצע האָפערדיקע מומע שפרה מירל, דאָס ווייב פון „נפש חיה", איז דאָ צוריקגעקומען אַן אַראָפּגענידערטע פון איר גאָלדענעם שטול, אַ גאַסט, אַן אַלמנה. דער ווידערווילן צו דער באָבע לאה האָט ווי אַ שטילער וואָרעם געטאָטשעט אין איר געקרענקטער נשמה.

אַזוי האָט זי געלעבט, די מומע שפרה מירל, אין די שטאָלצע דע־רינערונגען פון איר פאַרגאַנגענהייט. געלעבט אין איר אַלמנהשאַפט אין דער קאַרגער רבנישער שטוב פון ר' יהושיעלע קוטנער. אַלץ איז דאָ געווען גראָ און אָפּגעלאָזן. אַלץ האָט געשמעקט מיט דער שטוב פון אַ קאַרגן פּראָווינצער מלמד. זי האָט דאָ געלעבט אין חלום און אין וואָר. ס'האָט זיך איר כסדר אויסגעדוכט, אַז זי דרייט זיך נאָך אַרום אין די ליכטיקע גבירישע סאַליעם פון „נפש חיה", חברט זיך אין וואַרשע מיט די גרעסטע גבירטעס פון פּוילן. אין קוטנע איז זי געשלאָפן צוזאַמען מיט אירע צוויי טעכטער ערגעץ אין אַ טונקל אָפּגעריסן און אָפּגעלעגן חדרל, זי איז געשלאָפן אויף האַרטע וואָל־

וועלע בעטן און געגעסן די מלמדישע גריצן, וואָס די באָבע פריווע האָט געקאָכט טאָג איין טאָג אויס. דער „נפש חיה", מחמת ער איז געווען שוין א וועלטלעכער רב, געהאַט צו טון מיט וואַרשעווער גבירים און געשטאַמט פון קיר"ה, פלעגט אָפּט מיט איר רעדן. ר' יהושיעלע קוטנער האָט קיין מאָל נישט געהאַט פאַר איר קיין צייט. ער האָט בכלל נישט געוואוסט, ווי אַזוי מע שמועסט מיט ווייבער, און רק פאַרטון געווען אין תורה. די קוטנער פּראָווינציעלע נגידתטעס, וועלכע פלעגן אַמאָל צו איר אַריינקומען, האָט זי נאָר פאַרגליכן און געמאָסטן מיט די פריוועסעס, און דער פאַרגלייך איז אַרויסגעקומען זייער א קלעגלעכער. די מומע שפרה מירל איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומעטיקער און אומעטיקער. און דער אומעט האָט זי פאַרביטערט. און די שנאה צו דער באָבע לאה איז אין איר געוואַקסן.

זי האָט זיך געפילט אַלס א יורדקע, די מומע שפרה מירל. אָבער זי האָט זיך באַמיט אין קוטנע צו לעבן אין די שאָטנס פון דער מלכות־דיקער פאַרגאַנגענהייט. זי האָט כסדר גערעדט פון קאָלישער רב און פון זיינע גרויסקייטן. לעבנדיק אַזוי אין די שאָטנס פון איר עבר, האָבן זיך מאָדנע שאָטנהאַפטיקע מענטשן — מענטשן אויך ווי פאַר־גאַנגענהייטן, ווי שאָטנס פון אַן עולם התוהו — אָנגעהויבן פאַמעלעך אַריינצוגנבענען אין דעם כּישוף־שפּיל פון דער מומע שפרה מירלס אַמביציעזע אילוזיעס. פון דעם האָפערדיקן יחוס־שפּיל האָט זיך אויסגע־לאָזט א לצים־שפּיל, און עס האָט איר אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פוטער אַראָפּ. אויסטערלישע מענטשן האָבן זיך באַוויזן אויפן ווייטערן וועג פון דער קאָלישער רביצין.

נאָר איך וועל עס דערציילן בהדרגה.

ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט די קאָלישער רביצין — בעת זי איז צוריקגעקומען אַלס א וויסטע אַלמנה אין דעם פאָטער־הויז פון ר' יהושיעלע קוטנער — מיטגעבראַנגט צוויי פאַריתומטע טעכטער. אין דער מלמדישער פּראָווינציעלער שטוב פון ר' יהושיעלע קוטנער האָבן זיי אַריינגעבראַנגט יחוס, גרויס־שטאָטישע ברייטקייט, און דער עיקר דעם וואַרשעווער נוסח פון די גרויסע גבירישע משפּחות. זיי האָבן

זיך געפילט ווי געפאַנגענע בת־מלכּהס צווישן די קליינשטעטלדיקע ווייבער, וואָס זענען אַריינגעקומען צו דער באָבע פריווע און צו דער באָבע לאה. דעם קאָלישער רבס טעכטער האָבן זיך מיט קיינעם נישט געחברט אין קוטנע. קיינער איז זיי נישט אָנגעשטאַנען צום יחוס. אַפילו אויף זייערע לייבלעכע קוטנער געשוועסטער־קינדער, די טעכ־טער פון דער מומע שרהל, ווי ראצע למשל, ירחמיאלס ווייב, האָבן זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ און זיי גרויס־שטאָטיש געמיטן. דערפאַר זענען זיי שעהנווייז געזעסן מיט דער מוטער, די מומע שפרה מירל. זיי זענען אַלע דריי געזעסן אין דער טונקעלער אָפּגעריסענער שטוב, זיי זע־נען געזעסן אויף די האַרטע מלמדישע בעטן, און איבערדערציילט און אי־בערדערציילט אַלע צוזאַמען און אַלע הויך אויפן קול, פון די וואַרשעווער מאָדעס, פון וואַרשעווער קליידער און וואַרשעווער סאַליעס, און אי־בערדערציילט אָן אויפהער פאַרשידענע פּליאָטקעס פון ר׳ ישעיה פּרי־ווּעסעס הויזגעזינט און פון אַנדערע וואַרשעווער גבירים, ווי מאַנעלע רויזנשטראָך און הירשל גרוימאַן. וועגן קוטנער נגידים איז זיי נישט אָנגעשטאַנען אַפילו צו פּליאָטקעווען. פאַר קוטנע האָבן זיי געהאַט בלויז פאַרביטערטקייט און פאַראַכטונג.

מ׳מוז צוגעבן: דער קאָלישער רביצינס טעכטער זענען געווען שיינע און אַריסטאָקראַטיש־דערצויגענע מיידלעך. זיי האָבן געקאָנט פּויליש און דייטש און געלייענט שילערן און גרויסע ראָמאַנען. אין ר׳ יהושיעלע קוטנערס שטוב — וואו די פולע פאַרשטויבטע אַלמערס מיט ספרים האָבן אַריינגעשמעקט מיט זייער ספרים־ריח איבער אַלע חדרים, און זיך אויסגעמישט מיט דעם ריח פון די מלמדישע גריצן, וואָס די באָבע פריווע האָט געקאָכט — האָבן זיך גאָר טיילמאָל די האָפער־דיקע, שיינע און אַריסטאָקראַטישע מיידלעך אָוועקגעזעצט ביים פענצ־טער און געלייענט דיקע פּוילישע און דייטשע ראָמאַנען, געקריגן פייכטע אויגן און געזיפצט פון די ליבעס, וואָס זענען דאָרט באַשריבן געוואָרן. פון הויף האָט מען געהערט דאָס זינגענדיקע גמרא־קול פון די בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין קוטנער בית־המדרש, אָדער דעם זינג־זאַנג פון די אָרעמע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער שטאָ־טישער תלמוד־תורה. מאַרק־ווייבער האָבן געשריגן. יידישע באַלע־

גאָלעם זענען אָנגעפּאָרן מיט זייערע בוידן און געקנאַלט מיט די בייטשן. ר' יהושיעלע האָט געוואוינט אין מיטן דער געדיכטעניש פון קוטנער יידן. יאָ, דעם קאַלישער רבס טעכטער האָבן זיך געפילט פרעמד אין קוטנע. זיי האָבן כּסדר געחלומט פון ווארשע און פון די פּריוועסעס.

די עלטסטע טאָכטער יוכבד איז געווען אַ שלאַנק מיידל, מיט אַ ביסל אַ פאַרבויגן אָדלער־נעזל, אַ קליין מויל, און ברוינע לײַדנשאַפט־לעכע אויגן. ווען זי איז נישט געווען אומעטיק און פאַרבענקט, האָט זי געקאָנט הויך און זאַפטיק לאַכן. אין איר לאַכן האָט געשטעקט דער חשק פון אַ יונגפרוי וואָס הויבט אָן רייף צו ווערן. זי האָט זיך גע־האַלטן גאַוהדיקער און האָפערדיקער פון איר יינגערער שוועסטער שרהטשע. מחמת יוכבד איז חדשים־לאַנג אויפגעצויגן געוואָרן ביי איר שוועסטער (פון איין פאָטער) אין ווארשע, איטעלע פּריוועס, אַ לייבלעכע שנור פון ר' ישעיה פּריוועס, — האָט דאָרט געלערנט שפּראַכן צוזאַמען מיט איטעלעס טעכטער. אפילו געלערנט פראַנ־צויזיש ביי אַן אַלטער פראַנצויזקע פון פּאַריז, וואָס האָט געגעבן לעק־ציעס אין די הויז־געזינדן פון ר' ישעיה פּריוועס און דאָרט נאָך מער אַריינגעבערענגט דעם טאָן פון דער אַריסטאָקראַטישער גרויסער וועלט. יוכבד איז געפאָרן אין ר' ישעיה פּריוועסעס קאַטש שפּאַצירן איבער די ווארשעווער לאַזשענקעס, זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיק פון די וואַר־שעווער פּריוועסעס און זיך אָנגענומען מיט זייערע גבירישע מאַניערן. ווער ווייסט וויפיל גראַפן און פּרינצן עס האָבן זיך איר געחלומט אויפן האַרטן קוטנער בעט.

די קלענערע שוועסטער שרהטשע איז געווען אַ דראָבנע בלאָנד מיידל, מיט לאַנגע פאַרפלאָכטענע צעפּ און מיט גרויסע ווייט־אויפ־געעפנטע בלויע אויגן פון פוילישע פּריצישע מיידלעך. שרהטשע האָט אויסערלעך אינגאַנצן אויסגעקוקט ווי אַ פּריציש פויליש שיקסל — און מיט אַ שוואַרץ פּעפּערל אויף די רויטלעכע שמעקנדיקע בעקלעך. שרהטשע איז געווען נאָך מער אַ פאַרחלומטע ווי איר שוועסטער יוכבד. ווען זי האָט געלאַכט, האָבן נאָר געלאַכט אירע בלויע פוילישע אויגן. אויך זי האָט זיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון די אַלע פאַר־שלומפּערטע קוטנער פרומע ווייבער, וואָס האָבן כּסדר פול געמאַכט

די קיך פון דער באָבע פריווע און דאָרט געזשומעט ווי די בינען אין א בינשטאָק. אויך שרהטשע איז געזעסן אין דער טונקעלער אָפּגעריסענער שטוב אויפן הארטן בעט צוזאמען מיט דער קאָלישער רביצין און מיט איר עלטערער שוועסטער יוכבד. זיי האָבן אלע געזיפצט, אָדער הויך אויפן קול, אלע אינאיינעם, זיך צום הונדערטסטן מאָל איבערדערציילט פון די פארגאנגענע צייטן, און פון די מנהגים, מאָדעס און אויפפירונגען אין די יידישע גבירישע הייזער איןווארשע.

קאַפּיטל זיבן

א ווײסטע אלמנה מיט צוויי יתומות. שדכנים. דער שדכן דער ארץ־ישראל־משולח. דער נשיא פון ארץ־ישראל. דער לומדישער ברייון. יוכבד׳ס תנאים. דער חתן. די פּיעטרקאָווער מחותּנת׳טע. יוכבד׳ס חתונה. דער זקן אונטער דער חופּה.

א ווײסטע אַלמנה מיט צוויי יתומות כּלה־מיידלעך, האָט זיך די קאָלישער רביצין מיט יוכבדן און שרהטשען ארומגעדרייט אין די חדרים פון ר׳ יהושיעלע קוטנער ווי א מאָנונג צום וועלט־געוויסן — סטייטש, שידוכים! שידוכים טאַקע פאַר אַלע דריי. די קאָלישער רביצין קאָן דאָך נישט בלייבן אַן אייביקע אַלמנה. דער „שמונה עשרה לחופּה" האָט אָנגעהויבן צוצורוקן צו די צוויי מיידלעך. די ווייבער אין דער משפּחה, ווי אויך די באָבע פריווע, האָבן אָנגעהויבן מורא צו קריגן. די יאָרן רוקן אָן און אָט, אָט — ווײ איז מיר — באַקומען די קאָלישער יתומות גרויע צעפּ. אין די צייטן ווען מען האָט נאָר געקאָנט רעדן צום גרויסן וועלט־גאון, האָט די באָבע פריווע איינס און צוויי אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ פאַר ר׳ יהושיעלען. זי האָט נישט פאַרנומען ביי אים קיין סך צייט, מחמת די באָבע פריווע האָט געציטערט ווי א פיש פאַר ר׳ יהושיעלעס ביטול־תורה. אָבער הכנסת־כּלה איז אויך נישט קיין קלייניקייט. ר׳ יהושיעלע האָט זי באַרואיקט, די באָבע פריווע, אַז ער האָט עס שטאַרק אין זינען און שדכנים קלאַפּן שוין ביי אים אין די טירן.

ס׳זענען טאַקע געקומען צופאָרן שדכנים פון אַלע עקן קרוין־פּוילן, און אַלע האָבן געבערענגט צוטראָגן די טעלערלעך פון הימל. א ווערטעלע ארויסצורעדן! אַזעלכע דריי חשובע כּלות מיט איין שאָס, טרעפן זיך אַלס זעלטנקייט אַפילו ביי די גרעסטע און אויסגעפּרואוווטסטע לאַנד־שדכנים. און וואָסערע כּלות! תּורה וגדולה במקום אחד.

יחוס, געלט און גרויס־שטאַטישקייט. — יעדן טאָג האָט זיך אין קוטנע אָנגעהויבן צו באַווייזן עפּעס אַ ניי פּרעמד נפש, וואָס האָט געשמעקט מיט די ווייטקייטן פון תפוצות ישראל. ס'זענען געקומען יידן האָ־פּערדיקע, בייזע און אָנגעבלאָזענע, טייל מיט גביריש־אויסגעפּוצטע קאַפּאָטעס, מיט גרעבלעכע פעטע קולעכלעך, מיט פייערדיקע אויגן, מיט געדיכטע און צעקעמטע בערד, מיט גרויסע שווארצע שירעמס אין די הענט, יידן מיט אַ ברייטקייט, וואָס אַלע טירן, דוכט זיך, האָבן זיך אַליין פאַר זיי געעפנט, וואָרעם זיי האָבן עפּעס ווי ביי אַלעמען געמאָנט און עס איז זיי פון דער וועלט געקומען די גרויסע רעשט. עס האָבן זיך אויך באַוויזן אַנדערע, נידערגעשלאָגענע שדכנים, שדכנים מיט אָרעמע אויסגעדריפּעטע קאַפּאָטעס. איינגעבויגענע, אומעטיקע און פאַרמרהשחורהטע יידן, יידן מיט אויסגעקראָכענע בערדלעך. יידן, וואָס האָבן גערעדט שטיל און מיט עקשנותדיקער הכנעה, יידן, וואָס זענען אַריינגעקומען אין די שטובן ווי שאָטנס, האָבן געפּישטשעט מיט קרענקלעכע הייזעריקע קולות און אָנגעשלאָגן זייערע שדוכים, ווי זיי וואָלטן איינגערוימט אַ סוד אין די אויערן... קוטנע האָט אַלע־מאָל געזען אָט די פרעמדע נייע יידישע שדכנים, וואָס זענען אָנגע־קומען, זיך געפּרעגט צו ר' יהושיעלע קוטנערס שטוב, פאַרשוואונדן געוואָרן אין ר' יהושיעלעס חדרים. טיילמאָל האָבן זיי זיך אויסגעבאָרגט ביי היימישע יידן אין בית־המדרש טלית און תפילין און געדאַוונט מיט די העויות און תנועות פון זייער געגנט.

אָבער וויפיל טעלערלעך פון הימל די פרעמדע יידן האָבן אהער געבערענגט פון די ווייטקייטן פון תפוצות ישראל, — עס האָט זיך נישט צונעפּאַסט. די פּאָדערונגען פון דער קאָלישער רביצין פאַר זיך און אירע טעכטער זענען געווען גרויס. אויף די גאָלדנסטע שידוכים האָט זי אויסגעפונען סאַמע שווארצע פינטעלעך. דראָענדיק האָט זי דערמאָנט די שדכנים, אַז זיי זאָלן אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן, אַז סך־הכל גייט עס דאָ וועגן די לייבלעכע יתומות פון „נפש חיה". דאָס האָט בכלל ביי די שדכנים צוגענומען יעדן מוט. נישט נאָר די אָרעמע נידערגעשלאָגענע שדכנים, וואָס האָבן גערעדט שטיל און אויפן אויער, האָבן אַ מאַך געטון מיט די הענט, שטום געוואָרן ווי די שטיינער און

ווידער אויף א געהיימנישפולן אופן אוועקגעפֿאָרן פון קוטנע. אפילו די ברייטע העזהדיקע שדכנים, וואָס האָבן גערעדט הויך אויפֿן פעטן רחבותדיקן קול, האָבן זיך נגידיש געהאַלטן פֿאַר די בערד און צוגע־קלאַפּט מיט די שווארצע נגידישע שירעמס, — אויך זיי זענען סוף־כּל־סוף געוואָרן מיד און הייזעריק, און האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און אוועקגעפֿאָרן פון קוטנע, און זיך אַליין אָנגעקוקט די ליידיקע הענט!

קיינער האָט נישט געקענט צוטרעפֿן די רעכטע שידוכים.

מיטאמאָל האָט זיך אין קוטנע באוויזן א פרעמדער שטרענגער און שווארצער ייד. ער איז געווען גרויס און ברייט־ביינערדיק. מיט דריי קעפּ העכער פון די העכסטע קוטנער יידן. אַלץ איז ביי אים געווען גרויס און מאסיוו און ער האָט אין זיין גאַנצער געשטאַלט געהאַט עפּעס פון אַן אַלטן אסירישן גאָט. דער קאָפּ מאסיוו און אי־בערגעטריבן קיילעכדיק. א פּאָר גרויסע אָפענע און ברענענדיקע אויגן, וואָס זענען געווען כּסדר שטרענג און ווי גרייט עמיצן צו פֿארצוקן. א גרויסע נאָז מיט נאָז־לעכער, וואָס האָבן געציטערט, ווי זיי וואָלטן אין זיך איינגעזויגן אַלע ווינטן. דערצו — א פעסטע שווארצע באָרד, וואָס האָט זיך נישט באוועגט, נייערט מיט דער שטרענגער און הארטער פייערלעכקייט פון די מאסיווע אסירישע בערד זיך אַראָפּגע־לאָזט פון זיין פּנים. אויך די מלבושים פון דעם דאָזיקן פרעמדן צע־וואַקסענעם ייד זענען געווען שטרענגע און איבערגעטריבן־לאַנגע און געגלאַנצט אין זייער שווארצקייט. אויך זיינע פיס זענען געווען ברייטע און גרויסע און זיי האָבן געטראָטן איבער די קוטנער שטיינער, ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט צעטרעטן מיט זייער משא.

דערצו האָט דער ייד געטראָגן א ברייטן שווארצן קאַשקעט פון אונטער וועלכן ס'האָבן ארויסגעקוקט א פּאָר נגידיש־פארקעמטע פיאות.

קוטנער יידן האָבן זיך מיט חידוש אומגעקוקט אויף דעם דאָזיקן פרעמדן האָפערדיקן ייד, וואָס האָט פעסט געשפּאַנט איבער די גאַסן, מיט קיינעם נישט גערעדט, ביי קיינעם זיך נישט געפרעגט און גלייך געגאַנגען צום רבס הויז.

ווען דער ייד האָט געעפנט די טיר צו ר׳ יהושיעלעס בית־דין־שטוב, האָט ר׳ יהושיעלע געהאַלטן אין מיטן דעם „שיעור". דער שוואַרצער מאַסיווער ייד האָט זיך מיט אַ שווייגנדיקער פעסטקייט אוועקגעשטעלט ביי דער טיר. געוואַרט. אָבער ער האָט נישט לאַנג באַדאַרפט צו וואַרטן. די מאַיעסטעטישע האַרטקייט פון זיין באָרד, זיינע גרויסע ברענענדיקע אויגן, די נאָז־לעכער, וואָס האָבן אויסגעקוקט אַריינצוציען אין זיך שטאַרקע ווינטן, זיין איבערגעטריבענער גוף, דער הויכער און ברייטער קאַשקעט אויף זיין קאָפּ, דער שוואַרצער שירעם אין זיין האַנט — זיי האָבן כמעט ווי פול געמאַכט די לופט אין ר׳ יהושיעלע קוטנערס בית־דין־שטוב. דער פרעמדער ייד האָט באַלד געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אַפילו דער וועלט־גאון אַליין, האָט איבערגעריסן דעם פלינקן לויף פון זיינע חידושי־תורה, דעם פרעמדן ייד צוגערופן און אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט אויף שלום־עליכם.

דער ייד איז, דוכט זיך, פון גאָרנישט נתפעל געוואָרן. זיין גאַנצע דערשיינונג האָט געאָטעמט מיט דער פעסטסטער זיכערקייט. ער איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו ר׳ יהושיעלען. אַלע בחורים און לומדים, וואָס זענען געזעסן ביי ר׳ יהושיעלעס „שיעור" האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ פון די גמרות און געקוקט אויפן ייד. דער ייד האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. ער האָט נאָר אַרויסגענומען פון די טאַשן פון זיין גרויסער שוואַרצער קאַפּאָטע אַ בריוו. דער קאָנווערט איז געווען געשריבן מיט איידעלע געציקלטע און דראָבנע אותיות, און פאַרחתמעט מיט אַ גרויסע רויטע חתימה פון לאַק, און אים, דעם בריוו, שווייגנדיק איבערגעגעבן אין די הענט פון ר׳ יהושיעלע קוטנער.

דער בריוו איז געווען געשריבן פון באַרימטן גבירישן גדול פון פּיעטרקאָוו, ר׳ מאָטל הורוויץ. ר׳ מאָטל הורוויץ האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע לומדים אין פּוילן און ער וואָלט גרייטלעך געקאָנט זיין רב אין די גרעסטע שטעט. אָבער ווי אַזוי קאָן ר׳ מאָטל הורוויץ אָננעמען אַ כּסא־רבנות, אַז סך־הכּל איז ער נאָר אַ גרויסער גביר און פירט געלט־געשעפטן מיט פּוילישע פּריצים? אמת,

אז זיינע געלט־געשעפטן האָט ר׳ מאָטל הורוויץ געפירט, אזוי צו זאָגן, „צווישן טאָג און נאַכט״. צווישן מנחה און מעריב. דאַמאָלסט האָט ער אויסגעבאָרגט געלט די פּריצים, וואָס זענען געקומען צו אים צו־פאָרן מיט זייערע ברענענדיקע קאַטשן. ר׳ מאָטל האָט די גרעסטע פּריצים אויפגענומען אין דער יאַרמלקע און מיט גרויסע געקרייזלטע פּאות, און מיט די פּריצים גערעדט אויף אַן אַלטן קלאַסישן פּויליש. די גרעסטע פּוילישע פּריצים האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט פּיל דרך־ארץ, מחמת זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ באַרימטן רב און אַ גרויסן קענער. זיינע חשבונות מיט די גויים האָט ר׳ מאָטל הורוויץ געפירט אין אַ קליין ביכעלע, געשריבן מיט פאַרפּלאָנטערטע לומדישע ראשי־תיבות. קיינער האָט זיך דאָרט נישט געקענט אויסגעפינען, סיידן ר׳ מאָטל אַליין, ווי אויך זיין משמש, אַן אַלטער קאָצקער חסיד און דערצו אַ ווילדער למדן. ער איז געווען, אזוי צו זאָגן, ר׳ מאָטלס בוכהאַלטער. די דאָזיקע אַלע דברי־חול, נעמלעך: רעדן אויף אַ הויכן מליצהדיקן פּויליש מיט די גויים, באָרגן געלט און נעמען פּראָצענט — דאָס זענען געווען בלויז נויטווענדיקע און צופעליקע נעבן־טעטי־קייטן אין ר׳ מאָטל הורוויצעס טאָג. כּדי צו פאַרענטפערן דעם דאָזיקן קליינעם ביטול־תורה, האָט ר׳ מאָטל געהאַט אין זיינע טיפע שופ־לאָדן גאַנצע פּעק מיט לומדישע מאַטיוון. ער האָט זיך וועגן דעם אַרומגעשריבן אין לאַנגע שאלות־תשובות מיט אַלע גאוני־ישראל פון פּוילן און אַפילו מיט ר׳ יהושיעלע קוטנער. פונדעסטוועגן איז דאָס פאַרקען זיך מיט פּריצים פאַר ר׳ מאָטלען געווען אַ ווייטיקלעך אָפּ־קומעניש. ער האָט געקרעכצט בעת ער האָט אַריינגעשריבן אין זיין ביכל די דריבנע פאַרפּלאָנטערטע ראשי־תיבות און געהייסן זיין משמש נאָך אַמאָל איבעררעכענען די חשבונות. זיין גרויס אָפּגעריסן הויז איז אומגעלומפּערט געשטאַנען אינמיטן דעם פּיעטרקאָווער מאַרק צווישן די קליינע הילצערנע יידישע הייזלעך. דאָרט איז ר׳ מאָטל הורוויץ אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער געזעסן על התורה ועל העבודה, געהאַט זיין אייגענע ישיבה און געלערנט „שיעור״ מיט די בחורים און לומדים פון פּיעטרקאָוו. זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער גאַנץ קרוין־פּוילן, אַפילו אין קיר״ה און צווישן די לומדים אין ליטע. וואָרעם חוץ

וואָס ר׳ מאָטל הורוויץ איז געווען אַ גרויסער גדול און אַ גרויסער גביר, איז ער נאָך דערצו געווען אַ גרויסער מיוחס. פון די אמתע הורוויצעס. ד״ה סך־הכל אַן אייניקל פון של״ה הקדוש, וואָס ציט זיין יחוס אַזש ביז דוד המלך.

נאָכן טויט פון „נפש חיה״, ווען ס׳איז אָפּגעליידיקט געוואָרן די חשובע שטול פון „נשיא פון ארץ־ישראל״, האָבן אַלע געוואוסט, אַז קיין פּאַסיקערער קאַנדידאַט פאַר דעם חשובן אַמט פון „נשיא״, איז אחוץ ר׳ מאָטל הורוויץ נישט פאַראַן אין גאַנץ קרוין פּוילן. סיי אין פּוילן גופא, סיי אין ירושלים האָט מען מיט גרויס כבוד אויסגערופן ר׳ מאָטלען פאַר דעם נייעם נשיא פון ארץ־ישראל. אין דער חורבה פון ר׳ יהודה החסיד אין ירושלים האָט מען שבת צום לייענען געמאַכט אַ יום־טובדיקן „מי־שברך״ לכּבוד דעם נשיא הגאון ר׳ מרדכי מאָטל הלוי איש הורוויץ. שפּאָגל־נייע יידן האָבן זיך באַוויזן אין פּיעטרקאָוו. יידן ארץ־ישראל־משולחים. הויכע שוויגנדיקע יידן מיט לאַנגע טונקעלע בערד. דאָס זענען זיי געקומען צו ר׳ מאָטלען אָפּגעבן דין־וחשבון פון די געזאַמלטע ארץ־ישראל־געלטער ווי אויך פון די געלטער אין די פּושקעס פון ר׳ מאיר בעל־הנס. ר׳ מאָטל הורוויץ האָט זיך געקויפט אַ ניי קליין ביכעלע וואוהין ער האָט פאַרשריבן מיט לומדישע ראשי־תיבות די חשבונות פון ארץ־ישראל־געלט.

פון דעם דאָזיקן באַרימטן און חשובן ר׳ מאָטל הורוויץ פון פּיעטרקאָוו האָט דער פרעמדער שוואַרצער ייד געבּרענגט אַ גרויסן פאַרחתמעטן בריוו צו די הענט פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. אינמיטן דעם „שיעור״ האָט ר׳ יהושיעלע אויפגעריסן דעם בריוו און זיך פאַרנומען אים צו לייענען. דער בריוו איז געווען געשריבן אויף אַ גרויסן און ברייטן בויגן נישט־געווירעט פּאַפּיר אויף וועלכן מען שרייבט געווינטלעך רבנישע „שאלות ותשובות״. אָנגעהויבן האָט זיך דער בריוו מיט זייער אַ קאָמפּליצירטן סדר פון דער פרשה. דאַן עטלעכע שורות מיט טיטלען און רימענישן לכבוד ר׳ יהושיעלען. רימענישן אין קונציקע לשון־קודשדיקע גראַמען און מליצות. דאַן האָט ר׳ מאָטל צו ר׳ יהושיעלען געשריבן אַ שאַרפע קשיא, וועלכע איז אים, ר׳ מאָטלען, איינגעפאַלן ביים לעצטן „שיעור״. די קשיא האָט ר׳ יהושיעלע גע־

נומען זייער ערנסט, מחמת ער האָט זיך פּלוצעם פאַרטראַכט אינמיטן דעם לייענען. דאַן ערשט האָט ר׳ מאָטל הורוויץ אין אַ געהויבענעם ביבלישן לשון־קודש געשריבן צו ר׳ יהושיעלען וועגן וואָס עס גייט און וועגן וואָס ער האָט געשיקט צו ר׳ יהושיעלען דעם פרעמדן שוואַרצן ייד, וועלכער איז בטבע ניט קיין שדכן, נייערט איינער פון די משולחים פון ארץ־ישראל־געלט. דער אינהאַלט פון ר׳ מאָטלס ווערטער איז געווען: ער, ר׳ מאָטל, ווייסט וואויל, אַז זיין חשובער פריינט, דער פאַרשטאָרבענער גאון, דער „נפש חיה״, האָט איבערגעלאָזן צוויי לעבעדיקע פריילייכדיקע יתומות, צו וועלכע עס האָט שוין דערגרייכט דער זמן פון דער חופּה. אַזוי האָט ער דאָ אין פּיעטרקאָוו אויסגעפונען אַ יינגל, אַ צאַצקע, וואָס איז דורכאַוים צוגעפּאַסט צום וואויל און צום יחוס פון דער קאַלישער יתומה. קודם־כּל שטאַמט דער חתן פון דער משפּחה פון ר׳ יונתן אייבעשיץ, דער הייליקער מחבר פון „אורים ותומים״ און „כרתי ופלתי״. צווייטנס איז ער געלערנט אין דער תורה און האָט אַ גרויסע ירושה, מחמת דאָס יינגל איז אויך אַ לעבעדיקער יתום און ער האַלט זיך אויף ביי זיין מוטער, די אשה חשובה, וואָס איז אויך אַ לעבעדיקע אַלמנה, נייערט זי איז אַ גרויסע בריהטע און אַן אשת־חיל און פירט געשעפטן ביד רמה און איז ברוך השם גאָר שטאַרק מצליח. אַזוי, איז עס זיין בעסטע עצה, למען השם, צו טון דעם דאָזיקן שידוך, און עס וועט זיין גוט סיי פאַר דעם פאַר־פאָלק גופא און סיי פאַר יידן בכלל. דאָ גייט נאָך אַ גרויסע מליצה און אַ צושריפט, אַז ס׳איז לחלוטין איבעריק צו שיקן אַ „פּרואָווער״ צו פּרואָוון דעם חתן, מחמת ער, ר׳ מאָטל הורוויץ, האָט אים אַליין „געפּרואָווט״ פאַר דעם „נפש חיהס״ יתומה און ער האָט אים געפונען מיט אַלע מעלות, סיי אין תורה, סיי אין מידות און סיי אין רייכקייט.

אונטערגעשריבן איז דער בריוו געווען מיט קונציקע, געציקלטע און פאַרפּלאָנטערטע דריידעלעך און פּאַסיקלעך, און מ׳האָט פון דעם גאַנצן פּלאָנטער דאָך געקאָנט גוט דורכלייענען: „נאום הקטן מרדכי מאָטל הלוי איש הורוויץ״. אויף יידיש הייסט עס: „די רייד פון דעם ווינציקן מרדכי מאָטל דער לוי דער מאַן פון הורוויץ״.

ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט דעם בריוו איבערגעלייענט און אַ קוק געטאָן אויף דעם פרעמדן ייד, וועלכער איז געשטאַנען מיט האָפערדי־קער ברייטקייט און געוואַרט. ווײַבאַלד דער ייד האָט באַמערקט אויף זיך ר׳ יהושיעלעס בליקן האָט ער אַ מאַך געטון מיט זיינע לאַנגע גרויסע הענט ווי מיט צוויי שוואַרצע פליגלען:

— איר זעט דאָך, קוטנער רב, וואָס דער נשיא פון ארץ־ישראל שרייבט. עס וואָלט געווען אַ יושר באַלד צו מאַכן תנאים, האָט דער שוואַרצער ייד געזאָגט מיט אַ קול פון אַן איינגעהאַלטענעם לייב.

— גייט אַריין צו דער קאָלישער רביצין און שלאָגט איר אָן דעם שידוך, — האָט ר׳ יהושיעלע קוטנער געענטפערט. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דאַן פונדאַסניי אָנגעהויבן צו זאָגן דעם „שיעור״.

דער פרעמדער שוואַרצער ייד איז אַריינגעגאַנגען צו דער קאָלישער רביצין. ער האָט מיט איר נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, נאָר מיט גרויס זיכערקייט איר געוויזן פון דער ווייטנס דעם בריוו פון ר׳ מאָטל הורוויץ. די קאָלישער רביצין האָט בלויז באַוויזן צו זען די געציקלטע און געדריידלטע אונטערשריפט. דער פרעמדער ייד האָט איר בקיצור און מיט גרויס שטרענגקייט דערציילט דעם אינהאַלט. ער האָט גערעדט הויך און מיט אַ פאַרשייטער זיכערקייט, זיך געהאַלטן פאַר דער שוואַר־צער אַסירישער באָרד, און געפינקלט מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן אויף דער קאָלישער רביצין, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פאַרצוקן. ער האָט בכלל די קאָלישער רביצין נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און גע־רעדט צון איר ווי אין באַפעלן. ווען די קאָלישער רביצין האָט גע־פרואווט עפּעס איינווענדן, זיך אויספרעגן מער פרטים און דערמאָנט, אַז עס איז נישט קיין קלייניקייט, וואָרעם עס גייט וועגן אַ יתומה פון „נפש חיה״, האָט זיך דער פרעמדער ייד הויך צעלאַכט אויף זיין לייבן־קול און מיטאַמאָל געקריגן אַ שטרענג און שטיינערדיק פּנים און נאָך אַמאָל געוויזן דער קאָלישער רביצין פונדערווייטנס דעם בריוו פון דעם נשיא פון ארץ־ישראל.

מען האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי. אין קוטנע האָט מען זיך געגרייט צו יוכבדס תנאים. אויף די תנאים איז געקומען ר׳ מאָטל הורוויץ אַליין מיטן שדכן און מיט זיין משמש און בוכהאַלטער דעם ווילדן למדן און מיט נאָך עטלעכע הויכע, טונקעלע און שווייגנדיקע יידן, משולחים פון ארץ־ישראל־געלט. עס איז געקומען בלויז איין־און איינציקע יידענע. די מחותנתטע, דעם חתנס מוטער. די גרויסע בריהטע און אשת־חיל. זי איז געווען אַ קליינע ווינציקע יידענע, אַ טונקעלע. מיט אַ סך ווערצעלעך אויפן אויסגעטריקנטן פּנים. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ שייטל, וואָס איז איר אַראָפּגעפאַלן טיף איבערן שטערן, און אויפן שייטל עפּעס אַ מאָדנע שלייפל. די יידענע האָט זיך נישט געחברט מיט קיין ווייבער, האָט געקוקט אויף ווייבער מיט מאַנסבילשן ביטול, און רק זיך אַרומגעדרייט צווישן די פּיעטרקאָווער לומדים און ארץ־ישראל־משולחים, ווי זייערס גלייכן. זי האָט גערעדט מיט זיי אויף זייערע לומדישע ראשי־תיבות און בכלל געהאַט אַ רבנישן נוסח אין שמועסן. דער חתן איז געווען אַ קליין דראָבנע ייִנגל, אין גאַנצן ענלעך צו דער מוטער, נאָר מיט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז צום בויך, און מיט גרויסע פאַרקאַלטנטע ברעמען איבער די קליינע שוואַרצע אויגן. ער האָט געהאַט קליינע הענטע־לעך און קליינע פיסעלעך און האָט אויסגעקוקט, ווי די צווערג־מענטשע־לעך. האָט געשווינגן. קיין מאָל נישט געשמייכלט. רק זיך געהאַלטן ביי דער מוטער.

ווען יוכבד האָט אַ קוק געטאָן אויף איר באַשערטן, איז איר פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן. זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט אין די קישנס. בשעתן וויינען האָט זי אין אירע געקרענקטע מיידלשע רעיונות געזען די גראַפן פון די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלייענט, ווי אויך די עלע־גאַנטע נגידישע בחורים ביי די פּריוועטעס אין וואַרשע.

אין אַ יאָר אַרום איז געווען יוכבדס חתונה. פונדאַסניי זענען אָנגעקומען פון פּיעטרקאָוו ר׳ מאָטל הורוויץ מיט זיין משמש און מיט די ארץ־ישראל־משולחים, ווי אויך דעם חתנס מאַמע, די קליינע יידענע, די אשת־חיל. לכּבוד ר׳ יהושיעלע קוטנער זענען געקומען אויף דער חתונה אויך אַנדערע גרויסע רבנים און גבירים פון פוילן.

ווען מ׳האָט יוכבדן געפירט אונטער דער חופּה, האָט זי געזען נעבן זיך אַ קליין מענטשעלע מיט אַ לאַנגע גרייז־גראָע באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז צום בויך, און מיט גרייז־גראָע פאַרקאָלטנטע ברעמען איבער די קליינע אויגעלעך. דער קליינער זקן איז געגאַנגען אָנגעטון אַ ווייסן קיטל און אַ גרויסן שוואַרצן שטריימל אויפן קאָפּ. ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע קליינע הענטעלעך זי מקדש צו זיין, האָט אַ קאַלטער אַנגסטלעכער שוויים זיך געגאָסן אונטער יוכבדס חופּה־קלייד.

קאַפּיטל אַכט

די קאַלישער רביצין גרייט זיך פונדאַסניי אויף דער גאָלדענער שטול. דער לאָדזשער גביר. ארץ-ישראל אין ר׳ שמעונ׳ס סוכה. יידן זענען ווידער על אדמתם. די קאַלישער רביצין אונטער דער חופּה. דער לעבעדיקער מת.

דער שידוך און די חתונה פון איר טאָכטער יוכבד — וואָס די קאַלישער רביצין האָט זיך גאַרנישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי עס איז געקומען און וואָסער כּוח האָט דאָס דער שוואַרצער פרעמ־דער ייד געהאַט איבער איר — האָט די קאַלישער רביצין טיף דער־שיטערט אין אירע פעסטקייטן. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַרן שיקזאַל, וואָס טויכט אויף צו איר פון אַן אומהיימלעכער און אומ־באַקאַנטער צוקונפט. טויכט אויף אין דער געשטאַלט פון אַלערליי אַפּשרעקנדיק־קאָמישע מאַסקעס. זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף איר טאָכטער יוכבד, אויף דעם קליינעם גרייז־גראָען איידעם, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין די ווינקעלעך און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. זי איז אַפילו ווייטער געווען האַפּעררדיק, די קאַלישער רביצין, ווי פריער, זי האָט גערעדט פון „נפש חיה" און פון אירע סאַ־ליעם ביי אים, אָבער זי האָט דאָך ווי עפּעס פאַרלוירן פון איר זיכער־קייט. אומהיימלעכע אַנונגען האָבן זי געפּייניקט און זי שוואַך געמאַכט. בלויז די קנאה און די פיינטשאַפט צו דער באָבע לאה האָבן וואָס אַמאָל טיפער געטאַטשעט אין אירע דערשיטערטע געמיטן.

מיטאַמאָל האָט זיך ווידער באַוויזן אַ שדכן אין קוטנע. אַ שדכן פאַר איר אַליין. פאַר דער וויסטער אַלמנה פון „נפש חיה".

ס׳איז געווען אַ קליין אַלט יידל מיט אַ שיטער בערדל. אַ בעל־דברן מיט אַ זיס זינגענדיק קול. ער איז געווען אַ קאָזשעניצער חסיד און זייער אַ פרומער. ביי יעדער קלייניקייט, וואָס מ׳האָט אים געגעבן,

האָט ער זיך פונדאַסניי געוואַשן די הענט, אויפגעהויבן די הענט, ווי צום דוכענען און הויך און געלאַסן געמאַכט אַ ברכה. ער האָט די ברכה געמאַכט מיט אַזאַ שטילער האַרציקער מתיקות, אַזוי ווי אַ זיסער און הייליקער פויגל וואָלט געזונגען. דעם שדכנס קול האָט ממש געקאָנט פאַרכּישופן.

ער האָט דערציילט פון אַ גרויסן גביר אין לאָדזש מיטן נאָמען ר׳ שמעון ציליך. און דאָס איז נישט בלויז סתם אַ גביר, נייערט גאָר אַ גרויסער מיוחס. דאָ האָט דער שדכן פאַר דער קאָלישער רביצין אויסגעזונגען אַ גאַנצן צעטל פון געשטאָרבענע גדולי־התורה און מחברים פון רבנישע ספרים מיט הויך קלינגענדיקע נעמען. דאַן האָט דער שדכן אָנגעהויבן אויסצוזינגען ר׳ שמעונס עשירותן, הייזער און פאַבריקן אין לאָדזש, גיטער און וועלדער אין דער סביבה פון לאָדזש, און אַ לייבלעכער שותּף צום גרויסן גוט בראָטעשעוויץ הינטער גלאָוונע, וואָס באַלאַנגט אין שותפות צו עטלעכע גרויסע גבירישע יידישע וואַלד־סוחרים, וועמענס נעמען עס האָבן זיך אָפּגעקלונגען אין די אויערן פון דער קאָלישער רביצין. ר׳ שמעון ציליך איז מיט זיי אַ גלייכער שותּף און געהערט דערמיט צום רומל פון די גרויסע יידישע גבירים אין פּוילן, וואָס האָבן זיך געחברט מיטן קאָלישער רב. חוץ דעם גרענעצט זיך בראָטעשעוויץ מיטן דאָרף אָשין, וואו עס זענען די קור־פּער־פאַבריקן פון ר׳ ישעיה פּריוועס. אַלע די דאָזיקע נעמען האָבן ליב אָפּגעקלונגען דער קאָלישער רביצין. חוץ דעם — אַזוי האָט דער שדכן מתיקותדיק דערציילט — האָט ר׳ שמעון ציליך אַ סך געלט אין די לאָדזשער בענק, וואָס באַלאַנגען צו די לאָדזשער רייכע דייטשן און וואוינט אין לאָדזש אין סאַליעס, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט מלכותדיקע מעבלען, קרישטאָלן, גאָלדערנע און זילבערנע חפצים, כּמעט ווי אין די סאַליעס ביי ר׳ ישעיה פּריוועס אין וואַרשע. וואָסער קינדער האָט דאָס דער ר׳ שמעון ציליך? אויך מיר קינדער! סך־הכּל נישט מער ווי איין שטיקל קינד, אַ בן־יחיד. דער דאָזיקער בן־יחיד איז שוין אויך אַן אויסגעגעבענער און איז אַן איידעם פון — אַ קלייניקייט! — דעם ראש־הרבנים פון וואַרשע ר׳ זיינוועלע קלעפּפיש. פאַרשטייט זיך, דער גביר ר׳ שמעון ציליך האָט זיין בן־יחיד צוגעזאָגט עולמות

קעסט, און ער וואוינט מיט זיין ווייב ר' זיינוועלע קלעפפישס טאָכטער און מיט די קינדערלעך קיין עין־הרע אין אַ גרויסער דירה, וועלכע ר' שמעון ציליך האָט ספּעציעל געלאָזט אויסבויען נעבן זיין אייגענער דירה. אויך דאָרט, אין דער דירה פון דעם גבירם בן־יחיד זענען פּאַראַן סאַליעס און תכשיטים. חוץ דעם — דאָ האָט דער שדכן אַריינגעלייגט באַזונדערע זיסקייטן אין זיין קול — פאַרמאָגט ר' שמעון ציליך אַ סוכּה, וואָס גאַנץ לאָדזש און אַלע יידן, וואָס קומען נאָר קיין לאָדזש, לויפן אָנקוקן אויף ווילדע חידושים. די סוכּה איז סך־הכּל אַ באַזונדער הויז, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פונאַנדערגעלייגט, ווי אַנדערע סוכּות, נייערט שטייט — נעבן באַלקאָן פון ר' שמעון ציליכס דירה — אויף פיר הויכע אייזערנע זיילן און קוקט אויס, ווי זי וואָלט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר געהאָנגען אין דער לופטן און געוואַרט אויפן הייליקן יום־טוב סוכּות, ווען ר' שמעון ציליך מיט זיינע הויזגעזינטן און מיט זיינע מקורבים זאָלן דאָרט אַריינקומען, זאָגן אושפּיזין און מאַכן קידוש. אַ צווייטע סוכּה אַזעלכע אין גאַנץ פּוילן האָט נאָר דער סאַמעראָדנער ר' ישעיה פּריוועס אין וואַרשע. דאָס אַלצדינג איז גאָרנישט אַקעגן דעם ווי די סוכּה קוקט אויס אינעווייניק. אינעווייניק אין דער סוכּה האָט מען דעם באַשיימפּערלעכן רושם, ווי מ'וואָלט זיך געפונען אין מיטן פון ארץ־ישראל. די ווענט זענען אויסגעמאָלט מיט לולב־בוימער, מיט אתרוגים, מיט הדסים און מיט הושענות, מיט מנורות, מיט לייבן און לעמפּערטן, מיט ציגעלעך און הירשן, ווי אויך מיט דער שטאָט ירושלים, מיט רחלס קבר און מיט דער כּותל־מערבי, וואו יידן שטייען און דאַווענען. עס כאַפּט ממש יעדן אַרום מיט שרעק און מיט פּחד, ווען מען קומט אַריין אינעווייניק אין ר' שמעון ציליכס סוכּה, מחמת, מע גלויבט אויף אַ רגע, אַז משיח איז שוין געקומען און יידן זענען ווידער צוריק על אדמתם.

די קאַלישער רביצין האָט שטיל צוגעהערט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די חורבות פון אירע מלכותדיקע פאַרגאַנגענהייטן באַדעקן זיך מיט אַ לייכטן גרינס און רופן זי צוריק צו זיך.

און עס זענען ווידער געקומען די כּוחות פון אַן אומהיימלעכער

שיקזאַלפֿולער צוקונפֿט, וואָס האָבן, ווי געליימט אַלע אירע אינערלעכע ווידערשטאַנדן און האָבן פֿאַרטונקלט דאָס פֿאַרזיכטיקע און ראַציאָנעלע טראַכטן, וואָס האָט אין תוך געהערט צו דער טבע פֿון דער קאָלישער רביצין. זי האָט פֿאַמעלעך אָנגעהויבן צו ווערן דער קרבן פֿון אירע אַפֿעקטן און פֿון די אילוזיעס פֿון דער אַמאָליקייט, אין וועלכע זי, די האָפֿערדיקע קאָלישער רביצין, האָט געלעבט ווי אין גאָלדענע הינער־פֿלעט. זי האָט טיילמאָל אָן עפּן געטאָן די אויגן און אַ קוק געגעבן אויף די מלמדישע אָפּגעריסענע חדרים פֿון איר פּאָטער־הויז, אין וועלכע זי לעבט איצטער מיט אירע טעכטער, אויף דעם טונקעלן שטיבל און אויף די האַרטע וואָלוועלע בעטן, וואָס דערמאָנען זי אין איר ירידה, זי האָט דערשפּירט די שאַרפֿע ריחות פֿון די ביליקע גריצן, וואָס טראָגן זיך פֿון דער קיך און צעטראָגן זיך איבער אַלע חדרים, זי האָט געזען די פֿאַרשלומפּערטע פּראָווינציעלע נגידותטעס, וואָס בילדן דעם „שטאַט" פֿון דער באָבע פֿריווע, דערצו, ווען זי האָט געזען דעם „צווייפֿלהאָפּ־טיקן ווארקער יחוס, די באָבע לאה, וואָס שאַלטעט און וואַלטעט דאָ אַלס די איינציקע שנור און איז אַרומגערינגלט מיט אירע קינדער. די קאָ־לישער רביצין האָט געפֿילט, ווי דאָס אַלצדינג איז איר דערווידער און דערמאָנט איר אין דער „גרויסער ירידה". זי האָט געהאַט נאָר איין פֿאַרלאַנג, נעמלעך: זיך אַרויסצובאַקומען פֿון דעם דאָזיקן אומדער־טרעגלעכן צושטאַנד. אויפֿסניי זיך צו באַפֿרייען און צו באַקומען די מאַכט אין דער האַנט. פֿון אויפֿסניי צו גילטן אַלס די אויבערשטע פֿון שטייסל צווישן די מיוחסדיקע ווייבער. פֿון די ליפּן פֿון אָט דעם זינגענדיקן שדכן האָבן זיך ממש ווי לעבעדיקע אַראָפּגעקייקלט די ביל־דער פֿון אירע אינערלעכע אילוזיעס. אויפֿסניי האָט זי געהערט די באַ־קאַנטע נעמען פֿון די חשובסטע גבירים אין פּוילן, וואָס פֿלעגן צו קומען אין אירע סאַליעס ביים „נפֿש חיה". אויפֿסניי האָבן אַרום איר גע־ווייט די לינדע און הייליקע ווינטן פֿון ארץ־ישׂראל, און ס'האָבן געשמעקט די לולבים און די אתרוגים, וואָס מאַכן דאָרט פֿול די לאַנדשאַפֿטן און פֿון וועלכע זי האָט טעג און נעכט געהערט אין דער שטוב פֿון „נפֿש חיה" און פֿון די ארץ־ישׂראל־יידן, וואָס זענען געקומען צו אים פֿון אַלע עקן פּוילן און פֿון סאַמע ארץ־ישׂראל.

די קאַלישער רביצין האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי זי, די עקשנטע, האָט זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך איינצובורעכן. איר געמיט האָט זיך געשמאָלצן אונטער דער ווארעמקייט פון נייע מעגלעכע אי־לוזיעס. איידער וואָס און ווען האָט זי אָנגעהויבן מסכּים צו זיין אויפן שידוך.

איר פאָטער, ר׳ יהושיעלע קוטנער, האָט אויך נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות. דער נאָמען פון דעם גביר ר׳ שמעון ציליך איז אים נישט פרעמד געווען. איבערהויפּט האָט ער געהאַט אַ גרויסע מיינונג וועגן ר׳ שמעונס זיידעס, די גדולי־התורה און וועגן זייערע ספרים. מ׳האָט געשריבן ראשי־פּרקים. ר׳ שמעון ציליך האָט אויף די ראשי־פּרקים געשיקט בלויז אַ שליח און אַ פּאָר אוירינגלעך, אַלס אַ מתנה פאַר דער קאַלישער רביצין. ס׳האָט געהייסן: פּונקט איצטער איז ר׳ שמעון ציליך שטאַרק פאַרנומען אין זיינע געשעפטן און האַלט דערביי צו קויפן נייע וועלדער בשותפות מיט גרויסע און באַקאַנטע יידישע וואַלד־סוחרים און איז איצט ערגעץ טיף אין די וועלדער און אין די „הייף" פון פּוילישע פּריצים און קאָן נישט באַווייזן אַליין צו קומען זען די חשובה כּלה, די אַלמנה פון „נפש חיה".

אויף דער חתונה וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אין קוטנע, האָט די קאַלישער רביצין ערשט געזען אויף וואָסער וועג ס׳האָבן זי געפירט די זיסע רייד פון שדכן. רייד, וואָס האָבן זיך אַזוי וואונדער־לעך אויסגעמישט מיט אירע אילוזיעס און בענקשאַפטן. נאָר עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. אַלע טירן אויף צוריק זענען שוין געווען פאַרהאַקט. די געשריבענע ראשי־פּרקים זענען געשטאַנען פאַר איר ווי אַ טונקעלער מויער.

דער האָפּערדיקער מיוחסת, דער קאַלישער רביצין, איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, ווען זי האָט אָנגעקוקט איר באַשערטן. דער לאָדזשער גביר ר׳ שמעון ציליך, איז געווען אַ קליין דראָבנע יידל, וועלכן מ׳האָט קוים אָנגזען. ער האָט געהאַט אַ ווייסע טויטע באָרד, וואָס האָט אים פּונקט ווי דעם איידעם אירן, יוכבדס מאַן, דערגרייכט ביז צום בויך, און אַ פּאָר טויטע ווייסע ברעמען, וואָס זענען אים גע־וואַקסן ווי צוויי ווילדע בערד איבער די קליינע אויסגעלאָשענע אויגע־

לעך. אויך ער האָט געהאַט קליינע הענטעלעך און קליינע פיסעלעך, וואָס האָבן אויסגעקוקט, ווי צוליגעענישן צו דער לאַנגער טויט־ווייסער באָרד.

ר׳ שמעון ציליך איז געקומען מיט אַ כאַפּטע פון זיינע מקורבים, פרומע קאָזשעניצער חסידים, וואָס האָבן אומהיימלעך און פרום גע־שוויגן. בלויז ביים דאַווענען האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פון זיך משונה־ווילדע קולות און געמאַכט אויסטערלישע העויות. זיי, ר׳ שמעון צי־ליכס מקורבים, זענען געווען קליינע צווערג־יידעלעך, מיט ווילדע בערד, וואָס זענען ביי זיי אומעטום געוואַקסן אויף די באַקן, אין די אויערן, אויף די נעז און אין די נאָז־לעכער. ביי דער חופּה האָבן די קאָזשעני־צער מקורבים געזונגען טרויעריקע און ווּסטע ניגונים, געמאַכט העויות און געשאָקלט מיט די בערד. ר׳ שמעון ציליך איז געשטאַנען אונטער דער חופּה אין אַ ווייסן קיטל און האָט אויסגעקוקט ווי אַ מת, וואָס איז געקומען צו חלום. דער קאָלישער רביצין האָט באַגאַסן אַ קאַלטער אנגסטלעכער שוויים, ווען דער לאָדזשער גביר, ר׳ שמעון ציליך, האָט פון אונטער דער באָרד אָפּער אויסגעשטרעקט זיינע קליינע הענטעלעך זי מקדש צו זיין.

קאַפּיטל נײַן

די קאַלישער רביצין פֿאָרט קיין לאָדזש. שיקזאַל. אַ מײַזל שפּרינגט איר אַקעגן פֿון דער שראַנק. כּותל־מערבֿי־ייִדן. ר׳ שמעון ציליך און יוכבֿד׳ס מאַן. ריוואַטשע. וואו איז דער אַנזעצער? ר׳ שמעון ציליך דאַוונט מעריבֿ.

באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך די קאַלישער רביצין מיט אירע טעכטער פֿאַרנומען צו פֿאָרן קיין לאָדזש. אין די אָפּגעריסענע חדרים פֿון ר׳ יהושיעלע קוטנער זענען געווען אויסגעשטעלט געפּאַקטע קופֿערטס און קוישן, וואו מ׳האָט אַרײַנגעפּאַקט די אַלע קליידער, הייבלעך, שאַלן און וואַרשעווער קרינאַלינעס, וואָס די קאַלישער רביצין האָט געהאַט פֿאַר זיך און פֿאַר אירע טעכטער נאָך פֿון איר אַמאָליקן מלכות. די קופֿערטס זענען געווען ברייטע און רחבֿותדיקע, באַשלאָגן מיט מעש און אויך רעדלעך. ר׳ שמעון ציליך איז באַלד נאָך דער חתונה צוריק־געפֿאָרן מיט זײַנע קאָזשעניצער מקורבֿים קיין לאָדזש. ס׳האָט גע־הייסן, אַז עס רופֿן אים זײַנע מסחרים אין די גרויסע וועלדער, וואָס ער האַלט אין קויפֿן בשותּפֿות. די קאַלישער רביצין האָט אָפּגעאָטעמט, ווי נאָך אַ בייזן חלום. זי איז פֿאַרטון געווען אין פּאַקן זיך.

אין טאָג, ווען מען האָט געזאָלט אָוועקפֿאָרן קיין לאָדזש, איז שוין פֿון באַגינען אָן געשטאַנען אַ גרויסע באַלעגאָלישע בויד פֿאַר ר׳ יהושיע־לע קוטנערס בית־דין־שטוב. עטלעכע פֿערד זענען געשטאַנען אויס־געשפּאַנטע בײַם דישל, געדרייט מיט די ווײדלען און געפּרעסן „אַבראַק" פֿון די זעק, וואָס זענען זיי געווען צוגעבונדן צו די מײַלער. די באַלע־גאָלעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן די קופֿערטס און די קוישן און זיי אַרײַנגעשטעלט אין די טונקלקייטן פֿון דער בויד. דאַן איז די בויד שווער אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער בית־דין־שטוב און גענומען איר וועג קיין לאָדזש. עטלעכע שעה שפּעטער איז אַ לעדערנע קאַטש פֿאַר־

פאַרן פאַר דער בית־דין־שטוב. די קאַלישער רביצין און די טעכטער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער שווערער קאַטש. אויף די טרעפּלעך פון בית־המדרש זענען געשטאַנען אַלע ווייבער פון דער משפחה ווי אויך די נגידותטעס פון קוטנע. זיי האָבן זיך אַלע האַרציק צעזעגנט מיט דער קאַלישער רביצין און מיט אירע טעכטער און נישט אויפגעהערט צו ווינטשעווען מיט אַלערליי פרומע יידישע ברכות. דאָס שול־געסל איז פול געווען מיט קוטנער יידן, וואָס זענען געשטאַנען און געקוקט, ווי די קאַלישער רביצין פאָרט צו איר ניי מלכות אין לאָדזש. אויך יוכבדס מאַן, דער קליינטשיקער גרייז־גראָער איידעם, אין אַ נייעם פאַלטן און אין אַ ברייטן נגידישן קאַשקעט, האָט זיך אַ שוויגנדיקער געפּלאָנטערט צווישן די משפחה־ווייבער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טרעפּלעך און געווינטשעוועט. קיינער האָט אים נישט באַמערקט, ווי מ׳וואָלט אים איינגאַנצן פאַרגעסן. ערשט ווען די קאַלישער רביצין מיט די טעכ־טער זענען שוין געזעסן אין דער קאַטש, האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם איידעם און אים גערופן. דער איידעם האָט זיך אַ שוויגנדיקער און אַן איינגעבויגענער אַוועקגעזעצט אויפן געזעס אַקעגנאיבער די ווייבער.

די קאַטש איז אַוועקגעפאָרן אויפן וועג קיין לאָדזש.

נאָך אַ טאָג פאָרן איבער לענטשיץ און אָזערקאָוו איז די קאַטש מיט דער קאַלישער רביצין און מיט אירע טעכטער פאַרפאָרן פאַר ר׳ שמעון ציליכס הויז אויף דער אַלט־שטאָט אין לאָדזש. פאַרן טויער האָבן געוואַרט עטלעכע אַלטע ווייבער אין טיפע קופּקעס. דאָס זענען געווען די ווייבער פון ר׳ שמעון ציליכס מקורבים, די פרומע קאָזשע־ניצער חסידים. מ׳האָט די אָנגעקומענע געסט אַרויפגעפירט אין ר׳ שמעון ציליכס גבירישע דירה. מ׳האָט געמוזט גיין אויף אויסגע־דרייטע טרעפּ דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר אין וועלכן עס האָט זיך גע־שפּירט פאַרדומפּעצטער ווילגאַטש. די אַלטע באַקופּקעטע ווייבער האָבן די קאַלישער רביצין מיט אירע טעכטער געמוזט אָננעמען פאַר די הענט, כדי זיי זאָלן וויסן ווי צו גיין און נישט פאַלן איבער די אויס־געדרייטע טרעפּ. עס זענען געווען שוויגנדיקע און אומהיימלעכע ווייבער, די ווייבער פון ר׳ שמעונס מקורבים.

די סאַליעס, אין וועלכע די געסט זענען אַריינגעקומען זענען געווען

גערוימיקע פאַרצייטישע חדרים מיט גרויסע מאַסיווע אומגעלומפּערטע מעבל, גלייך ווי גאַנצע בנינים וואָלטן געשטאַנען אין ר' שמעונס חדרים. אויפן סופיט איז געהאַנגען אַ פאַרקאָפּטשעטע לאָמפּ מיט אַ געשפּאָלטן גלעזל. די דילן זענען געווען שמוציקע און פאַרוואָרלאָזטע. די פענצטער אין דער גאַס אַריין זענען געשטאַנען גרויסע און נישט פאַרהאָנגענע. די נאַקעטע קענגנאיבערדיקע מויער האָט ווי אַריינגעקוקט צו ר' שמעון ציליכן דורך די גרויסע נאַקעטע פענצטער. די קאָלישער רביצין מיט די טעכטער זענען געשטאַנען בייזאַמען און זיך אַרומגעקוקט. די פרעמדע ווייבער האָבן געשוויגן. באַלד האָט די קאָלישער רביצין באַמערקט ווי אויף דער וואַנט אין אַ טונקעלן שאָטן הענגט אײינגערעמט אין אַ שווערע גאָלדענע ראַם אַ גרויס בילד פון דער כותל־מערבי. פון די שאָטנס האָט דאָס בילד אַרויסגעקוקט מיט לעבעדיקער אומהיימ־לעכקייט. מ'האָט דאָרט געזען די אַלטע שטיינער פון דער הייליקער קלאָג־וואַנט, וואָס זענען שוואַרץ פון יידישע טרערן. די הייליקע שטיי־נער זענען באַשריבן געווען מיט שפּרוכן און הזכרות. אין די שפּאַלטן פון די שטיינער איז געוואַקסן אַ טונקעלער מאָך, וואָס ציט זיין יניקה פון די אייביקע טרערן פון יידן. נעבן דער הייליקער וואַנט אויפן בילד זענען געשטאַנען יידן מיט אויסטערלישע לאַנגע בערד און געקרייזלטע פּאות, אין ווינציקע אויסגעקראָכענע שטריימלעך און אין משונהדיקע שלאָף־רעק. זיי האָבן צוגעבויגן די קעפּ צו דער כותל־מערבי ווי זיי וואָלטן אין איר אַריינגערעדט. אַנדערע יידן אויפן בילד האָבן געהויבן די הענט אין דער הויך, געקנאַקט מיט די פינגער, ווי חסידים ביים דאַווענען, געמאַכט פאַרשיידענע פרומע העוויות. די יידן אויפן בילד פון דער כותל־מערבי האָבן אויסגעקוקט ענלעך צו די קאָזשעניצער חסידים, די מקורבים פון ר' שמעון ציליך, וואָס זענען געקומען מיט אים אויף איר, דער קאָלישער רביצינס, חתונה. איינער אַ קליינער גרייז־גראָער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס איז געשטאַנען צווישן די יידן ביי דער כותל־מערבי און האָט געשוויגן, האָט געכאַפּט אַן ענלעכקייט צו ר' שמעון ציליך אַליין.

אין צווישן — מ'האָט ניט געוואוסט פון וואַנען און פון וואו — האָט זיך ר' שמעון ציליך גופא באַוויזן פון צווישן די שענק. זיין בלאַס

פנים אינמיטן דער גרויסער גרויער באָרד האָט אומבאַהאָלפן געשמייכלט צו דער קאָלישער רביצין און ער האָט גערעדט צו איר עטלעכע ווער־טער. די קאָלישער רביצין האָט שווער אָפּגעזיפצט און אַ קוק געטון אויף אירע טעכטער. זיי זענען נאָך אַלע געשטאַנען אָנגעטון אין זייערע שוואַרץ־זײַדענע רייזע־מאַנטלען. ווען ר׳ שמעון ציליך האָט דער־זען דעם גראָען קליינעם איידעם, וואָס איז אומבאַמערקט געשטאַנען צווישן די ווייבער פון די מקורבים, די קאָזשעניצער חסידים, האָט זיך ר׳ שמעון ציליך פרייליכער אויסגעשמייכלט און דערלאַנגט אים זיין קליין הענטעלע אויף שלום־עליכם. אויך דער איידעם האָט זיך פריינט־לעך אויסגעשמייכלט. בעת זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענטלעך זע־נען זיי געווען אויסערגעוויינטלעך ענלעך צווישן זיך אין זייער געשטאַלט און פיזיאָנאָמיע. ס׳איז כמעט שווער געווען צו וויסן ווער עס איז דער יינגערער און ווער דער עלטערער.

ר׳ שמעון ציליך מיט יוכבדם מאַן האָבן אויף שטיל קוויטשנדיקע קעלעכלעך צווישן זיך געשמועסט, ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנ־טע. דערווייל איז די קאָלישער רביצין צוגעגאַנגען צו איינער פון די גרויסע מאַסיווע שענק. זי האָט געוואָלט אַ קוק טון אויף די באַלע־באַטישקייט, וואָס איז דאָ אויסגעפאַלן אויף איר גורל. די שאַנק־טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ ווילדן קוויטש און אַ קליין לעבעדיק מייזל איז אַרויסגעשפרונגען אַקעגן דער קאָלישער רביצין. פון אינעווייניק פון דער שאַנק האָט געיאָגט אַ פאַרשימלטער דומפּעץ. אויף די פאַרשטויב־טע פּאָליצעס האָט זי געטראָפן שטיין עטלעכע ליידיקע פלאַשן פון קידוש־וויין, אַ פאַרטריקנטן פאַראַיאָריקן אתרוג, עטלעכע אויסגעברענטע הבדלות און אַן אַלטן צעדריבלטן חסידישן גאַרטל.

די קאָלישער רביצין האָט טיף אויפגעזיפצט.

די קאָלישער רביצין מיט די טעכטער האָבן זיך ווי עס איז אויס־געטון. זיי האָבן אַלע געשוויגן און זיך אָנגעקוקט. די קאָלישער רביצין איז אויף טשיקאַוועסט אריין אין קיך. דאָרט איז געווען קאַלט און פינצטערלעך. די קיך אויסגעלאָשן. אַן אייזערנער טאָפּ איז געשטאַ־נען אויף די קאַלטע פייערקעס. ר׳ שמעון ציליך וואָס איז געשטאַנען

און שטיל געשמועסט מיט יוכבדס מאַן, האָט פּלוצלונג מודיע געווען, אַז ער מוז אוועקגיין צוליב עפּעס אַ גרויס געשעפט.

די טיר צום קאָרידאָר האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט מיט אַ געפּילדער און אין דער שטוב איז אַריינגעפאַלן אַ דיקלעכע טונקעלע יידענע מיט אַ הויך אויפגעקעמט שייטל. די יידענע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ כאָפּטע שמוציקע פאַרסמאַרקעטע קינדער. די קינדער זענען אַלע געווען שוואַרצע ווי ציגיינער. טייל פון זיי האָבן געשיקלט, און טייל האָבן הויך און וויינענדיק געפּאָנפּעט און געריסן די מוטער פאַרן פאַרטוך. די יידענע האָט זיך מיט ביידע הענט אָפּגעיאָגט פון די קינדער און געטיילט פעטש און קלעפּ אויף אַלע זייטן. אין דער מהומה האָט די יידענע נישט אויפגעהערט צו רעדן און צו שרייען. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף דער קאַלישער רביצין מיט אַ היסטעריש לאַכן. מיט אַ היימישקייט, ווי זי וואָלט זי שוין געקאָנט פון יאָרן, האָט די יידענע אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר דער קאַלישער רביצין די צרות, וואָס זי האָט פון דעם צעלאָזענעם קינדערוואַרג, און באַלד די קאַלישער רביצין גערופן שוויגער. „זאָל די שוויגער זען וואָסערע צרות מען שטייט אויס מיט זיינע קינדער. ביים טאַטעשי ר' זיינוועלע אין וואַרשע, האָט מען נישט געוואוסט פון אַזעלכע טייוולאָנים. —זיינע קינדער".

דאָס האָט די יידענע געמיינט איר מאַן, ר' שמעון ציליכס בן־יחיד, מאירל. דאַן איז די יידענע מיט אַ געוואַלטיקער היימישקייט אַרויפגעפאַלן אויף דער קאַלישער רביצינס טעכטער, זיי געקושט אין די מיילער און גערופן טייערע שוועגערינס און אינצווישן מיט די הענט געפּאַטשט און געקנייפּט די צעשריגענע פאַרוואָרלאָזטע קינדער. מיטאַמאָל האָט די יידענע מיט געשרייען, צוזאַמען מיט דער מחנה קינדער פאַרלאָזן די שטוב און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל, ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

ווען די קאַלישער רביצין מיט אירע טעכטער האָבן זיך ענדלעך מידע און ביטער־אַנטוישטע אוועקגעזעצט, האָבן זיך ווידער געהערט קולות הינטער דער טיר. דאָס מאָל מאַנסבילשע און ווייבערישע. דער עיקר האָט מען געהערט דאָס שרייענדיקע קול פון אַ יידענע.

ביי דער טיר האָט עס האַסטיק געקלאַפּט.

עטלעכע דערשראָקענע פאַרשלומפּערטע יידן און יידענעס זענען געשטאַנען ביי דער טיר. אין שפּיץ פון זיי האָט זיך געוואָלט אַריינרייסן אַ הויכע בלאַסע יידענע מיט אַ געל שייטל אויפן קאָפּ. זי האָט געפירט ביי דער האַנט אַ מיידל. —

— וואו איז דער גזלן, דער אָנזעצער? — האָט די הויכע יידענע געשריגן, — קומט יידן, לאָמיר דאָ אַלע ביי אים צעהאַקן. זאָל ער מיר אָפּגעבן דעם נדן, — האָט זיך די יידענע פלוצעם היסטעריש צעוויינט.

די קאָלישער רביצין האָט די יידענע אָנגענומען פאַר דער האַנט און זי געוואָלט אַריינפירן אין שטוב. ערשט דאָ איז די קאָלישער רביצין געוואָר געוואָרן, אַז ר' שמעון ציליך האָט אין לאָדזש געמאַכט אַ גרויסן באַנקראָט. ער איז שולדיק געלט אָרעמע יידן און אָרעמע כּלות און אלמנות. סך־הכּל באַהאַלט ער זיך אוים פאַר זיינע בעלי־חובות.

די קאָלישער רביצין איז געווען צו שטאָלץ כּדי צו וויינען. זי האָט נאָר אַ קוק געטון אויף אירע טעכטער מיט אַ בליק, וואָס האָט געזאָגט בולט געזאָגט, אַז אַלע בריקן אויף צוריק זענען פאַרברענט און אַז קיינער פון דער משפּחה אין קוטנע טאָר נישט וויסן פון דעם שווידערלעכן דורכפאַל. יחוס מוז זיך וויסן צו האַלטן אין אַלע אומשטענדן.

זיי האָבן זיך אַלע געפילט זייער מיד פון די שטאַרקע איבערלעבענישן, און זיך אויסגעזוכט בעטן און קאַנאַפּעס אין ר' שמעון ציליכס סאַליעס און זיך אוועקגעלייגט שלאָפן אָנגעטועגע.

ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען נאַכט. אויפן סופים האָט געברענט דאָס פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לעמפּל. פון צווישן אַ שאַנק האָט זיך געהערט אַ ווייסטער אומעטיקער ניגון. ר' שמעון ציליך איז דאָרט געשטאַנען ווי אַ שאָטן. ער האָט זיך געשאָקלט מיט אויסטערלישע פרעמדע העויות. ער האָט געדאַוונט מעריב. זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט אומהיימלעך געשימערט.

קאַפּיטל צען

די קאַלישער רביצין נעמט אויף איר גורל מיט ווירדע. יחוס איז מחייב. שלש-סעודות-שעה'ן ביי ר' שמעון ציליך. קאָזשעניצער חסידים און קאָזשעניצער ניגונים. ר' שמעון ציליך און זיינע מקורבים. הבדלה. בשמים-שמעקן. מע זינגט „ויתן לך".

די קאַלישער רביצין האָט אויפגענומען איר שיקזאַל מיט אמתער ווירדע. דער יחוס־שטאָלץ האָט געהערט צום כאַראַקטער פון איר לעבן און זי איז בייגעשטאַנען דעם נסיון. די דריי פרויען האָבן זיך אַנגעהויבן איינצוואָרדענען אין זייער טראַגישן מצב. קיין קוטנע האָט מען געשריבן די בעסטע בריוו און געלאָזט אַלעמען האַרציק גריסן. זיי האָבן די שטאָט לאָדזש נישט אָנגעקוקט אויף די אויגן — רק גע־זעסן אין דער היים און געזעסן ביים פענצטער, אַראָפּגעקוקט אויף דער קענגאַיבערדיקער נאַקעטער מויער. פּאַמעלעך האָבן אַלע דריי צוזאַמען צוריק אויפגענומען די זיסע שמועסן פון די אַלטע גוטע צייטן און וועגן די וואַרשעווער גבירים און זייערע פירערכצן. ר' שמעון ציליכן האָבן זיי כמעט ווי נישט באַמערקט. דער לאָדזשער גביר האָט זיך ווי אַ ווינציקער שווייגנדיקער שאָטן אַרומגעדרייט צווישן די שענק. בייטאָג איז ער קנאַפּ געווען אין דער היים. אין די אָוונטן האָט זיך געהערט זיין טרויעריקער זינג־זאַנג בעתן דאַווענען. אָדער ער האָט זיך גאָר אין דעם שיין פון אַ גראָשנדיק ליכטל אוועקגעזעצט ביי אַ „של"ה" אָדער אַ „שבט מוסר" און וויינענדיק אין זיך אריין, געברומט ווי פון פרומע יענע־וועלטישע נויטן.

נאָר איין מאָל אין דער וואָך, ווען ס'איז געקומען די שלש־סעודות־צייט האָט זיך געשטאַרקט די אומהיימלעכקייט אין ר' שמעון ציליכס „סאַליעם". די קאַלישער רביצין האָט זיך געפילט ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אַ חורבה פון געשפּענסטער. זי איז געוואוינט געווען צו די טונקעלע גאָטספאָרכטיקע שעהן פון שלש־סעודות. דאָס וואָס עס

האט זיך אָבער אָפּגעטון אין די דאָזיקע שעהן דאָ — ביי ר׳ שמעון ציליכן אין הויז, איז אויך פאַר דער פרומער קאָלישער רביצין געווען אימהדיק און מוראדיק. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט אירע טעכטער אין אַ ווינקל. זיי האָבן זיך צווישן זיך צונויפגעטוליעט און מיט אינערלעכן פרומען פחד פאַרנומען, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין דער פינצטער ביי ר׳ שמעון ציליכס שלש־סעודות־טיש. באַלד ווי עס האָט נאָר אָנגע־הויבן צו טונקעלן האָבן זיך ביי ר׳ שמעונען אין עס־שטוב אָנגעהויבן צו זאַמלען זיינע מקורבים, די פרומע קאָזשעניצער חסידים. אין די טונקעלע שבת־שעהן זענען זיי געקומען איינציקווייז, אין וויסטע צע־ריסענע אַטלעסענע קאַפּאָטעס און מיט אויסגעקראָכענע ווילדע שטריימ־לעך אויף די קעפּ. שוין הינטער דער טיר האָט זיך געהערט דאָס טרויעריקע און פרומע געברום פון אַ קאָזשעניצער חסיד. אַריינקו־מענדיק אין שטוב האָט ער נאָך טיפער און אומעטיקער געברומט און צוגעקנאַקט מיט די פינגער. אַזוי זענען זיי געקומען איינציקווייז און זיך אַוועקגעזעצט אין די טונקלקייטן פון שלש־סעודות־טיש. אויבנאָןביים טיש אין אַ טיפן לעדערנעם שטול איז געזעסן ר׳ שמעון ציליך אַליין, אָנגעטון אין אַ גרויסן גבירישן שטריימל, וואָס איז אים כמעט אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן. וואָס פינצטערער עס איז געוואָרן אין שטוב, אַלץ וויסטער אומעטיקער און איינטאָניקער האָבן זיך געהערט די פרומע וויינענדיקע ניגונים מיט וועלכע די קאָזשעניצער חסידים האָבן אין די פאַרכצומע שלש־סעודות־שעהן געזונגען זייערע זמירותן. עס האָט זיך אויסגעדוכט: די פרומע יידן ביי דער כותל־מערבי, וואָס זענען אויפגעמאָלטע געהאָנגען אויף ר׳ שמעון ציליכס וואַנט און זע־נען אין זייער פיזיאָנאָמיע, הילוך און העויות אַזוי אומהיימלעך ענלעך געווען צו ר׳ שמעון ציליכס קאָזשעניצער מקורבים. אויך זיי, די היי־ליקע ירושלימער יידן, זענען איצטער אין די שבתדיקע טונקלקייטן, אַראָפּגעקראָכן פון דער וואַנט, זיך אַוועקגעזעצט צווישן די קאָזשעניצער חסידים און זינגען מיט זיי מיט די אומעטיקע זמירותן פון שלש־סעודות. דער קאָלישער רביצין מיט אירע טעכטער אינעם ווינקל ביים פענצטער איז קאַלט געוואָרן. אין דער שטוב האָבן זיך געטראָגן די ריחות פון יענער־וועלט.

גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ווען די הימלען זענען שוין גוט אויסגעזייט געווען מיט שטערן, און אין די יידישע פענצטער פון דער לאָדזשער אַלט־שטאָט האָבן שוין לאַנג געברענט די ליכטער, — האָט איינער פון ר׳ שמעונס מקורבים אָנגעצונדן אַ ליכט. פון די שבתדיקע פינצטערנישן האָבן זיך טריב אַרויסגעשיילט די פאַרגלאָצטע און באַוואַקסענע פּנימער פון די פרומע קאָזשעניצער חסידים. זיי האָבן נאָך אַלץ געזונגען זייערע זמירותן און כמעט ווי נישט באַמערקט דאָס אָנגעצונדענע ליכט. ערשט ווען איינער פון זיי איז אַרויפגעקראָכן אויפן טיש און אָנגעצונדן די פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לאָמפּ אויפן סופיט, האָט זיך דאָס פרומע שלש־סעודות־געזאַנג פּאַמעלעך געלאָשן און אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָכדעם ווי ר׳ שמעון ציליך מיט זיינע מקורבים האָבן געדאַוונט מעריב און זיך צעשאָקלט צווישן די שענק האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאַכן הבדלה.

ר׳ שמעון ציליכס הבדלה איז געווען אַן אמתע געצנדינערישע צערעמאָניע. די קאָזשעניצער חסידים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום ר׳ שמעונען מיט אַלערליי אָנגעצונדענע הבדלות. פאַרביקע און געפלאָכטענע הבדלות. די הבדלות האָבן זיך רויכערנדיקע פונאַנדערגעפלאַקערט אַרום דער גרויער טויטער געשטאַלט פון ר׳ שמעון ציליך. ר׳ שמעון ציליך האָט געהאַלטן פאַרגליווזט די אויגן. די לאַנגע ווייסע באָרד האָט געציטערט אַרום זיין פּנים. איינער פון די קאָזשעניצער חסידים האָט אַרויפגעשטעלט אויף ר׳ שמעונס קליינע אויסגעשטרעקטע הענטעלעך דעם גרויסן אַלט־זילבערנעם, הבדלה־בעכער פול מיט וויין. דער וויין האָט זיך געגאָסן איבער די ראַנדן פון דעם בעכער, וואָס האָט מיטגעציטערט מיט ר׳ שמעונס הענטעלעך. דער וויין האָט זיך פונאַנדערגעטריפט איבער ר׳ שמעונס פינגער. די הבדלות האָבן געפלאַקערט. ר׳ שמעון האָט הויך און מיט אַ טרויעריקן ניגון געמאַכט הבדלה. ווען ס׳איז געקומען צו „בורא מיני בשמים” האָבן אַלע קאָזשעניצער חסידים באַגלייך מיט ר׳ שמעון ציליכן אָנגעהויבן צו צערייבן אין זייערע הענט אַלערליי געטריקנטע געווירצן, טרוקענע שמעק־בלעטער, אויסגעדאַרטע לולב־בלעטער און אַלטע פאַרטריקנטע אתרוגים, וואָס זענען געווען

באשטאכן מיט געווירצן. ר׳ שמעון אליין האט פונאנדערגעעפנט די טירן פון א גרויסע זילבערנע בשמים־ביקס און דארט טיף ארייננגע־שטעקט די נאז. ס׳האט זיך אנגעהויבן א פרום און אומהיימלעך גע־שמעקעריי צווישן די קאזשעניצער חסידים. ביי „בורא מאורי האש״ האבן זיך אלע הענט פון ר׳ שמעונס מקורבים צוגעשטעקט צו די צע־פלאקערטע פלאמען פון די הבדלות. נאכדעם ווי ר׳ שמעון ציליך האט געענדיקט דאס הבדלה־מאכן האט זיך פונדאסניי אנגעהויבן דאס טרויע־ריקע קאזשעניצער געזאנג. ר׳ שמעון, א זינגענדיקער, האט אויסגעגאסן אויפן טיש די רעשטלעך ווייַן פון זיין הבדלה־בעכער און די קאזשעני־צער חסידים האבן אנגעהויבן צו לעשן די הבדלות אין די נאסקייטן פונעם אויסגעגאסענעם ווייַן. אינעם מוצאי־שבת האט זיך פארשפרייט דער זיסער וואקס־רויך פון געלאשענע הבדלות. ר׳ שמעון ציליך מיט זיינע קאזשעניצער מקורבים האבן גענומען באנעצן זייערע פינגער מיט דעם פארגאסענעם ווייַן אויפן טיש, און מיט די נאסע פינגער זיך אויסגעווישט די אויגן און אויך די טאשן פון זייערע הויזן און די טאשן פון די אטלאסענע קאפאטעס.

נאך דער דאזיקער עבודה האט זיך ר׳ שמעון ציליך א מידער אנידערגעזעצט אין זיין טיפע לעדערנע שטול. ארום אים האבן זיך אויסגעשטעלט די פרומע קאזשעניצער חסידים און אנגעהויבן צו זינ־גען אן אלטן קאזשעניצער „המבדיל״.

ווען ר׳ שמעון האט ענדלעך פארריכערט זיין מוצאי־שבתדיקן ציגאר, האט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אריינגעקומען זיין בן־יחיד מאירל. ער איז געווען א הויכער טונקעלער יונגערמאן מיט א נגידיש בייכל און מיט א שווארץ קיילעכדיק בערדל, וועלכעס האט דערוועקט א גרויסן חשד, אז ס׳איז א קאפעטשקע אונטערגעשוירן. מאירל האט געטראגן א קליין סאמעטן היטל אויפן קאפ און ברייטלעך געריכערט א ציגאר. ער האט ר׳ שמעונען געזאגט „גוט וואך״ און אנגעהויבן מיטצוזינגען דעם „המבדיל״ מיט די קאזשעניצער חסידים.

באלד האט זיך געהערט א ראשיק גערודער הינטער דער טיר און די הויכע היסטערישע קולות פון ר׳ שמעון ציליכס אייניקער שנור,

ריוועשע. זי איז אַריינגעפאַלן אין דער מוצאי־שבת־שטוב צוזאַמען מיט דער גאַנצער מחנה פון אירע פאַרוואַרלאָזטע קינדער. זי האָט גע־טיילט פּעטש און סטוסאַקעס אויף אַלע זייטן. מיט אַ ווילד לאַכן איז זי אַרויפגעפאַלן אויף דער קאַלישער רביצין און איר געזאָגט: גוט־וואָך, שווינגער־לעבן.

ר׳ שמעון ציליך מיט זיינע מקורבים האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן „ויתן לך״.

קאַפּיטל עלף

גליקלעכע בריוולעך פון לאָדזש. מע לאָזט אַלעמען גריסן. עס רעגנט מיט גאָלד אין לאָדזש און יידן שטעלן אונטער די פּאָלעס. געוואַלד, וואָס שווייגט ברוך גזשיוואַטש? די העק הערן זיך אין די וועלדער אַרום לאָדזש און ביימער פאַלן ווי די פליגן. לאָדזשער גליקן וואַרטן אויף מיין פאָטער.

אין קוטנע האָבן אַלע געגלויבט, אַז די קאָלישער רביצין איז שוין ווידער אויף אַ ניי מלכות. ווייבער האָבן געזאָגט, אַז מ'זעט באַשיימפּערלעך ווי דאָס מזל פון דער קאָלישער רביצין לייכט אין הימל און זי איז געבוירן געוואָרן אין גאָלדענע שיכעלעך. דער הויפּט־אינטערעס פון דער קוטנער משפּחה — נאָכדעם, ווי מ'האָט אַזוי מזלדיק באַשטאַט די קאָלישער רביצין — האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף דער נייער משפּחה־געשעעניש, נעמלעך: דער פאַרעקשנטער אָסמולסקער פּריץ ברוך גזשיוואַטש איז גערופן געוואָרן צו ר' יהושיעלען און דער קוטנער גאון האָט באַשלאָסן, אַז חיים אברהם (מיין פאָטער) זאָל ענדלעך פאַרלאָזן די אָסמולסקער פוסטע פעלדער און זיך אַריינציען אין אַ שטאָט מיט יידן. מ'האָט געשמועסט, אַז דער אָסמולסקער גביר וועט זיך דאָ אין קוטנע אויסבייטלען פאַר זיין עילוישן איידעם. קוטנער יידן זענען געקומען צו דער באָבע לאה מיט פאַרשיידענע פּראָיעקטן, און מ'איז געגאַנגען איבער דער שטאָט זוכן דירות פאַרן יונגן גבירישן פּאָר־פאָלק. אויך צו דער קאָלישער רביצין אין לאָדזש איז דערגאַנגען די שמועה, אַז דער גביר ברוך גזשיוואַטש זוכט אין קוטנע אַ דירה פאַר זיין בת־יחידקעלע מיט איר מאַן, און ער איז גרייט אויפצושיטן אַ נייעם נדן, כדי דער יונגערמאַן זאָל, אַחוץ אין תורה, אויך אָנהויבן עפּעס צו טון אין מסחר, אָדער גאָר קויפן איינע פון די גרויסע דאַמף־מילן אין קוטנע און פירן אַ מעל־געשעפט, צוזאַמען מיט אַן ערלעכן שותף, אַ פאַכמאַן, פאַרשטייט זיך. אַן איידעם פון אַזאַ גביר וועט איבער הונ־

דערט און צוואַנציק יאָר איבערנעמען די מיליאָנען און די גיטער. ער טאָר נישט בלייבן קיין בטלן.

וואָס אומעטיקער און האָפנונגסלאָזער די קאַלישער רביצין האָט געזען איר מצב אין לאָדזש, אַלץ טיפער און ווייטיקלעכער זענען געוואָרן אירע בענקשאַפטן צו דער קוטנער משפחה. אין די אומהיימלעכע פוסטקייטן פון ר׳ שמעון ציליכס „סאַליעס" האָט זי זיך דערמאָנט אין דער פרייַלעכער פּראָווינצישער היימישקייט אין די מלמדישע חדרים פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, און אין דער פשוטער אוממיטלבאַרקייט פון די דאָזיקע מענטשן. זי האָט געבענקט צו האָבן עמעצן נעבן זיך פון דער קוטנער משפחה, צו וועמען זי זאָל זיך פילן נאָענט אין דער טראַגישער האָפנונגסלאָזיקייט אין וועלכער זי האָט זיך איצטער אַרייַנבאַקומען, אַ האָפנונגסלאָזיקייט וואָס וועט זיך אפשר קיינמאָל נישט ענדיקן. אפשר וועט זי מוזן אַלט ווערן און פאַרברענגען אירע יאָרן אין די דאָזיקע טרויעריקע „סאַליעס" צווישן מענטשן וועלכע קומען דוכט זיך עפּעס פון טויט און פון קברים. איר איז קאַלט געוואָרן ביי דעם דאָזיקן געדאַנק. אין איר האַלדז האָבן געשטיקט טרערן פון פאַרלאָזנקייט.

איינציקווייז איז ביי איר רייף געוואָרן דער געדאַנק אַלצדינג צו טון און אָנצושפּאַנען די גאַנצע אַמאָליקע ענערגיע אירע, וואָס איז אַן אויסגעלאָשענע געלעגן אין אירע ביינער, און זיך צו באַמיען, אַז אָנשטאָט קוטנע, זאָל זיך דאָס יונגע פּאָר־פאָלק ציען קיין לאָדזש. זי וועט האָבן עמעצן ביי זיך אין דער דאָזיקער אומהיימלעכער פרעמדער שטאָט. איר וועט ווערן וואַרעמער אין איר עלנטקייט.

די קאַלישער רביצין האָט אָנגעהויבן עפּטער צו שרייבן בריוו קיין קוטנע פול מיט באַוואונדערונג פאַר דער שטאָט לאָדזש און פאַר די לאָדזשער יידן. יידן פירן דאָ געוואַלטיק גרויסע מסחרים מיט גאָר דער וועלט. אין לאָדזש וואַלגערן זיך די גאָלדענע געשעפטן ממש אין די גאַסן. יידן האָבן דאָ נישט בלויז קרעמלעך און האַנדלען מיט פּריצים, נייערט זיי האָבן גרויסע פאַבריקן און ווערן נתעשר. פאַבריקן — דאָס זענען גאָלד־גרובנס נישט בלויז ווען זיי שטייען גאַנצע און מאַכן סחורות, נייערט אפילו ווען זיי ווערן אָפּגעברענט, האַנדלען יידן

מיט אָפּגעברענטע פאַבריקן און זענען מצליח. אויך פון שרפות ווערן דאָ יידן גליקלעך. טאָג־טעגלעך זעט מען דאָ משוגענערווייז פאָרן די פייערלעשער און ס׳קלינגט אויף שרפה. אָבער קיינער שרעקט זיך נישט דערפאַר, ווי די קוטנער יידן, ווען ס׳געשעט אַ שרפה, למשל, אין קוטנע. פאַרקערט: די נשרפים פרייען זיך גאָר, מחמת, זיי זענען אסעקורירט אויף שווערע טויזנטער. דאָס איז לאָדזש. אַזוי האָט די קאַלישער רביצין גאָר אָפּט אהיים געשריבן בריוו קיין קוטנע וועגן לאָדזש, לאָדזשער גליקן און לאָדזשער יידן און געלאָזט הארציק גריסן אַלעמען פון דער קוטנער משפחה. אַן אַנדער מאָל האָט זי דערציילט פון לאָדזשער יידיש־קייט און ווי לאָדזש איז אָנגעשטאָפּט מיט תורה. נישט בלויז די פאַבריקן רויכערן זיך און יידן האָבן נישט קיין צייט צו עסן, מחמת עס ברענט דער מסחר, נאָר פון די פילע בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך, וואָס זענען ברוך־השם דאָ אין לאָדזש איבעראַל און אומע־טום שאַלט דאָס קול פון תורה. לאָדזש האָט גרויסע לומדים און שאַרפע קעפּ, וואָס זיצן טעג און נעכט על התורה ועל העבודה, פירן ישיבה און לערנען „שיעור". אויך די דאָזיקע לומדים זענען מטופל מיט פרנסה ביז איבערן קאָפּ, מחמת, לאָדזשער יידן האָבן בסדר צווישן זיך בוררותן, דין־תורהס און לאָדענישן. און די לאָדזשער לומדים ווייזן דאָ וואָס זיי קענען, גליכן אוים יידישע סכסוכים און פאַרדינען דערביי שטיקער גאָלד. הכלל לאָדזש איז אַ שטאָט אויף אַלע יידן געזאָגט, און עס איז איר אויפריכטיקסטע עצה, אַז אויב מ׳וויל טאַקע חיים אברהמלען דערציען אויף תורה און מסחר, איז קוטנע דערצו נישט דאָס אָרט. קוטנע אַנטקעגן לאָדזש איז אַ פינצטערער בטלנישער העק. יידן וויסן דאָרט, אין קוטנע, פון גאָרנישט אחוץ פון האַלטן קרעמלעך און האַנדלען מיט תבואה אָדער מיט מעל. פּאַרצייטיקע מסחרים. דער גביר ברוך גזשיוואַטש האָט מיליאָנען. וואָס קען מען אין קוטנע מאַכן מיט מיליאָנען? נאָר לאָדזש איז אַ שטאָט, וואָס קער זיך אָן מיט מיליאָנען און ווייסט וואָס מיליאָנען זענען, און דאָ קען דער יונגערמאַן אויסוואַקסן צו אַ גרויסן למדן און אַ גרויסן סוחר צי פאַבריקאַנט און ווערן אַ שיינדל אין דער משפחה — וואָס איז גלייך צו אַ שיינדל אינמיטן די יידן אין פוילן. און — דאָס האָט זי

צוגעשריבן אין אירע בריוו — זי אליין, די קאָלישער רביצין, הייסט עס, וועט האַלטן אַ מוטערלעך אויג אויפן יונגן פּאָר־פאָלק. אויך דער גרויסער פריינט פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, דער אַלעקסאַנדערער רבי ר׳ יחיאל, וואוינט סך־הכל אַ שעה פון לאָדזש און ער וועט אויך האַלטן אַן אויג אויפן יונגנמאַן. אחוץ דעם זענען אַרום לאָדזש פאַראַנען גרויסע וועלדער. יידישע וואַלד־סוחרים פון גאַנץ פּוילן האַקן דאָרט די וועלדער און מאַכן פאַרמעגנס. נישקשה, ר׳ ברוך גזשיוואַטש מעג אויך זיין אַ בעלן אָנצוקוקן די אַלטע וועלדער אַרום לאָדזש, און אפשר אויך ווערן צו זיי אַ שותף.

די קאָלישער רביצין האָט געזען, אַז אירע עצות זאָלן דערגייין צום זיידן ברוך אין אַסמולסק. קיין אַסמולסק איז געקומען אַ ייד אַ מעקלער פון לאָדזש. אַ שוואַרצער ייד מיט אַן עלעגאַנטע טוכענע קאַפּאָטע און מיט אַ דיקן ציגאַר אין מויל, וואָס האָט אויסגעקוקט מיוחסדיק און אַריסטאָקראַטיש אַקעגן דעם זיידן ברוכס וואָלוועלע שאַרפע ציגאַרן. דער ייד האָט באַוויזן לאַנג צו האַלטן די אַש אויף זיין אַריסטאָקראַטישן ציגאַר און דערביי מיט אַ שאַרפן חיתוך־הדיבור — נישט געאיילט — דערציילט דעם זיידע ברוך פון די אַלטע פינצטערע וועלדער אַרום לאָדזש. ארזי לבנון. די טאַרטאַקן, וואָס שטייען דאָרט אין מיטן די וועלדער שניידן ברעטער און קאָנען ממש נישט דעריאָגן די גרויסע הצטרכותן וואָס לאָדזש האָט אויף געהילץ. וואָרעם לאָדזש וואַקסט ווי אויף הייוון. אַלע טאָג קומען צו מויערן און פאַבריקן, וואָס יידן בויען. און דערצו ברענט לאָדזש יעדן טאָג. וואָרעם יידן ברענען. גאַנץ לאָדזש שטייט אין אַ מהומה פון שפע און עס רעגנט מיט גאָלד. יידן באַדאַרפן ברעטער סכנות־נפשות, און די אַלטע וועלדער אַרום לאָדזש פאַלן ווי אין אַ מגפה. מע האַקט בוימער און מע שניידט געהילץ. דער זיידע ברוך האָט אפילו אין זיינע וועלדער ניט געהאַט קיין טאַרטאַקן, ער האָט נישט געהאַלטן פון די אַלע ניי־מאָדישע אויסטראַכטענישן און געשניטן זיין האָלץ אויף דעם אופן, ווי מ׳האָט עס געטון אין פּוילן זינט הונדערטער יאָרן. אָבער דאָס שאַרפע צינגל פון לאָדזשער מעקלער האָט געוואוסט ווי אויסצומאָלן פאַרן זיידן ברוך דאָס לאָקנדיקע עשירות פון די אַלטע וועלדער אַרום לאָדזש. דער־

הערנדיק פון וועלדער האָט דער זיידע ברוך תמיד אויפגעשפּיצט די אויערן, און די טירן צו זיין געמיט און פאַנטאַזיע האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן פונאַנדערצועפענען. דערצו האָט דער זיידע ברוך גע־וואוסט, אַז זיין בת־יחידקעלע מוז אוועק פון אַסמולסק און אַז דעם קאַמף מיט דער באָבע לאה האָט ער פאַרשפּילט אויף אַלע פראָנטן. איידער קיין קוטנע, וואו ער וועט שטענדיק זיין אַנמעכטיק קעגן דער באָבע לאה און ר׳ יהושיעלע קוטנער, איז שוין גלייכער לאָדזש. ער האָט שוין געהערט, ווי עס רוישן דאָרט זיינע וועלדער. דערצו האָט ער זיך — אַלס וואָפן — אויך געוואָלט פאַרשאַפן אַ צד אין דעם גרויסן יחוס אַרום ר׳ יהושיעלע קוטנער. קיין בעסערן און שטאַרקערן צד, ווי די קאַלישער רביצין וועט ער נישט געפינען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער זיידע ברוך בשותפות מיט וואַרשעווער וואַלד־סוחרים האָט אָפּגעקויפט די וועלדער פון לאַגעווניקי נישט ווייט פון לאָדזש. קוטנע האָט געקלונגען, אַז ברוך גזשיוואַטש וועט דאָ פונדאַסניי נתעשר ווערן, און זיין איידעם וועט ווערן אַ לייבלעכער שותף צו די וועלדער און אַריינגיין אין דעם רומל פון די באַרימטע יידישע וואַלד־סוחרים אין פוילן.

די אויסזיכטן האָבן געלאָקט אַפילו די באָבע לאה. מיינע יונגע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין דעם פוילישן אַמעריקע, אין דער אויסטערלישער שטאָט לאָדזש.

קאַפּיטל צוועלף

מיר קומען אויף אַן אַלטע פֿריצישע קאַטש צופֿאָרן קיין לאָדזש. דאָס איז לאָדזש! ייִדן אויף לאָדזשער גאַסן. מויערן און קוימענס. די הימלען פֿול מיט רויך. אַסמולסקער אויבסטן פֿאַרשמעקן אונזער טונקעלע לאָדזשער דירה. עופֿות פֿילדערן. בענקשאַפֿטן צום דאָרפֿישן אינדרויסן.

ווען אַן אַלטע פֿריצישע קאַטש געשפּאַנט אין פֿיר שוואַרצע קאַרע פֿערד איז מיט אונדז אַרײַנגעפֿאָרן אין דער שטאָט לאָדזש, בין איך אַלט געווען בײַ אַ זעקס יאָר. איך בין געווען מיד פֿון דער לאַנגער נסיעה און פֿון זיצן אַרײַנגעדריקט צווישן אַלערליי פּעק און פּעקלעך. כ'האָב געדרימלט. איך בין פּלוצעם אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון דעם גרויסן און האַרטן גערויש ווען אונדזער קאַטש איז אַרויף אויף די שטיינער פֿון די ברוקירטע גאַסן פֿון לאָדזש. אין די גאַסן האָט זיך געהערט אַ האַרט און אומאויפֿהערלעך געקלאַפּעריי, וואָרעם זיי זענען פֿול געווען מיט דראָשקעס און מיט הויכע אָנגעלאָדענע סחורה־פֿורן, און זיי אַלע האָבן זיך געטרייסלט איבער די שטיינער. מײַנע עלטערן האָבן נײַגעריקע אַרויסגעקוקט דורך די קאַטש־פֿענצטער. מײַן פֿאָטער האָט געזאָגט צו מײַן מוטער:

— דאָס איז לאָדזש.

איך האָב מיך צוגעקריגן צום פֿענצטער. האָב איך מיך דאָך אַזויפֿיל אָנגעהערט פֿון לאָדזש. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין גרויסע שטאָט. אין דאָרף אַסמולסק האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז לאָדזש געהער עפּעס צו די מעשיות פֿון זיידע ברוך. דעם פֿעטער אבֿרהמקעס דערוואַקסענע זין, וואָס האָבן געאַרבעט אין לאָדזש שנײַדערײַ, פֿלעגן אויף יום־טובֿ צוריקקומען פֿון לאָדזש קיין אַסמולסק. זיי זענען געקומען שטאָטיש אויסגעפּוצטע, אין פּאַפּירענע קראַגנס און מיט קליינע טובענע היטעלעך, וואָס זענען זיי וואַוילעריש געזעסן אויף די קעפּ. זיי זענען שעמעוודיקע אַרײַנגעקומען צו דער באָבע חיה איר צו זאָגן גוט־יום־טובֿ. די באָבע חיה האָט זיי מכבד געווען מיט אויבסט און מיט יום־טובֿדיקן לעקעך. איך האָב אויף זיי געקוקט, אויף די לאָדזשער שנײַדער־געזעלן, ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון וואונדערלעכע וועלט־מרחקים. זיי האָבן זיך טיילמאָל מיט מיר אַוועקגע־

זעצט אונטער אַ בוים אין אונדזער סאַד, און האָבן מיר דערציילט פון לאָדזש, און מיר געזונגען לידלעך, אין וועלכע עס האָט זיך גערעדט פון אויסטערלישע לאָדזשער פּאַסירונגען. איצטער זע איך עס — דאָס לאָדזש.

מיר זענען געפאָרן איבער לאַנגע גאַסן. ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען אַ וועלט אָן אַ הימל און אָן אַ בוים. אַ וועלט פון געלע נאַקעטע שטיינערנע מויערן. שורות פון אָפּגעריסענע נאַקעטע הייזער־שטאָקן באַזעצט מיט פענצטער און פענצטערלעך. אומעטום וואו מען האָט זיך אומגעקוקט האָבן פון צווישן דער וועלט פון געשטיין ארויסגעשטאַרצט הויכע קוימענס און זיי האָבן שוואַרץ גערויכערט אין די הימלען אריין. די גאַסן הימלען, וואָס האָבן זיך ווי פרעמדע געצויגן איבער לאָדזש און ווי פאַרבלאָנדזשעטע געהאָנגען אין די הויכענישן איבער די דעכער, זענען געווען פאַרדומפּעצט מיט לאָדזשער רויך. אומעטום האָט זיך געפילט דער שטויביקער רויך פון לאָדזש און די לאָדזשער לופט איז געווען אַ טייל פון אים און זי איז געווען האַרט און רוי ווי דאָס געשטיין פון די לאָדזשער מויערן. אין די רינשטאָקן, וואָס האָבן זיך געצויגן פּאַזע די גאַסן, וואו מיר זענען געפאָרן, זענען שטראָמיק געפלאָסן שמוציקע און פאַרביקע וואַסערן, וועלכע האָבן געפּאַרעט און געהאַט אַן איבלדיקן ריח, ווי זיי וואָלטן ארויסגעפלאָסן פון די קעסלען פון גהינום. טיילמאָל זענען מיר פאַרבייגעפאָרן אַ הויכע רויטע מויער מיט קליינע פענצטערלעך. די מויער האָט ווי געציטערט פון אַ ווילדער קלאַפּעריי אין איר אינעווייניק, און דורך די פענצטערלעך האָט מען געזען, ווי עס דרייען זיך רעדער און עס ציען זיך לעדערנע פּאַסן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַבריק. אויך פון די פאַבריקן אין לאָדזש האָבן מיר דערציילט דעם פעטער אברהמקעס זין. אויף די גאַסן האָט זיך וואָס אַמאָל מער געשטאַרקט די ענגשאַפט פון פורן און דראָשקעס. זיי האָבן זיך צווישן אַנאַנדער פאַרפּלאָנטערט, ווי אין אַ משוגענעם תוהו ובוהו. די פערד האָבן דערשראָקענע געהירזשעט אינמיטן דער מהומה. די באַלעגאָלעס אויף די דראָשקעס און אויף די הויך־אָנגעפּאַקטע וועגענער האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן אויף די פערד, געשריגן איי־

נער אויפן אנדערן און געפלוכט אין דער מהומה פון לאָדזשער גאַסן. די דערנעבנדיקע טראָטואַרן, וואָס זענען פאַרוואַרלאָזטע און שמוציקע געלאָפן פאַזע די הייזער, האָבן זיך געטומלט מיט יידן. פאַרשיידענע און אַלערליי יידן. יידן, וואָס זענען געגאַנגען צופרידענע און בנעימותע, האָבן געטראָגן שטעקנס אין די הענט און געדרייט פאַפּיראָסן. יידן, וואָס האָבן זיך ניט געאיילט און געגאַנגען אין צווייען און גע־שמועסט. ס'זענען אויך געלאָפן האסטיקע, פאַרטשמייעטע און פאַר־טראַכטע יידן, יידן וואָס האָבן קיין צייט נישט, יידן וואָס איילן זיך כסדר. אויך די טויערן פון די הייזער, פון וואַנען עס האָבן אַרויס־געקוקט לאַנגע טונקעלע הויפן, זענען געווען פול מיט שמועסנדיקע יידן און מיט פאַרהאַוועטע יידן. נאָר אינמיטן גאַס, וואו עס זענען געפאָרן די וועגענער האָט מען געזען גויים. אויף די טראָטואַרן האָט מען געזען בלויז יידן. אַזוי איז לאָדזש געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן.

ענדלעך איז אונדזער דראָפּישע קאַטש אַריינגעפאָרן אין איינעם פון די לאַנגע און טונקעלע לאָדזשער הויפן. יעדער פון די דאָזיקע הויפן איז געווען אַ קליין מיניאַטור לאָדזש. און אינעווייניק האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלביקע וואָס אויף די לאָדזשער גאַסן. פאַרוואָר־לאָזטער ברוק, רינשטאָקן מיט פאַרביקע שטינקנדיקע וואַסערן, דראָש־קעס און הויכע אָנגעפּאַקטע וועגענער מיט סחורה. קראָמען און אַ טומל פון לויפנדיקע יידן.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין אונדזער נייער דירה, ערגעץ־וואו אינמיטן פון דעם לאַנגן לאָדזשער הויף, האָט מיר די לעגענדע לאָדזש פאַמעלעך אָנגעהויבן צערונען צו ווערן. איך האָב מיך דערמאָנט די זוניקע רחבותדיקע חדרים אין אונדזער אָסמולסקער „הויף", פון וואו מ'האָט געזען די פרייע בלויע הימלען, די ווייטע פעלדער, די אויבסט־בוימער פון אונדזער סאָד. שטענדיק האָט מען דאָרט געהערט, ווי עס זינגען פייגל צווישן די בוימער, און אין די אָוונטן דאָס קוואַקען פון פרעש אין דער דערנעבנדיקער סאַדזשאַווקע. איך האָב מיך דער־מאָנט דעם זיידן ברוכס מעשיות און זיינע שפּאַצירן מיט מיר צווישן די אַלטע טאָפּאָלן אויפן סטאַראָפּאָליער וועג. די טשערעדעס שאָף,

וואָס האָבן געמעקעט און געשמעקט אויף די פעלדער מיט זייער פעטער וואָל. איך האָב מיך דערמאָנט די פערד און די קי אונדזערע, און די פויערים און פויערטעס אין זייערע קאָלירטע לייוויטשער הלבשות. דאָס אַלצדינג האָט פאַר מיר אויסגעקוקט אַזוי אוממעגלעך ווייט. מיין קינדעריש האַרץ האָט געוויייטיקט אין נאָגנדיקער בענקשאַפט. מיר האָבן זיך איצט געפונען ווי איינגעשלאָסענע אין עטלעכע טונקעלע חדרים. די געל־באַשמירטע דילן האָבן נאָך געקלעפּט פון זייער פרישער פאַרב. אויך די ווענט האָבן געשטיקט מיט דער פרישקייט פון זייערע שאַרף־בייסיקע פאַרבן. דורך די פענצטער האָט זיך געהערט די אייביקע מהומה פון אַ לאָדזשער הויף. מיר, וואָס זענען געקומען פון דאָרף, האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי פאַרשעמטע. די דילן פון אונדזערע חדרים האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט דעם געפּעק, וואָס דער אָסמולסקער פורמאַן האָט אָנגעהויבן אַרויפצוטראָגן פון דער קאָטש. איך האָב געקוקט מיט קנאה אויפן דאָרפישן גוי און אויף אים געוואַלט דערקענען אָסמולסק. ערשט ווען ער האָט אַרויפגעבראַכט דאָס טונדל אויבסט, וואָס די באָבע חיה האָט אונדז מיטגעגעבן, און דער ריח פון די אָסמולסקער עפּל האָט זיך פאַרשפּרייט אין אונדזערע לאָדזשער חדרים, האָב איך געקריגן פייכטע אויגן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָסמולסק שמעקט פונדאַסניי אַריין דורך אונדזערע פענצטער. דאַן האָט דער גוי געבראַכט אַרויפצוטראָגן אַ שטייג מיט הינער און אינדיטשקעס און אַ קליין שטייגל מיט טויבן, אויך אַ מתנה פון דער באָבע חיה. די אָסמולסקער עופות האָבן געוואָרקעט אין אונדזער נייער לאָדזשער דירה.

באַלד איז געקומען די קאָלישער רביצין מיט אירע טעכטער. די קאָלישער רביצין אין אַ טונקעלן מאַנטל פון אַ רביצין און די טעכטער אין עלעגאַנטער גרויס־שטאָטישער הלבשה. די געסט האָבן זיך פרײַנטלעך צעקושט מיט מיין מוטער און אונדז אַלעמען געווינטשעוועט. פאַר מיר האָט די קאָלישער רביצין געבראַכט לאָדזשער צוקערלעך און פאַר מיינע עלטערן אַ באַזונדערס חשובע מתנה, נעמלעך, גרויסע מעשענע ביישטידלען צו מזוזות, אויף אָנצוקלאַפּן ביי די טירן פון אונדזער לאָדזשער דירה.

קאַפּיטל דרייצן

לאַדזשער „חדר". ברונעמער און ציגן. ר' אַהרן מיטן קאַנטשיק. די יביצין און איר טעכטערל. חומש-לאַנדשאַפטן אין ר' אַהרנס „חדר". אויף אַ סחורה-פור אין אַ לאַדזשער אויפדערנאַכט.

אין אַסמולסק האָב איך נישט געוואוסט פון קיין חדר. דעם ערשטן אלף־בית האָט מיך געלערנט דער זיידע ברוך. מיין שפּעטערע דערציונג האָט איבערגענומען מיין פאָטער. ווען מיר זענען געקומען קיין לאַדזש, האָב איך שוין געקענט היבשלעך עברי. אין לאַדזש האָט מען מיך דאָס ערשטע מאָל געגעבן אין אַ חדר אריין.

דאָס חדר איז געווען וויטלעך פון אונדז, ערגעץ־וואו העכער אויף דער לאַנגער פּעטריקאָווער גאַס, אין יענער געגנט, וואו עס האָבן געוואוינט די בירגערלעכע דייטשן. דאָס חדר האָט זיך געפונען אויף אַ לאַנגן הויף, וואָס איז בלויז געווען אין דער העלפט באַבויט מיט אַ וואַנט פון אַ צווויי־שטאָקיק הויז — אַ הויז אין וועלכן ס'האָט תמיד מהומהדיק געווימלט, ווי אין אַ צערייצטן בינשטאָק. ס'האָט זיך אויסגעדוכט: אין דעם דאָזיקן מויער וואוינען עפּעס, ווי אַנצייליקע צאָלן מענטשן. די אַנדערע זייט הויף איז געווען פּוסט און פאַר־שטעלט מיט אַ פּלויט פון צעלעכערטע הילצערנע ברעטער. די ברעטער זענען געווען באַשמירט מיט שווארצער גלאַנציקער סמאָלע, וואָס איז שוין פון לאַנג געווען איינגעטריקנט און זי האָט זיך געקרישלט. דורך די לעכער אין די ברעטער האָט מען געקענט אריינקוקן אין דעם שכנות־דיקן הויף. דער שכנותדיקער הויף איז ענלעך געווען צו אונדזער הויף אויף דער האַר. ער האָט אויסגעקוקט, ווי אַ שפּיגל, וואָס שפּיגלט בלויז אָפּ אונדזער הויף. די ערד פון אונדזער הויף איז שטענדיק געווען באַשיט מיט אַ שווארצן שטויב פון קוילן — הגם קיין אמתע קוילן האָט מען קיינמאָל נישט געזען. אזוי ווי לאַדזש איז תמיד

געווען אויסטערליש און תמיד געקאַנט איבעראַשן, איז דאַ אויף דעם שוואַרץ־פאַרשטויבטן הויף — אין מיטן לאָדזש — געשטאַנען אַן אַלטער פאַרמאַכטער ברונעם, ווי אין אַן אָפּגעלעגן פּוילישן דאָרף. אַן איינציקע ווייסע ציג האָט זיך ארומגעדרייט אויפן הויף. זי איז תמיד געווען איינגעריסט פון סאַזשע, קיינמאָל נישט ארויסגעגעבן פון זיך קיין קול, נייערט אָדער געשטשיפּעט דעם מאָך פון דעם ברונעם, אָדער אַריינגעשטעקט די באָבערדלטע מאָרדע אין אַ לאָך פון דעם פּלויט און אַריינגעקוקט אינעם אַנדערן הויף. דאָרט איז נישט געווען קיין ברונעם, נאָר אַ נייער גרינער פּלומפּ. אויך דאָרט האָט זיך ארומגעדרייט אַ ציג. נאָר אַ שוואַרצע ציג.

דאָס חדר, וואו איך האָב געלערנט, איז געווען אין אַ קליין הילצערן הייזל מיט קליינע טריבע פענצטערלעך, מיט אַ צעפוילטן האַלבצעליינגטן שינדל־דאַך, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אַמאָל אוועקגעשטעלט אַ פאַרבלאָנדזשעטע טויב, — און מיט אַ קליינעם צעבראָכענעם קוימען, וואָס האָט זיך קאַרג געריכערט. אויסגעקוקט האָט עס, ווי אַן אָרעם הייזל, ערגעץ אין אַ קליין יידיש שטעטל אין פּוילן. אָבער געשטאַנען איז עס גראָד אינמיטן לאָדזש, אונטער די פאַרקאָפּטשעטע לאָדזשער הימלען. אַרום אין די הויכענישן אַריין האָבן געשטאַרצט די אומצאָליקע הויכע לאָדזשער פאַבריק־קוימענס, ווי אַ צעשאָטענער נאַקעטער וואַלד, וואָס הענגט אין דער לופטן און רויכערט זיך. ערגעץ־וואו נישט ווייט פון אונדזער חדר האָט זיך אומאויפהערלעך געהערט דאָס רוישיקע געקלאַפּעריי פון אַ פאַבריק.

דער רבי האָט געהייסן אהרן. ער איז געווען אַ הויכער דאַרער ייד, אַ ביסל אַן איינגעבויגענער, מיט אַ בלאַס קרענקלעך פּנים, מיט בלויע וואַסערדיקע אויגן און אַ לאַנגע און שיטערע געלע באָרד, פון צווישן וועלכער מ׳האָט ארויסגעזען די גאָמבע. ער האָט כמעט ווי נישט געהאַט קיין וואָנצעס. ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָבן זיך באַוויזן גרויסע געלע און אויסגעשטשירעטע ציין, וואָס האָבן אַנגעוואָרפן אַן אימה. פון די ציין האָט זיך אויך געטראָגן אַן איבלדיק־זויערלעכער און פרעמדלעכער ריח, גלייך ווי אינעווייניק, אין ר׳ אהרנס מויל וואָלט זיך עפּעס געטון. ער איז געווען אַ פאַרמרה־

שחורהטער ייד. זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן געוואָרפן אַן אומעט און ער האָט כּסדר געטראָגן אין דער האַנט אַ קאַנטשיק. הגם ער האָט דעם קאַנטשיק קיינמאָל נישט באַנוצט, וואָרעם בטבע איז ער געווען אַ שטילער נידערגעשלאָגענער ייד, וואָס האָט נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט, איז געווען צופרידן, אַז מען טשעפּעט אים נישט. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער געלער באָרד, האָט ער אַליין געציטערט אימת־מות פאַר זיין ווייב, די רביצין, פאַר זיין טעכטערל, דאָס בת־יחידקעלע און פאַר די צוויי באַהעלפערס. די רביצין, דאָס טעכטערל און די באַהעלפערס האָבן געשיינט צו זיין איין פאַרביסענער צד, וואָס זענען שטילערהייט דערגאַנגען ר׳ אהרנען די יאָרן, האָבן אים געמאַכט פאַר אַ לעמעשקע אין שטוב און אויף אים אָנגעיאָגט די שרעק פון אַן אונמעכטיקן. אַזוי פון אויבן אויף איז, דוכט זיך, געווען שטיל אין חדר מצד דער משפּחה און די באַהעלפערס. די ווייבער זענען געווען פאַרביסענע שוויינערינס. די רביצין איז כּמעט תמיד געזעסן אויף אַ פּוסבענקעלע נעבן דער קיך, געשיילט קאַרטאָפליעס, אָדער אַן אומעטיקע אַריבער־געקוקט, ווי ר׳ אהרן, אַ בלאַסער און אין אַ הויכער פאַרפּעצטער יאַרמל־קע זיצט אויבנאָן ביי אַ לאַנגן הילצערנעם טיש, אַרום אים די תּלמידים ביי צעריסענע, אויפגעמישטע חומשים, און ר׳ אהרן, ווי געוויינטלעך, האַלט דעם קאַנטשיק אין דער האַנט און לערנט חומש. אויך ר׳ אהרנס בת־יחידקעלע איז אינגאַנצן געווען ענלעך צו אים. אַ הויכע און אַ געלע מיט גרויסע אויסגעקרישלטע ציין און מיט אַ געלן פאַר־פּעדערטן צאָפּ. זי איז געווען אַ שווייגעדיקע און מיט בייז־פאַרביסענע ליפּן. תמיד האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט, נאָר געטון האָט זי גאָרנישט. די באַהעלפערס, איינער אַ הויכער אויסגעדאַרטער בחור מיט אַ שיקלדיק אויג, און דער צווייטער אַ נידעריקער און אַ דיקלעכער, שווין מיט אַ היפּש בערדל — זיי זענען געזעסן ביי אַ טיש נישט ווייט, וואו ר׳ אהרן האָט געלערנט חומש און האָבן געטייטלט מיט גרויסע טייטלעך אין אויפגעמישטע סידורים און געלערנט מיט די קלענערע ייִנגלעך עברי און אלף־בית. אַלע האָבן געוואוסט, אַז אַט די פיר מענטשן טוען דאָ יעדער באַזונדער

זיין ארבעט און קערן זיך, דוכט זיך, איינער מיטן אנדערן גאָרנישט אָן, אָבער שטילערהייט ארבעטן זיי צוזאַמען ר' אהרנען צו פאַרביטערן דאָס לעבן און צו מאַכן ארום אים א גהינום.

איך האָב נאָך דערוויל נישט געלערנט חומש ביי ר' אהרנען. הגם איך האָב שוין היבשלעך געקענט עברי, בין איך אַלץ געזעסן צווישן די קליינע יינגלעך ביי איינעם פון די באַהעלפערס און גע־לייענט פון סידור. אָבער איך האָב געלייענט מעכאַניש, וואָרעם דער גאַנצער קאָפּ איז מיר געלעגן ביי יענעם טיש, וואו דער בלאַסער ר' אהרן איז געזעסן מיטן קאַנטשיק און געלערנט חומש.

ער האָט געלערנט חומש מיט א וואונדערלעכן זינג־זאַנג. ווען כ'דערמאָן מיך היינט צו טאָג דעם דאָזיקן זינג־זאַנג, דוכט זיך מיר אויס, אַז אין ר' אהרנס חומש־ניגון האָט מען געהערט ווי עס גייען די קעמל־קאַראַוואַנען איבער די וועגן פון כנען און איבער די אומעטיקע וויטקייטן פון מדבר. מ'האָט פאַרנומען די ליבשאַפט פון די אָבות צו די אמהות און צו די וואָרעמע און צניעותפולע שיינקייטן פון די חומשדיקע פרויען. מ'האָט געפילט, ווי עס שמעקן די זעלטענע בוי־מער אין גן־עדן און נעבן די ברעגעס פון טייך חדקל. די צעריסענע חומשים אויף ר' אהרנס טיש האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פרומע און זיסע לאַנדשאַפטן און זיי האָבן מיך געלאָקט צו זיך. אין דעם היל־צערנעם הייזל, וואו ס'איז געווען אונדזער חדר האָט זיך פאַרשפּרייט די וואָרעמקייט פון אַלטע לעגענדארישע צייטן. די רביצין ביי דער קיך האָט געשיילט קאַרטאָפליעס. די באַהעלפערס האָבן געטייטלט אין די סידורים. אין דרויסן דורכן פענצטער האָט מען געזען ווי די ווייסע ציג אויפן הויף שטשיפּעט דעם מאָך פון דעם אַלטן דאָרפישן ברונעם.

ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן ווינטער. די טעג קירצער און די אָוונטן לענגער. פאַר אונדזער חדר איז פאַרפאָרן א גרויסע לאָדזשער פור אָנגעפּאַקט מיט סחורה. זי איז געקומען נאָך א יינגל פון אונדזער חדר שמחה ווישליצקי. שמחה ווישליצקי איז געווען דאָס מוזיניקל ביי א רייכן יידישן לאָדזשער פאַבריקאַנט. טאַטע־מאַמע עלטערע מענטשן. אַזוי ווי מיר האָבן געוואוינט נישט ווייט פון שמחה וויש־

ליצקים היים, האָט ר׳ אהרן מיך צוזאַמען מיט אַ באַהעלפער מיטגע־שיקט מיט דער גרויסער פור.

ס׳ערשטע מאָל האָב איך מיך געפונען צווישן לאַדזשער סחורות. זיי זענען געווען ווייך און ווארעם און ארויסגעגעבן פון זיך ריחות, וואָס האָבן געשמעקט מיט די עקזאָטישע לאַנדשאַפטן פון אַ סמאָליקער „יענער־וועלט״. איך האָב מיך דערמאָנט אין די פורן היי, קאָרן און ווייץ פון אונדזער דאָרף אַסמולסק. די גרויסע סחורה־פור איז געווען געשפּאַנט אין צוויי מאַסיווע ריזיקע פערד, וואָס האָבן פון הינטן אין דער טונקלקייט, אויסגעקוקט ווי צוויי העלפאַנטן. די פור האָט זיך הויך געטרייסלט איבערן לאָדזשער ברוק. לאָדזש איז אין די אָוונטן געווען פינצטערלעך. די לאַנגע פּעטריקאָווער גאַס האָט אויסגעקוקט ווי אַ טיפער אומענדלעכער טאָל פון צוזאַמענגעפּרעסטע שאָטנס. ערגעץ־וואו האָט געברענט אַ גאַסן־לאָמפּ. אין די טונקלקייטן פון די טראָטוארן האָט עס געווימלט מיט יידן. אינמיטן דער גאַס זענען געפאָרן דראָשקעס מיט קליינע אָנגעצונדענע לאָמטערלעך. איבער די פאָרנדיקע סחורה־פורן האָבן זיך געוויכערט צעפלאַקערטע שטור־קאַצן. אויך פון פאָרנט פון אונדזער פור האָט געפלאַקערט אַ שטור־קאַץ און זי האָט רויט באַלויכטן די העלפאַנטישע הינטער־טיילן פון די איינגעשפּאַנטע פערד.

אין אונדזער לאָדזשער דירה האָט שוין געברענט דער אויוון און ס׳איז געווען ווארעם. ביים טאַטן אין שטוב זענען געווען עטלעכע אַלעקסאַנדרער חסידים — יידן פון וועלכע עס וועט מיר נאָך שפּעטער אויסקומען צו דערציילן. מ׳האָט מיר אויף וועטשערע געגעבן מאכלים, וועלכע איך האָב ביי דער באָבע חיה אין אַסמולסק קיינמאָל נישט גע־געסן, נעמלעך, ווארעם שטאָטיש ברויט אָנגעשמירט מיט גענדזן־שמאַלץ און אַ גלאָז שטאַרק אָפּגעצוקערטן טיי.

קאַפּיטל פערצן

שמחה ווישליצקי און זיין גבֿיריש הויז־געזינט. אַ לאָדזשער גבֿירישע שטוב. מע אײַלט זיך. די וואונדער־פייגל וואָס פליען פון אַלע וועלט־מרחקים קיין לאָדזש. ר׳ חיים יאַנקל ווישליצקי סדר׳ט וועקסלען. די גבֿירטע ווישליצקי צווישן לאָדזשער בעטלערקעס. נחמן פון קעלער. מיר גייען קריאַת־שמע לייענען.

פּאַמעלעך האָב איך מיך אָנגעהויבן איינצוגעוואוינען צו לאָדזש און צום חדר. מיין דאָרפישע שעמעוודיקייט לגבי די שטאָטישע חדר־יינגלעך איז אײַנציקווייז פאַרשוואונדן און איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען חברים צווישן די יינגלעך אין חדר. דעם ערשטן ווייל איך דערמאָנען שמחה ווישליצקין, מיט וועלכן איך בין מיטגעפאָרן אין דער סחורה־פור. ער איז געווען אַ צעבאַלעוועט גביריש בן־זקונימל. ער האָט שטענדיק געהאַט פולע טאַשן מיט צוקערלעך, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין מוטער און פון זיינע חתונה־געהאַטע שוועסטערן. אַלע האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט. חוץ דעם האָט שמחה ווישליצ־קי ביי זיך תמיד געהאַט קופּערנע און אַפילו זילבערנע מטבעות. דאָס האָט ער אויך באַקומען צוגעשטעקט פון זיין גרויסער משפחה. איך האָב נישט געוואוסט, אַז אַ קליין יינגל קאָן ביי זיך האָבן געלט, וואָרעם געלט איז אַן ענין פאַר דערוואַקסענע יידן. איך האָב דעריבער געקוקט אויף שמחהן מיט גרויס דרך־ארץ און האָב עם געהאַלטן פאַר אַ גע־וואַלטיקן כבוד, וואָס איך האָב נושא־חן געווען אין זיינע אויגן, ער וויל זיך מיט מיר חברן און איז מיך מכבד מיט די אויסטערלישע לאָדזשער מעדנים, וועלכע ער שלעפּט אַרויס פון זיינע טאַשן. שמחה ווישליצקיס טאַשן זענען געווען אמתע אוצרות פון גוטע זאַכן און פון זיי האָט זיך געלאָזט שעפּן, ווי פון טונקעלע ברונעמער. שפּע־טער, ווען כ׳בין מיט שמחהן געוואָרן גוט חבר, האָט ער מיך אויך אַרויפגענומען צו זיך אהיים. ס׳איז געווען אַ טיפּישע לאָדזשער גביריש־

פאַבריקאַנטישע שטוב מיט אַ סך חדרים אין וועלכע ס'האָט אייביק געהערשט אַן אייליקע מהומה. עפּעס תמיד האָט מען דאָרט נישט געהאַט קיין צייט. הגם ס'זענען דאָרט געווען נגידישע און גערוימיקע חדרים — און ביינאַכט האָבן שוין געברענט גאַז־לאָמפּן — האָט מען זיך דאָרט געפילט ווי אינמיטן פון איינער פון די טומלדיקע לאָדזשער גאַסן. די טירן האָבן געקלאַפּט פון אַריין־ און אַרויסגייער. די טישן זענען תמיד געווען געגרייט אי צום אָנבייסן אי צום מיטאָג — מחמת די משפחה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו עסן צוזאַמען און אַלע האָבן געהאַוועט און זיך געאיילט. ס'איז געווען אַ גרויסע משפחה, מיט אַ סך ברידער און אַ סך שוועסטער. און אַלע האָבן זיך געאיילט, ווי אויף אַ יריד. ווען טייל משפחה זענען אין דער שטוב געגאַנגען אין פּאַלטנס, און אפילו אַריינגעכאַפּט דעם מיטאָג גייענדיק אין די פּאַלטנס — וואָרעם די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיי געברענט פון גרויס איילעניש — האָבן זיך די אַנדערע גאָר געהאַלטן ביים אויסטון זיך און וועקגעלייגט זיך שלאָפן אין די שטענדיקאויפגעבעטע בעטן. אויך די טעכטער — זיי זענען געווען גרויסע און בלאָנדע און ענלעך צו זייערע ברידער — האָבן זיך געאיילט און געגעסן זייערע מאָלצייטן נישט אין די זעלביקע שעהן. די איינציקע צערטלעכקייטן, וואָס כ'האָב געזען אין דער דאָזיקער שטוב און דער איינציקער, צו וועמען אַלע האָבן אַרויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט, איז געווען דאָס בן־זקונימל שמחה, וועמען די צעיאָכמערטע ברידער האָבן נישט פאַרגעסן צו קנייפּן אין די בעקלעך און אים צו געבן קליינע זילבערנע מטבעות, און די בלאָנדע שוועסטערן זענען אים אינמיטן דערינען באַפּאַלן, ליידנשאַפטלעך געקושט און אים אָנגעשטופּט די טאַשן מיט נאַשערייען און צוקערלעך. פון שמחהס קאַפּאָטע האָט זיך טאַקע געפילט דער ריח פון דער דאָזיקער גביריש־צעטומלטער שטוב און דער ריח פון זיינע ברידער און שוועסטער. אָט־אָ דעם ריח האָט ער מיט זיך מיטגעטראָגן אפילו צו ר' אהרנען אין חדר און אויף דער גרויסער סחורה־פּור אין וועלכער מיר זענען אַהיימגעפאָרן אין די אָוונטן.

די אמתע באַלעבאַטים פון אָט דער לאָדזשער נגידישער שטוב האָט מען כּמעט קיין מאָל נישט געזען. דאָס זענען געווען עלטערע מענטשן. זיי,

הייסט עס, האָבן עס געמאַכט דאָס גרויסע פאַרמעגן. איצטער אַר־בעטן די זין ביי דער פאַבריק און האַנדלען מיט די סוחרים, וואָס קו־מען פון אַלע רוסישע ווייטענישן איינצוקויפן וואַרעמע וואָל־טיכער ביי דער פירמע ווישליצקי. די אַלטע זיצן אין געשעפט, גיבן בלויז עצות און פאַרען זיך ביי די לייכטערע אַרבעטן. דער באַלעבאָס אַליין, ר׳ חיים יעקל ווישליצקי, איז געווען אַ ייד מיט אַ הדרתדיקער ווייסער באָרד, שטענדיק אַן אויסגעקעמטע און אַ געקעכלטע. ר׳ חיים יעקל איז געווען אַ רואיקער און אַ שווייגער. אינמיטן דעם פּסדרדיקן טומל פון זיין הויז־געזינט, האָט ער שטענדיק ווי אַפּוועזנדיק גע־שמייכלט, געזעסן ביי דער קאַסע, געציילט געלט און צוזאַמענגעסדרט די גרויסע שטויסן וועקסלען.

וועקסלען — דאָס איז געווען דאָס בלוט פון לאָדזש און די וואונדער־פייגל, וואָס זענען געפלויגן אַרום די אייביק־פאַרהאָוועטע לאָדזשער יידן, גערייצט זייער פאַנטאַזיע, און געבערענגט זיי גליק אין לעבן. לאָדזשער יידן האָבן צו וועקסלען געהאַט אַ גרעסערן און טי־פערן חשק, ווי צו געלט. אַקעגן די ווערט־סימבאָלן פון געלט־פּאַ־פירלעך, זענען די פּאַפירלעך פון וועקסלען טויזנט־פאַך סימבאָלישער. אַבסטראַקטער. מ׳זעט בחוש, ווי די אומבאַקאַנטע וועלט־ווייטענישן פאַרוואַנדלען זיך אין אָט־אָ די הויפנס ווייסע באַשריבענע פּאַפירלעך, וואָס פליען פון אַלע עקן פון גרויסן און ווייטן רוסלאַנד גלייך אין די טאַשן אַריין פון לאָדזשער יידן. די פּאַפירלעך זענען אויפן וועג גע־וואַקסן. לענגער געוואָרן אין די מרחקים. אויף זייערע רוקנס האָבן זיי געטראָגן אויסטערלישע חתימהלעך און געציקלטע אונטערשריפטן, וואָס לאָדזשער יידן האָבן גאָרנישט געקאָנט לייענען און נישט געוואָלט לייענען. ס׳זענען געווען אַפילו כינעזישע און פּערסישע אונטער־שריפטן. מ׳האָט געזען באַשיינפערלעך, ווי די גאַנצע וועלט פאַרעט זיך אַרום דעם פאַררויכערטן צעהאָוועטן לאָדזש און אַרום די צעטומל־טע לאָדזשער יידן, די יידן אויף די טראָטואַרן און אין די לאַנגע טונ־קעלע לאָדזשער הייף — די וועלט אין די אומבאַקאַנטקייטן פון אירע מרחקים, שלינגט איין די סחורות פון לאָדזשער יידן און שיקט זיי

צוריק וועקסלען, וועקסלען און וועקסלען. אַ, אַ וואונדערלעכע וועלט, די וועלט אין וועלכער לאָדזש רויכערט אַריין מיט אירע קוימענס!

ר׳ חיים יעקל ווישליצקי, באַגלייך מיט אַלע לאָדזשער יידן, האָט זיי מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט געסדרט אָט־אָ די הויפנס וועקסלען. דאָס איז ביי אים געווען אַ גרויסע עבודה. פון תענוג האָט ער אַ שווייגנדיקער געשמייכלט. די הדרתדיקע ווייסע באָרד זיינע האָט כמעט ווי געלויכטן אין די טונקלקייטן פון ר׳ חיים יעקלס קאַבינעטל.

ר׳ חיים יעקל ווישליצקי האָט ליב געהאַט לאָדזש, איר רויך, די וואָלענע טיכער פון זיין פאַבריק. דער עיקר האָט ער ליב געהאַט וועקסלען. לאָדזש האָט זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין פאַפּיר. לאָדזש האָט באַקומען פליגלען אין דער געשטאַלט פון די וועקסלען, און לאָדזש איז געפלויגן און געפלויגן איבער דער שטחלאָזער וועלט.

שמחהס מאַמע, די אַלטע ווישליצקי, ר׳ חיים יעקלס ווייב, איז אויך געווען עוסק במסחר. זי האָט זיך נישט געמישט אין דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט. דאָרט איז זיך נישט געווען וואָס צו מישן, מחמת דעם אייביקן תוהו־ובוהו און דער מהומה, וואָס האָט געהערשט אַ גאַנצן טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט — ווען טייל פון די הויז געזינטן האָבן נאָר געגעסן מיטאָג, טייל האָבן געכאַפּט אַ קערטל, און טייל זענען אויסגעשלאָפענע אויפגעשטאַנען פון די בעטן און זיך אָנגעהויבן אָנצוטון. ווער עס האָט דאָרט געפירט די באַלעבאַטישקייט, ווייסט קיינער נישט. סיידן די דינסטן אַליין, וועלכע זענען געקומען קיין לאָדזש פון אַלע פּוילישע שטעטלעך, האָבן געדינט ביי ר׳ חיים יעקלען אין קיך יאָרן־לאַנג, און זענען ערשט פון דאָרט אוועק צוריק אין זייערע שטעטלעך חתונה האָבן. זיי זענען אוועק מיט אָנגעזאַמלטע נדנים און מיט גרויסע קוישן אויסשטייער, וואָס זיי האָבן געזאַמלט במשך די לאַנגע יאָרן אין ר׳ חיים יעקלס קיך. אין ר׳ חיים יעקלס קיך האָבן אויך געבאַלעבאַטעוועט אַלערליי יידענעס א״ג „איינגייערקעס״, וואָס האָבן דאָרט אַריינגעבראַכט פולע קוישן מיט עופות, מיט מילכיקס, מיט פאַרשיידענע עסנוואַרגן און אַנדערע לאָדזשער כל־טובן. זיי האָבן זיך ביי קיינעם נישט געפרעגט

צי מ'דאַרף יאָ זייערע סחורות, צי נישט. זיי האָבן געברענגט, אוועק־געשטעלט אין קיך און גענומען געלט אָן חשבון. וואָרעם תמיד האָבן זיי געמאָנט, גענומען פאַראויס, אָפּגעצאָלט מיט עופות און אַנדערע זאַכן. עס איז געווען אַ פּלאָנטער, וואָס האָט זיך געצויגן אויף יאָרן. קיין קלאָרן חשבון האָבן נישט געוואוסט נישט די „איינגייערישע" יידענעס און נישט ר' חיים יעקלס ווייב. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין קיך — אָבער זי האָט געגעבן געלט און גע־צאָלט חשבונות. זי האָט נישט געפרעגט וואו און וויפיל, מחמת זי האָט קיין צייט נישט געהאַט צו חשבונען זיך מיט די יידענעס, וואָס האָבן אַלע פרימאָרגן און במשך דעם גאַנצן טאָג געטראָגן קוישן אין אירע שטובן אריין. און דאָס איז דערפאַר — וואָס ר' חיים יעקלס ווייב האָט געהאַט אַ באַזונדערן אַמט אין דער גרויסער טומלדיקער קראָם פון וואָלענע טיכער. נעמלעך:

די יידישע בעטלערקעס פון באַלוט האָבן זיך אין געוויסע טעג פון דער וואָך געלאָזט כאַפּטעסווייז איבער די לאָדזשער שטובן און קראָמען. אינמיטן דעם גרויסן ברען פון מסחר און משא־ומתן האָבן זיי דאָרט געמאָנט זייערע גראָשנס. אָט־אָ די בעטלערקעס האָבן ביי דער אַלטער פרוי ווישליצקי געקויפט טיכער, אין וועלכע זיי האָבן איינגעהילט זיך און זייערע פּיצלעך קינדער, וואָס זיי האָבן מיטגע־נומען אויפן „שנאָר". די טיכער האָבן אַלע באַלוטער בעטלערקעס געקויפט אויף „אויסצוצאָלן" ביי ר' חיים יעקלס ווייב. און די דאָ־זיקע יידענע האָט געפירט „בוך" פון אַלע לאָדזשער הויז־קבצנים, זייע־רע נעמען, זייערע אַדרעסן, און וויפיל עס קומט פון זיי אַרויס. דעם חשבון מיט די בעטלער האָט די אַלטע ווישליצקי געפירט אויפן פּינקט־לעכסטן אופן. אַלע פּרייטיק, ווען די בעטלערקעס זענען „פּאַרטיק געוואָרן" מיט לאָדזש, זענען זיי מחנותווייז געקומען צו ר' חיים יעקלען אין קראָם, אין אויסטערלישע רייען זיך אַרומגעשטעלט אַרום ר' חיים יעקלס ווייב, אַרויסגענומען די גראָשנס, וועלכע זענען געלעגן פאַרבונדן אין שמוציקע טיכלעך און אָנגעהויבן אויסצוציילן גראָשנ־ווייז פאַר ר' חיים יעקלס ווייב דאָס, וואָס עס קומט איר אויפן חשבון. די אַלטע ווישליצקי האָט איעדער בעטלערקע געקענט ביים נאָמען

און צונאָמען, געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן אין דער שנאָרע־רישער באַלעבאַטישקייט אַ סך מער, ווי זי האָט געוואוסט אין איר אייגענער שטוב. זי האָט געוואוסט וויפיל יעדע בעטלערקע „מאַכט" אַ וואָך. דאָ האָט זי זיך נישט געלאָזט נאַרן, די אַלטע ווישליצקי. זי האָט יעדע בעטלערקע אָנגערופן ביים נאָמען, אויף איר געשריגן און אַרויסגעריסן די שמוציקע טיכלעך פון די דאַרע בעטלערישע הענט און געציילט די גראָשנס, פון וועלכע עס האָט זיך געשפּירט אַן איבל־דיקער ריח. אַרום דער אַלטער ווישליצקי אויפן טיש זענען געלעגן פולע הויפנס מיט לאָדזשער גראָשנס, פונקט ווי אויפן טיש פון ר' חיים יעקלען זענען געלעגן די הויפנס וועקסלען. מיט אָט די גראָשנס האָט זי געצאָלט די חשבונות פון די „איינגייערקעס" אין איר שטוב, און די חשבונות פון די שניידערס, שוסטערס און אַנדערע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר איר הויז־געזינט. דאָס נגידישע הויז פון ר' חיים יעקל ווישליצקי האָט געלעבט פון די גראָשנס, וואָס אַלע לאָדזשער בעטלער האָבן געזאַמלט איבער די הויפן.

אזוי ווייט וועגן שמחה ווישליצקי און זיינע עלטערן.

נאָך אַ חבר האָב איך געהאַט צווישן די יינגלעך אין ר' אהרנס חדר. ער האָט נישט באַלאַנגט צו די נגידישע יינגלעך. שמחה וויש־ליצקי האָט זיך נישט געוואָלט חברן מיט אים און אים נישט געגעבן פון די צוקערלעך אין זיינע טאַשן. נחמן — אזוי האָט דאָס יינגל געהייסן — איז געווען אַ קינד פון אַ בלעכער און זיי האָבן געוואוינט אין אַ טונקעלן קעלער. פון נחמנס קאַפּאָטע האָט זיך שטענדיק גע־שפּירט דער ווילגאָטש. ווי אזוי אַן אָרעם יינגל פון אַ בלעכער קומט אין אַ נגידיש חדר, ווייס איך נישט. אפשר איז דער בלעכער געווען ר' אהרנס קרוב. יעדנפאַלס מיר איז נחמן זייער געפעלן געוואָרן און ביסלעכווייז איז ער געוואָרן מיין בעסטער פריינט. ער האָט געקאָנט אַ שלל מעשיות, וואָס זיין פאָטער דער בלעכער און זיינע געזעלן האָבן דערציילט. ער האָט אויך געקאָנט פאַרשיידענע זייער האַרציקע ליד־לעך. אין די נגידישע לאָדזשער שטובן האָט מען נישט געהאַלטן פון קיין מעשיות און לידלעך. מעשיות און לידלעך — דאָס איז געווען דער איינציקער פאַרמעגן פון די אָרעמע יידן אין לאָדזש און פון די

יידישע אַרבעטער אין באַלוט און אין די פינצטערע קעלערס פון די לאָדזשער מויערן. די אָרעמע לאָדזשער יידן זענען געבליבן אין דער טונקלקייט. זיי זענען נישט מיטגעפאָרן אויף דער גרויסער און ליכ־טיקער וועלט־קאַרוזעלע, וואָס די אַנדערע יידן אין לאָדזש האָבן גע־דרייט איבער דער וועלט. אין די דאָזיקע קעלערס און אין באַלוט — צווישן דער נידערגעשלאָגענער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָט איי־ביק געלעבט אין טיפסטער נויט, אין ווילגאַטש און אין פינצטערניש — זענען אויפגעשטאַנען די וואונדערלעכע העראָאישע קעמפער פאַרן סאָציאַליזם. ווי עס וועט מיר שפּעטער אויסקומען צו דערציילן.

אין די פאַרנאַכטן פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז איידער די גרויסע סחורה־פור איז געקומען נאָך שמחה ווישליצקין, האָט איינער פון די באַהעלפערס צוזאַמענגענומען אַלע חדר־יינגלעך. מיר האָבן באַ־דאַרפט גיין אויף אַ „קריאת־שמע־לייענען” צו אַ שכנישער פּאַרמעג־לעכער געווינערין. צו אָרעמע לייט זענען מיר קיינמאָל נישט געגאַנגען אויף אַ „קריאת־שמע־לייענען”. ר’ אהרן האָט ענדלעך אוועקגעלייגט דעם קאַנטשיק און אַז זיך אַ הויכער און אַן איינגעבויגענער אוועקגע־שטעלט דאַווענען מנחה. אויך געדאַוונט האָט ער מיט אַ מתיקותדיקן זינג־זאַנג. אויפן פּריפּעטשאָק האָט זיך געקאָכט אַ טעפּל מיט וועטשע־רע פאַר ר’ אהרנען. די צעריסענע סידורים און חומשים זענען ווי געשטאָרבענע געלעגן אויף די טונקל־פאַרשאָטנטע טישן. די באַ־העלפערס האָבן אונדז אויסגעשטעלט אין אַ שורה און אַרויסגעפירט אויפן הויף. אויפן הויף איז געווען פינצטערלעך. מ’האָט קוים גע־זען דעם ברונעם און עפּעס אַ לעבעדיק נפש, וואָס האָט זיך אַ שטומע אַרומגעבלאָנקעט אין די טונקלקייטן — עס איז געווען די ציג. די באַהעלפערס האָבן אונדז אוועקגעפירט אין איינעם פון די לאַנגע לאָד־זשער הייף און אַרויפגעפירט אויף טרעפּן. דאָרט האָט געקאָפּטשעט אַ נאַפט־לעמפּל. דער באַהעלפער האָט געעפנט אַ טיר אין די לאַבי־רינטן פון די לאָדזשער הייזער און אונדז אַריינגעפירט אין אַ דירה. ס’האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַלערליי יידן און ווייבער. ס’האָט געשמעקט מיט רעצעפּטן. פון ערגעץ־וואו האָט מען געהערט דאָס יאָמערלעכע אומבאַהאָלפענע וויינען פון אַ ניי־געבוירן קינד. מען

איז צוגעגאַנגען צו אַ ווינקל, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ווייס לײַלעך. אויפן לײַלעך — אָנגעשטאָכן אַלערליי אָפּשרעקנדיקע לשון־קודשדיקע צעטעלעך מיט גרויסע און קליינע אותיות און מיט אויס־טערלישע צייכענונגען. איך האָב גוט געקאָנט איבערלייענען „קרע שטן" און נאָך אַנדערע אויסטערלישע און אומהיימלעכע נעמען, וועל־כע איך האָב קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן אין סידור. ערשט איצט האָב איך געהערט, ווי דאָס געוויין פון דעם קינד קומט אַרויס פון הינטער דעם ווייסן באַשריבענעם לײַלעך. נאָך שטילע און פליסטערנ־דיקע מענטשלעכע קולות האָבן זיך אַרויסגעהערט פון הינטער דעם לײַלעך. ס'איז געווען אומהיימלעך. דער ריח פון די רעצעפּטן האָט נאָך געשטאַרקט די אומהיימלעכקייט. די באַהעלפערס האָבן אונדז אויסגעשטעלט אַרום דעם לײַלעך און מיט אַ שטיל וויינענדיק קול — אין כאָר — מיט אונדז אָנגעהויבן צו לייענען קריאת־שמע.

פון הינטער דעם לײַלעך האָט דאָס ניי־געבוירענע קינד גע־וויינט, און מענטשלעכע קולות האָבן געפּליסטערט.

פון ערגעץ־וואו איז אַפּערגעקומען אַן אַלטע יידענע און יעדן פון אונדז דערלאַנגט אַ פּאַפּירן בײַטעלע. דערין זענען געלעגן עטלעכע זיסע מאַנדלען און אַ טרוקענע פײַג. די באַהעלפערס האָבן באַקומען צו גלעזלעך בראָנפן. די באַהעלפערס האָבן מיט אונדז אַלע — אויפן קול — געזאָגט אַ גוטע נאַכט און אוועקגעגאַנגען.

אויף די לאָדזשער גאַסן האָבן וואו ניט וואו קאַרג געקאָפּטשעט לאָמפּן.

עס איז געווען טונקל.

קאַפּיטל פופצן

די אַסמולסקער משפחה קומט פאַמעליכל קיין לאָדזש. סימכע גייגע ווערט אַ וואַלד־שרייבער, חברט זיך מיט דער קאַלישער רביצין און קוקט זיך אָן מיט ארץ־ישראל ביי ר׳ שמעון ציליכן אין סוכּה. יואל שכּור׳ערהייט ווייסט מער ווי אַנדערע אין גיכטערן. טויבע לאה יאָגט יואל׳ן מיט אַ בעזים. משה האָלץ זינגט אַ „כּבקרת׳ל״ אינמיטן די לאַגעוונּיקער וועלדער. אַביגדור גרוימאַן מיט די בלאָע ציצית. אַ וואַרשעווער צעבאַלעוועט בן זקונים׳ל. הירשל גרוימאַן ווייזט דעם גאַראַדאָוואָי אַ פייג און קוקט אַריין אין זאַקסישן גאָרטן. „מיין האַרשל״ באַקומט אויף דער עלטער אַ ייִנג ברודערל. „מיין האַרשל״ פאַרקאַנקורירט די פּריוועסעס מיט זיינע בלאָע ציצית. פאַרפאַלן! הירשל גרוימאַן. אַביגדור גרוימאַן כאַפּט פעטש. דאַכעלע שיט ווי אַ לעכערדיקער זאַק. ראַצע קוקט אויס ווי אַן עקרה און ירחמיאל ווי אַ שמעגעגע. אַביגדור גרוימאַן ווערט אַ „שרייבער״ ביים זיידן ברוך.

דער זיידע ברוך האָט געקויפט די גרויסע וועלדער פון לאַגעוו־ניקי ביי לאָדזש. אין אונדזער לאָדזשער דירה האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַסמולסקער פּנימער. דער זיידע ברוך און די באָבע חיה האָבן אָנגעהויבן עפטער צו קומען קיין לאָדזש. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אַ טייל פון דער משפחה אין אַסמולסק האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן אַריבערצואוואַנדערן קיין לאָדזש. די הויכע געזונטע זין פון פעטער אברהמקע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאָדזשער פאַבריקן זענען צו אונדז קיינמאָל נישט אַרויפגעקומען. דערפאַר האָט איינער פון די באַקאַנטע אַסמולסקער תושבים — און דאָס ניט קיין אַנדערער ווי סימכע גייגע — זיך מיישב געווען און געביטן זיין מערכה. זינט מיין פאָטערס חתונה — וואו ער האָט זיך אָנגעשמעקט מיט וואַרשע און מיט יחוס — האָט ער געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין פויערישן לעבנס־שטייגער, אויף זיין פעלד און אויף זיין אַסמולסקער כּודאָבע צווישן די פויערים. אים האָט זיך כּסדר געבענקט נאָך דער קוטנער משפּחה, נאָך שיינע יידן און רביצינס. וויבאַלד מיינע עלטערן האָבן

זיך אוועקגעצויגן פון אָסמולסק, האָט סימכע גייגע געוואוסט, אַז די חשובע צייטן האָבן זיך אויסגעלאָזט און קיינער פון די קוטנער רביצינס און אַנדערע שיינע יידן וועלן זיך שוין נישט באַווייזן אין אָסמולסק. פאַר אים, סימכע גייגען, הייסט עס, איז פאַרבליבן נישט מער, סיידן ווי צו פאַרבערענגען זיינע יאָרן צווישן קי און צווישן פּויערים און בשכנות מיטן פּעטער מרדכי בער און די מומע גענענדל. סימכע גייגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג בייזער און אומרואיקער און אויס־געלאָזט זיין כּעס צו זיין ווייבל שרה בינה. ער האָט געוואָרטשעט און זי געשאָלטן אפילו דאַן, ווען ער איז צוזאַמען מיט איר געלעגן — מעשה פּויער — אין איין בעט און צוגעדעקט מיט אַ רויטע וואַרעמע פּערענע.

אָבער פּויערישע עקשנות קאָן אַדורכהאַקן מויערן. סימכע גייגע האָט אַזוי לאַנג געמאַטערט דעם זיידן ברוך, צי מיינט ער טאַקע אויף אַן אמתן אים, סימכען — איבערצולאָזן צווישן די „כאַמעס" אין ווייסטן אָסמולסק, ווען אַלע הויבן זיך סך־הכּל אָן אַריבערצוקלייבן קיין לאָדזש? דער זיידע ברוך האָט ענדלעך מסכּים געווען און סימכע גייגע איז געוואָרן דעם זיידן ברוכס אַ „מענטש" אין די וועלדער פון לאַגעווניקי. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן סימכעס עליה און ער האָט אויפס־כּוח אָנגעהויבן צו וועלן פאַרגעסן די „פּינצטערע" פּויערישע טעג אונ־טערן פערד און אונטערן אַקער־אייזן. ער האָט זיך דווקא געוואָלט אויסמענטשלען צווישן די אַלערליי לאָדזשער יידן, וואָס זענען אַרוי־בערגעקומען קיין לאַגעווניקי קויפן געהילץ. ער האָט מיט זיי אָפּט גערעדט גראָבע פּויערישע רייד, וועלכע די לאָדזשער יידן האָבן גאָר־נישט פאַרשטאַנען. סימכע גייגע איז אַלע שבת געגאַנגען אָנגעטון אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע, האָט אָנגעהויבן צו דאַווענען אויפן חסידישן נוסח־ספרד, הגם אַ שייטל עברי איז אים אָנגעקומען מיט נויט־שוויים. אים איז לייכטער געווען דורכצואַקערן אַ פעלד איידער בשלום אַדורכצוקומען אַ סידור. ער פלעגט אַמאָל אַרויפקומען צו דער קאָלישער רביצין אין לאָדזש, זיך אָנצוקוקן מיט ארץ־ישראל אין ר' שמעון ציליכס באַרימטער סוכּה, און אָנצוקוקן די יידן, וואָס דאַ־ווענען ביי דער כּותל־מערבי אויף דעם גרויסן וואַנט־בילד, וואָס איז

געהאַנגען אין ר׳ שמעון ציליכס דירה. סימכע גייגע האָט ליב געהאַט צו זען, ווי עס עפנט זיך די פּוסטע שאַנק אין ר׳ שמעון ציליכס עס־סאַליע — און אינאיינעם מיט די פאַרדומפּעצטע מייזן־ריחות, וואָס שלאָגן פון דאָרט אַרויס, שווימט אויך מיט דער ריח פון די פאַר־טריקנטע אתרוגים און לולב־בלעטער, ווי אויך פון אַלערליי בשמים־נעגעלעך און משונהדיקע געווירצן, וואָס ר׳ שמעון ציליך און זיינע קאָזשעניצער מקורבים שמעקן אוים ביי הבדלה. סימכע גייגע איז זיכער געווען, אַז אַזוי שמעקן די גן־עדנס און די ערפּורכטיקע הימ־לען, וואָס ווימלען פון צדיקים און צדיקות, רבנים און רביצינס. סימכע גייגעס אויפגעשאַרצטע נאָז־לעכער, וואָס זענען געוואוינט געווען צו ערד, צו שטאַל־מיסט, צו פעלד און וואַלד, האָבן זיך ממש הייליק געקוויקט מיט די דאָזיקע פרומע און איבלדיק־וואָרעמלעכע געשמאַקן. ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אַסמולסק און זיין גאַנצע פויערישע מערכה דאָרט. אין די וועלדער פון לאַגעווניקי — פון וואַנען מ׳האָט שוין פונדערווייטנס געזען די פאַררויכערטע הימלען פון לאָדזש — האָט זיך סימכע גייגע דערפילט ווי אין אַ ניי לעבן. ער האָט שוין כמעט מיט שרה בינהן ווי נישט גערעדט, וואָרעם די דאָזיקע יידענע האָט נישט באַנומען וואָס עס טוט זיך ביי סימכע גייגען אין קאָפּ און זי איז געווען די איינציקע אין סימכע גייגעס הויזגעזינט, וואָס איז גע־בליבן ביים אַלטן און מיטגעטראָגן אַסמולסק אַפילו אין די וועלדער בשכנות פון לאָדזש. שרה בינה האָט זיך ווייטער נוהג געווען, ווי אין די אַלטע פויערישע צייטן. סימכע גייגע האָט זי נאָך פיינטער געקריגן, נאָר ער האָט צו איר קיין צייט נישט געהאַט. לאַגעווניקי איז דיר נישט אַסמולסק! לאָדזש ברענט און לאָדזש בויט זיך און סימכע גייגע איז אַ „מענטש" אין די וועלדער, וואָס פאַלן ווי פליגן פאַר די לאָדזשער אַפּעטיטן, און עס ראַיעט דאָ אַרום סימכע גייגען מיט כל־ערליי יידן. אויך רבנים און שיינע יידן קומען אַהער פון לאָדזש און זאָגן צו אים ר׳ שמחה און פאַרלאַנגען פון אים האָפערדיק אַ בכבודיקע נדבה. עס איז דיר נישט די שווייגנדיקע אָרעמעלייט, וואָס פלעגן קומען קיין אַסמולסק אויף בוידן, זיך אויסגעלייגט איבער די שייערן און סטויגן היי און געבעטלט וואָרעם דאָרפיש ברויט און

פרישע מילך. דאָ, ביי לאָדזש, געהערט מען גאָר צום יחוס, ווען אַזאַ שיינער ייד אין אַ שוואַרצער טוכענער קאַפּאָטע און אין אַ ברייטן סאַמעטענעם קאַשקעט קומט אָן אַנגעבלאָזענער נאָך לאַגעווניקי, רעדט לשון־קודשדיקע ווערטער, קושט די מזוזה, מאָנט מיט ברייטקייט אַ נדבה און רעדט צו סימכען, ווי צו זיינס גלייכן. און סימכע גייגע האָט געגעבן און זיך געריבן ביי די לאָדזשער יידן. יעדן טאָג האָט ער געפילט, ווי ער ווערט געהויבן און געהויבן, און ער פאַרגעסט אָסמולסק און ער פאַרגעסט אָסמאָלין.

אויך אַנדערע יידן פון אָסמאָלין האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו קומען, ווען דאָס לאָדזשער טירל האָט זיך געעפנט. לאַגעווניקי האָט באַדאַרפט „מענטשן" און דער זיידע ברוך האָט ליב געהאַט צו נעמען „מענטשן" פון דער אייגענער משפחה. קיין גרויסן שכירות האָט ער זיי נישט געצאָלט. קודם־כּל האָט ער געבערענגט צוויי איידעמס פון פעטער אברהמקע, דעם שוואַרצן יואל און משה האַליץ.

יואל איז געווען אַ קליינער און אַ שוואַרצער ווי אַ טאָטער און מיט אַ געדיכטע באַוואַקסן פּנים. דאָס קעפּל איז ביי אים שטענדיק געווען אַ ביסל פאַרבויגן אין אַ זייט און זיינע קויל־שוואַרצע אויגן האָבן געבערענט און זענען געווען אַ ביסל שיכּורלעך פאַרנעפּלט. דער שוואַרצער יואל האָט נעבעך זייער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. דער זיידע ברוך פלעגט זאָגן, אַז יואל איז טאַקע אַ וויסטער שיכּור און אַ פּיאַניצע — פונדעסטוועגן, טאָמער טוט ער אַ קוק אויף דעם פינצטערסטן וואַלד, וועט ער אין דער מינוט אויסרעכענען וויפיל קלאַפּטער האָלץ מ׳קאָן פונעם וואַלד אַרויסבאַקומען. ווען יואל טוט נאָר אַ שמעק צו אַ וואַלד, רעדט דער וואַלד דיבורים. דער זיידע ברוך פלעגט זאָגן, אַז שיכּורערהייט ווייסט יואל מער, ווי אַנדערע ניכטערע. אפילו דאַן, ווען יואל האָט זיך פון שיכּרות קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט דער זיידע אים אויסגעפרעגט, זיך געהאַלטן מיט אים אַן עצה. יואל האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג און מיט אַ הייזעריק פאַרטרונקען קול געענטפערט דעם זיידן ברוך. אַז יואל פלעגט זיך גוט אָנשיכּורן, איז ער אַ וואַקלדיקער אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, זיך דאָרטן געלייגט שלאָפן צווישן די עפּל אָדער די באַרנעס, אָדער

זיך ערגעץ־וואו אריינגעפּאַקט צווישן אַלטן אָוועקגעשטעלטן בראַכוואַרג, דעם קאָפּ האָט ער פאַרשטעקט אין שטרוי אָדער אונטער אַ שמאַטע און ער האָט זיך פונאַנדערגעכראָפּעט, אַז מ'האָט אַזש געהערט אויפן הויף, נאָר דערפאַר האָט מען דעם שלאָפנדיקן שיכּורן יואלן געקענט געפינען. קיינער האָט אים נישט געקאָנט דערוועקן אחוץ זיין ווייב טויבע לאה מיטן בעזעם. בלויז דער גאַנג טויבע לאהס אויף די בוי־דעם־טרעפּ האָט יואלן אויסגעניכטערט פון שיכּרות. טויבע לאה האָט אים מיטן בעזעם געיאָגט איבערן וואַלד און יואל האָט זיך גע־נומען צו דער אַרבעט און באַוויזן חידושים. דער זיידע ברוך האָט צו אים געזאָגט: רע יואל, ווען נישט דער ביטערער טראָפּן, וואָלסטו איינגענומען וועלטן!

דער צווייטער איידעם פון פעטער אברהמקע — וועלכן דער זיידע האָט אַריינגענומען פאַר אַ „מענטש" אין די לאַגעווניקער וועלדער — האָט געהייסן משה האַליץ און ער איז געווען דער שרייענדיקסטער היפּוך צו יואלן. ער איז אויך געווען אַ שוואַרצער ווי אַ טאָטער מיטן קעפּל אַ ביסל איינגעבויגן אויף אַ זייט, נאָר ער האָט תמיד געשוויגן ווי די וואַנט. דער זיידע האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער קען קיין קאָץ דעם ווײַדל נישט פאַרבינדן און מ'קאָן אים גופא לייכט אַרויס־גנבענען צוזאַמען מיט די וועלדער. משה האַליץ איז געווען אַ שלעג־פּעריקער, ווי יואל, נאָר טעמפּ שלעפּעריק. דערצו איז ער געווען ניכ־טער ווי האַליץ און ער האָט זיך ווילד פונאַנדערגעניסט, ווען ער האָט בלויז פונדערווײַטנס געזען אַ גלעזל בראַנפן. יואלן — הגם ער איז געווען אַ לייבלעכער שוואָגער — האָט משה האַליץ געמיטן ווי די פּעסט. ערשטנס: מחמת פון יואלן האָט זיך תמיד געהערט דער בראַנפן און משה האַליץ האָט געמיטן בראַנפן, ווי אַ שד ווײַרעך. צווייטנס, האָט ער מקנא געווען דעם זיידן ברוכס לויב־רייד פאַר אַט־אָ דעם שיכּור יואלן. משה האַליץ האָט אויך געציטערט פאַר זיין ווייב שרה, דעם פעטער אברהמקעס טאָכטער, אַ פאַרביסענע שווייגנדיקע יידענע. זי האָט געהאַט אַ גרויס און ברייט פּנים און האַרטע מאַנסבילשע הענט. סיי דאָס פּנים, סיי די הענט זענען פול געווען מיט זומער־שפּרינקלעך. שרה האָט איר מאַן נישט געיאָגט

מיט אַ בעזעם איבערן וואַלד, ווי איר שוועסטער טויבע לאה. משה האַלץ איז סיי־ווי געווען אייביק ניכטער און אייביק אין וואַלד, הגם קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך אַן איבעריקער ארומגעדרייט אינעם טאַראַראַם צווישן די אונטערגעהאַקטע קלעצער. שרה האָט אָבער אים, משהן, איינגערהיים אַ שווייגנדיקע געיאַדעט די יאָרן און אים באַהאַנדלט ווי אַ האַנטשערקע. דערפאַר האָט זיך משה האָלץ געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מנגן. אין אָסמולסק האָט ער אונטערגעהאַלטן דעם פעטער לייזער יוסף בעת יענער האָט זיך צוגעכאַפּט צום עמוד. משה האָלץ איז זיך אַמאָל טיפער פאַרגאַנגען אין די לאַגעוניקער וועלדער און ווען קיינער איז דאָרט נישט געווען, נייערט דיביימער האָבן שטיל געראַשט און די וואַלד־פייגל האָבן געזונגען אויף די אַלטע פינצטערע סאָסנעס — האָט ער אויפגעהויבן דאָס קעפּל אין דער הויך צו די ביימער און אינמיטן דערינען, אינעם טיפן צערוישטן וואַלד, זיך צעזונגען אין אַ „כבקרתל". ער האָט דער־ביי געקריגן פייכטע אויגן פון דעם מתיקות פון זיין אייגענעם זינגען און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די וואַלד־ביימער און די וואַלד־פייגל האַלטן אים אונטער, ווי ער אַמאָל דעם פעטער לייזער יוסף.

סיי יואל און סיי משה האָלץ האָבן געהאַט אַ סך זין און טעכ־טער, טונקעלע, הויכע און ברייט־געוויקסיקע. זיי זענען אַלע געוואָרן לאָדזשער אַרבעטער. שפּעטער אין די רעוואָלוציע־יאָרן האָבן אַ סך פון זיי אונטער די פאָנען פון „בונד" געקעמפט אויף די באַריקאַדן.

פאַמעלעך האָט דער זיידע ברוך אויך אָנגעהויבן צוצונעמען „מענטשן" פון דער קוטנער משפחה. פון איינעם פון זיי, אביגדור גרוימאַן, וויל איך איצטער דערציילן.

אביגדור גרוימאַן איז געווען אַ לייבלעכער איידעם פון פעטער יעקל און אַ לייבלעכער שוואָגער פונעם קלוגן שוחט ירחמיאל. אויפן פעטער יעקל מיט ירחמיאלן וואָלט יעדער איינער — אפילו אַ ווילד־פרעמדער ייד — באַלד געקאָנט דערקענען, אַז דער פעטער יעקל איז דער שווער און ירחמיאל איז דער איידעם. מחמת זיי זענען שטענ־דיק געווען צוזאַמען. ביידע זענען זיי געווען קאָמישע און צעבראָכענע יידן און האָבן זיך כסדר געקריגט. אויף אביגדור גרוימאַן וואָלט

זיך יעדער געחידושט, אז מ׳זאָל זאָגן, אז אָט דער הויכער, בלאָנדער, גרויסנעוויקסיקער און שיינער יונגערמאַן איז סך־הכּל אַן איידעם פון פּעטער יעקל. נאָר אַזוי איז עס געווען.

אביגדור גרוימאַן האָט אינגאַנצן, אין זיין מהות און כאַראַקטער זיך גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין פּעטער יעקלס שטוב. ער איז געווען דער שרייענדיקסטער ווידערשפּרוך צום פּעטער יעקל. קודם־כּל — און קודם־כּלם זענען פאַראַנען אַ סך, וואָס שייך אביגדור גרוימאַן — איז אביגדור געווען אַן אמתער וואַרשעווער יונגערמאַן, מיט אַלע וואַרשעווער פּיטשעווקעס און מיט אַלע גרויסשטאָטישע וואַרשעווער מנהגים און תנועות. ער האָט גערעדט אויף אַ טיפּן וואַרשעווער דיאַלעקט „יאַך", „וואַסאַר" און „פּיטאָר", געלאַכט מיט אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך ווי צעשיט איבער די פּראָווינציעל־אָפּגעלאָזענע חדרים פון פּעטער יעקלס דירה — געקוקט אויף קוטנע און אויפן פּעטער יעקל, ווי אויף אַ וויסטן העק, און נישט אויפגעהערט אַלעמען צו קרי־טיקירן און פון אַלעמען צו לאַכן. אביגדור גרוימאַן האָט דווקא גע־וואָלט קוטנע פאַרגלייכן מיט דעם גזשיבאָוו און מיט די נאַלעווקעס, מיט וואַרשעווער חסידים־שטיבלעך, וואַרשעווער גבירים, און וואַר־שעווער מאכלים. דער פאַרגלייך איז אַרויסגעקומען פאַר קוטנע זייער נישט קיין געהויבענער. וואַרשעווער טראָטואַרן און קוטנער בלאָ־טעס. וואַרשעווער קאָמעניצעס און קוטנער הילצערנע הייזלעך. וואַר־שעווער קראָמען און קוטנער קרעמלעך. דערצו איז אביגדור געווען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ לייבלעכער ברודער פון הירשל גרוימאַן.

הירשל גרוימאַן האָט געהאַט דאָס גרעסטע פּאַפּיר־געשעפט אין וואַרשע, ד״ה, ער איז געווען דער גרעסטער פּאַפּיר־סוחר אין פּוילן. דערצו האָט ער געהאַט אויף גראַניטשנע גאַס אַ גרויס הויז, וועמעס פענצטער ס׳זענען אַרויסגעגאַנגען אין זאַקסישן גאָרטן. חשובע וואַר־שעווער יידן פלעגן אַמאָל אַרויפקומען צו הירשל גרוימאַנען אין דירה אַ קוק צו טאָן, וואָס עס טוט זיך טאַקע אינעווייניק אין זאַקסישן גאָרטן, מחמת יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן נישט געטאָרט אַריינגיין אין גאָרטן. הירשל גרוימאַן איז געווען דער איינציקער ייד אין וואַרשע,

וואָס האָט אין די זומער־טעג — ווען ער איז נישט געווען אין די וואַרעם־בעדער — געשעפּט לופט פון די אַלטעביימער אין זאַקסישן גאָרטן און געוויזן דעם גאַראַדאָוואַי די גרויסע פייג. הירשל גרוימאַן האָט זיך, נאָך ר' ישעיה פּריוועסן, געהאַלטן פאַר די גרויסע וואַרשע־ווער חשובים, האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק, נאָר אָן אַ בענדל. אַ בענדל האָט געהערט בלויז צו די פּריוועסעס. הירשל גרוימאַן איז אויך געווען דאָזאָר אין וואַרשע. אין דער גמינע אַריין איז ער געגאַנגען צופוס און נישט געפאָרן אויף אַ קאַטש, ווי ר' ישעיה פּריוועס. הירשל גרוימאַנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז על־כּל־פּנים דער שאָטן פון ר' ישעיה פּריוועסן איבער וואַרשעווער יידן. ווי אַזוי אַ פּשוטער יונגערמאַן, דעם פּעטער יעקלס אַן איידעם, האָט דערגרייכט צו זיין אַ לייבלעכער ברודער פון אַזאַ וואַרשעווער חשוב, אַ כּמעט ר' ישעיה פּריוועס, איז טאַקע פון די גרויסע חידושים. אויף דער וועלט געשעען חידושים אויך. הירשל גרוימאַנס מאַמע, פאַר־שטייט זיך אַן עלטערע יידענע, האָט אויף די עלטערע יאָרן — ווען ביי אַלע נגידישע ווייבער פאַרמאַכט זיך די טראַכט — זיך גאָר מיישב געווען און פאַרגאַנגען אין טראָגן און אונטערגעטראָגן דעם מאַן אַ בן־זקונימל און דעם גרויסן גביר הירשל גרוימאַן — אַ ברודערל אין די ווינדעלעך. סך־הכּל איז אביגדור געווען אין די יאָרן פון הירשל גרוימאַנס בן־זקונימל. ס'איז געווען אַ געוואַלטיקער פּלאָנטער אין דער משפּחה גרוימאַן. נאָך דער קינפּעט האָבן זיך הירשל גרוימאַנס על־טערן בשיבה טובה אָפּגעטראָגן אויפן עולם־האמת. דער גרויסער וואַרשעווער גביר איז געבליבן מיט צוויי בן־זקונימלעך, זיין אייגנס, און דאָס ברודערל.

הירשל גרוימאַן האָט אביגדורן אַריינגענומען צו זיך אויף דער גראַניטשנאַ גאַס. אביגדור איז צעבאַלעוועט און צעפּיעשטשעט גע־וואָרן צוזאַמען מיט הירשל גרוימאַנס בן־זקונימל. און אפשר נאָך מער. מחמת הירשל גרוימאַנס קינדער האָבן דעם קליינעם אביגדורן גערופן פעטער. אביגדור אָבער האָט צו דעם חשובן הירשל גרוימאַן — דעם כּמעט ר' ישעיה פּריוועסן, דעם דאָזאָר אין גרויסן היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק — פּשוט געזאָגט דו, ווי צו אַ פּשוטן ברודער. אַלע אַנדערע אין

שטוב האָבן געזאָגט טאַטעשי, „לאָז דער טאַטעשי". אביגדור האָט גע־לערנט ביי די מלמדים פון הירשל גרוימאַנס קינדער און אַריינגעקוקט אין זאַקסישן גאָרטן, ווי אין אַ טאָג־טעגלעכער זאַך. אַלעמאָל, ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן הירשל גרוימאַן, זיין רייכקייט און זיין חשיבות, האָט דער קליינער אביגדור פשוט און אָן קונצן געזאָגט „מיין האַרשל", אַזוי ווי מען רעדט וועגן אַ ברודער. אַלע זענען אפילו געווען געפּלעפּט פון דער דרייסטקייט, נאָר פאַרפאַלן, אביגדורל איז פאָרט ר' הירשל גרוימאַנס אַ ברודער. גיי מאַך עפּעס. דעם דאָזיקן חוצפּהדיקן „מיין האַרשל" האָט אביגדור אויך מיטגעבּרענגט קיין קוטנע און אַלעמען טעראָריזירט מיט דער וואָכעדיק־ברודערלעכער באַציאונג צו אַ נאָמען, וועלכער האָט ביים פעטער יעקל און ביי ירחמיאלן אַרויסגערופן אַ דרך־ארץ־ציטערניש אין די לענדן.

הירשל גרוימאַן מיט זיין הויזגעזינט זענען געווען שאַרפע ראַדזינער חסידים און געטראָגן אַ בלאָע ציצה. זיי האָבן מיט גבירישער דרייסט־קייט אומעטום פּאַראַדירט מיט דער בלאָער ציצה, וואָס האָט זיי אַרויס־געהויבן פון אַלע וואַרשעווער יידן. וויפיל דער סאַמאָראָדנער ר' ישעיה פּריוועס האָט זיך נישט באַמיט אַרויסצוהויבן מיט דער באַזונ־דערקייט פון זיין הילוך און הלבשה, האָט ער דאָך נישט געקאָנט דער־יאָגן הירשל גרוימאַנען, וואָס שייך דער בלאָער ציצה, מחמת ר' ישעיה פּריוועס איז געווען אַ גערער חסיד, ד"ה פון די בלוטיקסטע שונאים פון ראַדזין. הירשל גרוימאַן האָט געוואוסט אויסצונוצן זיין ראַדזינער פּריאָריטעט, זיינע בלאָע ציצית האָבן געהאַט פּאַרנעם, אומעטום גע־שטאָכן אין די אויגן, געמאַכט בייז בלוט די גערער חסידים און שאָקירט די פּריוועסעס, וואָס האָבן געזען אין דער דאָזיקער ראַדזינער פּריאָריטעט אַ פּערזענלעכע קריוודע. נאָר פאַרפאַלן. פאָרט הירשל גרוימאַן. הירשל גרוימאַן האָט געהאַט זיין באַזונדער ראַדזינער שטיבל דווקא אויף גראַ־ניטשנע גאַס, און דווקא מיט די פענצטער אין זאַקסישן גאָרטן אַריין. שבת ביים דאַווענען האָבן זיך דאָרט געוואָרפן אין די אויגן די טליתים מיט די בלאָע ציצית — און בראש פון אַלע טליתים דער טונקעלער שווערער טערקישער טלית מיט אַ זילבערנער עטרה, אין וועלכן ס'האָט

געדאווונט הירשל גרוימאַן גופא, אַ טערקישער טלית מיט גרויסע און אויסטערלישע בלאָע ציצית.

די ראַדזינער חסידים זענען געווען לומדים. צוזאַמען מיט דער גמרא האָבן זיי הויך אויפן קול געלערנט די קונציקע ספרים פון ר׳ גרשון העניכן. אויך זיינע פּאַמפּלעטן האָבן זיי געלערנט מיטן ניגון פון דער גמרא. פאַר וואַרשעווער יידן האָבן ראַדזינער שטיבלעך גע־שמעקט מיט אַפּאָסטאַטישקייט. די מלמדים אין הירשל גרוימאַנס שטוב זענען געווען גאָלע ראַדזינער חסידים מיט בלאָע ציצית, שאַרפע קעפּ און שאַרפע צינגלעך, וואָס האָבן גערעדט אויף קאַצק און אויף גער די גרעסטע זלזולים און אַלע פּוילישע רבנים און גוטע־יידן האָבן זיי געמאַכט גלייך מיט דער ערד.

מיט דעם דאָזיקן באַגאַזש איז אביגדור אַריינגעקומען אין דער דערשראָקענער נידערגעשלאָגענער שטוב פון פעטער יעקל. מ׳איז דאָרט גאָרנישט געוואוינט געווען אַזוי הויך און האָפערדיק צו רעדן, ווי אביגדור. דערצו ווען ער האָט נאָך גערעדט מיט טיפן וואַרשעווער דיאַלעקט און געפאָכעט מיט די בלאָע ציצית, וואָס האָבן אים חוצפּה־דיק אַראָפּגעבאָמבלט פון זיין לאַנגן טערקישן טלית־קטן. ווען ער האָט אין מיטן דערינען אַ זאָג געטאָן „מיין האַרשל״ איז אויף אַלעמען גע־פאַלן אַן אימה און ירחמיאל איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און שיעור נישט אַ געשריי געטאָן „ראַצע״. עס האָט זיך ממש אַריינגעריסן אַ צעבאַלעווועטער וואַרשעווער שטורעם־ווינט אין דער אָרעמער אַלט־פרענקיש באַשיידענער שטוב פון פעטער יעקל. הגם דער יינגסטער איידעם, האָט אביגדור אָנגעהויבן צו פירן דעם וואַרשעווער גבירישן שטאַט פון הירשל גרוימאַן, ראַדזינער שאַרפקייט. ער האָט אויפן הויכן קול און ביטער מבטל געמאַכט אָט די אַלע פריילעכע חסידישע הוליאַקעס, די אַלטע וואורקער חסידים, וואָס זענען טאָג ווי נאַכט גע־זעסן ביי דעם פעטער יעקל און געבטלט, געטרונקען בראָנפן און דער־ציילט וואורקער מעשיות. אויפן ערשטן ברית, וואָס ער האָט געמאַכט ביים פעטער יעקל אין שטוב, — וואו ס׳זענען אויך געווען גערער חסידים — האָט זיך אביגדור נישט אָפּגעהאַלטן בקול־רם, אין די אויגן פון די גערער געסט — זיך אויסצודריקן מיט זלזולים אויפן חשבון

פון גערער רבין. אינמיטן דער ברית־סעודה איז געקומען צו א ווילדן סקאנדאל. דער יונגער בעל־ברית האָט געכאַפּט פון די דערצאָרנטע גערער חסידים פּייערדיקע פּעטש. דער פעטער יעקל האָט פון גרויס גריזאָטע באַקומען אַ שטאַרקן שלשול און איז אַרומגעלאָפן צווישן די פאַרבעטענע חסידים און געבעטן אשר־יצר־פּאַפּיר. ירחמיאל האָט גע־שריגן „ראַצע". די קימפּעטאָרן דאַכעלע איז געפאַלן אין חלשות. ערשט די צדיקת, די מומע שרהל האָט איינגעשטילט די מהומה, אַרויס־געשלעפּט דעם איידעם פון די צעיושעטע הענט פון די גערער חסידים, וואָס האָבן אים אין איינוועגס אָפּגעריסן אַלע בלאָע ציצית. אַ צע־פּאַטשטער האָט אביגדור נישט אויפגעהערט צו שרייען אויף זיין טיפן וואַרשעווער דיאַלעקט, דערציילט פון „מיין האַרשלען" און נישט אויפגעהערט צו זידלען דעם גערער רבין. מ'האָט געמוזט איינלייגן וועלטן, אַז דער סקאַנדאַל זאָל נישט דערגיין צו די אויערן פון ר' יהושיעלע קוטנער.

אביגדורס ווייב דאַכעלע, די צווייטע טאָכטער פון פעטער יעקל, איז גאָר פריטשמעליעט געוואָרן פון אָט דעם שטורעמדיקן וואַרשעווער יונגנמאַן. זי איז געווען אַ קליינע, אַ דאַרע און אַן אויסגעגרינטע, ווי איר שוועסטער ראַצע, ירחמיאלס ווייב — דערביי אַ גרויסע רעדערקע און אַ שטיקל קאָך־לעפל, פונדעסטוועגן איז זי אַנטשטומט געוואָרן, ווען אביגדור האָט אָנגעהויבן צו רעדן וואַרשעווער לשון, זאָגן „מיין האַרשל" און שקאַציש צו פּאַכן מיט דער בלאָער ציצה. זי האָט זיך פּשוט נישט פאַרגונענען צו קוקן אויף אביגדורן, וואָרעם עס האָט געשמעקט פון אים מיט וואַרשעווער גבירותשאַפט און מיט הירשל גרוימאַן. פון גרויס דרך־ארץ און אונטערטעניקייט האָט אָט־אָ די שוואַכע אויסגעגרינטע דאַכעלע אָנגעהויבן צו שיטן מיט אביגדורס קינדערלעך, ווי אַ לעבער־דיקער זאַק. אָדער זי איז געווען מעוברת, אָדער זי איז געלעגן אין קימפּעט. אַקעגן דאַכעלען האָט די האָפערדיקע ראַצע מיט אירע פיר קינדער אויסגעקוקט, ווי אַן אמתע עקרה. ירחמיאלס דאָליע ביי ראַצען האָט זיך דעריבער שטאַרק פאַרערגערט. זי האָט ערשט נאָך אַמאָל געזען וואָסער שלימזל ער איז, אָט־אָ דער שמעגעגע מיטן געלן ציגן־בערדל. דער פעטער יעקל האָט אים אָפּטער אָנגעהויבן צו רופן נאַר.

אביגדור איז געווען דער „אינפאנט טעריבל” אין דער קוטנער משפחה. אלע האבן פאר אים מורא געהאט און געהאט פאר אים אפשיי. נאך א פאר יאר קעסט־עסן ביים פעטער יעקל האט דאבעלע שוין געהאט אנגעשיט א היפש רעשטל קינדערלעך און אביגדור איז געווען א דם־שונא מיט אלע קוטנער געערער חסידים. מע ווייסט נישט ווי אזוי — ווארעם אביגדור האט גארנישט געטון — נאר ער האט פארלוירן דעם נדן. משפחה האט אנגעהויבן צו קלערן וועגן א תכלית פאר דעם צעבאלעוועטן אביגדורן.

„מיין הארשל” האט אים פון ווארשע געשיקט בלאע ציצית, אבער מכוח פרנסה האט ער פאר אביגדורן ווייניק געזארגט. ס'האט געהייסן, אז אביגדור טויג זיך נישט צו פאפיר־מסחר און אין קראם ביי הירשל גרוימאן איז נישטא מער קיין ארט פאר נייע „מענטשן”. ווען דער זיידע ברוך האט געקויפט לאגעווניקי און עס איז געווען א געברויך אויף „מענטשן”, האט זיך די קוטנער משפחה אריינגעלייגט, אז מען זאל דעם ווילדן אביגדור מיט זיין ווייב דאבעלע און דאס קליינוואַרג אריינזעצן אין די לאגעווניקער וועלדער.

אביגדור גרוימאן איז אוועק אין די וועלדער. ער האט זיך אריינגעזעצט צווישן די אסמאלינער יידן, וועלכע זענען געקומען אין די וועלדער פון לאגעווניקי. אביגדור גרוימאן איז זיין גאנץ לעבן געווען א „שרייבער” אין זיידן ברוכס וועלדער.

קאַפּיטל זעכצן

ס'שטעלט זיך אַ שווערער ווינטער. מע גרייט זיך צו מיין חומש-סעודה. די קאַלישער רביצין ווייזט ווער זי איז. ר' אַהרן הויבט אויף דעם קאַנטשוק צו דער קאַלישער רביצין. יעקב אָבינו האַלט בײַם שטאַרבן. עס רוישן די טויטל-בײַמער אויפן וועג קיין בית-לחם. משה רבינו מיטן רבונו של עולם שמועסן זיך אוים פאַר דער טיר פון „אוהל מועד".

אין לאָדזש האָט זיך געשטעלט אַ שווערער ווינטער מיט אַ סך שניי און פרעסט. דער הויף פון אונדזער חדר איז געווען באַדעקט מיט אַ טיפן שניי. דער אַלטער ברונעם איז געלעגן אַ פאַרשנייטער. די ווייסע ציג האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די שנייען און געמעקעט. אין די פרעסט האָט מען געהערט, ווי עס רוישן די פאַבריקן. איבער דעם פאַרשנייטן לאָדזש האָבן אַרויסגעשטאַרצט די קוימענס און געראויכערט. דאָס קליינע הייזל פון אונדזער חדר איז געווען טיף באַשנייט. דער דאַך אַ צוגעדעקטער און אַ ווייסער. די קליינע פענצטערלעך — פאַר־קאָוועט מיט אייז־בלומען. אינעווייניק אין חדר האָט געברענט דער פּריפּעטשיק און ס'איז געווען מחיהדיק וואַרעם.

די אָוונטן אין לאָדזש זענען געווען שנייאיקע און פינצטערע. אי־בער דער פעטריקאָווער גאַס האָבן האָפערדיק געקלונגען די גלעקלעך פון שליטנס.

אין יידישע שטובן האָט מען געפּרעגלט גענדזן־שמאַלץ אויף פּסח.

ס'איז געווען נאָך חנוכּה־צייט. איך האָב שוין געלערנט ביי ר' אהרנען חומש. ר' אהרן האָט מיך געגרייט צו דער חומש־סעודה. מיין מוטער האָט זיך מיט שטאַרקער התלהבות מכין געווען צו דער דאָזיקער ערשטער שמחה אירער אין לאָדזש. די קאַלישער רביצין האָט אַלצדינג גענומען אין דער האַנט אַריין. אויף דער חומש־סעודה האָט געזאָלט קומען די גאַנצע קוטנער משפּחה. די קאַלישער רביצין האָט

אלעמען געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז נאָך די אַלטע מיוחסת, געניט אין רחבות און גבירותשאַפט און אַז זי פירט אין לאָדזש דעם אייגענעם שטאַט, וואָס ביים „נפש חיה״. זי האָט זיך געוואָלט אויספיינערן און זיך גרויסן מיט לאָדזש אין די אויגן פון די קוטנער און אין די אויגן פון דער באָבע לאה. הגם זי האָט לאָדזש געהאַסט תכלית־שנאה, געהאַסט דעם טאַראַראַם און די רויע אומגעלומפּערטקייט פון לאָדזשער גאַסן, און געזען אין לאָדזש דעם פינצטערן תהום פון איר אומגליק. נאָר קיינער דאַרף עס נישט וויסן. אויף אויסן מוז מען זיך גאָר גרויסן מיט לאָדזש.

די קאָלישער רביצין האָט איבערגענומען די גאַנצע פירונג פון דער חומש־סעודה, וואָרעם זי האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף די דאַר־פישקייט פון מיין מוטער. זי האָט מורא געהאַט, אַז יעדער אומגע־וואונטשענער סורפּריז וועט בלאַמירן לאָדזש אין די אויגן פון די קוט־נער און פון דער באָבע לאה, — און דערמיט אויפדעקן דעם ביטערן סוד פון איר לעבן אין ר׳ שמעון ציליכס פּאַליעס, דער סוד, וועלכן זי האָט אויף אַלע אופנים געוואָלט באַהאַלטן. זי האָט אָנגעזאָגט ר׳ אהרנען, אַז ער זאָל מיך צוגרייטן צו דער חומש־סעודה, אַז עס זאָל זיין אַ נחת, און מיך אויסלערנען די שענסטע דרשה פון זיינע מלמדישע קענטעניש. פאַר ר׳ אהרנען אַליין איז געווען אַ גרויסער כבוד, וואָס די קאָלישער רביצין, די טאָכטער פון ר׳ יהושיעלע קוטנער און דאָס ווייב פון באַ־רימטן „נפש חיה״ רעדט צו אים אַזוי היימישלעך.

אין אַ שיינעם פראָסטיקן ווינטער־טאָג האָט זיך געעפנט די פאַר־שנייטע טיר פון אונדזער חדר. צוזאַמען מיט דער שניידיקער קעלט, וואָס האָט אַ בלאָז אַריין געטאָן פון דרויסן, זענען אַריינגעקומען אין חדר די קאָלישער רביצין, אירע טעכטער און מיין מוטער. פאַר גרויס איבערראַשונג האָט זיך ר׳ אהרן אַזש אַ כאַפּ געטון פאַר דער יאַרמלקע און אויפגעהויבן זיין קאַנטשיק אַקעגן דער קאָלישער רביצין. ער איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און שטאַרק אָנגעהויבן צו הוסטן. נעבן דער קיך איז געוואָרן אַ מהומה. די פאַרביסענע רביצין האָט אָנגעהויבן מיט אַ פּלעדערוויש אָפּצואווישן אַלע בענקלעך. דאָס בת־יחידקעלע האָט זיך באַהאַלטן הינטערן פּיעקעליק און פון דאָרט אָפּגעקוקט. די באַהעל־

פערם זענען שטום געוואָרן ווי די שטיינער. אַלע יינגלעך האָבן זיך אומגעקוקט דאָ אויף די נייע ווייבערישע געסט, דאָ אויף מיר. איך האָב באַקומען טרערן אין די אויגן, ווען די קאָלישער רביצין איז צו מיר צו־געגאַנגען און מיר געטון אַ רבנישן קניפּ אין בעקל. מיין מוטער האָט זיך אומגעקוקט אַ דערשראָקענע. די קאָלישער טעכטער האָבן גרויס־שטאָטיש פאַרצויגן די נעז. די קאָלישער רביצין האָט ברייט און האַ־פערדיק מיט אַ לומדישן און יחוסדיקן „פון אויבן אַראָפּ" גערעדט צום בלאָסן ר' אהרנען, וועלכער האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם קאַנטשיק פון דער האַנט און אים פעסט געהאַלטן צווישן זיינע לאַנגע אויסגעדרייטע פינגער.

— נו, ווי האַלט עס מיט דער חומש־דרשה, רב אהרן? — האָט די קאָלישער רביצין געפרעגט מיט אַ ניגון.

— מע לערנט... — האָט ר' אהרן געענטפערט, אויפגעהויבן דעם קאַנטשיק און תמעוואַטע געשמייכלט.

דאַן האָט זיך די קאָלישער רביצין געפרעגט ווער עס וועט זיין דער כהן און ווער דער אויספרעגער. ר' אהרן האָט מיטן קאַנטשיק אַרויסגעוואונקען צוויי זעקס־יעריקע יינגלעך פון צווישן זיינע תלמידים. די קאָלישער רביצין האָט זיי געקנייפּט אין די בעקלעך. די יינגלעך האָבן שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דער כהן האָט פאַר גרויס שעמעוודיקייט אָנגעהויבן צו וויינען.

דאַן זענען די געסט אַוועק. די רביצין האָט אַוועקגעלייגט די פּלעדערוויש. ר' אהרן האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייסיקן שטערן, אַ פּאָך געטון אין דער לופט מיטן קאַנטשיק און זיך גענומען צום חומש.

ס'איז געווען נאָך חנוכה־צייט. די סדרות זענען נאָך געווען פון חומש בראשית. יעקב אָבינו האָט ערשט געהאַלטן ביים שטאַרבן. יוסף מיט זיינע קינדער מנשה און אפרים זענען געשטאַנען יעקב אָבינון צוקאָפּנס און יעקב האָט זיי וואונדערלעך דערציילט ווי קומענדיק פון פדן־ארם איז רחל אים אַוועקגעשטאָרבן אויפן וועג קיין בית־לחם. זי ליגט דאָרט, אַ טייערע מאַמע, אויפן וועג וואו יידן וועלן שפּעטער גיין אין גלות אַריין. זי, די טייערע ליבהאַרציקע מאַמע רחל, וועט אין אירע

ווייסע תכריכים אויפשטיין פון אונטער דעם שטיין, וואָס אויפן וועג קיין בית־לחם און לויפן צו גאָט און בעטן פאַר יידן און וועקן רחמים אין אַלע הימלען. די דאָזיקע רירנדיקע סצענע האָט ר׳ אהרן אויסגע־זונגען, און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פונקט אַזוי — און מיט אַזאַ זיסן זינג־זאַנג, ווי ר׳ אהרן — האָט דער אַלטער יעקב אָבינו דערציילט די חומש־מעשה פאַר יוספן און זיינע קינדער מנשה און אפרים. די חומש־מעשה וועגן רחלען און דעם וועג פון בית־לחם. מיר האָבן בפירוש געהערט, ווי אין דעם חדר — וואו עס ברענט אין פריפעטשיק און די פענצטער זענען פאַרקאָוועט מיט שניי און פראָסט — רוישן די טייטל־ביימער אויפן וועג פון בית־לחם, עס רעווען די אייזעלעך פון יעקב אָבינו, און עס מעקען פרום זיינע וואַרעמע שאָף. יעקב אָבינו איז אָקאָרשט געקומען פון פדן־ארם. רחל שטאַרבט אין דער קימפעט — און יעקב אָבינו, אין זיין אומעטיקער בענקעניש, זינגט איבער רחלען שטיקער חומש מיט דעם אייגענעם זינג־זאַנג, וואָס ר׳ אהרן.

שפּעטער האָט ר׳ אהרן צוגעמאַכט די חומשים פון דער סדרה, האָט אויפגעמישט דאָס חומש ויקרא און מיט מיר, ווי אויך מיטן כהן און מיטן אויספרעגער אָנגעהויבן צו לערנען, ווי גאָט שמועסט זיך אוים מיט משה רבינון ביי דער טיר פון אוהל מועד.

עס האָט אויסגעקוקט, אַז דער דאָזיקער גאַנצער שמועס פון גאָט מיט משה רבינון האָט נאָר אַ שייכות צו מיין חומש־סעודה. גאָט האָט זיך ספּעציעל פאַר ר׳ אהרנען פונאַנדערגעשמועסט מיט משה רבינון און אין זיין פרומער הערלעכקייט זיך אויסגעשפּרייט איבער ר׳ אהרנס טיש, ווי אַ טערקישער טלית. וואָרעם היינט זענען די סדרות גאָר וויינ־טערדיקע, עס לעבט נאָך דער גוטער פרעה, און יעקב אָבינו ליגט נעבעך, אַ קראַנקער זקן, צו בעט.

קאַפּיטל זיבעצן

ס'ערשטע זיידענע קאַפּאָטקעלע. ס'קומען געסט. די באָבע חיה קומט מיט כּל-טוב. די עופות ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. די קוטנער משפּחה. דער זיידע ברוך מיט זיינע „מענטשן". סימכע גייגע אין אַ סאַמעטן היטל. ליכט-צינדן.

ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָט מען מיר לכּבוד דער חומש־סעודה געמאַכט אַ זיידן קאַפּאָטקעלע. די קאָלישער רביצין, די מומע שפרה מירל, איז אַליין מיט מיר געגאַנגען אין אַ היטל־קראָם אויף דער אַלט־שטאָט און פאַר מיר אויסגעקליבן אַ קליין קיילעכדיק סאַמעטן הי־טעלע מיט אַ קנעפּל אין דער הויך. אויך שטיוועלעך האָט מיין מוטער פאַר מיר באַשטעלט ביי אַ שוסטער. שטיוועלעך, וואָס האָבן געסקריי־פּעט. ווען מען האָט מיר אָנגעמאָסטן די נייע חסידישע הלבשה, האָב איך אויסגעקוקט, ווי אַ קליין יידעלע. די קאָלישער רביצין האָט אָנ־געזאָגט מיין מוטער, אַז מען זאָל מיר למען־השם לאָזן וואַקסן פּאהלעך. הגם אין לאָדזש איז נישט געווען קיין מנהג צו טראָגן פּאות — האָט די קאָלישער רביצין געזאָגט, אַז איך בין עפּעס אַנדערש און איך מעג, וואָרעם איך בין אַן אייניקל פון ר' יהושיעלע קוטנער. דאָס האָט מיך, ווי אויך מיין מוטער אָנגעפילט מיט שטאָלץ.

פאַר דעם שבת פון דער חומש־סעודה, איז אונדזער לאָדזשער דירה פול געווען מיט אַלערליי אָנגעפאָרענע געסט. קודם־כּל איז פון אַסמולסק אָנגעקומען די באָבע חיה. זי האָט מיטגעבראַכט אַ פולן וואָגן מיט כּל־טוב. דער עיקר עפּל און עופות. עס האָט זיך געטון ביי אונדז אַ געפילדער מיט עופות, הינער, גענדז, קאַטשקעס און אינ־דיקעס. די עופות האָבן געטומלט אין די שטייגן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך נאָך געפונען אויף די פעלדער פון אַסמולסק, געטרונקען וואַסער וואָס איז אין פולע שיסלען געשטאַנען אין די שטייגן און געגעסן פון די

הויפנס קערנער. נישט געקוקט דערויף, וואָס מ׳וועט זיי אַלע אויס־שעכטן לכּבוד מיין חומש־סעודה, האָבן זיך פונדעסטוועגן די עופות געפילט, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. עטלעכע אינדיקעס האָבן זיך אַפילו געפּרואווט פונאַנדערצובלאָזן און פאַרשייט געבאָלדערט צו די צניעותדיקע אינדיטשקעס. די באָבע חיה האָט זיך אין אונדזער לאָדזשער דירה געפּאָרעט מיט די עופות.

דערנאָך איז געקומען די קוטנער משפחה. דער פעטער יעקל און די מומע שרהל. די באָבע לאה און דער זיידע ר׳ משהל, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַלטן ביים ווערן וויסקיטער רב. די באָבע לאה האָט מיט־געבראַכט מיינע דריי קליינע פעטערלעך, מיין פאָטערס יינגערע ברידער, יצחק, יעקב־דוד און יאָסל — וועגן זיי וועל איך שפּעטער אַ סך דער־ציילן — ווי אויך די איינציקע יינגערע שוועסטער פון מיין פאָטער, די מומע איטקע, פון וועלכער עס וועט מיר נאָך אויסקומען אַ סך צו דער־ציילן. זי איז שוין געווען אַ כּלה־מיידל און מ׳האָט איר גערעדט רבּישע און רבנישע שדוכים. די מומע איטקע איז געווען שטאַרק אָנגעשמעקט מיט השׂכּלה, האָט געהאַט אַ סך פעאיקייטן און בסוד געלערנט לשון־קודש. זי האָט געהאַט אַ שׂנאה צו דער קאָלישער רביצין און צו אירע טעכטער. ערשטנס, צוליב זייער גבירישן שטאָלץ און צווייטנס, ווייל זיי האָבן זיך עקשנותדיק און האַרטנעקיק געהאַלטן ביי אַלע פרומע טראַ־דיציעס. די מומע איטקע האָט געזאָגט, אַז זיי האַלטן אָן די רעאַקציע אין דער משפּחה און פאַרשטעלן איר, דער מומע איטקע, דעם נייעם פאַרשריטלעכן וועג, וועלכן זי האָט זיך אויסגעקליבן אין אירע אינערלעכע געדאַנקען — נאָר וועגן דעם אויספירלעכער אין די שפּעטערדיקע קאַ־פּיטלען.

ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו קרענקען און ער איז נישט געקומען.

דערפאַר האָט זיך אין דער לעצטער שעה פאַר ליכט־צינדן באַוויזן דער זיידע ברוך מיט זיינע „מענטשן״. ער איז אָקאָרשט געקומען מיט זיי צוזאַמען פון די וועלדער פון לאַגעווניקי. זיי זענען פאַרפאָרן אין טומלדיקן און טונקעלן לאָדזשער הויף אויף אַ גרויסער און שאַרפער בריטשקע. ביי אונז אין שטוב האָט זיך געטון, ווי אויף אַ יריד. די מאַנס־

בילשע געסט זענען אַלע נאָך געווען רויט און פייכט פון דער הייסער לאַדזש־ער מקווה. די ווייבער האָבן אויסגעשטעלט די לייכטער אויף ליכט־צינדן. ס'האָט זיך געטראָגן דער ריח פון די שבתדיקע מאכלים. דער זיידע ברוך, אַ פּריילעכער אַ פרישער, מיט אַ שאַרפער וואָלוועלער ציגאַר אין מויל איז אַריינגעפאַלן אין שטוב צוזאַמען מיט זיינע „מענטשן". דער זיידע ברוך איז צו מיר צוגעפאַלן און מיך אָנגעהויבן צו קושן. פון זיין רויטער באָרד האָט זיך — באַגלייך מיטן ציגאַרן־רויך — נאָך געפילט דער ווינט פון וועג. אויך סימכע גייגע איז געקומען. ער האָט גערעדט הויך און האָפערדיק, געטראָגן אַ סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ און זיך געוויצלט מיט די ווייבער, זיך געפרייט מיט דער באָבע לאה און זיך אויסגעפרעגט אויף דער קאַלישער רביצין. עס זענען אויך געקומען די צוויי שוואַרצע יידן, יואל און משה האַלץ. יואל איז געווען היפּש שיכּורלעך. די אויגן זיינע זענען געווען פאַרנעפּלט און זיי האָבן גע־ברענט. יואל האָט זיך אַ קאַפּעטשקע אונטערגעוואַקלט. משה האַלץ האָט געשוויגן, ווי אַ שטיין, געהאַלטן דאָס קעפּל אין דער זייט און זיך אַ צעשראָקענער אומגעקוקט. אויך אביגדור גרוימאַן און זיין ווייב דאַ־בעלע זענען געקומען פון לאַנגעווניקי. דאַבעלע האָט זיך צעקושט מיט דער מומע שרהל און זיך הויך צעשמועסט מיט די קוטנער ווייבער. דער פעטער יעקל האָט דרך־ארצדיק אָפּגעגעבן זיין איידעם אביגדורן אַ שלום־עליכם און אים אָוועקגערופן אויף אַ סוד. אביגדורס וואַרשעווער פּנים איז שוין געווען היפּש אָפּגעברענט פון וואַלד, זיינע בלאָע ציצית האָבן פונדעסטוועגן חוצפּהדיק אַפּערגעקוקט פון אונטער דער צעקנעפּלטער שוואַרצער קאַפּאָטע. אביגדור גרוימאַן האָט זיך געהאַלטן ביי די קוטנער.

אין די פילע זילבערנע לייכטער אויפן טיש זענען שוין געווען אויס־געשטעלט ווייסע סטעאַרין־ליכט. מ'האָט געפילט, ווי די ערשטע שעה פון שבת רוקט זיך אָן. אונטן פון הויף האָט מען פּלוצלונג געהערט דאָס געשריי פון אַ ספּעציעלן שמש, וואָס איז אין די פרייטיקדיקע בין־השמשותן אַרומגעלאָפן איבער אַלע הייף אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס און געשריגן : „ליכט־צינדן" !

די ווייבער האָבן זיך געגרייט צו ליכט־בענטשן. די מאַנסבילן האָבן זיך גענומען אָנטון די בגדי־שבת.

קאַפּיטל אַכצן

דאָס „גרויסע שטיבל״. ר׳ לוי קאָהן. ר׳ לוי קאָהנס יוגנט. ווי קומט ר׳ לוי צו זיין אַ לאָדזשער גביר? דער „ניקאָלאַיעווסקער זעלנער״ פון יידישקייט. ר׳ לוי קאָהן קומט קיין לאָדזש זוכן אַ מלמדות. ר׳ לוי קאָהן און דער באַראָן היינצל. צוויי אומצופרידענע אין לאָדזש. ר׳ לוי קאָהן אויף דער לאָדזשער וועלט-קאַרוזעלע. די שפע שפּאַרט דורך די פענצטער. ר׳ לוי קאָהן גנב׳ט מינוטן אַריינצוקוקן אין אַ ספר. ר׳ לוי קאָהן מיטן צווייטן ווייב. דער גביר אויפן בוידעם-שטיבל. ר׳ לוי קאָהן העלפט-מיט מאַכן אַ פּאָגראָם אין זיין גבירישער דירה. דאָס צווייטע ווייב עפנט די פענצטער און יאָגט אַרויס מיט אַ פלעדערוויש די ריחות פון די אָרימע יידן.

שבת אינדערפרי האָט מען מיר אָנגעטון דאָס נייע זיידענע קאַפּאָטקעלע, דאָס סאַמעטענע היטעלע און די סקריפּענדיקע שטיוועלעך. כ׳האָב שוין געהאַט היפשע פּאהלעך, וואָס זענען מיר געוואַקסן לויטן באַפעל פון דער קאָלישער רביצין. מיין פאָטער האָט מיך מיטגענומען אין אַלעקסאַנדרער שטיבל אַריין.

ס׳זענען געווען אַ סך אַלעקסאַנדרער שטיבלעך אין לאָדזש. דאָס הויפּט אַלעקסאַנדרער שטיבל, וואו מיין פאָטער האָט געדאַווענט און וואו עס האָבן געדאַווענט די „שיינע יידן״, לומדים און „פּענער״ פון די אַלעקסאַנדרער חסידים אין לאָדזש, האָט געהייסן דאָס „גרויסע שטיבל״. „גרוים״ האָט עס געהייסן נישט דערפאַר, ווייל עס איז גרעסער געווען — אין רוים — פון אַנדערע אַלעקסאַנדרער שטיבלעך אין לאָדזש, נאָר טאַקע, מחמת דאָס גרויסע חשיבות פון דעם דאָזיקן שטיבל.

דאָס „גרויסע״ שטיבל איז געווען ערגעץ אין אַ לאַנגן מהומהדיקן לאָדזשער הויף. אַזוי האָט מען גאָרנישט געוואוסט, אַז אויף אָט דעם ירידישן הויף געפינט זיך דאָס „גרויסע שטיבל״. טאָמער אָבער איז אויף אַ רגע אַ ביסל שטילער געוואָרן אויפן הויף, איז באַלד אַרויפגע-

שוואומען אין דער לופט דער הויכער זינג־זאנג פון קול תורה. אין „גרויסן שטיבל" זענען געזעסן חסידישע בחורים און יונגעלייט און געשמאק געלערנט. דאס הויז האט געהערט צו איינעם פון די וואונ־דערלעכסטע יידן פון די לאדזשער גבירים, צו ר' לוי קאהן.

ר' לוי קאהן האט אויך באלאנגט צו די לאדזשער אויסטערליש־קייטן און ער האט דווקא ארייננעברענגט א שטיק געלאסענע און איינ־געשפארטע יידישע פארצייטישקייט אין דעם עקספערימענטירנדיקן טאַ־ראראם און האווענישער איילעניש פון לאדזשער יידן. ווי קומט אזא געלאסענער, איינגעשפארטער און קאנסערוואטיווער ייד גראד אין לאדזש זיך ארויפצוכאפן אויפן אויבנאן און צו ווערן א לאדזשער גביר? עס איז דאך אייגנטלעך קאפויער קעגן דער לאדזשער טבע, א טבע וואס איז געגאנגען אין גאנצן אויפן פאנטאזיעפולן שפיל, אויפן באדנ־לאזן בטחון און אויפן הפקרדיקן וואגעניש מיט אלעם און מיט אלצ־דינג? ווי אזוי האט געקענט עמעצער געווינען אין לאדזש, ווען ער האט נישט אן חשבון איינגעשטעלט אין דעם שפיל, וואס די דאזיקע שטאט האט געשפילט מיט דער וועלט? גיי פרעג א קשיא אויף לאדזש! לאדזש האט געהאט אירע קאפריזן און זי האט זיך אלצדינג דערלויבט. גייט לאדזש אין מיטן דערינען און הענגט אן א גרויס פארמעגן אין א ייד, א בטלן, אן אלטן וואורקער חסיד, א באנק־קוועטשער, וואס האט האלט צו זיצן מיט חסידים אין שטיבל, אדער ביי דער גמרא, שטאמט פון רבנים און איז געקומען קיין לאדזש בלויז מיט דער באשיידענער כוונה, צו געפינען א קנעלונג און צו ווערן א מלמד. מער נישט. (אין לאדזש איז, צוזאמען מיט דער צונעמענדיקער יידישער שפע, געווען א גע־ברויך אויף מלמדים). ר' לוי האט זיך אבסאלוט נישט געטויגט צו לאדזש, האט נישט געהאט קיין ברעקל מנחם־מענדלשע פאנטאזיע אין קאפ און האט שטענדיק געהאט די אינערלעכע תשוקה צו ווערן א מלמד. אן אמתער ייד א בטלן. אים גראד — ווי קאפריזנע איז לאדזש אין אירע מעשים! — האט זי, — קענן זיין בפירוש ווילן, — ארויפ־גענומען אויף איר משוגענער קארוסעל, וואס האט זיך געדרייט איבער אלע ווינטן פון דער וועלט, אים ארייננעזעצט אין א פולער קראם מיט לאדזשער סחורות, ביי פולע טישן מיט וועקסלען, צווישן לאדזשער

סוחרים, וואָס האָבן ארום אים געהאַוועט ווי בינען ארום האָניק און אים אריינגעבריינגט געלט און וועקסלען און געקויפט ביי אים סחורה. און ר׳ לויס שפע איז געוואַקסן. ר׳ לוי קאָהן האָט זיך נאָר בסדר גע־קליגט, ווי אזוי אראָפּצוגנבענען עטלעכע מינוט פון דעם שפּעדיקן תוהו ובוהו אין זיין געשעפט—וואוהין דאָס געלט איז אריינגעשוואָר־מען דורך אַלע פענצטער — און צו כאַפּן אַ קוק אין אַ חסידיש ספרל, וועלכעס ער האָט געהאַלטן אין זיינע שופלאָדן צוזאַמען מיט די וועקס־לען, אָדער מיט אַמאָל אַלץ פארגעסן און מעיין זיין אין אַ שווער שטיקל גמרא, אָדער וועלן פארענטפערן אַ קשיא פון תוספות ערגעץ־וואו אין אַן אָפּגעלעגענער גמרא. דערביי האָט ר׳ לוי קאָהן שווער אַ זיפץ־אָפּ געטון הלמאי דער אייבערשטער האָט אים פארדרייט דעם קאָפּ מיט לאָדזשער עשרות, בעסער וואָלט ער געוואָרן אַ מלמד, ווי ער האָט תחילת אין זינען געהאַט קומענדיק קיין לאָדזש, און זיך געקאָנט מיט אַ רואיקן קאָפּ נעמען צו דער געליבטער גמרא און זיצן אין שטיבל צווישן חסידים.

נאָר פארפאַלן. מ׳האָט ר׳ לוין אוועקגעזעצט אויפן לאָדזשער פערדל און ער האָט נעבעך ס׳גאַנצע לעבן זיינס געמוזט זיין אַ לאָדזשער גביר און גנבענען מינוטן אין געשעפטס־טאָג אויף אריינצוקוקן אין אַ ספר. אַן עונש אויף אַ ייד.

ר׳ לוי קאָהנס פארמעגן און זיין גאַנץ סוחרישקייט האָט זיך גע־נומען פון פאָלגנדיקן צופאַל: נאָך דעם ווי ר׳ לוי קאָהן האָט זיך בחורוויז ארומגעוואַלגערט איבער אַלערליי פוילישע בתי־מדרשים, גע־געסן „טעג” ביי פארשיידענע באַלעבאַטים, און געשמאַק געזעסן און גע־לערנט — האָט אים זיין פאָטער, דער דוואָרטער רב ר׳ משה נחמיה צוריק אהיים גערופן קיין דוואָרט און אים חתונה געמאַכט. ר׳ לויס פאָטער, ר׳ משה נחמיה, הגם אַ וואורקער חסיד — און ער איז נאָך גע־פאָרן צום רבי ר׳ בונם אין פשיסכע — איז אָבער געווען אַ דיסציפּלי־נירטער פארעקשנטער ייד. אַ שטיק מתנגד אין זיין התנהגות. אַן אסקעט אינמיטן דעם הוליאַקישן דרך פון וואורקער חסידות. אין דער עבודה צו גאָט האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ פשוטער זעלנער. אין דעם דאָזיקן זעלנערישן דרך האָט ער אויך געוואָלט מחנך זיין זיינע קינדער,

נישט ארויסווייזן זיי די מינדסטע צערטלעכקייט, נישט באַלעווען און נישט לאָזן זיי אויף אַ רגע אָפּרוען אין דער שווערער עבודה פון ייִדיש־קייט. כּסדר האָרעווען און כּסדר זיין אין זעלנערישן דיסציפּלין. נאָך ווען ר׳ לוי קאָהן איז געווען אַ קליין ייִנגל, האָט אים דער פאָטער זיינער פיר אַזייגער אין דער פרי געוועקט צו ייִדישקייט און אין חדר אריין. האָט געמעגט דרויסן אין שטעטל דוואָרט קנאַקן דער פראָסט און דעם קינד האָט זיך סכּנות געוואָלט שלאָפן — האָט זיך ר׳ משה נחמיה נישט געפּוילט דעם ייִנגעלע אָרונטערצוגיסן אַ שעפּ קאַלט וואַסער אונ־טער דער וואַרעמער פּערענע און אים הויך צו זידלען, אַז ער איז אַן עצל און אַ פּעפּער. דער שאַרפער רבנישער טאַטע האָט אינמיטן דער נאַכט דעם שלעפעריקן ייִנגעלע אויסגעמאָלט וואָס מע טוט אויף יע־נער וועלט מיט פוילע און פּעפּערדיקע ייִדן, וועלכע ווילן בעסער נאָך ליגן אַ מינוט אונטער דער דעק איידער זיך פּעדערן, ווי אַ לייב, צו עבודת הבורא. ווען ר׳ לוי איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגעלע האָט אים ר׳ משה נחמיה מיטגעשלעפּט אין די הייסטע און קאַלטסטע מקוואות און אים מחנך געווען יעדע רגע צו זיין איינגעשפּאַנט אין דער שווערער פרומער האָרעוואַניע פון אַ ייִד. דערצו האָט ר׳ משה נחמיה זיינע זין נישט געזאָגט קיינמאָל קיין וואַרעם וואָרט און נישט געוויזן זיי דעם מינדסטן שמייכל. ר׳ משה נחמיה האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט. אַ ייִד טאָר נישט זיין צעבאַלעוועט. אויך זיינע קינדער האָט ער דער־צויגן אין דעם דאָזיקן שווערן דרך. ווען ר׳ לוי קאָהן איז נאָר אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט אים ר׳ משה נחמיה אריינגעזעצט אין אַ בויד, אוועקגעשיקט ערגעץ אין אַ העק אַ שטעטל, וואו עס איז געווען אַן אַלטער רב, אַ בייזער און אַ למדן. ר׳ משה נחמיה האָט לוין נישט מיטגעגעבן קיין גראָשן. וויבאַלד לוי איז נאָר אָראָפּגעקומען פון דער בויד, האָט ער שוין אין דעם אָרעמען שטעטל געמוזט זאָרגן אויף חיונה. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין בית־המדרש און דאָרט געשלאָפן אויף די האַרטע בענק הינטערן אויוון צוזאַמען מיט אַלע ארחי־פּרחי, האָט זיך שווער געשאַפט „טעג" ביי פאַרשיידענע קאַרגע באַלעבאַטים. דער אַלטער רב, דער בייזער למדן, הגם ער האָט גוט געקענט ר׳ משה נחמיהן און זיך מיט אים איבערגעשריבן אין חידושי תורה, האָט זיך אויף דעם

בחור לוי נישט געוואָלט אומקוקן און אים נישט אויף דאָס מינדסטע העלפן. ער האָט געגלויבט דערמיט צו טון דעם רצון פון ר׳ משה נחמיהן און האָט אויך געהאַלטן, אַז אַ ייד מוז מען דערציען ווי אַ זעלנער אין יידישקייט. דערפאַר האָט לוי ביי אים געלערנט „שיעור". באַלד נאָכן „שיעור" האָט אים דער בייזער לומדישער רב צוריקגעיאָגט אין בית־המדרש אריין צו דער גמרא. ר׳ לוי קאָהן האָט קוים געקאָנט אָפּ־עסן די „טעג" און אָפּשלאָפן אויפן הארטן פּיעקעליק, וואָס ער האָט באַ־קומען ערגעץ ביי אַן אַלטן בעקער. די עטלעכע שעה, וואָס ר׳ לוי איז געשלאָפן האָט אים דאָרט אַ גריל אַריינגעגרילצט אין די אויערן אַריין. חוץ מזה, האָט ר׳ לוי יעדן דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט געמוזט אויף זיין און לערנען. וואָרעם דאָס איז געווען דער דרך פון די ישיבה־בחורים אין פּוילן. נישקשה, ר׳ לוי קאָהן האָט נישט געהאַט קיין צע־באַלעוועטע יוגנט. ער איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי אַ ניקאָלאַיעווס־קער זעלנער און דערביי געוואָרן געזונט ווי אַ בוים. אין שטענדיקן הונגער איז ביי אים געוואַקסן דער אַפּעטיט ווי ביי אַ וואָלף און ער האָט נישט איבערגעקליבן וואָס מע גיט אים. אַלץ איז געווען גוט. אפילו אַ טשאָלנט, וואָס איז שוין געווען דריי טעג אַלט. זיין מאָגן איז אויך נישט געווען קיין צעבאַלעוועטער און ער האָט געדאַנקט גאָט אויף אַלעם, וואָס ר׳ לוי האָט אין אים אַריינגעשיט, ער האָט זיך נישט געפּיעשטשעט און אַלצדינג פאַרדייעט. נאָך אַ פּאָר יאָר גוט פאַר־שוואַרצט ווערן, האָט ר׳ לוי באַקומען אַ בריוול פון זיין פאָטער ר׳ משה נחמיה — דאָס איינציקע מאָל במשך די אַלע יאָרן — אַז ער זאָל למען השם אהיים קומען חתונה האָבן. ר׳ לוי איז ערשט געוואָר געוואָרן, אַז ער איז שוין, למזל, אַ חתן. ווער עס איז די כּלה און ווער דער מחותן, האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצועסן אַ „טאָג" ביי זיין באַלעבאָס, האָט זיך געזעגנט מיטן בייזן למדן, האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ בויד און אַ פאַרהאַרטעוועטער זעלנער אין יידישקייט, איז ער אהיים געפאָרן נאָך דוואָרט אויף זיין אייגענער חתונה.

נאָך דער חתונה האָט ר׳ לוי קאָהן געגעסן קעסט ביי אַ קאַרגן שווער מיטן נאָמען עוזר, אַ ייד, וואָס איז תמיד געווען אויף אַלעמען אין כּעס,

געזשאַלעוועט אַ גראַשן אויף שטוביקער חיונה, אַלצדינג אינדערהיים אַליין געהאַלטן אונטערן שליסל און געציילט די קאַרטאָפליעס אין טאָפּ אַריין. ר׳ לוי קאָהן האָט געלערנט „שיעור״ ביי זיין פאָטער ר׳ משה נחמיה, וועמעס באַציאונג צו דעם חתונה געהאַטן זון האָט זיך נישט געענדערט אויף אַ האָר. ר׳ משה נחמיה האָט צו אים גערעדט אַ שטרענגער און אַן אָנגעכמורעטער, און אים באַהאַנדלט, ווי אַן אָפיציר אַ זעלנער. ר׳ לוי קאָהן איז שוין אַזוי געוואוינט געווען צו דער דאָזיקער אייזערנער דיסציפּלין פון יידישקייט, אַז זי איז אים ממש געלעגן טיף אין זיין בלוט. ער האָט זיך געפילט זעלטן וואויל אין דעם דאָזיקן אייביקן שווערן עול. און ער וואָלט זיך געפילט ביטער און אומגליקלעך, ווען עמעצער זאָל ביי אים אָפּלאָזן די לייצעס. ער איז שוין אַליין געווען אַ שטרענגער דיסציפּלינירטער יידישקייט־זעלנער אין לעבן און האָט אויף זיך גענומען דעם שווערן עול און זיך פאַרהאַרטעוועט און פאַרהאַרטעוועט... ווען ר׳ לוי האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדערלעך און נישט קיין גראַשן ביי דער נשמה, האָט אים ר׳ משה נחמיה אַמאָל אַריינגערופן, אים שטרענג באַפוילן זיך אַריינצוזעצן אין אַ בויד, אַוועקצופאָרן קיין לאָדזש און דאָרט ווערן אַ מלמד און איבערצולאָזן ווייב און קינד אויפן האַלדז פונם קאַרגן שווער.

אויך דאָ האָט ר׳ משה נחמיה נישט מיטגעגעבן לוין קיין גראַשן אויף הוצאה און אויפן ערשטן ברויט אין לאָדזש. די בויד איז פאַרפאָרן אויף לאָדזשער אַלט־שטאָט. ר׳ לוי, וואָס האָט כּל־ימיו נישט מער געזען סיידן דאָס שטעטעלע דוואַרט און דאָס פּיצעלע שטעטעלע, וואו ער איז פאַרשוואַרצט געוואָרן אין זיין יוגנט, געשלאָפן אויף אַ פּיעקעליק, געגעסן „טעג״ און טאָג און נאַכט געלערנט און זיך געהאַרטעוועט, — איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין דעם גאָלדענעם תוהו ובוהו פון לאָדזשער גאַסן און לאָדזשער יידן. ר׳ לוי קאָהן איז אָבער געוואוינט געווען צו קאַלט און צו וואָרעם. ער האָט נישט געהאַט קיין גראַשן אין קעשענע און האָט זיך אין אָנהייב פאַרלוירן צווישן דעם נערוועזן און משוגענעם טאַראַראַם אויף די לאָדזשער טראָטואַרן, צווישן די פאַרהאַוועטע יידן, וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעשטויסן, אים געשטופּט אויף אַלע זייטן און זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ר׳ לוי איז נישט נתפּעל

געוואָרן. מיט מי און מאטערניש און א טויט־הונגעריקער האָט ער פאַ־מעלעכל קוים אויסגעפונען דאָס וואורקער שטיבל, וואָס איז געווען ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגענעם באַלוטער הויף. וואורקער חסידים האָבן אים געקאָנט און אים געגעבן וועטשערע. נאָכדעם, ווי ער האָט דער־ציילט, אַז ער איז געקומען קיין לאָדזש זוכן אַ מלמדות, האָט ער זיך אָנגעצעצט לערנען גמרא. ווען ס'איז געוואָרן שפּעט און קיינער איז שוין נישט געווען אין שטיבל, האָט ר' לוי הויך מיט אַ מתיקותדיקן ניגון געלייענט קריאת־שמע, האָט זיך אויסגעלייגט אויף אַ האַרטער באַנק נעבן אויוון און אנטשלאָפן געוואָרן דעם שלאָף פון גערעכטן.

איך האָב קיין מאָל נישט געקאָנט געוואָר ווערן, ווי אַזוי ר' לוי קאָהן, אַנשטאָט צו ווערן אַ מלמד, האָט ער זיך גאָר אַריינגעכאַפּט צו די רייכע לאָדזשער דייטשן. ר' לוי קאָהן האָט נישט געקאָנט קיין שום גוייש לשון, נישט קיין פּויליש און נישט קיין דייטש, און בכלל קיין מאָל נישט געהאַט צו טון מיט ערלים. פונדעסטוועגן — וואָס איז לאָדזש אויב נישט קיין וואונדער? אַלע לאָדזשער טועכצן זענען גע־ווען אַ קאַפּויער און אַן אויף־צעפּיקעניש אַלע געזעצן און אַלע אָנגע־נומענע מיינונגען. לאָדזש איז געווען אַ פּערמאַנענטע רעוואָלוציע און כסדר זיך געבויט אויף פאַנטאַזיעס און עקספּערימענטן. איז זיך מישב אָט־אָ דאָס אויסטערלישע לאָדזש און נעמט אַ חסידישן יונגנמאַן, וואָס איז סך־הכל געקומען אין אירע מויערן צו ווערן אַ מלמד און זאָגט: ניין, ר' לוי קאָהן, דו, גראָד, געפעלסט מיר צו ווערן אַ לאָדזשער עושר. ווען אַנדערע יידן, וועלכע קענען דייטש און ווילן האַנדלען סכנות־נפשות, קלאַפּן אומזיסט ביי די טירן פון די גרויסע דייטשישע פאַבריקאַנטן אין לאָדזש, וועל איך דיך אַריינפירן צו די גרעסטע מאַגנאַטן און דיר געבן חן אין זייערע אויגן.

אַזוי איז עס טאַקע געווען.

ר' לוי קאָהן איז געוואָרן אַן איינגייער ביי איינעם פון די רייכסטע דייטשישע לאָדזשער פאַבריקאַנטן, דעם באַראָן היינצל. היינצל האָט געשטאַמט פון אַ זאַקסיש־פּויערישער וועבערישער משפחה, וואָס האָט אַריינגעוואַנדערט אויף די זאַמדן פון אַמאָליקן „ווילקע" (לאָדזש). אין אַלטן לאָדזש איז ער געווען אַ פּשוטער וועבער און פאַמעלעך דערהויבן

געוואָרן צו אַ פאַרמעגן פון שווערע צענדליקער מיליאָנען. זיינע פאַבריקן האָבן פאַרשוואַרצט די לאָדזשער הימלען מיט רויך. ביי זיין גאַנצן פאַרמעגן, איז דער אַלטער היינצל פאַרבליבן דער אַמאָליקער זאַקסישער וועבער, געטראָגן אַ גרינע וועסט, אַ קאַפּעלוש מיט אַ פּעדער, געררויכערט אַ לאַנגן דייטשן ליולקע־ציבּיק מיט געמיינעם טאַבּאַק, ווי עס רויכערן פּויערים, און גערעדט אַ זאַקסישן דיאַלעקט, וועלכער איז אין לאָדזש צוגעמישט געוואָרן מיט אַלערליי יידישע ווערטער. די קינדער זיינע, אויפגעצויגן אין רייכקייט, האָבן אויפסגעוואַלט געוואָלט פאַרגעסן דעם פּראָסטן פּויערישן אָפּשטאַם און האָבן זיך געשניטן אויף גרויס־אַריסטאָקראַטן: געהאַלטן שטאַלן מיט געיעג־פערד, זיך דווקא געוואָלט משדך־זיין מיטן אויסלענדישן דייטשן יחוס און זיך געקויפט דעם טיטל באַראָן. ווען מ׳האָט דעם אַלטן היינצל געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ באַראָן, האָט ער געטון אַ קלאַפּ מיט דעם ליולקע־ציבּיק אין טיש, אָנגעהויבן צו זידלען אויף זאַקסישע קללות און זיי צוגעמישט מיט יידישע און לשון־קודשדיקע זידל־ווערטער, מיט וועלכע זיין שפּראַך האָט זיך אָנגענומען האָבנדיק כּסדר צו טון מיט לאָדזשער יידן. דער אַלטער היינצל איז נאָך געוואָרן האַרטער און פאַרביטערטער צווישן די מיוחסדיקע שנירן און מיוחסדיקע געסט, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין זיין לאָדזשער פּאַלאַץ. ער האָט בייז געפּיפּקעט די זאַקסישע ליולקע מיטן וואָלוועלן טאַבּאַק, געטראָגן צווישן די דייטשע אַריסטאָקראַטן זיין גרינע פּויערישע וועסט און גערעדט דיאַלעקט אויסגעמישט מיט יידיש. דעם כּעס האָט ער בּיינאַכט אויסגעלאָזט צו דער אַלטער דייטשקע, זיין ווייב, אַ פּראָסטע פּויערטע, וואָס האָט זיך קוים געקאָנט אונטערשרייבן, נעבעך נישט געוואוסט, ווער עס האָט זי געשלייערט און געזעסן אַ דערשראָקענע צווישן אירע אַריסטאָקראַטישע געסט.

אין ר׳ לוי קאָהן האָט דער אַלטער היינצל געמוזט דערפילן אַ כאַראַקטער, וואָס איז אים געווען טיף נאָענט. אויך אַ מענטש, וואָס דאָס לעבן האָט אים נישט געבּאַלעוועט און ער איז אַדורכגעגאַנגען קאַלט און וואַרעם און איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין לעבן ווי אַן אַלטער זעלנער אין שלאַכטן. פּונקט ווי ר׳ לוי האָט זיך שלעכט געפילט אין זיין עשירות און כּל־ימיו חרטה געהאַט דערויף, וואָס ער איז נישט געוואָרן קיין

מלמד, אזוי האָט אויך דער אַלטער היינצל זיך ביטער געפילט אין זיינע פּאַלאַצן, אַלס באַראָן צווישן די אויסגעשטיפּטע דייטשע אַריסטאָקראַטן, וואָס זענען אַזש פון פּרייסן געקומען צו געסט צו זיינע זין און מיט זיי געהולטאַיעוועט און פאַרטאַכלעוועט געלט אויף תענוגים אין וועלכע דער אַלטער וועבער האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה. די שענסטע צייטן אין זיין לעבן האָט דער אַלטער היינצל געזען אין יענע טעג, ווען די פּעטריקאָווער גאַס איז נאָך געווען כמעט אַ דאָרף צווישן וואַלד און זאַמדן, יידן האָבן געוואוינט אויף יענער זייט „לודקע״, און ער, היינצל, איז געזעסן ביי זיין וועב־שטול, געטרונקען פּעט ביר פון אַ זאַקסישן קרוג, געררייכערט אַ ליולקע און זונטיק, צוזאַמען מיט אַלע לאָדזשער וועבער, געהערט די פּרעדיק אין דער קליינער הילצערנער קירכע. ס׳איז געווען אַ וועלט, אַ שיינע, אַ פּשוטע און האַרטע וועלט, אַט יענע וועלט פון וועלכער סיי ער, היינצל, סיי אַט־אָ דער הויכער ייד, לוי קאָהן, זענען געקומען. מ׳האָט שווער געלעבט און ס׳זענען נישט אַרומגעפלויגן אין די וואָלקנס קיין גאָלדענע טייבעלעך, עס האָבן נישט געקלאַפּט משוגענער־וויז די דאַמף־מאַשינען און מ׳האָט ניט געוואוסט פון קיין וועקסלען און פון קיין מיליאָנען און פון אַנדערע הולטייסקע עולם־הזהס, פון קיין ווייבער און פערד. וואָס אַזוינס עס איז הולטייסקע עולם־הזה, ווי ווייבער און פערד, האָט אַפילו ר׳ לוי קאָהן נישט גוט באַנומען און עס איז אים געווען פּרעמדלעך — נאָר אויסצורעדן אָסור לדבר אויף דעם נייעם פאַרהאַוועטן לאָדזש און אויף איר אויסטערלישער שפע, דאָס האָבן זיי ביידע געטון. דער אַלטער היינצל האָט דערביי רציחהדיק געקלאַפּט מיט דער גרויסער זאַקסישער ליולקע אין טיש אַריין און גע־שאָלטן אויף אַ לאָדזשער יידישן דיאַלעקט. ר׳ לוי קאָהן האָט אים געזאָגט אַ מאמר־חז״ל, וועלכן ר׳ לוי האָט איבערגעזעצט אויף אַ צע־קאַליעטשעטן יידיש, וואָס האָט אין ר׳ לויס אויערן געקלונגען, ווי גוטער דייטש. היינצל האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין טיש אַריין מיט דער ליולקע און געזאָגט: „יאַ, רעב לוי״ און געשריגן אויף דעם זעלביקן צעקאַליעטשעטן יידיש.

דער אַלטער היינצל האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך אַט־אָ דעם איינציקן מענטש אין לאָדזש, וואָס האָט געקוקט אויף דער וועלט

מיט די אייגענע אויגן וואָס ער, און וואָס האָט פון דעם פּאַרטאַראַמטן און פאַררויכערטן לאָדזש נישט מער פאַרלאַנגט סיידן ווי די מעגלעכקייט צו ווערן אַ מלמד און תמיד צו קאָנען זיצן ביי דער גמרא. היינצל האָט זיך געפילט בעסער און רואיקער, ווען ער האָט זיך געקאָנט אויסשמועסן מיט ר׳ לוין, קלאַפּן מיט דער ליולקע און הערן ר׳ לוים מאמרי־חז״ל. און ער האָט אים, ר׳ לוין, געוואָלט האָבן נעבן זיך אויף דער גאָלדענער לאָדזשער וועלט־קאַרוזעלע. זאָל ער אויך, דער הויכער פאַרהאַרטעוועטער ייד, נישט האָבן קיין לייכט לעבן, און זאָל ער זיך אויך שלעפּן מיט די לאָדזשער מיליאָנען און זיין צו אים, דעם אַלטן היינצלען, אויף שטענדיק צוגעבונדן. ר׳ לוי האָט נעבעך טיף אָפּגעזיפצט בעת ער האָט געהערט, אַז דער אַלטער היינצל וויל אים עפענען אַ גרויסע קראָם אויף פּיעטריקאָווער גאַס, אַנפּאַקן דאָרט די פּאָליצעס מיט ווייס־וואַרג און לייוונטענע סחורות און אים מאַכן פאַר אַ לאָדזשער גביר. ער האָט געוואוסט, ר׳ לוי, אַז דורכדעם, וואָס אים איז נישט מעגלעך געוואָרן צו ווערן אַ מלמד, וועט ער פאַמעלעך פאַרפרעמדט ווערן פון דער גמרא, פון אביי ורבא און פון דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון זיין פאָטער ר׳ משה נחמיה. און וואָס וועט ער טון מיט אַזוי פיל געלט און מיט לאָדזש?

ר׳ לוי קאָהן איז אַריבערגעפאָרן צום רבין קיין אַלעקסאַנדער — דאַמאָלט איז שוין דער אַלטער וואורקער עולם געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער, — דער רבי האָט אים געהייסן אָננעמען היינצלס אָנבאָט. ר׳ לוי קאָהן האָט אפילו געפּרואווט זיך צו ווערן און צו זאָגן, אַז ער טויג בעסער צו מלמדות, ווי צו מסחר, נאָר דער רבי האָט אים אויף אין דער געשווינד אָפּגעזעגנט און אים געוואונטשן הצלחה אין די לאָדזשער געשעפטן.

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך ר׳ לוי קאָהן געפונען אינמיטן אַ גרויסער סחורה־קראָם. די פּאָליצעס זענען געווען פול. פאַר דער טיר פון דער קראָם זענען אַלע אינדערפרי אָנגעפאָרן אָנגעפּאַקעוועטע וועגענער, וואָס האָבן געבראַכט סחורה פון היינצלס פאַבריקן. אַרום ר׳ לוין האָט אָנגעהויבן צו ווימלען מיט לאָדזשער יידן, וואָס האָבן צו אים גערעדט אויף יידיש און אויף דייטשמעריש, אים גערופן סיי

ר׳ לוי, סיי הער קאָהן, און אים געבערענגט גאַנצע זשמעניעס מיט געלט און גאַנצע בערג מיט וועקסלען. דעם פאַרהאַרטעוועטן ישיבה־בחור, וואָס האָט כּסדר אין דער שטיל געחלומט פון דער גמרא און מלמדות, האָט לאָדזש אַריינגענומען אין איר כּישוף־שפּיל. אַרום ר׳ לוין האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן די לאָדזשער גליקן אויף טיש און אויף בענק. ר׳ לוי האָט איבער נאַכט אָנגעהויבן צו וואַקסן אַ לאָדזשער גביר. ר׳ לוי האָט געגנבעט מינוטן, כּדי אַריינצוקוקן אין דער גמרא, וועלכע ער האָט בסוד געהאַט ליגן צווישן די וועקסלען. דער אַלטער היינצל האָט אויך געגנבעט מינוטן פון זיינע מיליאָניקע מסחרים, כּדי צו פאַרברענגען מיט דעם דאָזיקן הויכן אויסגעדאַרטן ייד, צו האַקן מיט דער ליולקע איבערן טיש און אויסצורעדן אויף דעם היינטיקן לאָדזש און אויף דעם נייעם דור, וואָס וואַקסט דאָ אונטער. ווען ר׳ לוי קאָהן האָט באַדאַרפט „מענטשן” אין זיין געשעפט, האָט ער אויסגעמיטן די פּיפּיקע ליטוואַקעס, וואָס זענען אָנגעקומען קיין לאָדזש און פאַרנומען אַלע שטעלעס. דער־פאַר האָט ער גענומען זיינע „מענטשן” פון די אַלטע וואורקער חסידים און פון זיינע בטלנישע חברים אין אַלעקסאַנדערער שטיבל. הגם זיי האָבן נישט געקאָנט קיין שום גוייש לשון פּונקט, ווי ר׳ לוי. די שפּע אָבער אין ר׳ לוים קראָם איז געוואַקסן אויך מיט די דאָזיקע בטלנישע און חסידישע „מענטשן”, — וואָס יעדער פון זיי, פּונקט ווי ר׳ לוי אַליין, האָט געגנבעט מינוטן כּדי אַריינצוקוקן אין אַ ספר, און אַ גאַנצן טאָג אין קראָם נאָר געבענקט נאָך דעם אָוונט, ווען די מסחרים וועלן זיך אויסלאָזן און מ׳וועט צוריק קענען זיצן אין אַלעקסאַנדערער שטיבל, לערנען גמרא אָדער דערציילן וואורקער מעשיות.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ר׳ לוי קאָהן איז געוואָרן אַ באַ־קאַנטער לאָדזשער גביר. דער וועג צום מלמדות האָט זיך פון אים דער־ווייטערט. דערצו איז ר׳ לוי מיטאַמאָל געוואָרן אַן אַלמן און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ לאָדזשער בתולה. דאָס נייע ווייב האָט אָנגעהויבן צו פירן נגידישן שטאַט, און ר׳ לוי האָט נעבעך טיף אָפּגעזיפצט, ווען ער האָט געזען, ווי ער וואוינט מיטאַמאָל אין נגידישע סאַליעס, גייט אָנ־געטון אין אַ נייער טוכענער קאַפּאָטע און עסט אַלע טאָג אַ נגידישן ציי־מעס. לאָדזש! נאָר ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, ר׳ לוי קאָהן. דאָס

נייע ווייב האָט דווקא געוואָלט, אַז ר׳ לוי זאָל קויפן דאָס הויז וואו ער וואוינט אין זיינע סאַליעס. ר׳ לוי האָט געוואוסט, אַז סיי־ווי קאָן ער שוין נישט לעבן פריי אויפן דרך פון זיין פאָטער ר׳ משה נחמיה, ער וועט קענען לאָדזש נישט געווינען. און ער האָט דאָס הויז געקויפט. נאָר ר׳ לוי האָט זיך געוואוסט צו קלינגן און „אַראָפּצוגנבענען״ ביי דעם לאָדזשער גבירותשאַפט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אין קראָם האָט ער געגנבעט מינוטן פאַר דער גמרא — אויך אין זיין גרויסער קאָ־מעניצע האָט ער „אַראָפּגעגנבעט״ אַ בוידעם־שטיבל ערגעץ אויפן העכסטן גאָרן. דאָרטן האָט דאָס נייע ווייב נישט געטאָרט שאַלטן און וואַלטן. ר׳ לוי האָט דאָס בוידעם־שטיבל איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן, פונקט ווי דאָרט וואָלט נישט געוואוינט קיין לאָדזשער גביר, נייערט אַ פשוטער קליינשטעטלדיקער מלמד. אַ לאַנגער הארטער טיש, אַ הארטע באַנק, אַ שיסל און אַ קרוג וואַסער, און אַ קליין נאַפט־לעמפּל. די פענצטער פון דעם בוידעם־שטיבל זענען ארויסגעגאַנגען ערגעץ אויף אַ הויכן נאַ־קעטן מויער, און פון דאָרט האָט זיך נישט געזען לאָדזש. ווען ר׳ לוי קאָהן איז נאָר געווען אין דער היים, און נישט געגעסן זיינע נגידישע מאָלצייטן מיט די זיסע צימעסן, איז ער געזעסן אויבן אין זיין בוידעם־שטיבל, געשמאַק און אויף אַ זיסן ניגון געלערנט גמרא. ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער הארטער באַנק, ווי אַמאָל אין זיינע ישיבה־בחור־צייטן, און איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ זיסן געזונטן שלאָף.

פון זיין הויז האָט ער אויך „אַראָפּגעגנבעט״ עטלעכע שטובן פאַרן „גרויסן״ אַלעקסאַנדערער שטיבל. אָבער דער עיקר האָט ער זיך געפילט גוט, ווען דער אַלעקסאַנדערער רבי איז געקומען קיין לאָדזש צום דאָק־טער יאָנשער. דער אַלעקסאַנדערער רבי מיט זיינע מקורבים און משמשים זענען איינגעשטאַנען אין די סאַליעס פון ר׳ לוי קאָהן, און אים, ר׳ לוין, האָט זיך באַשיימפּערלעך אויסגעדוכט, אַז ער ווערט צוריק דער אַלטער פאַרהאַרטעוועטער ישיבה־בחורישער וואַגאַבונד און ער ווייזט לאָדזש די גרויסע פייג. אין די דאָזיקע טעג איז ער נישט געגאַנגען אין קראָם אריין, נייערט זיך געשטופּט צווישן די חסידים. דער רבי האָט פאַר־נומען ר׳ לויס ווייכע נגידישע בעט. ר׳ לויס נייע ווייב האָט זיך אויך

געמוזט ערגעץ ארומוואלגערן אין קיך, און ר׳ לוי איז געשלאָפן אויף דער הארטער באַנק אין זיין בוידעם־שטיבל. יענע נעכט זענען ביי אים געווען די בעסטע און די זיסטע אין זיין נגידישן לאָדזשער לעבן. ר׳ לוי קאַהן האָט מיט דער גרעסטער הנאה צוגעקוקט, ווי דער עולם חסידים פאַר־וואַנדלט זיין נגידישער לאָדזשער דירה אין אַ הפקרדיק חסידיש בית־המדרש. עס ווערט דאָ פון אַלצדינג אַ תל. מע שפּייט אויף די גע־וואַקסטע דילן. די שענק שטייען אויפגעפּראַלטע און חסידים טרינקען לחיים פון דעם נגידישן גלאָזוואַרג, וועלכעס דאָס נייע לאָדזשער ווייב האָט איינגעקויפט. די מעשענע קליאַמקעס פון די טירן זענען אָפּגעריסן פון גרויסן חסידישן שטופּעניש. די גאַרדינען פון די פענצטער — אַרונ־טערגעריסן און די שויבן אויסגעהאַקט. ר׳ לוי קאַהן האָט זיך אין זיינע אייגענע סאַליעס מיטגעשטופּט מיט די חסידים און מיטגעהאָלפן מאַכן אַ תל פון די אַלע נגידישע שמאָכטעס. דאָס נייע לאָדזשער ווייב אין קיך האָט געמאַכט קולות און זיך געריסן פאַרן שייטל — נאָר ווער האָט זי געהערט, אַ יידענע.

ווען דער אַלעקסאַנדערער רבי איז אַוועקגעפאָרן, איז זיך ר׳ לוי קאַהן ווידער פאַרקראָכן אין זיין בוידעם־שטיבל. בעלי־מלאָכות האָבן געאַרבעט אין די סאַליעס, כּדי צו פאַרריכטן די שאָדנס פון דעם חסידישן פּאָגראָם. דאָס נייע לאָדזשער ווייב איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פלעדער־וויש און אַרויסגעיאָגט דורך די אויפגעפּראַלטע פענצטער די ריחות פון די חסידישע אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין אין אירע סאַליעס.

קאַפּיטל נײַנצן

שבת צום עסן. אַביגדור גרויסמאַן זינגט וואַרשעווער זמירות. ר׳ שמעון ציליך מיטן איידעם. מע גרייט דעם טיש פֿאַר מײַנע חבֿרים. די קוטנער ווײַבער ווײַזן וואָס זיי קענען. חומש־סעודה. ר׳ אהרן מיט די באַ־העלפֿערס. דער „כּהן” בענטשט מיך און דער „פֿרעגער” פֿרעגט מיך אויס.

שבת צום עסן האָט זיך געטון בײַ אונדז ווי אויף אַ חתונה. די אָנגעפֿאַרענע געסט פֿון מײַן חומש־סעודה זענען געזעסן בײַ לאַנגע ווײַס־געדעקטע טישן. די שבתדיקע מאכלים האָבן אַראָפּגעשמעקט פֿון די טישן. מע האָט געבראַנגט אַ סך טשאָלנטער. די קאַלישער רביצין האָט געשיקט אַ גרויסן פֿעטן קוגל אַזש פֿון דער אַלט־שטאָט. דער עולם איז געווען זייער אויפֿגעלייגט. דער זיידע ברוך האָט געבראַנגט אַ קאַסטן מיט פֿלאַשן אַלטן אונגאַר־ווײַן פֿון זײַנע אָסמולסקער קעלערס — ס׳זענען נאָך געווען פֿון די ווײַנען, וואָס זענען איבערגעבליבן פֿון מײַנע עלטערנס חתונה. נאָך די פֿעטע און זיסע טשאָלנטער און נאָך די אַלערליי פֿעטע שבתדיקע פֿליישן האָט דער עולם גענומען צו גלעזלעך ווײַן. אַביגדור גרויסמאַן האָט געוויזן זײַנע קענטענישן אין זינגען שבת־דיקע זמירות. ער האָט עס געטון אויף אַ רחבֿותדיקן וואַרשעווער אופֿן. אַפֿילו פֿון זײַנע לשון־קודשדיקע זאַצן האָט אַרויסגעשמעקט דער וואַר־שעווער דיאַלעקט. דערבײַ האָט ער געזונגען ניגונים, וואָס קיין אַנדערע חסידים האָבן נישט געזונגען, אַחוץ די ראַדזינער. סײַ דער פֿעטער יעקל, סײַ משה האָליץ האָבן געפּרואווט אים, אַביגדורן אונטערצוהאַלטן, — נאָר ער האָט זיי געהערט ווי דעם פֿאַראיאָריקן שניי און אַלעמאָל אַי־בערגעגאַנגען מיט זײַן וואַרשעווער זמירות אויף אַן אַנדער אָקטאַווע. דער פֿעטער יעקל איז גלאַט הייזעריק געוואָרן און זיך שטאַרק פֿונאַנ־דערגעהוסט. דער פֿאַרעקשנטער משה האָליץ האָט אויך סוף־כּל־סוף געמוזט אָפּשטיין, ער האָט פֿאַרבויגן דאָס קעפּל אין אַ זײַט ווי אַ גע־שאָכטענע טויב און אַנטשווויגן געוואָרן.

אינמיטן דעם וויין־טרינקען און אינמיטן די זמירות האָט זיך גע־עפנט די טיר און ס'האָט זיך באַוויזן ר' שמעון ציליך מיט יוכבדס גרייז־גראָען מאַן. די ביידע קליין־געוויקסיקע זקנים האָבן צוזאַמען געפּישטשעט „גוט־שבת", האָבן געפּרייכט פון מידקייט און זיך אָנגע־הויבן אויסצוטון פון די העלדזער און פון אונטער די קאַפּאָטעס פאַר־שיידענע טיכער און שנופּ־טיכלעך. סך־הכּל האָט מען אין דעם גרויסן לאָדזש נישט געטאָרט טראָגן אין שבת. די רייכע און שפּעדיקע לאָדזשער יידן האָבן אַלץ נישט געהאַט קיין צייט צו מאַכן אַן ערוב. אין די שולן און אין די שטיבלעך אריין האָבן זיך לאָדזשער יידן געמוזט אָנטון די טליתים אונטער די פּאַלטנס. נאָכדעם ווי ר' שמעון ציליך מיטן איידעם האָבן זיך גוט פונאַנדערגעקנעפּלט און זיך מיט די שנופּטיכלעך אָפּגעווישט די שוויים־טראָפּנס פון די שטערנס, האָט מען זיי ביידן צוזאַמען אריינ־געזעצט צווישן עולם. ר' שמעון איז געווען טויט ווי די וואַנט. די גראָע לאַנגע באָרד זיינע האָט ביים טיש זיך אָנגעזעצן און פאַרנומען מער אָרט ווי ער, ר' שמעון ציליך אַליין. אינמיטן אביגדורס זמירות האָט זיך ר' שמעון ציליך פּלוצלונג צעבאָמקעט אויף אַן אימהדיקן קאָזשעניצער זמירות־ניגון.

באַלד ווי מ'האָט אָפּגעבענטשט, האָט מען שנעל אָנגעהויבן אראָפּ־צורוימען פון טיש די שיריים פון דעם שבתדיקן עסן. מ'האָט אָנגעהויבן צו גרייטן פאַר די חומש־סעודה־געסט.

אַ באַזונדערן טיש האָט מען צוגעגרייט פאַר די יינגלעך פון ר' אהרנס חדר. די דאָרפישע ווייבער פון דער משפּחה זענען נאָך קיין מאָל נישט געווען אויף חומש־סעודות און דעריבער זיך נישט אויסגעקאָנט ווי אַזוי מע גרייט דאָס צום טיש פאַר קליינע יינגלעך. דערפאַר האָבן די קוטנער ווייבער דאָ אַרויסגעוויזן זייערע פולע קענטעניש. די באָבע לאה האָט מיט אַ באַזונדערער חנוודיקייט אויסגעשטעלט קליינע גלעזלעך און פּיצינקע פּלעשעלעך מיט זאַפטיקן עפּל־ווײַן, פּאַפּירענע טימעלעך מיט פייגן, מאַנדלען, באָקסערן און נאַשוואַרג און אַנדערע פּאַפּירענע שמאַכ־טעלעך, וועלכע זי האָט פּרייטיק צוזאַמענגעשניטן און צוזאַמענגעקלעפּט מיט די אייגענע הענט, דערמאָנענדיק זיך אין אירע קינדער־יאָרן אין וואורקע און אין פּראָגע, — און ווי זי פּלעגט עס טון אויף די חומש־

סעודות פון אירע אייגענע קינדער אין קוטנע. איר טאַכטער, די מומע איטקע, האָט איר נישט געוואָלט צוהעלפן, וואָרעם זי האָט באַטראַכט אַזעלכע מעשים און שפּילערייען סיי פאַר קינדיש און סיי פאַר פאַנאַטיש. די מומע איטקע האָט בעסער געוואָלט אַריינקוקן אין אַ העברעאיש דקדוק־ביכל און לערנען אויף אויסנווייניק דעם לוח־הפּועלים פון בן־זאב. דער־פאַר האָט די מומע שרהל מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלע אירע ביטערע דאגות־פּרנסה און אירע צרות מיטן לא־יוצלח דעם פעטער יעקל, און מיט גרויס ערנסטקייט צוגעהאָלפן דער באָבע לאה אויסםדרן דעם טיש פאַר די יינגלעך. זי האָט זיך דערביי דערמאָנט פאַרשיידענע קונצשטיקן פון אירע מיידלשע יאָרן. אפילו די קאָלישער רביצין — וואָס האָט זיך פון אָנהויב געהאַלטן פונדערווייטנס און געקוקט מיט לומדישן ביטול אויף דער ערנסטקייט מיט וועלכע די באָבע לאה באַהאַנדלט די קינדער־רישע שמאָכטעס — איז אויך פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש און מיט־געהאָלפן, און זיך אויך אפשר אין דער שטיל דערמאָנט אין אירע מיידל־שע יאָרן.

די מאַנספּערשוינען זענען געגאַנגען זיך אַ ביסל צולייגן נאָך די פעטע שבתדיקע עסנס, אָבער נישט אויף לאַנג, וואָרעם באַלד האָבן אָנגעהויבן צו קומען געסט, עטלעכע חשובע חסידים פון „גרויסן" אַלעק־סאַנדערער שטיבל. דאַן האָבן זיך דערהערט אַ סך יינגע קולעכלעך אויף די טרעפּן, און אין דער שטוב זענען אַריינגעקומען די יינגלעך פון מיין חדר צוזאַמען מיט די צוויי באַהעלפערס און מיט ר' אהרנען.

ר' אהרן איז געגאַנגען אָנגעטון אַ לאַנגן צעדריפּעטן כאַלאַט און אַ ברייטן סאַמעטענעם קאַשקעט אין וועלכן דאָס סאַמעט איז געווען גרין און אויסגעריבן פון אַלטקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן, אָן עפּן געטון דאָס מויל מיט די גרויסע געלע אויס־געשטשירעטע ציין און אַ זאָג־געטון גוט שבת. אַלע יינגלעך האָבן אים נאָכגעזאָגט: גוט שבת. ר' אהרן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געפּאָכעט מיטן קאַנטשיק. טייל יינגלעך זענען געגאַנגען אָנגעטון זיידענע קאַפּאָטקעלעך מיט סאַמעטענע היטעלעך, ווי קליינע יידעלעך. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס איך האָב מיך געשעמט. אויך מיינע חברים האָבן זיך געשעמט. ערשט ווען די באָבע לאה און

די מומע שרהל האָבן די יינגלעך אָנגענומען פאַר די הענט און געהאָלפן זיי אויסזעצן ביים טיש, זענען מיר אַלע געוואָרן היימישער און ר׳ אהרן איז געבליבן שטיין אַ הילפלאָזער, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס גאַנצע חדר.

די משפחה און די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען. דער זיידע ברוך האָט זיך אינמיטן דערינען אריינגעזעצט צווישן די קינדער און זיך מיט זיי אָנגעהויבן פונאַנדערצושמועסן אויף אַ קינדערישן אופן. ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן פון די בעטלער־מעשיות, וואָס ער פלעגט מיר דערציילן אויפן אָסמולסקער סטאַראָפּאָליער וועג. די קינדער האָבן זיך באַלד צוגעוואוינט צו אָט־אָ דעם פרעמדן דיקלעכן ייד מיט דער רויטער באָרד, וואָס איז עפּעס ווי זייערס גלייכן. די געסט האָבן זיך וואָס מערער אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען. די ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען נעבן דעם טיש מיט די קינדער. די באָבע חיה האָט געוויינט פון נחת. די חומש־סעודה פאַר די קינדער האָט זיך אָנ־געהויבן.

מיך האָט מען אַנידערגעזעצט אויבנאָן, און נעבן מיר צוויי יינגלעך — אַ כהן און אַן אויספרעגער. דער כהן האָט מיך באַדאַרפט בענטשן און דער אויספרעגער האָט געדאַרפט מיט מיר פירן אַ גאַנצן דיאַלאָג, וועלכן ר׳ אהרן האָט אונדז אויסגעלערנט. ר׳ אהרן האָט זיך געשטעלט נעבן אונדז, ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. אין דער שטוב איז פּלוצעם געוואָרן שטיל און די צערעמאָניע, אַזוי ווי ר׳ אהרן האָט זי אויסגערעזשיסירט אין „חדר", האָט זיך אָנגעהויבן.

קודם־כל האָט זיך דער כהן אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, איבער מיר אויסגעשפּרייט זיינע הענטעלעך. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ווען ר׳ אהרן האָט אויף אים געטון אַ שטרענגן גזלנישן קוק, האָט ער מיך אָנגעהויבן צו בענטשן. ער האָט געזאָגט דעם גאַנצן זינג־זאַנג פון יברכך. ווען ער האָט געענדיקט האָבן אַלע יינגלעך געזאָגט אמן. דאַן האָט מען מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, און אַ צווייט יינגל האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף אַן אַנדער בענקל, ר׳ אהרן האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די ליפּצן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פאָלגנדיקער דיאַלאָג, וואָס זיין אָנגענומענער נוסח גייט אַן שוין זינט הונדערטער יאָרן ביי יידן אין פוילן:

פרעגער: ייִנגעלע, ייִנגעלע, וואָס לערנסטו?
איך: ויקרא.
פרעגער: וואָס טייטשט ויקרא?
איך: ער האָט גערופֿן.
פרעגער: ווער האָט גערופֿן?
איך: גאָט האָט גערופֿן צו משה רבנו.
פרעגער: וואו האָט גאָט גערופֿן צו משה רבינו?
איך: ביי דער טיר פֿון אוהל־מועד...

דאָ גייט ווייטער אַ גאַנצער נוסח און אַ דרשה, וואָס דער חומש־סעודה־בחור האָלט פֿאַרן עולם און וועלכע ר׳ אהרן האָט געהאַט פֿאַר־שריבן אויף אַן אַלט געל פּאַפּירל און ער האָט עס מיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק.

ר׳ אהרן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פּאַרציטערטער און געמאַכט צו מיר מיט די ליפּעצן כּדי איך זאָל מיך אָריענטירן אין טעקסט. נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אָפּגעזאָגט די דרשה האָט ר׳ אהרן אויסגעשטשירעט די ציין צו דעם עולם יידן און ווייבער וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם טיש און אויסגעהערט. ר׳ אהרן האָט זיך אַ צופֿרידענער אָפּגעווישט דעם שוויים פֿון שטערן.

נאָכדעם האָבן די ווייבער דעם זיסן רויטן געטראַנק אַרייַנגעגאָסן אין קליינע גלעזעלעך פֿאַר די קינדער, געגעבן זיי נים און ראָזשינקעס און צוויי טיטעלעך מיט מעדנים אין די טאַשן אַריין. די קינדער האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש, געזאָגט אויף איין קול גוט שבת און צוזאַמען מיט די באַהעלפֿערס פֿאַרלאָזן אונדזער שטוב.

ר׳ אהרן איז געבליבן אויף שלש־סעודות.

ס׳איז געוואָרן פֿינצטערלעכער. נאָך פֿרעמדע יידן, אַלעקסאַנדערער חסידים פֿון גרויסן שטיבל, זענען אָנגעקומען צוגיין.

קאַפּיטל צוואַנציק

חלירע אין פּוילן. די בית-הקברותן עפענען זייערע מיילער. יידן שטאַרבן אַוועק ווי פליגן. דער מלאך-המות הערשט איבער לאָדזש. דער קברן דרייט זיך אַרום ווי דער אמתער מחותן. מע פאַרבט איבער די „עגלה" אויף שוואַרץ און מע קויפט נייע „טהרה-ברעטער". די באַלוטער שוהל ברומט פון תהילים. דערווייל שטאַרבן בלויז אָרימע-לייט. דער אַלטער לאָדזשער רב צווישן באַלוטער אָרימקייט. דאָס געוויין פון אָרימע ווייבער. „ווילקע" וויל נישט שטאַרבן. מיר אַנטלויפן פון לאָדזש.

ווען ס'איז אָנגעקומען דער זומער האָט זיך פּלוצעם, ווי מיטאַמאָל איבער לאָדזש אויסגעשפּרייט אַ וויסטע מרה־שחורה. ס'האָט דערגרייכט די ידיעה, אַז די כאָלערע איז אריבערגעגאַנגען די פּוילישע גרענעצן. זי שפּרייט זיך אויס ווי אַ שוואַרץ פייער און יידן שטאַרבן אַוועק פון איר ווי די פליגן. גאַנצע שטעטלעך ווערן אויסגעליידיקט דורך דעם אימה־דיקן טויט און אין לובלין איז אין בית אשר אין שם מת. ס'וואַלגערן זיך דאָרט מתים אין די גאַסן און דאָס געוויין פון די יתומים און אלמנות גרייכט אין די הימלען. איבער לאָדזש האָט זיך אויסגעשפּרייט דער נאָגנדיקער פּחד פון יענער־וועלט, — אַ געפיל, וואָס איז ממש געוועזן פרעמד די פאַרהאַוועטע און לעבנספולע לאָדזשער יידן. מ'האָט זיך דער־שראָקענע געשושקעט אין די גאַסן און אין די שטיבער און מע האָט זיך אויסגעהיטן אַרויסצורעדן דאָס וואָרט כאָלערע, — מחמת דער הויך פון דעם וואָרט אַליין קאָן חלילה דערנענטערן דעם מלאך־המות וואָס האָט זיך אַ צעיאַכמערטער און אַ פינצטערער אַריינגעכאַפּט צו יידן אין פּוילן און ער גייט אויף לאָדזש. די פּאָליציי האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדע־נונג אויסצוקערן די פאַרמיסטיקטע לאָדזשער הייף, צו שפּריצן קאַרבאָל אומעטום אין די אָפענע און פאַראומרייניקטע לאָדזשער בית־הכיסאס און אויסצואוויישן מיט קאַלך די רינשטאָקן אין די לאָדזשער גאַסן, און

די לאָדזשער רינשטאָקן האָבן אָנגעהויבן אויסצוקוקן, ווי איבערגעצויגענע מיט תכריכים, — דאַן האָט מען באַשיימפּערלעך געפילט, אַז לאָדזש איז צוגעפלויגן צו אַן אָפּגרונט און עס שמעקט מיט הרהור־תשובה, מיט קאַרבאָל און מיט תכריכים. לאָדזש האָט זיך אין מיטן דערינען גענומען צו תהילים און צו סגולות. איבער די שולן און שטיבלעך האָט מען אויסגעקלעפּט מודעות, אַז מ׳זאָל נישט טרינקען קיין נישט־געקאָכט וואַסער און נישט עסן קיין טשאָלנטער. דער לאָדזשער רב, דער הויכער און גרייז־גראָער ר׳ אלי חיים מייזל, איז אַליין געקומען אין דער גרויסער באַלוטער שול, האָט אויפגעריסן דאָס אָרון־קודש, און כאַטש אַ ליטוואַק, האָט ער מיט אַ וויינענדיק קול אַריינגעשריגן צו די אַלטע ספרי־תורות, אַז עס זאָל צוגענומען ווערן דאָס מעסער, וואָס הענגט איבער די העלדזער פון יידן, האָט געהייסן אָנצינדן אין דער טונקעלער באַלוטער שול גרויסע וואַקסענע ליכט, ווי צו יום־כיפור און צוזאַמען מיט אַן עדה לאָדזשער יידן געזאָגט תהילים. נאָך דעם דאָזיקן וויזיט פון רב אין דער שול האָט לאָדזש געוואוסט, אַז עס קומט אָן. אין די שטעטלעך אַרום לאָדזש האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו טון די שטאַרבעריי. די בית הקברותן האָבן ברייט געעפנט זייערע מיילער. די חברה־קדישא־לייט גייען אַרום טויט־שיכור. שטעטל אַליין זאָגט, אַז חברה־קדישא זאָל טרינקען, כדי צו פאַרטרייבן פון זיך דעם פּחד. יידן האָבן אויפגעהערט צו עסן טשאָלנטער, מע רייבט בייכער, און דער קברן גייט אַרום אַ פאַרהאַוועטער, ווי דער אמתער מחותן. אויך אויפן לאָדזשער בית־הקברות האָט מען זיך אָנגעהויבן צו גרייטן. מע האָט איבערגעפאַרבט אויף שוואַרץ די עגלה און געקויפט נייע טהרה־ברעטער. אויפן גוטן אָרט האָט זיך געטון, ווי ערב־פּסח. דער הויפּט־קברן האָט זיך אפילו געלאָזט מאַכן אַ נייע קאַפּאָטע. אין די שטיבלעך האָט מען וואָס שטאַרקער געזאָגט תהילים, און לאָדזשער יידן האָבן מיט שרעק געוואַרט.

לאַנג האָט מען נישט באַדאַרפט וואַרטן. צווישן די אָרעמע לייט אין באַלוט זענען עטלעכע יידן אוועקגעפאַלן און לאָדזש האָט אָנגעהויבן אויסצוקוקן, ווי צו כל־נדרי. לאָדזשער יידן זענען געוואָרן בלאַס פון טונקעלער אימה. די ריחות פון קאַרבאָל האָבן זיך געשטאַרקט און זיי האָבן בייז און בייסיק אַרויסגעשמעקט פון אַלע באַהעלטענישן. די לאָד־

זשער רינשטאָקן זענען געוואָרן אַלץ ווייסער פון קאַלך. לאָדזשער יידן האָבן מורא געהאַט צו גיין קיין באַלוט, הגם דאָרט אין די קליינע פינסטערע שטיבלעך האָבן ווייטער געקלאַפּט די וועב־שטולן און ס'האָבן זיך געוועבט די לאָדזשער סחורות. באַלוט האָט זיך געטון אַ צינד־אָן מיטן שוואַרצן פייער פון טויט. פון די פענצטער אַרויס האָט זיך געהערט דאָס יאָמער־לעכע געוויין פון ווייבער. די אַלטע באַלוטער שול האָט טאָג ווי נאַכט געברומט פון תהילים. יום־כיפּור־ליכט האָבן געברענט. דער אַלטער לאָדזשער רב איז אַליין אַרומגעלאָפן צווישן די באַלוטער אָרעמע יידן און געהאָלפן רייבן בייכער. דער יידישער המון אין באַלוט, אויפגערעגט פון טויט־שרעק, האָט צעהאַקט די שפּיטאָל־וועגעלעך, וואָס זענען געקומען נאָך די קראַנקע, אויסגעשפּאַנט און צעיאָגט די פערד פון די שפּיטאָל־וועגעלעך, און אויסגעגאָסן די פלאַשן קאַרבאָל. מ'האָט געזאָגט, אַז אין די שפּי־טאָלן פון „ווילקע" סמט מען די באַלוטער קראַנקע כּדי אויסצוהיטן די נגידים פון דער פּיעטריקאָווער גאַס פון דער כאָלערע. אָבער די יידן פון דער פּיעטריקאָווער גאַס זענען אַליין געווען בלאַס פון טויט־שרעק און געציטערט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער טויט וועט זיך נישט אָפּ־שטעלן ביי דעם טייכל לודקע און וועט סוף־כּל־סוף נישט שוינען די נגידים. ווער עס האָט נאָר געהאַט געוווג געלט האָט פאַרמאַכט די שפּעדיקע לאָדזשער קראָמען און אַנטלאָפן אין די דערפער. אין די דערפער האָט זיך די כאָלערע נישט באַוויזן. די תבואות זענען דאָרט געוואָקסן אויף די פעלדער און די פּירות זענען דאָרט געהאָנגען אויף די בוימער פּונקט ווי עס וואָלט נישט געווען קיין כאָלערע.

אויך מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון לאָדזש. דער ערשטער געדאַנק איז געווען צו אַנטלויפן קיין אָסמולסק, האָט אָבער אין די שטעטלעך, דורך וועלכע מיר וואָלטן באַדאַרפט דורכצופאָרן, געברענט די כאָלערע. דעריבער איז געבליבן, אַז מיר פאָרן קיין לאַגעווניקי.

סימכע גייגע האָט נאָך אונדז געשיקט אַ גרויסע בריטשקע. ווען מיר זענען אַדורכגעפאָרן באַלוט, האָט מיין מוטער מיך צוגעטוליעט צו זיך און צוגעדעקט מיין פּנים מיט אירע הענט. די באַלוטער שול האָט ווי אַ גרויס יענע־וועלטיש באַשעפעניש געברומט פון תהילים. מ'האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון וועב־שטולן און דאָס געוויין פון ווייבער דורך די אָפענע פענצטער.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

עס רוישן די וועלדער פון לאַגעוונִיקי. סימכע גייגע קיִיט ברויט מיט פּוטער און שפּראָצט פון געזונטקייט. שרה בינה פּונקט ווי אין אַסמאַלין. פּעסע. אהרן דוד. אהרן דוד שמעקט טאַבאַק. אבֿרהמעלע אין ווייסע לייוונטן. מע שאַפט פּאַר אברהמעלען אַ כּלה. אבֿרהמעלע צווישן הבדלות אונטער דער חופּה. ברכה זשאַלעוועט נישט קיין קדושים.

ווען די ברִיטשקע איז מיט אונדז אַריינגעפאָרן אין די אַלטע דעמבאַ־ווע וועלדער פון לאַגעוונִיקי האָבן אַלע לייכט אָפּגעזיפצט. עס האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז מיר האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון די נעגל פון טויט. די אַלטע וועלדער האָבן גערוישט אין זייערע טונקעלע טיפקייטן. די וואַלד־פייגל האָבן געצוויטשערט אויף די הויכע באַבלעטערטע דעמבעס. די פייכטע ערד האָט געשמעקט מיט אירע ווילדע וואַלד־גראָזן. זון־פלעקן האָבן העל און שפּילעוודיק געלויכטן אויף די בוימער־שטאַמען און אויף דער מאָכיקער ערד. איינצלנע וועווערקעס זענען אַרומגעלאָפן. דער וואַלד האָט אויסגעקוקט אונדז צו טרייסטן. זיין רוישן האָט אונדז געקלונגען ווי אַ זיכערקייט.

ווען דער דעמבאָווער וואַלד איז שיטערער געוואָרן האָבן זיך אָנגע־הויבן צו זען די ליידיקע פּליינען פון לאַגעוונִיקי. עס זענען געשטאַנען עטלעכע הילצערנע הייזלעך, פון וועלכע עס האָט זיך געצויגן אַ שטילער שיטערער רויך. מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו די דאָזיקע הייזלעך. באַלד האָבן מיר דערזען באַקאַנטע פּנימער. סימכע גייגע, אַן אָפּגעבּרענ־טער פון דער זון, איז געשטאַנען אין שפּאַנצער און הויזן און געשמאַק געקייט אַ שטיק ברויט מיט פּוטער. זיין גאַנצער אויסזען איז געווען אַ שרייענדיקער ווידערשפּרוך צו די פּנימער פון די בלאַסע דערשראָקענע יידן, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אינמיטן דער לאָדזשער כּאַלערע. אַרום סימכע גייגען האָבן געפילדערט אַלערליי עופות, הינער, גענדז און

קאַטשקעס. ס'האָט געשמעקט מיט וואַלד און מיט גראָז. באַבערדלטע ציגן — וואָס פולע מילך־אייטערס האָבן זיך זיי ווי לאַנגע טאָרבעס גע־באָמבלט צווישן די פיס — האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די הייזלעך אין לאַגעווניקי, געמעקעט. געשפּילט זיך איינע מיט די אַנדערע מיט די הערנער, געשטשיפּעט גראָז און בלעטער.

פון די הייזלעך זענען אַלע אַרויסגעקומען אונדז מקבל־פּנים זיין. קודם־כּל די ווייבער. די מאַנסבילן, אחוץ סימכע גייגען, זענען אַלע גע־ווען אין וואַלד אָדער אין טאַרטאַק. ס'איז געקומען שרה־בינה, סימכע־גייגעס ווייבל. זי האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן פון פרייד און זיך געריבן די אויגן מיט אַ גרויס פויעריש פאַרטוך, וואָס זי האָט מיטגע־ברענגט פון אָסמאָלין און זיך נישט געוואָלט דערמיט שיידן. ווען סימכע גייגע האָט זי דערזען, האָט ער אויפגעהערט צו עסן דאָס ברויט מיט פּוטער, האָט עפּעס געוואָרטשעט און שרה־בינה איז שטיל געוואָרן. דער־נאָך איז אַרויסגעקומען פּעסע, דאָס ווייב פון אַ צווייטן שרייבער אין לאַגעווניקי, אהרן־דוד. פּעסע איז געווען אַ קליינע בלאַסע יידענע מיט אַן אַלטע פּאַרצייטישע קופּקע, אַ הויכע טונקעלע קופּקע מיט שפּיצן און מיט בענדער. פּעסע האָט דערין אויסגעקוקט, ווי אַ פּאַרצייטישע רביצין. פּעסע איז תמיד געווען אַ דערשראָקענע און כּסדר געציטערט מיט דער גאָמבע. זי איז קודם־כּל צוגעגאַנגען צו מיר און נישט פרעגנדיק ביי קיינעם, האָט זי מיר אויסגעלעקט די אויגן און אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע. איר מאַן אהרן־דוד איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ הויך בייכל, ווי ער וואָלט געווען מעוברת, און מיט אַ הויך ברייטלעך קול וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קאַפּעטשקע אונטערגעברענט. ער האָט געהאַט אַ בייז גראָלעך בערדל און גרינע אייביק־פּאַרטרערטע אויגן און האָט אַלעמען געזאָגט דו, אַפילו דעם זיידן ברוך. אהרן־דוד האָט גערעדט מיט דער ברייטקייט פון אַ למדן, הגם מ'האָט קיינמאָל ניט געהערט פון אים קיין לשון־קודש וואָרט און אים קיינמאָל נישט געזען עפענען אַ ספר. דערפאַר האָט ער געשמעקט טאַבעק ווי אַן אמתער שיינער ייד. עס האָט ביי אים געדויערט אַ היבשע צייט ביז די פאַרטאַבעקטע נאָז זיינע — וועמעס פליגלען ס'האָבן אַזש געציטערט פון גרויס זשעדנעקייט נאָך אַ שמעק טאַבעק — האָט זיך קוים דערוואַרט אַ שמעק טאַבעק פון אהרן

דודן. אהרן־דוד — פון גרויס רשעות אַפילו צו זיין אייגענער נאָז — האָט זיך נישט געאײַלט. ער האָט פּאַמעלעכל געקלאַפּט מיטן פינגער אויפן דעקל פון זיין קאָרענעם שקעטעלע, פּאַמעלעכל עס געעפנט, פּאַמעלעכל אַריינגעשיקט צוויי געלע פאַרטאַבעקטע פינגער אינעווייניק אין שקעטעלע אַריין, און פּאַמעלעכל אַריינגעשטעקט די פינגער אין דער צעאַטעמטער נאָז אַריין, ווי איינער זאָגט „נאַ, פרעס דיך אָן". דאַן האָט אהרן־דוד אָפּגעשאָקלט דעם טאַבעק פון זיינע גראָלעכע פאַרטאַבעקטע וואָנצעס, אָפּגעשטויבט מיט דער פאַטשיילע די קלאַפּעס פון זיין קאַפּאָטע, הויך און טיף אויסגעשנייצט די נאָז און אויפסניי ברייטלעך געשמועסט און געזאָגט אַלעמען דו. אין זיין שאָטן האָט זיך די קליינע פּעסע מיט דער שפּיצענער קופקע כּמעט ווי נישט אָנגעזען. זי איז אַ סך געזעסן אין שטוב, עוסק געווען אין סגולות און אין עין־הרע־אָפּשפּרעכענישן און כּסדר געוואַכט איבער איר ציטערדיקן און שוואַכינקן בן־יחידל אברהמעלע.

אברהמעלע האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון דער ברייטקייט און שטאַרקייט פון זיין פאָטער אהרן־דוד. ער איז געווען אַ קינד אַ חלוש, אַ בלאַס ייִנגעלע, און געלעבט אויף סגולות. אַלע ערב־ראש־חודש האָט אים פּעסע איינגעגעבן ווערעם־קרויט. אברהמעלע האָט געזופּט סגולות און ביטערע קרייטעכצער, ווי די איינציקע מעדנים אויף דער וועלט. ער האָט גערעדט מיט אַ שוואַך פּישטשעדיק קולכל און ווען אהרן־דוד האָט אים אַמאָל געוואָלט אָננעמען פאַר דער האַנט, איז אברהמעלע געוואָרן בלאַס ווי דער טויט פאַר שרעק פאַר זיין אייגענעם פאָטער, מחמת אהרן־דוד האָט בשום־אופן נישט געקאָנט צופּאַסן זיין קול צו די שוואַכלעכע אויערלעך פון זיין בן־יחידל. ערשט ווען פּעסע האָט אים, אברהמעלען, אָנגענומען פאַר די דינע בלאַסע הענטעלעך און אים אויפאינדערגעשווינד אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע האָט זיך אברהמעלע באַרויִקט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט אהרן־דוד געטון אַ מאַך מיט זיין שטאַרקער האַנט און גענומען אַ גרויסן שמעק טאַבאַק. חוץ דעם — פאַר אַ סגולה־וועגן — אַזוי האָט געהייסן אַ גוטער ייִד, — איז אברהמעלע געגאַנגען אָנגעטון אין ווייסן, אין אַ ווייס קאַפּאָטקעלע, אין ווייסע הייזעלעך, און אין אַ ווייס מיצל אויפן קאָפּ. אַלץ פון ווייסע כּשרע לייוונט, — און ער האָט אויסגעקוקט, דאָס חלושל אברהמעלע, ווי אַ קליין לעבעדיק מתל, וואָס

בלאַנקעט זיך אַרום אין זיינע תכריכים. די קינדער אין לאַגעווניקי פּלעגן זיך מיט אים נישט חברן, מחמת פון אברהמעלען האָט געשמעקט מיט יענער־וועלט און אָבערגלויבערישקייט, און די קינדער האָבן פאַר אים מורא געהאַט. בלויז די באַבערדלטע ציגן פלעגן טיילמאָל צו אים צו־לויפן כדי צו באַשמעקן זיין ווייסקייט. אברהמעלע האָט דאַן געמאַכט אַ גרויס געוואַלד. אהרן־דוד האָט די לאַגעווניקער ציגן פונאַנדערגעיאָגט מיט זיין גראָבן וואַלד־שטעקן און פּעסע האָט זיך צעשאָקלט מיט אַלע בענדער פון איר הויכער טונקעלער קופּקע און אָפּגעשפּראָכן אברהמעלען אַן עין־הרע. אברהמעלע האָט זיך באַרואיקט.

אין אַ סך יאָרן שפּעטער, ווי איך געדענק, האָט אהרן־דוד פאַר אברהמעלען אויסגעזוכט אַ כּלה, אַ ווייטע קרובה, אַ יתומה מיטן נאָמען ברכה. ברכה איז געווען אַ פרישע און אַ רויטלעכע, ווי אַן עפּל און איז אַ דערשראָקענע געגאַנגען מיטן חלוש אברהמעלע אונטער דער חופּה. נאָך אונטער דער חופּה—אַזוי האָבן גוטע יידן געהייסן—איז אברהמעלע געגאַנגען אָנגעטון אין זיינע ווייסע מלבושים, און עס איז געווען אַ פּחד צו קוקן, ווי דער דאָזיקער מת שטייט צווישן די צעפלאַקערטע הבדלות. אהרן־דוד האָט געמאַכט דעם גרויסן שמעק־טאַבעק און פּעסע האָט געזאָגט אירע אָפּשפּרעכענישן. נאָך דער חתונה האָט מען אברהמעלען געמאַכט אַנדערע, מענטשלעכע, מלבושים און דערצו אַ שוואַרצע אַטלאַסענע קאַ־פּאָטע. די לאַגעווניקער ציגן האָבן אויפגעהערט אויף אים צו קוקן, ווי אויף אַ ווילד חידוש און די פרישע און רויטלעכע יתומה איז באַלד געוואָרן מעוברת און צום יאָר איז אברהמעלע געוואָרן אַ טאַטע. די יתומה ברכה האָט געהאַט אַן אָפענע טראַכט און זי האָט נישט געזשאַ־לעוועט אברהמעלען קיין קדישים. פונדעסטוועגן איז אברהמעלע כּל־ימיו פאַרבליבן אַ חלוש און כּסדר עוסק געווען ברפואות און געגעסן ביטערע קרייטעכצער און געשלונגען פּילן. אגב וויל איך צוגעבן: ווי עס איז צו מיר דערגאַנגען, איז איינער פון אברהמעלעס זין שפּעטער געוואָרן אַ באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר. אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אין די גרויסע היצן שווייגן די וועלדער אין לאגעווניקי און אין לאָדזש בושעוועט די כאָלערע. „ווילקע" וויל פּטור ווערן פון באַלוטער אַרימעליוט. לייבושל באַווייזט זיך אין לאַגעווניקער וואַלד. חורבן ירושלים. לייבושל טרייבט צוזאַמען די ציגן און העלפט ביי די עופות און ביי די מעלק. חן אין סימכע גייגעס אויגן. לייבושל מאַכט אַ ברכה איבערן קילן וואַסער וואָס טריפט פון די בזשאָזעס. לייבושל הוידעט זיך אויף אַ צווייג. לייבושל האָט מורא פאַר שיקסעס. פרעש קוואקען אין די לאגעווניקער אָזונטן און לייבושל פייפט ווי די שקצים. יאַגדעס. לייבושל פירט די ווייבער אין די גאָלדענע וואַלד-טונקלענישן. עס רוישן די ביימער און עס זינגען די וואַלד-פייגל. קו-קו.

אין לאַגעווניקי האָבן זיך געשטעלט גרויסע היצן. אין די היצן זענען אויך די וועלדער געוואָרן שטיל, ווי זיי וואָלטן אַנטשוויגן געוואָרן. גאַנצע וואָכן האָבן נישט געבלאָזן קיין ווינטן. די ערד איז געוואָרן טרוקן און היים. פון די ביימער־שטאַמען האָט געשלאָגן מיט הייסקייט. די לאַגעווניקער ציגן זענען מידע פון היץ געשלאָפן אונטער די ביימער און אויף די גראָזן. אויף די פעלדער האָט זיך פריער ווי אַלע יאָר אָנגעהויבן די שניט־צייט. די שמיעות פון לאָדזש זענען געוואָרן וואָס אַמאָל מוראדיקער און פינסטערער. די כאָלערע בושעוועט אויף די גאַסן און יידן זענען שוין מיד פון וויינען און זאָגן תהילים. די גרויסע לאָדזשער מסחרים האָבן זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. דער אַלטער לאָדזשער רב, ר' אלי חיים מייזל, איז אויסגעוואַקסן צו אַ פאָלקס־העלד. רק ער איז גאַנצע טעג אינמיטן דער יידישער אָרעמקייט אין באַלוט און העלפט ראַטעווען וואָס מע קען. אין באַלוט טוט זיך חושך. דער צעשראָקענער המון באַהאַלט די קראַנקע צוזאַמען מיט די מתים און זוכט־אויף די שפּיטאָל־וועגעלעך כדי זיי צוצעהאַקן און אויסצוגיסן די פלאַשן מיט דעזינפעקציע־מיטלען און צו צעברעכן די מעדיצינישע מכשירים. מיר ווייסן, אַז ווילקע וויל פּטור ווערן פון באַלוטער אָרעמעלייט,—הגם אויך אין ווילקע זענען יידן נישקשהדיק געשטאָרבן. אָט־אָ די אַלע מאָוימדיקע

שמיעות האָבן אהער דערגרייכט אין די הייסע וועלדער פון לאַגעווניקי, וואו אַלע יידן זענען דערוויַיל געווען געזונט ווי די נים. סימכע גייגע איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון און געשריגן אויף די גויים.

מיטאַמאָל האָט זיך אין לאַגעווניקי באַוויזן אַן אָרעמער בחור פון „גרויסן" אַלעקסאַנדערער שטיבל. ער איז אַנטלאָפן צופוס פון לאָדזש אינמיטן דער נאַכט און גאַנץ באַגינען איז ער אָנגעקומען קיין לאַגעוו־ניקי. ער איז געקומען אַ מידער, אַ הונגעריקער און אַ דערשראָקענער. ס'ערשטע מאָל אין לעבן איז ער געגאַנגען אייגער אַליין אויף ליידיקע פעלדער און אין טונקעלע וועלדער און ער האָט זיך אָנגעהערט און אָנ־געליטנט פון דאָרפישע גויים און פון גזלנים. אָבער די שרעק פאַרן טויט אין לאָדזש האָט גובר געווען אין אים אַלע שרעקן פון וועלכע ער האָט געליטנט, און ער איז אַנטלאָפן קיין לאַגעווניקי. מ'האָט אָקערשט געהאַט געעפנט די לאָדנס פון אונדזער הילצערן וואַלד־הייזל, ווען לייבושל (אַזוי האָט דער בחור געהייסן) האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, אַ צעיאָכמערטער און אַ פאַרשטויבטער, אין זיין סאַמעטן היטל און אין דעם גרינעם אָפּגעשאָסענעם כאַלאַט. מיין מוטער האָט אים גוט געקאָנט, לייבושל איז געווען אַ קיילעכיקער יתום. ער איז געקומען קיין לאָדזש ערגעץ פון אַ העק, אַ שטעטל, האָט געלערנט אין אַלעקסאַנ־דערער שטיבל. אַלע שיינע חסידים האָבן זיך מיט אים באַדינט. די חסידישע לומדים האָבן אים צוגעלאָזט צו זייער שיעור. די נגידים פון שטיבל האָבן געגעבן לייבושלען „טעג". אויך ביי אונדז אין לאָדזש האָט ער געגעסן אַ „טאָג". לייבושל איז געווען דער יתום פון שטיבל. און ער איז געווען אַ שטילער און אַ הכנעהדיקער. לייבושל האָט זיך אינמיטן דערין מישב געווען, אַז ער וויל נישט שטאַרבן צוזאַמען מיט די יידן ביי וועלכע ער עסט „טעג". און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז די נגידים פאַרלאָזן פאַמעלעכל לאָדזש און אַנטלויפן וואו דער פעפער וואַקסט — האָט זיך דער דאָזיקער שטילער און הכנעהדיקער יתומל אויך אַרויסגעקליבן פון דער פאַרסמטער שטאָט. סיי־ווי איז דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל געווען כמעט ליידיק, און ער האָט פאַרלוירן אַ סך „טעג". נגידים האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון לאָדזש און לייבושלען איז אויסגעקומען גאָר צו הונגערן אין דער כאָלערע־צייט.

לייבושל האָט קודם־כּל באַקומען אַ גלאָז פרישע מילך. ווען ער האָט אַ דורשטיקער זי אויסגעטרונקען, האָט מיין מוטער ביי אים שטיל געפרעגט:

— וואָס הערט זיך, לייבושל?

— חורבן ירושלים, — האָט לייבושל געענטפערט פינסטער און מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען מיט איכה.

לייבושל איז פאַרבליבן ביי אונדז אין לאַגעווניקי. אַזוי ווי אַלע האָבן געזאָגט, אַז איך קען מיך נישט אַרומדרייען פּוסט און פּאַסט, איז לייבושל געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, מיין מלמד.

די וועלדער פון לאַגעווניקי האָבן אויף דעם קיילעכיקן יתום פון „גרויסן" שטיבל געהאַט אַ מאָדנע ווירקונג. שוין נאָך עטלעכע טעג איז ער געוואָרן אָפּגעברענט פון דער זון און האָט באַקומען חן אין די אויגן פון סימכע גייגע. הגם סימכע גייגע האָט פיינט געהאַט קיילעכיקע יתומים און ישיבה־בחורים, וואָס עסן „טעג". לייבושל האָט אָבער מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צו אַסימילירן מיט דאָרפישקייט. ער האָט אַליין נישט גע־האָט קיין גרויס חשק אין די שיינע זומער־טעג צו לערנען מיט מיר חומש. ער האָט עס אָפּגעפּטרט ווי אַן עול. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן צוצוהעלפן אין דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט, — אין אָוונט צוזאַמענצוטרייבן די ציגן אין די שטאַלן אַריין, און אָנצוהאַלטן אַ ציג ביי די הערנער, ווען שׂרה־בּינה מיט אַ מעלק־שעפל האָט זיך פאַרנומען זי אויסצומעלקן. סימכע גייגע האָט פון אים אָנגעקוואָלן און אים גוט־בּרידערלעך אַ קלאַפּ געטון אויף דער פּלייצע און אים אַריינגעזאָגט אַ גראָבע פּויערישע קללה, וועל־כע לייבושל האָט נישט פאַרשטאַנען. אָבער לייבושל האָט הנאה גע־האָט דערפון, וואָס סימכע גייגע רעדט צו אים ווי צו אַן אייגענעם. ער איז ממש ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צו סימכע גייגע און ער האָט צו אים אַרויפגעקוקט מיט דעם אינערלעכן דרך־ארץ, ווי ער פּלעגט עס טון אין שייכות צו די שיינע יידן אין אַלעקסאַנדערער שטיבל. סימכע גייגע האָט אויך פאַרגעסן, אַז לייבושל איז אַ קיילעכיקער יתום און אַ „טעג־עסער" און ער האָט זיך מיט אים באַדינט. אויך דערפון האָט לייבושל הנאה געהאַט. לייבושל האָט טיילמאָל אויף אַ גאַנצן טאָג פאַרגעסן צו

לערנען מיט מיר חומש. דערפאר האט ער זיך געפארעט ביי די ציגן, שרה־בינהן געהאלפן ביי די עופות, אדער גאר מיט סימכע גייגען אוועקגע־גאנגען אין וואלד. דארט האט ער זיך פאמעלעכל צוגעוואוינט צו די גויישע וואלד־העקער, צוגעזען ווי עס פאלן די אלטע בוימער, און ווי דער טונקעלער וואלד ענטפערט אפּ מיט אן אומהיימלעכן עכא פון זייער פאל, און ווערט ליכטיקער נאך איטלעכן געפאלענעם בוים.

לייבושל האט זיך פאמעלעך צוגעוואוינט צום דארפס־לעבן. די וואלד־גויים האבן אים געלערנט זיך צו דערקענען אויף גוטע און שלעכ־טע שוואמען און אפצושיידן די קארע פון וויסע בזשאזע־בוימער און פון די בוימער צו זויגן דאס פרישע, מיט וואלד־שמעקנדיקע, וואסער. די גויים האבן געלאכט ווען לייבושל האט געמאכט א ברכה, ווען דער בזשאזע־בוים האט אנגעהויבן צו געבן וואסער און לייבושל האט זיך פארנומען צו טרינקען. טיילמאל האט ער פון זיך א ווארף־אראפּ געטון די לאנגע קאפאטע. ער איז געבליבן שטיין אין בלויזן טלית־קטן און זיך געלערנט קלעטערן אויף בוימער. עס האט נישט לאנג געדויערט און לייבושל האט באוויזן ארויפצוקלעטערן אויף א בוים מיט דער לייכטקייט פון א וועווערקע. סימכע גייגע און די וואלד־גויים זענען געשטאנען און גע־לאכט און צו אים ארויפגעשריגן גראבע פויערישע רייד. לייבושל האט זיך שקאציש געוויגט אויף א צווייג און די ציצית האבן זיך אים נאכגע־באמבלט. ווען די יונגע שיקסעס האבן זיך באוויזן אין וואלד און גע־ברענגט פאר די פויערים ערדענע קרוגן מיט ווארעמען בארשטש מיט קארטאפל, נאר דאן איז לייבושל ווידער געווארן א דערשראקענער. ער איז בלאס געווארן פון אינערלעכער יידישער פרומקייט און האט זיך גע־האלטן פונדערווייטנס און אפגעקערט זיך אין א זייט. ווען די שיקסעס האבן צו אים געלאכט, האט ער אראפּגעלאזן דעם קאפּ און אין אים האט זיך געוועקט די אימה פון יענער־וועלט.

לייבושל האט זיך צוגעוואוינט צו לאגעווניקי, צו סימכע גייגע, צו די ציגן און עופות, צום וואלד און צו די גויים. אזוי ווי ער איז געווען זייער א געשיקטער, האט ער זיך באלד פון די גויים אויסגעלערנט מאכן פאסטוך־פייפעלעך. ער האט זיך אויסגעלערנט אויף זיי צו פייפן. אין די אוונטן, ווען די פרעש האבן געקוואקעט אין די לאגעווניקער בלאטעס,

פלעגט לייבושל אין דער יארמלקע און אין טלית־קטן, זיך אנידערזעצן אויפן פייכטן גראז פאר אונדזער וואלד־הייזל און צו פייפן פונקט ווי די שקצים. ער האט געפייפט ביז די שטערן זענען אויפגעגאנגען אין די הימלען און מיין מוטער האט אים גערופן צו דאוונען מעריב, ווארעם באלד גייט מען צו וועטשערע.

איינמאל, געדענק איך, ס'איז געווען טיף אין זומער און ס'האט זיך אויסגעדרוקט, אז מיר האבן פארגעסן לאדזש. ס'איז געווען נאך דער שניט־צייט און אלע ווייבער פון די וואלד־הייזלעך אין לאגעווניקי האבן זיך פארנומען צו גיין אין וואלד אריין נאך יאגדעס. די ווייבער האבן זיך אנגעטון פויערישע טיכער אויף די קעפ און געהאט קויבערס אין די הענט אויף אנצוקלייבן די יאגדעס. לייבושל אין לאנגן טלית־קטן און מיט דער יארמלקע אויפן קאפ איז געווען דער פירער. ער האט געוואוסט, וואו אין וואלד איז פאראן די גרעסטע יאגדעס־שפע. אויך מיך האט מען מיטגענומען. לייבושל, א האפערדיקער, האט אונדז אריינגעפירט אין די טיפע טונקלקייטן פון די אלטע לאגעווניקער וועלדער. דער וואלד האט געשמעקט מיט זיינע דעמפיקע פייכטקייטן און האט שטיל גערוישט. וואלד־פייגל האבן געזונגען אין די וואלד־טיפענישן. ערגעץ אין די וואלד־טונקלקייטן האט זיך געהערט דאס קול פון דער קוקאווקע. דאס זון־ליכט האט זיך שווער אריינבאקומען דורך די הויכע און אלטע בוי־מער, עס האט זיך ווי אדורכגעזיפט דורך דער פייכטער וואלד־טונקלעניש און עס האט ווי איידל גאלד געשפילט אויף די בוימער־שטאמען און אויף דער מיט טונקל־גרינעם מאך באוואקסענער וואלד־ערד. אונדזערע טריט האבן אפגעהילכט אין וואלד. לייבושל האט געוואלט וויזן זיינע קענטעענישן. ער האט זיך אנידערגעשטעלט און הויך אריינגעשריגן אין די וואלד־טונקלקייטן, כדי ארויסצורופן אן עכא. די טיפענישן האבן געענטפערט גלייך ווי א סך לייבושלעך וואלטן געלעגן באהאלטן אין די וועלדער און זיך איבערגערופן. באלד האט זיך געהערט דאס געשאל פון א האָרן ערגעץ אין די דעמפיקע שטיל־צערוישטע וואלד־טיפענישן. דער וואלד־וועכטער האט זיך אפגערופן אויף לייבושלס קול. עס איז געווארן פריילעך אין שמעקנדיקן וואלד. די בוימער האבן גערוישט, די

פייגל האָבן געזונגען און דער מאָך האָט געשאָרכט אונטער אונדזערע פיס, — און מיר זענען ווייטער געגאַנגען

אין ווייטן מיט טונקעלן גאָלד באַלויכטענעם וואַלד האָבן זיך דערזען איינצלנע פּויערטעס. איינגעבויגענע, מיט פאַרביקע און ווייסע טיכער אויף די קעפּ, האָבן זיי געקליבן יאַגדעס. גאַנצע פעלדער מיט יאַגדע־ביימלעך האָבן זיך בערגלעכווייז געהויבן און געוואַקסן אין די וואַלד־שטחים. זון־פלעקן האָבן געשפּילט אויף די בוימער־שטאַמען און אויף די גרינע געדיכטעניש פון די יאַגדע־קשאַקעס. די שוואַרצע וואַלד־פּרוכטן זענען כמאַרעסווייז געהאָנגען אונטער די בלעטלעך פון די יאַג־דע־קשאַקעס. מיר אַלע האָבן זיך צעלאָזט איבערן וואַלד און אָנגעהויבן צו קלייבן יאַגדעס.

ערגעץ־וואו אין וואַלד האָט די קוקאַווקע געשריגן קו—קו—קו—קו.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

ווידער אין לאָדזש. „די הויזן".

ווען מיר האָבן געהערט, אַז די כאָלערע האָט ענדלעך פֿאַרלאָזן לאָדזש, זענען מיר צוריקגעפֿאָרן אין שטאָט אַריין. לאָדזש האָט בכלל געהאַט אַ קורצן זכּרון און זי האָט שנעל פֿאַרגעסן אירע טויטע און אירע שרעקן. אין דער טבֿע אירער איז לאָדזש געגליכן געווען צו אַ מוראַשניק, וואָס יעדע קאַטאַסטראָפֿע שפּאַנט נאָך פֿייערדיקער אָן דעם חשק אָנצוהייבן פֿון דאָס ניי. ווען אונדזער לאַגעווניקער בריטשקע איז מיט אונדז אַריינגעפֿאָרן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, זענען די רינשטאָקן ווידער געווען שוואַרץ און שמוציק, פֿון די שלעכטע וואַסערן האָט זיך געשפּירט אַן איבלדיקער ריח, די לאָדזשער הימלען זענען געווען פֿאַרקאָפּטשעט מיט רויך און אויף די טראָטואַרן האָט עס געטומלט מיט לאָדזשער ייִדן, וואָס האָבן איצטער — דוכט זיך — געוואָלט צוריקכאַפּן דעם אימפּעט, וואָס זיי האָבן פֿאַרלוירן אין דער כאָלערע־צייט.

מיר האָבן איצטער געהאַט אַ נייע דירה. דער זיידע ברוך האָט געקויפֿט אַ הויז אויף פּיעטריקאָווער גאַס. אין יענער צייט, דאָס העכסטע הויז אין לאָדזש. עס האָט געהאַט דריי שטאָק און איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַרשייטער חוצפּה צווישן די קליינע הילצערנע הייזלעך, וואָס זענען נאָך דעמאָלט היפּש געווען אויף דער לאַנגער פּיעטריקאָווער גאַס. אין יענעם טייל פֿון דער גאַס זענען געווען די העכערע נומערן. דאָס הויז האָט זיך דערווייטערט פֿון דער ייִדישער אַלט־שטאָט און זיך דערנעענטערט צו דעם קוואַרטאַל, וואו עס וואוינען די דייטשן. די דייטשע לאָדזשער פֿאַבריקאַנטן האָבן זיך נישט אַזוי לייכט געוואָלט אַרויסציען פֿון זייערע גרין־אָפּגעמאָלטע דאָרף־הייזלעך. דורך קליינע פֿענצטערלעך, הינטער ווייסע פֿאַרצייטישע גאַרדינען האָבן דאָרט בלומען־טעפּ אַרויסגעקוקט אויף

דער פּיעטריקאָווער גאַס, אויף דעם געטומל פון פורן און דראָזשקעס אין מיטן גאַס, און אויפן געהאַווערייִ פון לאָדזשער יידן אויף די טראָטואַרן. אין די הויפן הינטער די דאָזיקע קליינע גרינע הייזלעך האָבן געקלאַפּט און גערעשט די רויטע שטאָקיקע פאַבריקן — און קוימענס האָבן גע־רויכערט.

דאָס הויז אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, וואָס דער זיידע ברוך האָט געקויפט, און וואָס איז אַזוי האָפערדיק געשטאַנען צווישן די דייטשע גרינע הייזלעך, האָבן לאָדזשער יידן גערופן מיט אַ צונאָמען „די הויזן" — מחמת אַמאָל זענען דאָרט געווען צוויי זייטן מויערן אָן אַ פראָנט־בנין און עס האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ פּאָר הויזן. הגם מ'האָט דעם פראָנט־בנין שפּעטער צוגעבויט, האָט לאָדזש ניט פאַרגעסן דעם קאָמישן איינדרוק. ביז היינט צו טאָג רופן עלטערע לאָדזשער יידן דאָס הויז אויף פּיעטריקאָווער 88 מיטן צונאָמען „די הויזן". אויך בייסיקער הור־מאָר האָט געהערט צו דער לאָדזשער טבע. אַז איך בין געקומען אין חדר אריין, האָבן אַלע יינגלעך אויף מיר געזאָגט, אַז איך וואוין אין „די הויזן". איך בין רויט געוואָרן פון בושה און האָב אָנגעהויבן צו וויינען — ר' אהרן האָט געפּאָכעט מיטן קאַנטשיק צו אַלע יינגלעך.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

ר׳ יהושיעלע קוטנער האַלט ביים שטאַרבן און די וועלט ווערט פינצטער. ר׳ יהושיעלעס טויט און דער גרויסער טרויער פון יידן אין פוילן. אַלע וועגן קיין קוטנע זענען פול מיט יידן. גויים מיינען אַז יידן פאַרלאָזן פוילן און גייען אַוועק קיין ארץ-ישראל. אַ גרויסער ראַבין איז געשטאָרבן. אינעווייניק אין קוטנע. די פעלדער אַרום קוטנע זענען שוואַרץ פון יידישע מחנות. אַ טויטער צדיק איז געגליכן צו אַ צעריסענער ספר-תורה. יידן הויבן אויף אַ ביטער געוויין. די שטערן זענען אויפגעגאַנגען אין די וואַרימע זומערדיקע הימלען און יידן זענען געגאַנגען און געגאַנגען. ר׳ יהושיעלעס קבורה ביים שיין פון פאַקלען און לאַמטערנעס. מען שרייט אַריין צו ר׳ יהושיעלען אין קבר מזל טוב.

איידער כ׳וועל דערציילן דעם ווייטערדיקן לויף פון מיין לעבן, פון אַלערליי פוילישע יידן און פון די מענטשן פון מיין סביבה, וויל איך מיט מיינע זכרונות איבערגיין צום פאָלגנדיקן זומער. אין אונדזער משפחה איז געשען אַ געשעעניש, וואָס איר אימהדיקייט ליגט מיר נאָך היינט אין זכרון. איך בין דאַן אַלט געווען זעקס יאָר. מיר זענען ווי־דער געווען אין לאַגעווניקי. איך וועל שפּעטער דערציילן, ווי דורך בענקשאַפט צו אונדז האָט דער זיידע ברוך פאַרקויפט אָסמולסק און גע־קויפט אַ גרויס גוט נעבן לאָדזש מיטן נאָמען דלוטאָוו, — און דעריבער זענען מיר זומער דערווייל געווען אין לאַגעווניקי. מיטאַמאָל איז דער־גאַנגען צו אונדז די ידיעה פון קוטנע, אַז די קרוין פון אונדזער משפּחה, ר׳ יהושיעלע קוטנער, האַלט ביים שטאַרבן. מיין פאָטער איז שוין זינט עטלעכע וואָכן געווען ביי ר׳ יהושיעלעס קראַנקן־בעט. אָבער איצטער איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז עס זענען די לעצטע שעהן. די פּנימער פון די יידן אין לאַגעווניקי האָבן זיך איינגעהילט אין אַ טיפער עצבות. אַלע האָבן גערעדט שטיל. אַפילו די יידן, וואָס זענען געקומען פון לאָדזש קויפן געהילץ, האָבן גערעדט שטיל. ר׳ יהושיעלע האָט זיך גערעכנט

פאר דער תורה־קרוין פון פוילישע יידן. יידן האָבן ממש געזען, ווי דער גייסטיקער שטאָלץ זייערער האַלט ביים אויסגעלאָשן ווערן. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט זיך ר' יהושיעלעס פערזאָן פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע צווישן די יידישע מאַסן אין פוילן און צווישן די לומדים.

ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן ר' יהושיעלעס טויט. איך האָב אַליין געזען ווי דער שטרענגער און בייזער אהרן־דוד האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד און געשריגן, אַז די וועלט איז פינצטער געוואָרן. איך האָב געקוקט אויפן גאָלדענעם זומער־טאָג און געוואָלט זען ווי אַזוי די וועלט ווערט פינצטער, ווען מיין עלטער־זיידע שטאַרבט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט: אָט, אָט וועלן זיך צערוישן די אַלטע לאַגעווניקער וועלדער און וועלן ברומען פונקט ווי אהרן־דוד. ווען די ציגן האָבן געשטשיפּעט דאָס גראָז און זיך געשפּילט מיט די הערנער, האָב איך מיך געחידושט ווי אַזוי די נאַרישע ציגן ווייסן נישט, וואָס עס איז פאַרגעקומען אויף דער וועלט, און איך בין געווען אַ בעלן צו זען, ווי זיי וועלן זיך לאָזן מעלקן אין אַ פינסטערער וועלט. סימכע גייגע האָט זיך הויך צעהעשעט אויפן פויערישן קול. אויך אַלע ווייבער האָבן געוויינט און געקוקט אויף מיין מוטער און אויף מיר ווי אויף לעבעדיקע יתומים.

איך האָב מיך געפילט שטאָלץ, וואָס די וועלט האַלט זיך ביים אָפּשטעלן און אַלע יידן וויינען צוליב מיין זיידן.

מ'האָט איינגעשפּאַנט אַ גרויסע בריטשקע און לאַגעווניקער יידן האָבן זיך פאַרנומען צו פאָרן אויף ר' יהושיעלעס לוויה. מ'האָט דערציילט, אַז אַלע וועגן פון לאָדזש קיין לענטשיץ זענען פול מיט פאָרנדיקע און גייענדיקע יידן. אין לאָדזש און אין אַלע יידישע שטעטלעך אין פוילן זענען די שולן און די שטיבלעך געווען אָנגעפּאַקט מיט פרעמדע יידן, וואָס גייען און פאָרן אויף ר' יהושיעלעס לוויה. אין־מיטן די מחנות יידן אויף די פוילישע וועגן זעט מען בוידן און בריטשקעס און אפילו פריצישע קאַטשן. דאָס פאָרן רבנים, גוטע־יידן און די גרויסע יידישע גבירים. ייִנגלעך כאַפּן זיך אַרויף אויף די הינטערשטע טיילן און פאָרן מיט. אַלע פאָרן קיין קוטנע. די פויערים שטייען אויף די זומערדיקע פעלדער און מיינען, אַז משיח איז געקומען און יידן פאַרלאָזן פוילן און גייען אַוועק קיין ארץ ישראל, — וואָרעם זיי, די פויערים, האָבן נאָך

קיין מאָל נישט געזען אַזאַ רעשיק גיין פון יידן אויף די וועגן און אויף די פעלדער. פון אַלע זייטן זענען יידן געקומען און ווייטער געצויגן אין דער ריכטונג פון קוטנע. ערשט ווען די פויערים האָבן געהערט, אַז די יידישע מחנות גייען צו דער לוויה פון דעם גרעסטן „ראַבין" צווישן יידן, האָבן די פויערים אַראָפּגענומען די היטלען און זיך פרום איבער־געצלמט.

וואָס נענטער די פוילישע וועגן זענען צוגעקומען קיין קוטנע אַלס טונקעלער און שווארצער זענען געוואָרן די יידישע מחנות. די תמוז־היצן זענען געווען גרויס און אַ סך יידן זענען געגאַנגען אין די בלויזע טלית־קטנס און אין די יאַרמלקעס. פויערים האָבן איינגעשפּאַנט זייערע פורלעך און פאַרן פרייז פון עטלעכע גראָשן אַרויפגענומען מידע יידן. פויערטעס זענען געשטאַנען אונטער די בוימער מיט עמערס קאַלטן ברונעם־וואַסער. דאָרשטיקע יידן האָבן געטרונקען וואַסער. טייל פויערטעס זענען געשטאַנען מיט קוישן שמעקנדיקן אויבסט. קיין מילך האָט מען נישט געזען. יידן וואָלטן נישט געטרונקען קיין מילך, ביי וועלכער אַ ייד איז נישט געשטאַנען ביי דעם מעלקן.

אין די בתי־מדרשים, אין די חסידים־שטיבלעך, אין די הקדישים, אין די שייערס ביי די פויערים, און אפילו אונטער די בוימער — וואו מחנות יידן האָבן זיך אָפּגערוט און גענעכטיקט — האָט מען דערציילט, אַז אין דער שטאָט קוטנע קאָן מען שוין ממש נישט אַריינקומען, מחמת די טויזנטער און טויזנטער יידן, וואָס ציען אָן פון גאַנץ פוילן און מאַכן פול די שטאָט. מע האָט אויך דערציילט פון די לעצטע טעג פון ר' יהושיע־לעס קראַנקייט און פון זיין פּטירה. קוטנער יידן האָבן אויפגעגעבן זייערע מסחרים און טאָג ווי נאַכט געווען אין די הייליקע קוטנער הייזער און נישט אויפגעהערט צו זאָגן תהילים. ליכט האָבן געברענט אין אַלע יידישע שטיבער. אפילו דער אָרעמסטער ייד אין קוטנע האָט מנדר געווען פאַר ר' יהושיעלעס געזונט. אויך די גויים אין קוטנע זענען אַרומגעגאַנגען טרויעריקע און שטילע. אַלע האָבן געוואוסט, אַז קוטנע פאַרלירט איר באַרימטקייט און איר קרוין. פויערישע פורלעך האָבן אויסגעמיטן די שול־גאַס, וואו ר' יהושיעלע האָט געוואוינט, כדי נישט צו שטערן ר' יהושיעלעס שלאָף. דער רוסישער פּולקאָווניק אין קוטנע,

א מרה־שחורהדיקער טאַטער, האָט געהייסן די קוטנער זעלנער אויסלייגן די שול־גאַס מיט שטרוי, כּדי עס זאָל זיין שטיל און מען זאָל נישט הערן קיין מענטשלעכע טריט און נישט שטערן די רו פון דעם גרויסן חולה.

אַזוי האָט מען דערציילט אויף די וועגן, וואָס פירן קיין קוטנע. יידן האָבן זיך אין זייער טרויער געפילט שטאָלץ פון דעם גרויסן כּבוד, וואָס מע גיט אָפּ דער תורה. און יידן זענען ווייטער געגאַנגען און פול גע־מאַכט די וועגן און די פעלדער. אַלע מאָל זענען צוגעקומען נייע יידן. נעענטער צו קוטנע האָבן זיך כּמעט אַלע שטעטלעך אויסגעליידיקט און ס׳זענען געבליבן בלויז די ווייבער און די קראַנקע. אַפילו די חדרים האָבן זיך צוגעמאַכט און די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מחנות יידן און געגאַנגען קיין קוטנע. ס׳האָט טאַקע אויסגעקוקט, ווי ערגעץ־וואו האָט געבלאָזן דער שופר של משיח און יידן לאָזן אַלצדינג איבער אויף הפקר און פאַרלאָזן פוילן. אויך די בוידן און די בריטשקעס האָבן זיך צוגעמאַכט און די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פרעמדאַרטיקע יידן און אויסטערלישע חסידים פון די ווייטערע מקומות אין פוילן. טיילמאָל האָט מען געהערט, אַז אין איינער פון די בוידן פאָרט אויף דער לוויה א באַרימטער גוטער ייד. צו דער דאָזיקער בויד האָבן זיך יידן געשטופּט אין מיטן וועג און געוואָלט געבן דעם צדיק שלום־עליכם. א פרום־צדיקישער קאָפּ אין א ספּאָדיק און מיט באָרד און פּאות האָט זיך אַרויסגעשטעקט פון דער בויד און דערלאַנגט יידן די האַנט. די שמשים און די מקורבים האָבן געשריגן אין זומערדיקן אינדרויסן און פונאַנדערגעיאָגט דעם עולם מיט זייערע גאַרטלען.

אונטער די בוימער האָבן יידן אין טלית־און־תפילין געדאַוונט מנינים־ווייז. אָבער די פויערים האָבן שוין געוואוסט, אַז דערווייל איז משיח נאָך נישט געקומען און יידן פאַרבלייבן ווייטער אין פוילן. בלויז א היי־ליקער יידישער מאַן איז געשטאָרבן און יידן ציען אויף זיין קבורה. די פויערים האָבן געשוויגן און געלאָזט יידן אַלצדינג טון אויף זייערע פעלדער.

פוילן אַרום קוטנע האָט אָנגעהויבן אויסצוקוקן, ווי א שטיק פון ארץ־ישראל.

אין דער שטאָט קוטנע גופא איז שווער געווען אַריינצוקומען. די

גאַסן אַרום ר׳ יהושיעלעס הויז זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט יידן, ווי אין אַ בית־המדרש. גרויסע מחנות יידן האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט היג־טער דער שטאָט. כּדי נישט צו קומען צו ביטול־תורה, האָבן מלמדים אויף די הינטער־שטאָטישע פעלדער אין קוטנע צוזאַמענגענומען זייערע תּלמידים, וואָס זענען מיטגעקומען אויף דער לוויה, און געעפנט זייערע חדרים. ישיבה־בחורים האָבן געלערנט גמרא אויף אויסגווייניק. יידן האָבן זיך איינער ביים אַנדערן געבאָרגט טלית און תּפילין, געדאַוונט, געזאָגט תּהילים אָדער זיך דערציילט פאַרשיידענע פרומע מעשיות. פויער־טעס האָבן געבראַנגט אויבסטן צו פאַרקויפן. קוטנער ווייבער האָבן אין קאָשיקלעך אַרומגעטראָגן אויף צו פאַרקויפן ברויט און קיכלעך. יידן פון דער פרעמד האָבן דערווייל געפירט צווישן זיך מסחרים. אפילו שדכנים האָבן אין גרויסן טרויער געפּרואווט אָנצושלאָגן שידוכים.

דערווייל זענען צו די מאַסן יידן אין די קוטנער גאַסן און אויף די פעלדער אַרום דער שטאָט אָנגעקומען נייע שליחים, וואָס האָבן באַוויזן אַרויסצוקומען פון דעם גרויסן יידישן געדרענגעניש און צו דערציילן אַלע מאָל די נייעסן פון דעם גרויסן נפטרס שטוב, נעמלעך: אַז כּהנים זענען זיך מתעסק ביי דער טהרה און ביים מלביש זיין דעם הייליקן מת. די גרויסע פוילישע גאונים, וואָס זענען געקומען צו דער לוויה, האָבן מתיר געווען כּהנים צוצוגיין צום מת, וואָרעם אַ טויטער צדיק איז גע־גליכן צו אַ צעריסענער ספר־תורה. יעדער, וואָס גייט צו צו ר׳ יהושיעלעס טהרה, מוז צוערשט גיין אין מקווה אַריין. די קוטנער מקווה איז טאָקע אָנגעהייצט ספּעציעל פאַר די מתעסקים. נייע יידן זענען געקומען און דערציילט, אַז די הספּדים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. מען האָט ר׳ יהושיעלען, אַן אָנגעטוענעם אין תּכריכים און אַ ליגנדיקן אויפן טהרה־ברעט, זיבן מאָל אַרומגעפירט איבערן באַלעמער פון דער שול. די אָרון־קודש זענען געעפנט. דער עולם יידן הויבט אויף אַ ביטער געוויין, און די גרעסטע פוילישע גאונים זענען מספּיד ר׳ יהושיעלען און באַווייזן אין זייערע הספּדים וואונדער פון פּלפּול.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער תּמוז־טאָג. ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך. די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן. צווישן די מחנות יידן האָט זיך

אין תמוזדיקן פארנאכט אַנגעהויבן אַ באַוועגונג — מחמת אין קוטנע האָט זיך שוין אָנגעהויבן די לוויה און יידן האָבן זיך געלאָזט גיין.

אין די גאַסן און אויף די פעלדער האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויס שטופעניש. די שטערן זענען אויפגעגאַנגען אין די וואַרעמע זומערדיקע הימלען, — און יידן זענען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען.

ר׳ יהושיעלען האָט מען מקבר געווען שפּעטלעך אין דער נאַכט ביים שיין פון פאַקלען און לאַמטערנעס. זיין קבר איז געווען אויפן העכסטן בערגל פון קוטנער בית־עולם. אַן איינציקער אַלטער בוים מיט ווילדע פעלד־עפּל איז געוואַקסן נישט ווייט פון זיין קבר. ווען ר׳ יהושיעלע איז שוין געלעגן אין גרוב און בלויז די פאַקלען און לאַמטער־נעס האָבן באַלויכטן דאָס ווייסקייט פון זיינע תכריכים, און מ׳האָט ערשט געהאַט אויף אים אַרויפגעשיט די ערשטע לאָפּעטע ערד, האָבן קוטנער באַלעבאַטים איבערגעגעבן זיין בן־יחיד, דעם זיידן ר׳ משהל אַ כתב־רבנות פון קוטנע. די רבנים און גוטע־יידן, וואָס זענען געשטאַנען ביים אָפענעם קבר, האָבן צום טויטן ר׳ יהושיעלען אַריינגעשריגן: מזל־טוב.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

שידוכים פאַר דער מומע איטקע. די מומע איטקע לערנט בסוד לשון-קודש. דער קוטנער משכּיל וואָלף לייב לערער. זיין ווייב נעכע. וואָלף לייב און די קוטנער „פּינצטערלינגע". „השחר". די באָבע לאה און איר טאָכטער. די מומע איטקע האַלט נישט פון קיין יידישע מעשה-ביכלעך. ספרי-השׂכּלה. די באָבע לאה לייענט שלום עליכמס „סטעמפּעניו" און די מומע איטקע — מאַפּו'ס „עיט צבוע".

דער מומע איטקע האָט מען אָנגעהויבן אָנצושלאָגן שידוכים נאָך ביים לעבן פון ר' יהושיעלע קוטנער. ס'האָט געהייסן, ר' יהושיעלע האָט אויף זיין אַלט-פּלאָצקער יידישן דיאַלעקט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פאַרוואָס מע מאַכט די מומע איטקע נישט פאַר קיין כּלה. מער האָט מען נישט באַדאַרפט. דער זיידע ר' משהל איז דאַמאָלסט געווען וויסקיטער רב און ר' יהושיעלע האָט אָנגעהויבן צו קרענקען. שדכנים האָבן געבּרענגט שידוכים אויף גאָלדענע טעלערלעך, נאָר אַלע מאָל איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. די שידוכים זענען געבליבן בלויז איינגעפּעדעמטע. פון קוטנע זענען אָנגעקומען ביטערע ידיעות וועגן ר' יהושיעלעס געזונטצושטאַנד. און אין אַזאַ פינסטערקייט וואָס רוקט זיך אָן אויף דער גאַנצער משפּחה וועמען ליגן אין קאָפּ די שידוכים פאַר דער מומע איטקע? נאָך ר' יהושיעלעס טויט איז די וועלט סוף-כּל-סוף ווייטער געבליבן וועלט. דער זיידע ר' משהל האָט זיך פונאַנדערגעזעצט אויף ר' יהושיעלעס שטול און די איינגעפּעדעמטע שידוכים פאַר דער מומע איטקע זענען ווידער אַרויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך. די שדכנים האָבן זיך פונאויפסניי געלאָזט הערן סיי דורך בריוו סיי טאַקע פּערזענלעך אַליין.

דער זיידע ר' משהל איז געווען אַ פרומער פאַרעקשנטער ייד. נאָך ר' יהושיעלעס טויט איז ער געוואָרן נאָך פרימער און איינגעשפּאַרטער. ער האָט געגלויבט, אַז איצט ליגט אויף אים די גאַנצע שווערע לאַסט פון ממשיך צו זיין דעם פרומען און גייסטיקן ניוואָ פון דער משפּחה.

ער האָט געזוכט פאַר דער מומע איטקע אַ שידוך ביי דער סאַמע סמע־טענע פון פוילישע גוטע־יידן. ער האָט געוואָלט אַן איידעם אַ רביש קינד. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט ער ביי דער קלוגער און פאַרשטענדיקער באָבע לאה נישט געפרעגט קיין דעה, און האָט באַפוילן די שדכנים צו ברענגען דאָס סאַמע מיוחסדיקע און סאַמע חסידישע. וואָס עס טוט זיך הינטער זיינע פּליצעס אין זיין קוטנער רבנישער שטוב האָט ער נישט געוואוסט צי נישט געוואָלט וויסן. די מומע איטקע — וועלכע דער זיידע ר׳ משהל האָט דווקא געוואָלט פאַרקנסענען מיטן שאַרפסטן חסיד צווישן די גוט־יידישע קינדער אין פוילן — האָט בסוד פאַר אַלעמען — בלויז מיטן וויסן פון דער באָבע לאה — געלערנט לשון־קודש ביי וואָלף־לייב לערער, דעם אָפּיציעלן אַפּיקורוס פון דער שטאָט קוטנע. וואָלף־לייב אַליין איז געווען אַ פרומער ייד און זיין ווייב נעכע האָט געגאָלטן פון די פרומסטע ווייבער אין קוטנע. נעכע האָט אָפּגעהאַקט די טירן פון קוטנער דיינים מיט כל־ערליי שאלות. פאַר פסח האָט זיך ביי איר געטון דער פרומסטער חושך, זי האָט נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב קיין מענטש און קיין עוף, איר אייגענער קאַץ האָט זי אָנגעטאָן זעקלעך אויף די פיס. וואָלף־לייב לערער איז אַ דערשראָקענער ארומגעגאַנגען אין די ווינקעלעך און מורא געהאַט דעם אָטעם ארויסצולאָזן — אומעטום האָט נעכע געזען חמץ. אין די פאַרפּסחדיקע טעג האָט נעכע כמעט ווי גע־וואוינט ביים קוטנער דיין און אים פאַרמאַטערט מיט די אויסטערלישסטע שאלות. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם און ביי דער גאַנצער אָפּגעהיי־טענער יידישקייט איז וואָלף־לייב לערער פאַרבליבן דער שטאָט־אַפּיקורוס. ער האָט געלערנט חומש מיטן „ביאור". דעם סאַמאָראָדנעם משה דעסער ימח שמו, וואָס האָט ביי חסידים געשמעקט מיט אַלע סמאַלעס פון אשמדאי, האָט וואָלף־לייב עפנטלעך אָנגערופן רבי משה מענדעלסאָן. ביי פרומע יידן האָט אַזש דער שוויים ארויסגעשלאָגן אויפן שטערן ווען זיי האָבן געהערט ווי דער דאָזיקער טמא נאָמען גליטשט זיך גלאַטיק ארויס פון וואָלף־לייבס מויל און וואָלף־לייב ווערט דערביי נישט דערשטיקט. וואָס טויג מיר פרומקייט, ווען וואָלף־לייב לערער איז פאָרט אַן אַפּיקורוס און האָט צו טון מיט „יענע לייט"! וואָלף־לייב לערער האָט טאַקע אויף אַלע קוטנער חסידים געקוקט ווי אויף אַ סטאַדע בהמות און פינצטערע

פאנאטיקער. אין זיין טאָג־ביכל האָט ער זיי באַשריבן מיט אַ הויכער קלינגעדיקער מליצה פון וועלכער מ׳האָט גיכער אַרויסגעהערט די פסוקים פון ישעיה הנביא וועגן די טעכטער פון ירושלים איידער ווי דאָס בילד פון קוטנער פינצטערלינגען. וואָלף־לייב האָט זיך געטרייסט מיט די נו־מערן פון סמאָלענסקינס „השחר״ פון וועלכן ער איז געווען דער איינציקער אַבאָנענט אין קוטנע, און אויף יעדן נומער געקוקט ווי אויף דעם וויכ־טיקסטן וועלט־געשעעניש. די נומערן „השחר״ האָט ער מיט דער זאָרג־פעלטיקסטער צערטלעכקייט געזאַמלט און אַכטונג געגעבן אַז זיי זאָלן ניט פאַרשטויבט ווערן. ער האָט אויך געהאַט די איינציקע ביבליאָטעק אין קוטנע פון אַלערליי השכלה־ספרים.

ביי דעם דאָזיקן וואָלף־לייב לערער האָט די מומע איטקע בסוד געלערנט פויליש און לשון־קודש. די באָבע לאה האָט איר געהאָלפן זיך אויסצוהיטן פון אַלעמען. די באָבע לאה האָט נאָך גוט געדענקט די צייטן ווען זי האָט אַן עלנטע געוואוינט אויפן בוידעם־שטיבל נעבן דער קוטנער ווייבער־שול. דער זיידע ר׳ משהל האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט געהוליעט מיט חסידים און די באָבע לאה איז אַ דערשראָקענע פון דער שטומער און אומהיימלעכער ווייבער־שול געזעסן ביי אַ גראָשנדיקן ליכטל, געוויגט איר ערשט קינד און געלייענט די יידישע מעשה־ביכלעך פון די ערשטע משכילים. וויפיל טרייסטפולע שעהן האָבן איר דאָן גע־געבן די יידישע מעשה־ביכלעך! יענע מאָגערע מעשה־ביכלעך האָבן זיך אָנגענומען פאַר דער עלנטער יידישער פרוי, און האָבן איר האַרץ פול געמאַכט מיט בענקשאַפט. די באָבע לאה האָט געקוקט אויף דער מומע איטקע, איר בת־יחידה, און אין דער שטיל געהאָפט אַז זי, די מומע איטקע, וועט געווינען אין לעבן דאָס וואָס די באָבע לאה האָט פאַר־שפּילט. די מומע איטקע איז געווען אַ שווייגנדיקע, אַ ראַציאָנאַליסטקע, און האָט נישט געהאַלטן פון קיין סענטימענטן. זי האָט נישט געהאַט קיין באַציאונג צו די יידישע מעשה־ביכלעך וואָס די באָבע לאה האָט כסדר געלייענט באַהאַלטענערהייט. דערפאַר איז דער מומע איטקע געפעלן גע־וואָרן דער דקדוק און די ראַציאָנאַליסטישע סאַטירע פון די משכילים. אויף וואָלף־לייב לערער האָט זי אַרויפגעקוקט ווי צו אַן איבערמענטש. ווען זי איז אַרויסגעקומען פון דער קוטנער רבנישער שטוב, — וואו

אַלצדינג האָט זיך נאָך געפירט ווי בעת ר׳ יהושיעלעס לעבן — האָט זיך איר, דער מומע איטקע, אויסגעדוכט גלייך ווי פון די ווענט פון וואָלף־לייבס דירה שלאָגט עפּעס אַ גרויסע שכלדיקע ליכטיקייט און זי האָט נאָר פאַרגליכן בן־זאבס „לוח־הפועלים״ מיטן פעטער יעקל און מיט ירחמיאל דעם שוחט. און אין פאַרגלייך איז וואָלף־לייב אויסגע־וואַקסן אין זיין איבערמענטשלעכקייט. די מומע איטקע האָט זיך מיט נאָך אַ גרעסערן ברען געוואָרפן אויפן לימוד פון לשון־קודש.

די מומע איטקע איז געווען זייער אַ פעאיקע. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און וואָלף־לייב לערער האָט זיין רבנישער שילערין, ר׳ יהושיעלע קוטנערס אייניקל, געגעבן צו לייענען פון די גלוסטיקסטע און פאַרבאָטנס־טע ספרים פון דער השכלה, ספרים וואָס זייער נאָמען אַליין האָט ביי חסידים ארויסגערופן אַ שרעק און אַ צאָרן. ווען וואָלף־לייב האָט פון זיין ספרים־אַלמערל ארויסגענומען דעם „התועה בדרכי החיים״ און דעם „קבורת־חמור״ פון פּרץ סמאָלענסקין, האָט עס די מומע איטקע פאַרשלונגען אין איין נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נישט פאַרלאָשן דאָס קליינע נאַפט־לעמפל, זי האָט זיך נישט אויסגעטון און געלייגט שלאָפן, רק געלייענט. עס איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די מומע איטקעס אויגן און זי האָט אַזש פאַרביילט די פויסטן. ווי אַ לעבעדיקע איז פאַר איר געשטאַנען די פינסטערע וועלט פון חסידים און פאַנאַטיקער פון רבנים וואָס רודפן אַלע משכילים ווי וועלף די אומשולדיקע שעפע־לעך. עס איז נאָר אַ חידוש וואָס דער „מוסטער־מענטש״ וואָלף־לייב לערער שניידט נאָך אָפּ מיט חסד אין דער שטאָט קוטנע. פעלט דען דאָ פינסטערלינגען און פאַנאַטיקער ? ! די מומע איטקע האָט זיך דערביי דערמאָנט אָן די אַלע יידן וואָס קומען אריין אין איר עלטערן־הויז. די מומע איטקע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג פאַרביסענער און שווייגנ־דיקער. זי האָט שוין אַליין היפּש געקאָנט שרייבן אַ לשון־קודש בריוול מיטן מליצהדיקן סטיל פון וואָלף־לייב לערער, און ער האָט איר אהיימ־געגעבן צו לייענען די נומערן פון „השחר״. די מומע איטקע האָט נישט האַלט געהאַט קיין שירים, דערפאַר האָט זי נאָר ליב געהאַט צו לייענען די בילדער וואו עס ווערן געשילדערט די חסידישע קנאים. זי האָט אויך אָנגעהויבן צו קוקן מיט ביטול אויף די יידישע מעשה־ביכלעך

וואָס די באָבע לאה האָט געליענט. ווען די באָבע לאה האָט זיך אַמאָל פאַרשאַפט שלום־עליכמס „סטעמפעניו" און געפּרוּווט פאַרצולייענען פאַר דער מומע איטקע בילדער פון סטעמפּעניוס חתונה, און ווי אַזוי סטעמפּעניו פאַרכּישופט אַלעמען מיט זיין פידעלע, האָט די מומע איטקע ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט די פּלייצעס און געזאָגט דער באָבע לאה, אַז דאָס זענען מעשיות פאַר פּראָסטע ווייבער און פאַר דינסט־מיידן, און אַז זי וועט איר בעסער דערציילן סצענעס פון אברהם מאַפּוס „עיט צבוע". און זאָל זי, די באָבע לאה, אויף טשעקאַוועשטש זען ווי עס שאַלטן און וואַלטן די פינסטערע פאַנאַטיקער.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

די מומע איטקע אַ פֿאַרביטערטער משׂכּיל. דער זיידע ר׳ משהל זוכט פֿאַר איר שידוכים אין די רבישע הויפֿן. די מומע איטקע האַלט נישט פֿון ווייבערישע שמאַכטעס. חומש מיטן טריף־פּסול. די באָבע לאה וואָרט־אָפּ די קומענדיקע קאַטאַסטראָפֿע. ר׳ מענדעלי פֿון זדונסקאַ וואָליע. האַלב פֿאַבריקאַנט און האַלב גוטער־ייִד. ר׳ מענדעלים התנהגותן און זיין הלבשה. ר׳ מענדעלי שנייצט די נאָז. ר׳ מענדעלים קינדער. בעריש. בריוו צווישן זדונסקע וואָליע און קוטנע. די באָבע לאה שלאָפֿט נישט גאַנצע נעכט. „איטקע לעבן, טו דיר אָן דאָס נייע יום־טובֿדיקע קליידל”. זדונסקאַ וואָליער ווייבער אין קוטנע. די פֿרעמדע האָפֿערדיקע רביצין. „קיין עין הרע”. זדונסקאַ וואָליער בוידן אין קוטנע. די מומע איטקע ווייסט נאָך נישט וואָס אויף איר גייט. זדונסקאַ וואָליער ייִדן און ווייבער אין דער קוטנער שטוב. די מומע איטקע באַקומט אַ קניפּ אין בעקל. די מומע איטקע אין די הינער־פּלעט. „דאָס איז ער”!

ווען די מומע איטקע האָט געמאַכט גרויסע פֿאָרשריטן אין לשון־קודש און געשלונגען די השׂכּלה־ספֿרים פֿון וואָלף־לייב לערערס ביבליאָטעק, האָט דער זיידע ר׳ משהל פֿאַר איר אַרומגעזוכט שידוכים אין די רבישע הויפֿן אין פּוילן. די מומע איטקע איז נישט געווען קיין שיינע. זי איז געווען אַ דאַרע, מיט אַ הויכן לומדישן שטערן און אַ ביסל אַ קאַסאָקע. זי האָט נישט געהאַלטן פֿון ווייבערישן פּוצן זיך. וואָס מער זי האָט געקאָנט לשון־קודש האָט זי פֿאַרלוירן איר ווייבערישע ווייכקייט און מער אָנגענומען די מאַנסבילשע האַרטקייט פֿון אַ פֿאַרביטערטן משׂכּיל. די באָבע לאה האָט געהאַט מיט איר צו פֿירן גרויסע קאַמפֿן כּדי די מומע איטקע זאָל זיך לאָזן מאַכן אַ ניי־מאָדיש קליידל, צי לאָזן זיך אויסקעמען די פֿאַרוואָרלאָזטע צעפּ אירע, אָדער גאָר דאָרט לאָזן אַריינפֿלעכטן אַ שלייפֿל. די מומע איטקע האָט די אַלע זאַכן אָנגערופֿן ווייבערשע שמאָכטעס, און ווען די באָבע לאה האָט איר פֿאַרפֿלאָכטן די

צעפּ האָט זי דערוויי̇ל געחזרט אויף אויסנווייניק קאָמפּליצירטע שטיקער פון דקדוק, אָדער געלייענט אַ נומער „השחר". די באָבע לאה האָט געוואוסט אַז שדכנים דרייען זיך ביים זיידן אין בית־דין־שטוב און ברענגען אים רבישע שידוכים. זי האָט דערקאָנט אין אַ סך אַדרעסירטע בריוו אַז דאָ רעדט זיך וועגן רבישע שידוכים פאַר דער מומע איטקע. די באָבע לאה האָט מורא געהאַט צו דערציילן דעם פרומען פאַרעקשנטן זיידן ווי עס האַלט מיט דער מומע איטקע און אַז אַט־אַ דאָס איינגעשפּאַרטע מאַנסבילישע מיידל וועט נישט אַזוי לייכט גיין אונטער דער חופּה מיט אַ בחור וואָס ווערט אין די משכּילישע ספרים פאַרגעשטעלט אַלס דער ריינער טייוול פון חשכות. די באָבע לאה האָט כּסדר געציטערט איבערן זיידנס געזונט. וואָס וועט דער זיידע זאָגן? און צי וועט דער זיידע גאָר האָבן אַן אַנונג אין די דרכים פון דער משכּילישער טאָכטער? עס איז איר געווען ביטער אויף איר מוטער־האַרץ, דער באָבע לאה.

דערוויי̇ל זענען די געשעענישן געגאַנגען זייער וועג. די מומע איטקע האָט זיך וואָס מער אָנגעלייענט מיט השכּלה־ספרים און אָנגעהויבן צו לערנען ביי וואָלף־לייב לערער חומש מיטן „ביאור". ווען די באָבע לאה האָט געהערט אַז די מומע איטקע לערנט חומש מיטן טריף־פּסול איז זי אויפגעציטערט געוואָרן. קודם, טאָר אַ יידישע טאָכטער נישט לערנען קיין תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני נאָר פאַר מאַנסבילן. צווייטנס, האָט דער נאָמען מ ש ה ד ע ס ע ר פון איר קינדהייט אָן אין די רבישע הויפן, געוועקט אין דער באָבע לאה אַן אימה ווי עס וואָלט פון אים געשמעקט מיט יענער וועלט און מיט סמאל. די באָבע לאה האָט מיט שרעק געקוקט אויף די פאַרשלומפּערטע חסידישע שדכנים וואָס זענען געקומען קיין קוטנע צום זיידן, זיך מיט אים פאַרמאַכט און נישט געפונען פאַר נויטיק איר, דער באָבע לאה, אפילו צו דערציילן פון די רבישע שידוכים וואָס זיי ברענגען פאַר דער מומע איטקע.

די באָבע לאה האָט אָפּגעוואָרט אַ קומענדיקע קאַטאַסטראָפע.

פון אַלע שידוכים איז דעם זיידן ר' משהל געווען צום האַרצן דער

שידוך מיטן ביאַלער רבינס זון ר׳ מענדעלע לאַנדוי פון זדונסקאַ־וואָליע. ר׳ בעריש ביאַלער, אַ זון פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער, איז געוואָרן רבי נאָכן „יונגן וואורקער״. דער זיידע ר׳ משהל איז צו אים „געפאָרן״. דעם ביאַלער האָט דער זיידע ר׳ משהל געהאַלטן פאַר זיין אייגנטלעכן רבין. דאָס לומדישע ביאַלע האָט אָנגעהויבן צוריק צו פירן דעם צע־הוליעטן וואורקער עולם אויפן דרך פון פרומקייט און תורה־לערנען. און עס איז נעענטער געווען צום אסקעטישן און פאַר־מרהשחורהדיקן געמיט פון זיידן ר׳ משהל. זיך משדך צו זיין מיט אַ קינד פון ביאַלער רבין איז אויסגעקומען פאַרן זיידן ר׳ משהל דאָס שענסטע און דאָס גליקלעכסטע. ר׳ מענדעלען אַליין, דעם מחותן הייסט עס פון זדונסקאַ־וואָליע, האָט דער זיידע געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם מענטש. אַלטע פריינט פון ביאַלע, וואָס קען נאָך זיין אַ בעסערער שידוך? דערצו איז ר׳ מענדעלע לאַנדוי אין זדונסקאַ־וואָליע געווען האַלב־פאַבריקאַנט און האַלב גוטער־ייד. ער האָט עפּעס עוסק געווען אין לאָדזשער מסחרים, אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ נעבן־ענין. דער עיקר — הגם ער איז פּונקט ווי דער זיידע געפאָרן צום רבין נאָך אַלעקסאַנדער — האָט ער אָבער אין זיין שטעטל זדונסקאַ־וואָליע געפירט חסידות ביד רחבה. גוט־יידיש. פאָרט דעם ביאַלער רבינס אַ לייבלעכער זון! ר׳ מענדעלע איז געווען אַ ייד מיט אַ ברייטן שטעל, אַ הויכער, אַ ברייט־פּליייציקער און מיט אַן אָנגעגאָסענעם בויך וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט ווי אַן אָנגעבלאָזענער זאַק פון די פאַרביק־זיידענע רבישע שלאָף־רעק וואָס ר׳ מענדעלע האָט געטראָגן אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר. עס האָט באַשיימפּערלעך אויסגעקוקט ווי ר׳ מענדעלע טראָגט עפּעס אונטער זיינע שלאָף־רעק. ער האָט געהאַט גראָ־בע מגושמדיקע ליפּן וואָס זענען שטענדיק געווען פייכט און הינטער וועלכע עס האָבן זיך באַהאַלטן קליינע, געלע און אויסגעקרישלטע צייינד־לעך. ר׳ מענדעלע איז געווען אַ געלער, מיט אַ געל אויסגעקראָכן בערדל און מיט געלע געקרייזלטע פּיאהלעך וואָס האָבן זיך אים בייז און האַ־פּערדיק געבאַמבלט פון אונטערן רבישן קאַפּעלאַטש וואָס ר׳ מענדעלע האָט געטראָגן אין זדונסקאַ־וואָליע באַגלייך מיטן רב. הגם ר׳ מענדעלע איז געווען אַ פעסטער, געזונטער ייד, אַ מאדים אויף גוטע מאכלים און

בטבע א גרויסער אבלער, האָט ער פונדעסטוועגן שטענדיק מורא געהאַט פאַר א פאַרקילונג. און מ'האָט אים דערקענט אין גאַס ניט בלויז לויט זיין רבישער הלבשה און לויט זיין האָפּערדיקן הילוך, נאָר אויך נאָך די וואָלענע שאַלן מיט וועלכע ער האָט זיך סיי ווינטער און סיי זומער אַרומ־געבונדן דעם האַלדז. די שאַלן זענען געווען חוצפּהדיקע און גרויסע ווי לײַלעכער, און ס'האָט פאַרנומען א היפּשע צייט ביז ר' מענדעלע האָט באַוויזן אַרויסצואוויקלען אָדער אַרומצואוויקלען זיין האַלדז מיט די דאָ־זיקע אויסטערלישע לײַלעכער. אויך די שנופּ־טיכלעך אין וועלכע ר' מענדעלע האָט באַוויליקט אַריינצושנייצן מיט זיין גראָבער, רויטער און תמיד שטאַרק פאַרקאַטערטער נאָז זענען געווען משונהדיק גרויס אין זייער פאַרנעם, האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זיינע זיידענע רבישע טאַשן ווי טיכער גאַנצע, און ר' מענדעלע האָט שנייצנדיק אין זיי געקאָנט באַהאַלטן זיין גאַנצע נאָז און א שטיק פון זיין פּנים. ר' מענדעלע האָט געשנייצט הויך און ברייטלעך און מיט א געפּייפּעריי. און אַלע די חסידישע שאַ־לאָטן־שמשים, לײַדיק־גייער פון אַלעקסאַנדערער שטיבל, וואָס האָבן זיך נאָך ר' מענדעלען שטענדיק נאָכגעשלעפּט האָבן געוואַרט ביז ר' מענדעלעס נאָז וועט זיך אויספּייפן און אויסשנייצן און ענדלעך קומען צו רו.

אין די דאָזיקע ווילדע און ברייטלעכע רבישע התנהגותן האָט ער אויך געפירט זיינע קינדער. קיין גרויסע לומדים זענען זיי נישט געווען און האָבן געקוקט אויף זייערע אייגענע מלמדים פון אויבן אַראָפּ און באַהאַנדלט זיי ווי ר' מענדעלע זיינע חסידישע שאַלאָטן־שמשים. זיי האָבן געהאַלטן אַז גוט־יידישער יחוס איז מער ווי לומדות. סיי־ווי זענען זיי אומעטום די אויבערשטע פון שטיסל, זאָגן אַלע אַלטע יידן דו, און רעדן מיט אַלעמען מיט רבישער האָפּערדיקייט. אַלע קינדער ר' מענדעלעס זענען געווען געלע, מיט געלע ווילדע פּאות, האָבן געטראָגן אין א פּראָסטן מיטוואָך רבישע שלאָף־רעק, האָבן גאַרנישט געוואָלט טון נאָר פּראַוועון ווילדע חסידישע שטיק, רעדן מיט ברייטקייט, עסן חסידישע סעודהלעך און רויכערן פּאַפּיראָסלעך. דער פּוסט און פּאַס וואָס האָט שפּעטער אין פּוילן אַרומגעכאַפּט די יוגנט אין די רבישע הויפן. ר' מענדעלע האָט זיך משדך געווען מיט אַנדערע גוטע־יידן און געפּראַוועט רבישע חתונות.

זיין זון בעריש, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער באַשערטער פון דער משפילישער מומע איטקע, איז אויך געווען אַ געלער, אַ פעטלעכער, אַ רביש־מגושמדיקער ווי זיין טאַטע ר׳ מענדעלע, מיט אַ בייכל — הגם בעריש איז נאָך געווען גאָר אַ יונג בחורל — און מיט רויטע פאות וואָס האָבן זיך אים אָפּגעגעגאָסן פון אונטערן רבישן קאַפּעלאַטש. וואָרעם אויך ר׳ מענדעלעס זין האָבן אינמיטן אַלע זדונסקאָ־וואָליער יידן גע־טראָגן רבישע קאַפּעלאַטשן, און זאָל זיין דרך־ארץ! בעריש איז געזעסן אין שטיבל, גערעדט מיט אַלטע יידן ווי זייערס גלייכן, געקוואָלן און געגרייסט זיך מיטן רבישן יחוס און מיט ר׳ מענדעלעס האָפּערדיקע התנהגותן און אין דער שטיל געוואַרט אויף אַ כלה און אויף אַ גילדערנעם זייגער מיט אַ קייט, וואָס זאָל זיך אים באַמבלען אויף דער ברייטער טור־בענער וועסט. ביי ר׳ מענדעלעס טירן האָבן אויך אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַלערליי פאַרשלומפּערטע חסידישע שדכנים און אים געבערענגט שידוכים מיט יחוס און מיט געלט. אָבער אויך אים איז געפעלן געוואָרן דער קוטנער שידוך מיט זיין יוגנט־פריינט ר׳ משהל. דעם ביאַלערס אַן איי־ניקל מיט ר׳ יהושיעלע קוטנערס אַן אייניקל — וואָס קאָן זיין עפּעס גלייבערס.

דער זיידע ר׳ משהל און ר׳ מענדעלע זדונסקאָ־וואָליער ווי אַלטע יוגנט־פריינט און ווי צוויי אַלעקסאַנדרער חסידים האָבן נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און פּערזענלעך זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצושרייבן מכּח דעם שידוך. דער זיידע ר׳ משהל האָט געשריבן מיט אַ געציקלטן און געדרייטן כּתב־יד און מיט אַ שווערן רבנישן לשון־קודש. ר׳ מענ־דעלעס כּתב איז געווען אַ ווילדס און מגושמדיקס, קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס, מיט וויסטע לשון־קודשדיקע גרייזן און מיט רבישע זשאַרגאָ־ניזמען, וואָס מ׳האָט קוים געקאָנט איבערלייענען און קוים געקאָנט פאַר־שטיין. אָבער פון די דאָזיקע אַלע בריוו, וואָס ביידע מחותנים האָבן ניט ריכטיק געקאָנט איבערלייענען און פאַרשטיין יעדן זאַץ, איז פאָרט אַרויס־געקומען אַז מ׳קומט ענדלעך צו אַ געוויסן אויסגלייך וועגן נדן, קעסט און מתנות, און ס׳איז צייט אַז די מחותנסטע שתחי׳ ד״ה ר׳ מענדעלעס ווייב זאָל לעבן, זאָל קומען קיין קוטנע צו „באַשויען״ די כּלה און מ׳זאָל האַקן טעלער.

די באָבע לאה איז נישט געשלאָפן קיין נעכט ווענן דעם דאָזיקן שידוך. די מומע איטקע גופא האָט ניט געהאַט קיין אַנונג פון דעם, וואָס עס גרייט זיך אויף איר. זי האָט געלייענט ספרי־השכלה און שוין היפּש אריינגע־לערנט ביי וואָלף־לייב לערער דעם חומש מיטן „ביאור". פּלוצעם אין אַ שיינעם העלן טאָג ווען די מומע איטקע איז געזעסן אין איר צימער אַ צעשויבערטע, זיך געביסן די נעגל און געלייענט אַ לשון־קודש ביכל, איז די באָבע לאה אַ שטילע אריינגעקומען אין צימער, ארויפגעפאַלן אויף דער מומע איטקע און זי אָנגעהויבן צו קושן.

די מומע איטקע האָט קנאַפּ געהאַלטן פון אַזעלכע ווייבערישע צערט־לעכקייטן ווי קושן וכדומה. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון ביכל און אַ קוק געטאָן אויף דער באָבע לאה. די באָבע לאה איז געווען עפּעס אַן אַנדערע ווי תמיד, אַ דערשראָקענע, אַ גערירטע, אַ ווייכע.

— איטקע לעבן, האָט זיך די באָבע לאה מיט טרערן אין קול געבעטן ביי דער מומע איטקע, — חיות מיינס, נשמה מיינע, לאָז דיך פון מיר אויפקעמען און טו אָן דאָס נייע יום־טובדיקע קליידל.

— וואָס עפּעס שבת אינדערוואָכן? — האָט זיך די מומע איטקע נעפרעגט אַ פּריטשמעליעטע פון דער מוטערלעכער גערירטקייט פון דער באָבע לאה.

— מיר האָבן געסט, חשובע ווייבער פון זדונסקא־וואָליע, דו מוזט אריינקומען צו זיי. טו מיר צוליב און פאַרשעם מיך נישט, טאָכטער הארציקע. נאָר אין אַזאַ הולך... עס שיקט זיך נישט.

דער מומע איטקעס משכּילישע האַרץ איז ווייך געוואָרן ווען זי האָט געהערט, ווי עס ציטערט דאָס קול פון דער באָבע לאה און זי בעט זיך ביי איר, ביי דער טאָכטער, מיט טרערן אין די אויגן.

די מומע איטקע האָט נישט געענטפערט, נאָר די באָבע לאה האָט געזען אַז די מומע איטקע וועט איר צוליב טון. זי האָט דער מומע איטקע אַ קוש געטון אויפן הויכן לומדישן שטערן, אויף אינדערגעשווינד איר פאַרפלאָכטן די צעפּ מיט אַ באַחנט שלייפל, איר אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע קליידל זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און זי אריינגעפירט צו די געסט.

ווער עס זיינען די געסט האָט די מומע איטקע נישט געוואוסט. זי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג אַז זי האַלט ביי אַ כּלה ווערן און ווער עס איז דער חתן. זי האָט נאָר געזען ביים טיש זיצן עטלעכע פרעמדע ווייבער, יום־טובדיקע רביצינס אין טיפע רבישע קופּקעס מיט בענדער און שלייפעלעך. אין מיטן די פרעמדע ווייבער איז געזעסן אַ פעטע אויס־געפּאַשעטע רביצין מיט אַ גוידער און מיט גלאַנציקע אייגעלעך. די יידענע האָט זיך געהאַלטן מיט ברייטלעכער גוט־יידישקייט, ווי אַ ווייבע־רישער גוטער ייד. זי האָט גערעדט מיט אַ דין הייזעריק קולעכל און ביי יעדן דריטן וואָרט געזאָגט קיין עין־הרע און דערביי געמאַכט מיט די פעטע ליפּן ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים אויסשפּייען. זי איז געזעסן בשפע אינמיטן פון די ווייבער און געהאַלטן אין איין רעדן. פון דער קוטנער משפּחה זענען ביים טיש געזעסן די ערפורכטיקע אַלמנה נאָך ר׳ יהושיעלע קוטנער, די באָבע פריווע, ווי אויך די מומע שרהל און איר טאָכטער ראַצע.

מ׳האָט צוגעפירט די מומע איטקע צו דער פרעמדער האָפערדיקער רביצין, ר׳ מענדעלע זדונסקאַ־וואָליערס לייבלעכע אשה. די פרעמדע יידענע האָט איר, דער מומע איטקע, אויפן חסידישן אופן אַ קנייפּ געטון אין בעקל אריין, זיך צעשאָקלט מיט אַלע בענדער און בענדלעך פון איר טיפער רבישער קופּקע און אַ זאָג געטון „קיין עין־הרע".

די מומע איטקע איז געזעסן צווישן די געסט אַן אָפּוועזנדיקע און אַ שווייגנדיקע. זי האָט געטראַכט וועגן אירע ענינים און קיינעם נישט ארויסגעוויזן די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט נישט געוואוסט וועגן וואָס עס גייט. אפילו דאַן ווען הירשל נאָמן איז אריינגעקומען און וואוילעריש צו איר אַ וואונק געגעבן מיטן בלינדן אויג האָט די מומע איטקע נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. זי איז געזעסן ווי אויף קוילן און אַלץ געוואָרט, אַז די געסט זאָלן ענדלעך אַוועקגיין און זי זאָל קאָנען צוריק גיין צו אירע ביכלעך.

די געסט זענען טאַקע אַוועקגעפאָרן. ס׳האָט זיך פון אויפסניי אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן ר׳ מענדעלע זדונסקאַ־וואָליער מיטן זיידן ר׳ משהל, און אין די בריוו איז מען ענדלעך געקומען צו אַ הסכם צו שרייבן למזל תנאים.

די באָבע לאה איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן און שטיל געוויינט אין אירע קישנס. זי האָט גאָרנישט געוואוסט ווי מען זאָגט דעם זיידן ר׳ משהל אַז די מומע איטקע וועט נישט וועלן דעם חתן. וואָס הייסט א מיידל וועט זיך אריינמישן אין דעם שידוך און נישט וועלן דעם ביאַלער רבינס אַן אייניקל? דער זיידע ר׳ משהל וואָלט עס נישט פאַרשטאַנען און ער האָט בכלל נישט געקאָנט האָבן די מינדסטע השגה אין די רעיונות פון דער מומע איטקע און אַז זי לערנט גאָר חומש מיטן דעסערס „ביאור״. עס איז איר געווען ביטער אין איר מאַמע־האַרץ, דער באָבע לאה, און זי האָט געקוקט מיט שרעק דאָ אויפן זיידן ר׳ משהל און דאָ אויף דער מומע איטקע.

דערווייל האָט אָנגערוקט דער טאָג פון תנאים. ר׳ מענדעלע מיטן חתן, מיט די מחותנסטעס, מיט א כאַליאַסטרע חסידים און שאַלאַטן־שמשים האָבן אין א גרויסער בויד געזאָלט אָנקומען קיין קוטנע.

דער זיידע ר׳ משהל האָט געהייסן דער באָבע לאהן מאַכן ברייטע נגידישע תנאים. א קלייניקייט א שידוך צווישן קוטנע און ביאַלע! אין שטוב אין קוטנע האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צו תנאים און די מומע איטקע האָט אַלץ נאָך נישט געוואוסט. זי האָט בכלל קיין מאָל זיך נישט אינטערעסירט מיט באַלעבאַטישקייט. די באָבע לאה האָט כסדר אָפּגעלייגט צו דערציילן דער מומע איטקע אַז זי גייט א כלה ווערן און מיט וועמען.

ערשט א טאָג צופריער ווען אין קיך האָבן זיך שוין געקאָכט די טעפּ מיט פיש און פלייש און אַלערליי צימעסן, איז די באָבע לאה אַריינ־געגאַנגען צו דער מומע איטקע אין צימער, זי אָנגעהויבן צו האַלדזן און צו קושן און מיט טרערן אין די אויגן איר דערציילט אַז זי ווערט מאָרגן למזל א כלה, און אַז זי זאָל געדענקען אין גאָט און דעם זיידן ר׳ משהל נישט אָנטון קיין חרפּות... „וואָס ווייטער וועט זיין וועלן מיר זען״ האָט די באָבע לאה צוגעגעבן ווי זי וואָלט געוואָלט טרייסטן און באַרואיקן די מומע איטקע אַז תנאים זענען נאָך דערווייל צו גאָרנישט נישט מחייב און ס׳זענען נאָך פאַראַנען פאַרשיידענע אויסוועגן.

די מומע איטקע איז געוואָרן פולשטענדיק צעטומלט. אירע רעיונות זענען גאָרנישט געגאַנגען אויף דעם דאָזיקן דרך און זי האָט אין אָנהויב

גאַרנישט געוואוסט ווי צו רעאַגירן. זי איז מיטאַמאָל געוואָרן אויסטערליש אַפּאַטיש און געלאָזט אַלצדינג מיט זיך טון. די באָבע לאה האָט זיך געוואונדערט וואָס אַנשטאָט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, האָט די מומע איטקע בכלל פאַרלוירן יעדעס לשון ווי זי וואָלט פּלוצעם אַריינגעפאַלן אין הינער־פּלעט. זי האָט עקשנותדיק געשוויגן און ווי אַפּוועזנדיק גע־קוקט אויף דער באָבע לאה. דאָס דאַזיקע אומהיימלעכע שווייגן האָט די באָבע לאהן געשראָקן. אָבער אין האַרצן האָט די באָבע לאה געהאַט אַ האָפענונג — און דאָס האָט זי אַ ביסל באַרואיקט — אַז אַפילו נישט געקוקט אויף די תנאים וועט פון דעם דאַזיקן קרומען און אומגליקלעכן שידוך סיי־ווי גאַרנישט ווערן.

אין טאָג פון די תנאים איז אַ גרויסע בויד מיט זדונסקא־וואָליער מחותנים פאַרפאָרן פאַרן רבס הויז אין קוטנע. די בויד איז אָנגעפאָרן מיט אַ גרויס געפּילדער, וואָרעם אַפילו זדונסקא־וואָליער פערדלעך און דער זדונסקא־וואָליער באַלעגאָלע האָבן געוואוסט וועמען זיי פירן דאָ נאָך קוטנע. דער ערשטער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער בויד ר׳ מענדעלע אַליין, אין אַן אַלטן צעקנייטשטן רבישן קאַפּעלאַטש און דער האַלדז פאַרהילט מיט גרויסע און רויטע שאַלן. ר׳ מענדעלע איז מיט אַ ברייטלעכן אומגעדולד אַרויסגעקראָכן פון דער בויד און דערביי געזידלט דעם באַלעגאָלע אויף אַ ווילדן חסידישן נוסח. באַלד נאָך ר׳ מענדעלען איז נאָכגעקראָכן דער חתן, אויך אין אַ קאַפּעלאַטש און אויך דער האַלדז אַרומגעבונדן מיט שאַלן. די רויטע פּאות האָבן זיך אים געבאַמבלט צעפּלאָשעטע, און דאָס בייכל האָט זיך היפּש אַרויסגעזען פון הינטער דעם ברייטן חסידישן פּאַלטן. נאָכן חתן האָבן זיך פון די בויד־טונקלקייטן אָנגעהויבן אַרויסצושיטן נאָך חסידים און ר׳ מענדעלעס מקורבים. אַלטע און יונגע יידן אין סאַמעטענע און זיידענע היטלען, און אַפילו עטלעכע חסידישע שיינע־יידן מיט רבישע קאַפּעלאַטשן.

דאָס ווילדע חסידישע געפּילדער אין דער בויד האָט זיך געשטאַרקט ווי גאַנץ זדונסקא־וואָליע וואָלט געקומען צו פאָרן נאָך קוטנע. ערשט אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך פון דער בויד אָנגעהויבן אַרויסצווייזן ווייבערישע פּנימער. אויך די ווייבער האָבן אַראָפּגייענדיק פון דער בויד געשריגן און געזידלט דעם זדונסקא־וואָליער באַלעגאָלע. אויך די ווייבער זענען

געוועז ארומגעוויקלטע מיט טיכער און ס'רוב פון זיי האָבן געטראָגן טי־פע קופקעס מיט א סך בענדער. קוטנע איז גאָרנישט געוואוינט געווען צו אזעלכע יידן. ווען אלע זדונסקא־וואָליער מחותנים זענען אראָפּגע־קראָכן פון דער בויד און צווישן זיך געשריגן הויך און טומלדיק, האָט ר' מענדעלע אליין ארויסגענומען עפּעס ווי א גרויס רויט ליילעך פון די טיפע טאַשן פון זיין זיידענער בעקעשע, האָט דאָרט אריינגעשטעקט זיין נאָז און א האלב פּנים און זיך אויסגעשנייצט מיט ברייטקייט און מיט א פייף. נאָכדעם ווי ר' מענדעלע האָט זיך היפּש אויסגעווישט די נאָז־לעכער זענען אלע זדונסקא־וואָליער, בראש מיט ר' מענדעלען און מיטן באַבייכלדיקטן חתן מיט א רעש אריינגעפאלן אין זיידן ר' משהלס בית־דין־שטוב.

דעם זיידנס שטובן האָבן זיך דורך די זדונסקא־וואָליער מחותנים פאַרוואַנדלט אין א וויסטן חסידישן יריד. אלע שטולן און בענקלעך זענען אוועקגערוקט געוואָרן פון זייערע ערטער. די פּרעמדע זדונסקא־וואָליער האָבן גלאָט פון ניי־געריקייט־וועגן ארויסגעשלעפּט די ספרים פון זיידנס אלמערס און אין זיי געמישט און געבלעטערט, אָדער פּלוצעם אינ־מיטן דערין געשריבן מיט קרייד אויף די ווענט פון די ספרים־אלמערס. ר' מענדעלע אליין אין זיין צעקנייטשן קאַפּעלאַטש און מיט די שאלן אויפן האלדז האָט אָנגעהאַלטן דעם זיידן ר' משהל ביי די קלאַפּעס פון דער זיידענער קאַפּאָטע און מיט א שרייענדיק קול גערעדט וועגן נדן, קעסט און חתן־מתנות. וועגן געלט־זאַכן האָט ר' מענדעלע גערעדט מיט א סך צעקאַליעטשעטע פּוילישע ווערטער. דער חתן האָט גערויכערט פּאַפּיראָס־לעך, געשאָקלט מיט די רויטע פּאות, אלע מאָל אויסגעשפּיגן אויפן דיל און זיך אויפן הויכן קול געקריגט מיט אן אלטן זדונסקא־וואָליער חסיד און אים גערופן אויף שקאָצישע חסידישע צונעמענישן. די זדונסקא־וואָליער ווייבער האָבן זיך שרייענדיקע צעלאָזט איבער אלע שטובן און אפילו אריינגעקוקט אין די טעפּ, וואָס האָבן זיך געקאָכט אויף דער קיך. ר' מענדעלעס ווייב האָט געשאָקלט מיט אלע בענדער פון איר טיפער קופּקע און זיך אויף א רבישן לשון געקריגט מיט די זדונסקא־וואָליער ווייבער. די קוטנער פרויען האָבן זיך ארומגעדרייט דערשראָקענע פון דעם פּלוצעמדיקן פרעמדן טומל. די חשובע אלמנה די באָבע פריוועה האָט

מיטאמאָל באַקומען קאָפּ־ווייטיק, און די באָבע לאה אַ בלאַסע האָט זיך ווי אַ פרעמדע שטיל אַרומגעדרייט אין די ווינקעלעך.

די כּלה, די מומע איטקע, האָט מען נישט געזען. די מחותּנתטעס האָבן זיך אַפילו אויף איר נישט געפרעגט. זי איז געזעסן אַ צעשראָ־קענע און שווייגנדיקע אין איר צימער. זי האָט נישט אין דעם דאָזיקן טאָג געליִיענט קיין ביכלעך און נישט געפּרוּווט גיין צו וואָלף־לייב לערער. אַלע געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי איר אין קאָפּ און זי איז געזעסן אַן אָפּגעלאָזענע און אַן אַפּאַטישע. דורך דער טיר האָט זי געהערט דעם ווילדן געטומל פון די זדונסקאַ־וואָליער און דאָס געשריי פון די פרעמדע ווייבער. די מומע איטקע האָט זיך עפּעס גאָרנישט גע־קאָנט פאָרשטעלן אַז דאָס האָט אַ שייכות צו איר און צו איר לעבן. ערשט פאַרנאַכטלעך איז די באָבע לאה אַ שטילע און אַ נישט־דרייסטע אריינ־געקומען צו דער מומע איטקען אין צימער און זי מיט אַ שטיל קול גע־בעטן נישט אָנטון דעם זיידן ר׳ משהל קיין חרפּות און זיך לאָזן פאַר־פלעכטן די צעשויבערטע צעפּ און אָנטאָן דאָס נייע יום־טובדיקע קליידל.

די מומע איטקע האָט גאָרנישט געענטפערט און אַלצדינג געלאָזט מיט זיך טון. שפּעטער אַ ביסל האָט זי די באָבע לאה אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט צו די געסט. די מומע איטקע איז געגאַנגען ווי אין הינער־פּלעט. אין דעם געטומל פון געגרייטע טישן, ברענענדיקע ליכט, אויסגעפּוצטע און שרייענדיקע רביצינס האָט די מומע איטקע אויסגעקוקט ווי אַ מענטש פון יענער־וועלט. ווען ר׳ מענדעלעס ווייב, די ברייטע פעטלעכע זדונסקאַ־וואָליער מחותּנתטע האָט איר אויפן חסידישן אופן אַ קנייפּ געטון אין בעקל האָט די מומע איטקע מיט אָפענע און שטאַרע אויגן זי אָנגעקוקט און געזען ווי עס שאָקלען זיך אַלע בענדער פון דער מחותּנתטעס טיפּער קופּקע. פון הינטער דער טיר אין די אַנ־דערע חדרים האָבן זיך געהערט ווי עס שרייען און פּילדערן אַ סך מאַנס־בילשע שטימען. מ׳האָט די מומע איטקע אַריינגעזעצט צווישן די פרעמ־דע ווייבער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס עסן. די מומע איטקע האָט אַליין זיך צו גאָרנישט צוגערירט און אַפילו נישט געזען ווי אַנדערע עסן. זי איז געזעסן מיט אָפענע אויגן ווי אין הינער־פּלעט. הירשל נאָמן איז אַריינ־געקומען און איר געגעבן אונטערצושרייבן די תּנאים. די מומע איטקע

האָט אונטערגעשריבן. דאַן האָט הירשל נאָמן אַרויסגענומען פון זיינע טאַשן אַ רויטע שמוציקע פאַטשיילע און זי געשטופּט דער מומע איטקען אין דער האַנט אַריין און דערביי געשריגן: זיי מקבל קנין, איטקע! די מומע איטקע האָט געקוקט הירשל נאמנען אין דעם בלינדן אויג אַריין. שפּעטער איז די באָבע לאה צו איר צוגעגאַנגען און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. זי איז מיטגעגאַנגען. די באָבע לאה האָט די מומע איטקע אַריינגעפירט אין די שטוב מיט די מאַנסבילן. ס'האָט געוווימלט פון טומלדיקע חסידים אין קאַפּעלאַטשן און אין סאַמעטענע היטלען. אויבנאָן ביים טיש זענען געזעסן דער זיידע ר' משהל אין שבתדיקן שטריימל און ר' מענדעלע זדונסקא־וואָליער אויך אין אַ שטריימל און אין אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט סאַמעטענע סטראָקעס. דער האָלדז איז ביי ר' מענדעלען געווען פאַרבונדן מיט שאַלן און ער האָט געגראַבלט מיט די הענט אין דעם טעלער פלייש וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. אַריינגעשטופּט אינמיטן צווישן זיי איז געזעסן דער חתן אין אַ קאַפּעלאַטש, די רויטע פּאות זענען אים געווען צעפּלאָשעט איבער די פעטלעכע באַקן און ער האָט אַ האָפּער־דיקער אַריינגעשמיילט אין אַ טעלער אַריין און געגעסן מיט די הענט.

די באָבע לאה האָט שטיל געזאָגט צו דער מומע איטקע: דאָס איז ער... די באָבע לאה האָט געפילט ווי די מומע איטקעס האַנט איז קאַלט געוואָרן ווי די האַנט פון אַ מת.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

מע פֿאַרגעסט אַז די מומע איטקע איז אַ כּלה. די מאַרטירערין פֿון דער השׂכּלה. די מומע איטקע ווערט אַ מבֿין אויף שירים. שאַרף און ביטער. ר׳ יהושיעלעס שטול. דער עילוי דער פֿעטער יצחק לערנט פּשטלעך און כאַפּט אַ קוק אין „ביכלעך". סטעמפּעניו. יאָסל האַלט נישט פֿון סמ"ג. יאָסל שפּילט „קליפּה" מיט קוטנער ווייסע חבֿרה. יאָסל וועט נישט לאָזן פֿאַרפֿינצטערן דאָס לעבן פֿון אַזאַ געראָטענער שוועסטער.

ווען די זדונסקאַ־וואָליער מהותּנים מיטן חתן זענען אַוועקגעפֿאָרן איז געווען עפּעס ווי אַ ווילסטער חלום וואָלט פֿאַרפֿליגן און מ׳האָט זיי באַלד פֿאַרגעסן. מ׳האָט אויך פֿאַרגעסן אַז די מומע איטקע איז געוואָרן אַ כּלה און אַז סוף־כּל־סוף וועט די צייט נישט בלייבן שטיין אויפֿן אָרט און ס׳וועט מוזן קומען צו חתונה. מ׳האָט נישט געוואָלט טראַכטן דערפֿון און מ׳האָט זיך נאָר באַמיט צוריק איינצופֿירן דאָס אַלטע לעבן. די מומע איטקע האָט זיך פּאַמעלעך געוועקט פֿון די הינער־פּלעט. איר לומדישער שטערן האָט זיך באַלעבט און זי האָט פֿונדאָסניי אָנגעהויבן צו גיין צו וואָלף־לייב לערער און צו לערנען חומש מיטן „ביאור". זי האָט זיך נאָך מיט אַ גרעסערער פֿאַרביסנקייט גענומען לייענען די לשון־קודשע ספֿרי־השׂכּלה. האַלבע נעכט האָט דאָס קליינע נאַפֿט־לעמפּל געקאָפּטשעט ביי איר בעט. אויך די באָבע לאה האָט זיך באַמיט אַוועק־צוטרייבן די אומעטיקע רעיונות וועגן דער קומענדיקער חתונה און וועגן דער קאַטאַסטראָפֿאַלער צוקונפֿט פֿון דער מומע איטקע. אַלע האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרגעסן דעם זדונסקאַ־וואָליער טשאַד.

אָבער נישט געקוקט דערויף וואָס די מומע איטקע איז געווען אַ פֿאַרשלאָסענע און פֿאַרביסענע האָט די טראַגיק, וועלכע האָט ערגעץ גע־שוועבט איבער איר קאָפּ זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַרטירערין פֿון דער השׂכּלה אין קאַמף קעגן די פֿינסטערע פֿאַנאַטיקער. וואָלף־לייב לערער האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט דער מומע איטקע וועגן דעם שידוך, נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציען צו איר מיט אַ משׂכּילישער פֿאַ־

רערונג און פאר דעם פארביסענעם קאסאקן מיידל מיטן לומדישן שטערן אנגעהויבן צו באקומען אן אינערלעכן דרך־ארץ און זי פארגליכן צו די העלדן אין די דערציילונגען פון דעם „השחר".

דאס גאנצע קרענצל פון קוטנער משכילים וואס זענען ווי אנוסים זיך צוזאמענגעקומען ביי וואלף־לייבן אין שטוב און פסח־צייט באקומען וויסטע אפשניטן פון זיין ווייב נעכע אז זיי זאלן זיך למען־השם אויס־היטן און נישט חלילה המצדיק מאכן אירע יום־טובדיקע דילן — זיי, אט־א די קוטנער משכילים האבן אנגעהויבן ארויפצוקוקן צו דער מומע איטקע ווי צו א נייעם פרץ סמאלענסקין. משכילים וואס האבן גע־פרואווט צו שרייבן שירים האבן — אחוץ דעם פאטענטירטן שטאט־מבין וואלף־לייב לערער — אויך אנגעהויבן צו ווייזן זייערע שאפונגען דער מומע איטקע. און די מומע איטקע האט מיט א מאנסבילשער שארפקייט איבערגעקוקט דאס פאפיר און איר אורטייל איז געווען פיל שטרענגער און אומברחמנותדיקער ווי דער אורטייל פון וואלף־לייב לע־רער. די מומע איטקע האט נישט געוואוסט פון קיין סענטימענטן און זי האט ארויסגעזאגט אירע מבינותן מיט א קראנקהאפטיקער אפנקייט נישט געקוקט דערויף וואס נישט איין דיכטער־הארץ אין קוטנע איז גע־טראפן געווארן פון אירע אורטיילן ווי פון א שארפע שווערד. דאס אנזען פון דעם דאזיקן קאסאקן אויסטערלישן מיידל האט אנגעהויבן צו וואקסן אין קוטנע און אין די דערנעבנדיקע יידישע שטעטלעך. אין זדונסקא־וואליע האט מען דערפון נישט געוואוסט, אויך דער זיידע ר' משהל האט נישט געהאט די מינדסטע אנונג וואס עס טוט זיך ארום זיין טאכטער, די כלה פון ביאלער רבינס אייניקל. אויך די מומע איטקע גופא האט כמעט נישט געוואוסט פון איר שטייגנדיקער לעגענדארישער פאפולארי־טעט אין קוטנע און אין דער סביבה. זי האט געלעבט אן ארייגעטוענע אין אירע ספרים און אחוץ דעם „ביאור" האט זי זיך פארנומען צו לייענען דעם „מורי נבוכי הזמן" פון נחמן קראכמאל. דאס נאפט־לעמפל האט ביינאכט וואס אמאל לענגער געברענט ביי איר מיידלשן בעט און דער לומדישער שטערן איז איר כסדר געווארן בלאסער און ערנסטער. אויך אין זיידנס שטובן — איבערהויפט ביי דער באבע לאה — האט אנגעהויבן צו וואקסן די חשיבות פון דער מומע איטקע,

א חשיבות וואָס האָט זיך געבונדן מיט דער קומענדיקער אומהיימלעכער טראַגעדיע וואָס גייט אָן ווי אַ פינסטערע כמארע פון זדונסקא־וואָליע. די באָבע לאה האָט שטאָלצירט מיט איר גרעסערער און בארימטער טאָכטער און צוגלייך געווײנט גאַנצע נעכט אין די קישנס אריין וועגן דעם קומענדיקן טראַגישן קאָנפליקט.

אחוץ דער מומע איטקע האָט די באָבע לאה געהאַט נאָך דריי ייִנגערע זין, יצחק, יעקב־דוד און יאָסל. יצחק און יאָסל זענען געווען ראַדיקאַלע און אויפגעוועקטע נאַטורן. זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער ווידער־שפּרוכפולער שטוב פון נייעם קוטנער רב. פון איין זייט פאַנאַטישע און קאָמפּראָמיסלאָזע פרומקייט — ווי עס איז געווען דער דרך פון זיידן ר' משהל. און פון דער אַנדערער זייט: די נייע וועלטלעכע ווינטן וואָס ס'האָבן אַריינגעבראָכט אין דער דאָזיקער שטוב די באָבע לאה און די מומע איטקע. שלום־עליכמס „סטעמפּעניו" און מענדעלעס „פישקע דער קרומער" זענען געווען די באַליבטסטע ביכער פון דער באָבע לאה, ביכער וואָס האָבן גערירט איר פרויען־האַרץ, געלאָזט אויפוואַכן אין איר אַלטע מיידלשע בענקשאַפטן, און אין זייער ליבשאַפט צו זייערע העלדן — אי־בערהויפּט ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אין „סטעמפּעניו" — האָט עס דער באָבע לאה אַ סך דערמאָנט אין דער טיפער און רירנדיקער אהבת־ישראל פון וואורקע. די מומע איטקע און אירע לשון־קודשע ביכער האָבן ווי שאַרפע שניידנדיקע ווינטן זיך אַריינגעריסן אין דער אַלטער רבנישער שטוב. די צוויי ברידער, יצחק און יאָסל, — פון יעקב־דודן וועל איך שפּעטער רעדן — האָבן אָנגעהויבן באַאיינפלוסט צו ווערן. איבערהויפּט האָט זיי אימפּאָנירט די מומע איטקע און די טראַגעדיע פון איר צוקונפט. דער עלטערער ברודער יצחק, איז געווען אַן אַמביציעזער זיך־וואַקלדיקער כאַראַקטער. לומדים האָבן אויף אים געזאָגט אַז ער הייבט אָן צו וואַקסן אַן עלוי. אין דער קוטנער שטוב האָט עילוישקייט געהאַט אַ שטאַרקן אָנציאונגס־כוח. דער גייסט פון ר' יהושיעלע קוטנער האָט נאָך געשוועבט אין דער לופט ווי ער וואָלט זיך אָן אומאָנזעעוודיקער נאָך דאָ צווישן אַלעמען אַרומגעדרייט. ר' יהושיעלעס ערפורכטיקייט איז כסדר געוואַקסן נאָך זיין טויט, אומעטום זענען נאָך געשטאַנען און געלעגן די שפּורן פון אים און מ'האָט נישט

אויפגעהערט פון אים צו רעדן און צו דערמאָנען יעדע קלייניקייט וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין געדעכעניש. זיין טיפע רבנישע לעדערנע שטול איז אַ ליידיקע געשטאַנען אויבנאָן אין בית־דין־שטוב נעבן דער קלענערער לעדערנער שטול פון זיידן ר׳ משהל. זי איז געשטאַנען אָן אָנגעבלאָזענע און אַ גאַוההדיקע, הגם אַן אַלטע און אַ צעריסענע. דאָס צעריסנקייט פון איר געוואַנט האָט איר נאָך צוגעגעבן ווירדע און חשיבות, און ס׳האָט אויסגעקוקט אַז זי וואַרט נאָר דערויף אַז דער טויטער ר׳ יהושיעלע זאָל קומען פון זיין קבר אויפן בערגל אונטערן פעלד־בוים און זיך אויף איר אַנידערזעצן. מ׳האָט באַשיימפערלעך געזען אַז ווען ס׳קומט עמעצער און פרוּווט זיך אַוועקזעצן אויף ר׳ יהושיעלעס שטול וואָלט די שטול זיך צעבייזערט ווי אַן אַלטער אָפּגעלאָזענער למדן און וואָלט אים פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. נאָר קיינער וואָלט עס סיי־ווי נישט געוואַגט צו טון.

אין אַזאַ אַטמאָספערע פון ערפורכטיקייט פאַר ר׳ יהושיעלעס תורה האָט עס דעם אַמביציעזן יצחקן אימפּאָנירט צו וועלן גיין אויפן זיידנס וועגן און צו האָבן די שאַנסן פאַרטצוזעצן זיין רום. איבערהויפּט ווען לומדים האָבן גערימט זיינע פעאיקייטן און אים געמאַכט אַ נאָמען אַלס אַ וואַקסנדיקן עילוי. יצחק אין זיין אַמביציע, האָט טאַקע נאָך גאָר יונגערהייט אָנגענומען אַלע תנועות פון אַן עילוי, ער האָט גערעדט פלינק אַזוי ווי ר׳ יהושיעלע קוטנער, האָט זיך געלאָזט וואַקסן צעשויבערטע פאות וועלכע האָבן אים אויך צוגעגעבן די צעטראָגנקייט פון אַן עילוי, זיך געלערנט שטיקער גמרא אויף אויסנווייניק, און זיך געשאַרפט אין פלפול־ספרים. פון דער אַנדערער זייט האָט אים אויך די פּאָפּולאַריטעט פון דער מומע איטקע אימפּאָנירט. עס האָבן אים אימפּאָנירט דער באַהאַלטענער און פאַרבאָטענער רייץ פון אירע ספרים, די קאַמפן, וואָס שטייען איר פאָר אין לעבן און וועלן איר מן־הסתם פאַרשאַפן נאָך מער אָנזען און רום ביי די משכילים פון קוטנע. ווען קיינער האָט נישט געזען האָט זיך יצחק צוגעכאַפּט צו די לשון־קודשדיקע ביכלעך פון דער מומע איטקע און אין זיי געבלעטערט. אחוץ דאָס ראַציאָנאַליסטישע געמיט פון דער קוטנער משפחה האָט יצחק אויך גערירשנט פון דער באָבע לאה איר וואָרקער סענטימענטאַליטעט. וויל ער האָט די דאָזיקעביידע

איינגעשאפטן נישט געקאָנט צוזאַמענפאָרן — איז זיין כאַראַקטער געוואָרן וואָס אַמאָל צעריסענער און זיינע אַמביציעס האָבן זיך געלאָזט גיין אויף צוויי ווידערשפּרוכפולע וועגן: ער האָט ליב געהאַט דעם פּעפערדיקן און שאַרפזיניקן לומדישן פּלפּול, אָבער אייניציקווייז — ווען ער האָט בגנבה אָנגעהויבן אַריינצולייענען אין דער מומע איטקעס ביכלעך — האָבן אים דאָרט פאַרכאַפּט די בילדער און די ווילנס פון אַן אַנדערער און פרייערער יידישער וועלט און די געפילן פון קאַמף און בענקשאַפט צו די שיינקייטן פון דער וועלט. ער האָט אויך, אין קעגנזאַץ צו דער מומע איטקע—ליב געהאַט זיך צוצוגנבענען צו די יידישע ביכלעך פון דער באָבע לאה, און ער איז זיך אַמאָל אַזוי פאַרזעסן צו לייענען „סטעמ־פעניו" אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט צום שיעור וואָס ער האָט געלערנט ביי אַ שאַרפן און פּלפּולדיקן קוטנער למדן. ביים שיעור איז ער פּלוצעם געזעסן ווי אין הינער־פּלעט און דער למדן האָט זיך געוואונדערט ווי שווער דער עילוי יצחק כאַפּט היינט אויף דעם קונציקן און האַלדזברעכ־עדישן געביי פון אַ פּשטל. סטעמפּעניוס נעפּילן, די געפילן פון אַ פּשוטן יידישן קלעזמער ווי עס האָט זיי אַזוי וואונדערלעך באַשריבן שלום־עליכם האָבן טיף געווירקט אויף די וואָרקער סענטימענטן פון קוטנער עילוי און זיי האָבן געררוישט אין זיין בלוט.

וועגן יצחקן און זיין צעריסענעם כאַראַקטער וועט מיר נאָך אויס־קומען צו רעדן.

דערפאַר איז יאָסל, דער יינגסטער זון דער באָבע לאהס אינגאַנצן אַריבער אויף דער זייט פון דער מומע איטקע. יאָסל האָט קיין מאָל נישט געשמט פאַר קיין עילוי און ער האָט נישט ליב געהאַט די גמרא. דער זיידע ר' משהל האָט געהאַט איינגעפירט אַז זיינע זין זאָלן חזרן אויף אויסנווייניק דעם „ספר־המצוות" פון סמ"ג — אַ לאַנגווייליקע און מעכאַנישע זכרון־אַרבעט צו געדענקען אויף אויסנווייניק אַלע תרי"ג מצוות מיט די קאָמפּליצירטע און טרוקענע באַמערקונגען פון סמ"ג. פּונקט ווען מ'האָט געהאַט אויפגעגעבן אויפן טיש די זיסע שבתדיקע פיש, די חלות האָבן אַראָפּגעשמעקט פון ווייסן שבתדיקן טישטוך און ס'האָט זיך סכנות געוואָלט עסן, גראָד דאַן ווען דער שבתדיקער יצר־הרע האָט גערייצט די אַפּעטיטן, האָט דער זיידע געהייסן זיינע זין זאָגן

אויף אויסנווייניק די תרי״ג מצוות און ווייזן וואָס זיי קאָנען. פאַר יצחקן איז עס געווען אַ לייכטע זאַך. סוף־כּל־סוף האָט ער דאָך גע־ווייקט אין דער גמרא. פאַר יאָסלען אָבער איז עס געווען אַ פּיין. זיין שנאה צו דער גמרא איז נאָר דערמיט שטאַרקער געוואָרן און ער האָט געקוקט אויפן סמ״ג ווי אויף אַ וויסט אָנשיקעניש וואָס האָט זיך פאַר־נומען אים צו דערגיין די יאָרן, און די תרי״ג מצוות האָבן געהאַט אויף יאָסלס צונג דעם טעם פון דער אמתער קלאַטשע. ער האָט זיך אַ הונ־געריקער און אַ געלאַנגווייליקטער געפּלאָנטערט אין די מצוות און כּסדר געקוקט אויף די שבתדיקע פיש וואָס האָבן געשמעקט אויפן טעלער. שבת נאָכן עסן האָט דער זיידע אים געטריבן שלאָפן, מחמת שלאָפן געהערט צו דער מצווה פון „עונג שבת״. כּדי זיכער צו זיין מיט יאָס־לען האָט דער זיידע אים גענומען צו זיך אין בעט אריין. אָבער ווי באַלד דער זיידע איז נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן האָט זיך יאָסל ארויסגעגנבעט פון זיידנס בעט און געלאָפן צו דער קוטנער ווייסער חברה, וואָס האָבן שבת נאָך מיטאָג געשפּילט „קליפּע״ אויפן פעלד הינטער דער מקווה אָדער געיאָגט מיט שטיינער דעם קהלשן צאַפּ און אים געריסן פאַרן צעקראַכענעם בערדל. נאָך די מומע איטקעס תנאים ווען אַלע קוטנער משכּילים האָבן אָנגעהויבן צו רעדן פון דער מומע איטקע, האָט יאָסל זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט די משכּילים, געבערענגט ביכלעך פאַר דער מומע איטקע פון וואָלף־לייב לערער און אַליין אָנגעהויבן צו לייענען טריף־פּסולס. ער האָט נאָך מער פיינט באַקומען די גמרא מיטן סמ״ג און אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער משכּילישער שוועסטער מיט דרך־ארץ און קנאה און זיך נאָר געוואָלט צו איר גלייכן און זי אַריבערשטייגן אין ראַדיקאַליזם. יאָסל האָט געקוקט דער מומע איטקע אין מויל אַריין און גרייט געווען צו לויפן פאַר איר אין פייער און איר געפעלן צו ווערן. זי האָט אים אָנגעהויבן צו לערנען דקדוק, און ער איז גליקלעך געווען. ער האָט אויך פיינט באַקומען דעם זדונסקאַ־וואָליער חתן, און ווען די מומע איטקע האָט נישט געהערט, האָט יאָסל אין די אויגן פון די משכּילים אויף אים אויסגערעדט, נאָכגעשפּאָט זיינע חסידישע העוויות, און האָט פאַרזיכערט אַז ער אַליין וועט זיך שטעלן אַקעגן און נישט לאָזן פאַר־פינסטערן דאָס לעבן פון אַזאַ געראָטענער שוועסטער.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אין זדונסקאַ וואָליע גרייט מען זיך צו חתונה. בעריש גרייט זיך. אין קוטנע וויינט די באָבע לאה אין די קישנס און וואַרט אויף אַ נס. סימכע גייגע קומט אויף דער מומע איטקעס חתונה. ביי דער מומע שרהל אין קרעמל. פּונדאָסניי זדונסקע וואָליער בוידן אין קוטנע. קלעזמאָרים ווילן שפּילן אַ קבלת־פּנים נאָר ר' מענדעלי טוט אַ געשריי אַז עס זאָל זיין געגוג מיטן נאַרישן געגרימפּל. זדונסקע וואָליער געטומל. מע זעצט די מומע איטקע אויף דער כלה־שטול. בעריש צווישן צוויי אַלטע יידן. די מומע איטקע אויף דער שאַנק. נו...

בעת ווען אַלע אין קוטנע, אַחוץ דעם זיידן ר' משהל, האָבן זיך באַמיט צו פאַרגעסן אַז די מומע איטקע איז אַ כּלה פון זדונסקאַ־וואָליע (און די באָבע לאה האָט נישט געוויזן דער מומע איטקע די עטלעכע כּלה־מתּנות וואָס זענען אָנגעקומען פון זדונסקאַ־וואָליע דורך אַ חסידישן שליח־מיוחד) האָט דערווייל די צייט געטון דאָס אירעקע און זי איז פאַר־מעלעכל פאַרלאָפן. צווישן קוטנע און זדונסקאַ־וואָליע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ און די מחותּנים האָבן זיך אָנגע־הויבן פונאַנדערצושרייבן מכּוח זמן חתונה. בערישן דעם זדונסקאַ־וואָליער חתן האָבן דערווייל אָנגעהויבן צו וואַקסן רויטע הערעלעך אויף דער גאָמבע און ער האָט זיך גאַנצע טעג געריסן פאַר דער גאָמבע כּדי אונטערצוציאָגן דאָס רויטע חסידישע בערדל וואָס האָט זיך פאַרנומען אַרויסצוקריכן למזל אויף דער גאָמבע פון חתן וואָס גייט חתונה האָבן. דאָס רויטע בערדל האָט זיך באַוויזן אַ ביסל אויפן האַלדז און אַ ביסל אויף די פּעטלעכע באַקן. מ'האָט זיך אין זדונסקאַ־וואָליע שטאַרק אָנגעהויבן גרייטן צו דער חתונה, און דער חתן האָט באַקומען צום אויסשטייער אַ סך זיידענע שלאָף־רעק און אַ ברייטע זיידענע קאַפּאָטע מיט סאַמעטענע גוט־יידישע סטראָקעס. פון קוטנע האָט דער זיידע ר' משהל צוגעשיקט דעם חתן אַ שטריימל און בעריש האָט עס אָנגעהויבן צו טראָגן שבת,

אין אלעקסאנדערער שטיבל. און הגם ער האט נאך נישט געדאווענט אין קיין טלית האט ער זיך שוין געחברט מיט חתונה־געהאטע יונגעלייט ווי זייערס גלייכן און געווארן האפערדיקער און רבישער. זיין מלמד האט מיט אים אנגעהויבן צו לערנען די מסכתא נידה און אנדערע זאכן וואס א באווייבטער ייד דארף צו וויסן. גראד צו לערנען די דאזיקע ענינים האט בעריש געהאט חשק און אלץ כסדר זיך געריסן ביי דער גאמבע און אונטערגעיאגט דאס בערדל צום וואקסן. אויך ר׳ מענדעלע אליין האט זיך לכבוד דער חתונה געלאזט מאכן א נייעם שלאף־ראק און די מחותנתטע האט זיך געלאזט אויפנייען א נייע קופקע. אין זדונסקא־וואליע האט מען זיך געגרייט, אבער אין קוטנע האט מען גארנישט גערעדט דערפון. מ׳האט זיך אויסגעהיט פאר דער מומע איטקע, און אלצדינג געטאן בסוד. די באבע לאה האט געהאפט אז עם וועט געשען א נס און ס׳וועט גארנישט ווערן פון שידוך. ביינאכט האט זי געוויינט אין אירע קישנס און זיך געטרייסט אז אפילו חופה איז נאך נישט דאס ענדגילטיקע ווארט, און גאט האט באשאפן א גט כדי אפצוראטעווען יידישע טעכטער.

נאר די צייט שטייט נישט אויפן ארט און ס׳איז ענדלעך געקומען די צייט פון דער מומע איטקעס חתונה.

פון לאדזש זענען מיר געפארן אויף דער חתונה. עטלעכע לאדזשער אלעקסאנדערער חסידים זענען מיט אונדז מיטגעפארן. זיי זענען געפארן לכבוד דיביידע חשובע מחותנים, דער זיידע ר׳ משהל און ר׳ מענדעלע זדונסקא־וואליער. אויך מיך האט מען מיטגענומען. ס׳איז געווען פאר־פסח־צייט. אויף די פעלדער זענען נאך געלעגן די שנייען. פון אסמולסק זענען געקומען צופארן דער זיידע ברוך מיט דער באבע היה. זיי האבן מיטגעברענגט עטלעכע שטייגן מיט אסמולסקער אויסגעפאשעטע עופות. פון לאגעווניקי איז געקומען סימכע גייגע. ער האט געברענגט אלס מתנה א טונדל מיט פוטער. סימכע גייגע האט זיך כסדר געפילט א שטיק פון דער קוטנער משפחה און ווייל ר׳ יהושיעלע האט שוין נים געלעבט האט אים די ערפורכטיקייט נישט אזוי געהעמט און ער האט געהילכט אין די קוטנער שטובן מיט זיין גראבער פויערישער שטימע און געזאגט ווייבער־רישע וויצן. בלויז ווען סימכע גייגע האט א קוק געטאן אויף ר׳ יהושיע־לעס לייזיקע שטול האט ער מיט אמאל פארלוירן דאס לשון. סימכע גייגע

האָט נישט געפֿילט די מרה־שחורה וואָס הערשט דאָ פֿאַר דער חתונה און האָט זיך ווי אַ פֿריילעכער מחותן אַרומגעדרייט צווישן די ווייבער. די מומע איטקע האָט זיך נישט געוויזן. זי האָט געזעגן וועגן וואָס עס גייט און אין קאָפּ האָבן זיך איר ווידער אָפּגעשטעלט אַלע רעדעלעך. זי איז שעהנווייז געזעסן אַפּאַטיש אויף איר שטול און געלאָזט אַלצדינג מיט זיך טון — די באָבע לאה איז אַלע מאָל אַ דערשראָקענע אַריינגעקומען אין איר צימער און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. די מומע איטקע האָט אַ פֿאַרביסענע געשוויגן. זי האָט ניט פֿאַרלאַנגט קיין עסן און ס'האָט אויסגעקוקט ווי די מומע איטקע פֿאַסט אין די טעג פֿאַר איר חופּה.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער מומע איטקעס חופּה־טאָג. באַלד אין דער פֿרי האָבן זיך באַוויזן נייע געסט פֿון לאָדזש און זיי האָבן אַריינ־געבראַכט אַ ביסל טומל אין דעם פֿאַרמרה־שחורהטן חופּה־טאָג. עס איז געקומען די מומע שפרה־מירל מיט אירע צוויי טעכטער יוכבד און שרהטשע. זיי האָבן הויך צווישן זיך גערעדט און געזאָגט וואָרשע־ווער מבינות אויף דער מומע איטקעס אויסשטייער, און אַריינגע־בראַכט גרויס־שטאָטישע גאווה אין די צניעותדיקע קוטנער שטובן. די צוויי זקנים ר' שמעון ציליך מיט יוכבדס מאַן האָבן זיך געהאַלטן בייזאַמען, געשאָקלט מיט די לאַנגע ווייסע בערד און כסדר צווישן זיך געפּישטשעט. יאָסל האָט מיך אַרומגעפֿירט איבער קוטנע, מיר געוויזן קוטנער חידושים און דערציילט פֿון די קוטנער משכּילים, און אין איינוועגס אויסגערעדט אויף דער מומע איטקעס חתן. נישט אַלע זיינע ווערטער האָב איך פֿאַרשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס ער מיינט. דאַן האָט מיך יאָסל געפֿירט צו דער מומע שרהל אין צעלניק־קרעמל. די מומע שרהל האָט מיר געשענקט אַ וואַרשעווער בלייפֿעדער. אין דער הינטערשטער שטוב פֿון קרעמל איז אייביק געווען טונקל און פֿייכט. דאָרט איז אויף אַ גרויסער לעדערנער שטול געזעסן דער פֿע־טער יעקל און געוויכערט אַ לאַנגן לולקע־ציביק מיט שאַרפֿן טיטון וואָס האָט מיך געביסן אין די אויגן, און ער האָט זיך געקריגט מיט זיין איידעם ירחמיאל, — וועלכער איז געשטאַנען נעבן פֿעטער יעקל און געפּרואווט גרויסע בליצנדיקע חלפֿים — און אים גערופֿן נאַר. יאָסל איז מיט מיר באַלד אַרויסגעגאַנגען און צוריק מיך געפֿירט אַהיים.

באַלד איז דאָס קוטנער שול־געסל ווידער אויפגערודערט געוואָרן מיט אַ רעשיקן געפּילדער. ס'זענען פונדאַסניי אָנגעפּאָרן די זדונסקאַ־וואָליער בוידן מיט מחותנים. האַלב זדונסקאַ־וואָליע, ווייבער אין קופּקעס און אַלערליי חסידים האָבן זיך מיט אַ געשריי און מיט אַ גע־קריגעריי אָנגעהויבן ארויסצושיטן פון די טונקעלע אינעווייניקייטן פון די בוידן. אַלע האָבן זיי געשריגן אויף אַ ספּעציעלן זדונסקאַ־וואָליער יידיש, און אינמיטן די געשרייען האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַווייזן באַקאַנטע זדונסקאַ־וואָליער פּנימער; ר' מענדעלע איינגעהילט אין גרויסע שאַלן און מיט אַ צעקנוידערטן רבישן קאַפּעלאַטש. דעם חתן האָט שוין דאָס רויטע בערדל אַ דערשראָקנס און אַ צעיאַכמערטס אָנ־געהויבן ארויסצוקריכן אויפן פּעטלעכן פּנים און דאָס בייכל האָט זיך אים היפּש ארויסגעזען פון אונטער דעם נייעם חסידישן פּאַלטן. ער איז געווען אין תענית פון חופּה־טאָג נאָר מ'האָט אים דאָס פּאַסטן ווייניק וואָס אָנגעזען.

די קוטנער שטובן זענען פונדאַסניי געוואָרן פול מיט רעש און מיט פרעמדע האָפערדיקע יידן. ר' שמעון ציליך מיטן איידעם זענען זיך דערשראָקענע פאַרקראָכן אין די ווינקעלעך. קוטנער קלעזמאָרים האָבן זיך קוים געקאָנט אדורכשטופּן דורך די זדונסקאַ־וואָליער יידן. די קלעזמאָרים האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ קבלת־פּנים, נאָר די זדונסקאַ־וואָליער יידן האָבן זיי געהערט ווי די קאַץ און געשריגן אויך אינמיטן דעם שפּילן און געשטופּט די קלעזמאָרים. באַלד נאָך די ערשטע זאַצן פון דער מוזיק האָט ר' מענדעלע אַ געשריי געטון אויף זיין זדונסקאַ־וואָליער דיאַלעקט, אַז עס זאָל זיין געגנוג מיטן נאַרישן גרימפּלען מחמת ער האָט נאָך מיטן זיידע ר' משהל אדורכצורעדן פאַרשיידענע ענינים וועגן נדן און קעסט.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער חופּה־טאָג אין רעש און אין געפּילדער. אַלע האָבן פאַרגעסן די מומע איטקע. ערשט פאַרנאַכטלעך האָט מען געקאָנט איינשטעלן אַ שטיקל סדר און אויסשטעלן די טישן. אומעטום זענען פול געווען די זדונסקאַ־וואָליער. מ'האָט אָנגעצונדן ליכט און מ'האָט קוים געקאָנט פועלן ביי די זדונסקאַ־וואָליער ענדלעך זיך צו באַרואיקן און זיך אַוועקצוזעצן ביי די טישן ווי מחותנים.

דאָס זעלביקע איז געווען ביי די ווייבער. ס'האָט געווימלט מיט זדונסקא־וואָליער קופּקעס. די קוטנער מחותנתטעס האָט מען קוים אַרויסגעזען אין דעם זדונסקא־וואָליער געשטופּעריי. די חשובע אַלמנה די באָבע פּריווע האָט באַקומען קאָפּ־ווייטיק. אַפילו די האָפערדיקע קאָלישער רביצין האָט געמוזט אַנטשווייגן ווערן אין דעם זדונסקא־וואָליער רעש. אירע וואַרשעווער עצות זענען דאָ נישט אָנגעגאַנגען. ווען די ליכט האָבן שוין געברענט און די כּלהס שטול איז שוין געווען אַרויסגערוקט אין דעם מיט־שטוב און אַרומגעשטעלט מיט אַלעאַנדער־בוימער, האָבן נאָך אַלץ די זדונסקא־וואָליער מחותנתטעס זיך געטומלט און זיך געקריגט. די קלעזמאָרים האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן, אָבער די זדונסקא־וואָליער ווייבער האָבן אַלץ געטומלט.

אינמיטן דעם דאָזיקן געטומל האָט די באָבע לאה אַריינגעפירט די מומע איטקע. די מומע איטקע איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ווייס חופּה־קלייד און אין אַ ווייסן שלייער. זי איז געטרעטן צווישן די מחותנתטעס ווי אַ בלייכע נאַכט־וואַנדלערין מיט ווייט־אָפּענע שטאַרע אויגן וואָס האָבן געקוקט נאָר גאָרנישט געזען. זי האָט אַלצדינג געלאָזט מיט זיך טון און געשוויגן. ווייבער האָבן איר געוואונטשן מזל־טוב, נאָר זי האָט נישט געהערט. ווען ר' מענדעלעס ווייב איז צו איר צוגעגאַנגען און אויף אַ היימיש־רבישן אופן געזאָגט מזל־טוב, האָט די מומע איטקע געוואָנדן אירע שטאַרע אויגן אויף די בענדער פון דער טיפער קופּקע פון דער צוקונפטיקער שוויגער. מ'האָט די מומע איטקע אַרויפגעזעצט אויף דער כּלה־שטול און זי איז געזעסן אַ שטאַרע און אָן אויסגעבלייכטע און דער הויכער לומדישער שטערן האָט אַרויסגעקוקט ווי אַ געשטאָרבענער פון מיטן די ווייסע כּלה־שלייערן. די באָבע לאה האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף דער איינציקער טאָכטער. די מוזיק האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ווייגענדיקס, אַ קוטנער בדחן האָט אָנגעהויבן צו באַזינגען די מומע איטקע, און די באָבע לאה האָט זיך הויך צעוויינט אין מיטן די זדונסקא־וואָליער מחותנתטעס.

אַזוי איז פאַרלאָפן די גאַנצע אויסטערלישע חתונה פון דער מומע איטקע. שפּעט ביינאַכט נאָכן מצווה־טענצל האָבן צוויי אַלטע פאַרשלומפּערטע זדונסקא־וואָליער חסידים אָנגענומען דעם חתן בעריש

אונטער די אָרעמס און אים ערגעץ־וואו אוועקגעפירט. דער חתן האָט זיך אַ דערשראָקענער געקראַצט פאַרן בערדל, און די אַלטע יידן האָבן צו אים גערעדט האַלבע לשון־קודשדיקע ווערטער ווי אַזוי אַ ייד דאַרף זיך אויפפירן אין דער חופה־נאַכט. מ'האָט דעם חתן אַריינגעשטופּט אין אַן אָפּגעלעגן חדר וואָס איז געווען שוואַך באַלויכטן מיט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. דער חתן איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער אין דער פּלוצלונגער שטילקייט. פון הינטער די ווענט האָבן זיך געהערט די געשרייען און געטאַנצערייען פון די זדונסקאַ־וואָליער מחותנים. מיט־אַמאָל האָט ער, דער חתן, געזען בײַ דער וואַנט צוויי ווייסע הויך־אויפגעבעטע בעטן. דער חתן האָט זיך דערמאָנט וואָס די צוויי אַל־טע חסידים האָבן אים געזאָגט און ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסצו־טון.

ווען ער איז געבליבן שטיין אין העמד, אין לאַנגן טלית־קטן און מיט דער סאַמעטענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, איז ער מיט אַ גערוועזער האַסטיקייט צוגעגאַנגען צו די בעטן. דאָס ערשטע בעט איז געווען ליידיק. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום צווייטן בעט. אויך דאָס צווייטע בעט איז געווען ליידיק. דער חתן האָט זיך אַרונטערגעבויגן צום ווייסן בלאַנקענדיקן ליילעך ווי ער וואָלט געזוכט דאָרט עפּעס אַ פאַרלוירנס.

דער חתן האָט אַ דערשראָקענער געשאָקלט מיט די פּאות, און זיך אָנגעהאַלטן פאַרן לאַנגן טלית־קטן. אין חדר האָט טונקל געברענט דאָס נאַפט־לעמפּל. הינטער די ווענט האָט נישט אויפגעהערט דער חתונה־טומל. דער חתן האָט זיך נאָך אַמאָל אַרונטערגעבויגן צום ליילעך.

ווען ער האָט מיטאַמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט ער געזען ווי הויך אויף אַ שאַנק זיצט אַן איינגעקאָרטשעטע די מומע איטקע, אָנגעטון אין איר חופה־קלייד און אין אירע שלייערן. אירע אָפענע אויגן האָבן שטאַרע אַראָפּגעקוקט ווי די אויגן פון אַ געיאָגטער חיה.

דער חתן האָט זיך אָנגעהאַלטן פאַר דער יאַרמלקע ווי זי וואָלט אים געוואָלט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ. ער האָט אַרויפגעקוקט צו דער מומע איטקע אויף דער שאַנק און אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז די צוויי אַלטע זדונסקאַ־וואָליער חסידים שטייען נעבן אים און רעדן צו אים

אויף לשון־קודש און סטראַשען אים מיטן גהינום. ער האָט געפּילט ווי אַ שוויים קריכט אים אַרוים פון הינטער דעם יונגן בחורישן בערדל. פון הינטער די ווענט האָבן זיך געהערט די פריילעכע חסידישע געזאַנגען פון די זדונסקא־וואָליער.

ער האָט נאָך העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער מומע איטקע און מיט אַ חסידישן ניגון געזאָגט: נו...!

די ווייסע כלה אויף דער שאַנק האָט געשוויגן ווי אַ געשטאָרבענע.

אין דער פרי נאָכן אָנבייסן איז די זדונסקא־וואָליער מחותנתטע ר׳ מענדעלעס ווייב מיט עטלעכע עלטערע באַקופּקעטע זדונסקא־וואָליער ווייבער אַריינגעקומען אין דער שטוב פון דעם יונגן פּאָר־פּאָלק. קיי־נער איז נישט געווען. די ווייבער זענען האַסטיק צוגעלאָפן צו די בעטן און מיט אַ פרומער גיריקייט באַקוקט די ליילעכער. זיי האָבן לאַנג געקוקט און גענישטערט. ר׳ מענדעלעס ווייב באַגלייך מיט די אַנדערע זדונסקא־וואָליער יידענעס האָבן ברייט געשאָקלט מיט די קופּקעס איבער די ליילעכער. די יידענעס האָבן זיך בייזלעך אי־בערגעקוקט, און ווי אין כאָר האָבן אַלע מיט אַ פרומען כעס געזאָגט:

— פע!

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

דלוטאַוו. דער דלוטאַווער „הויף". בעז און יאשמין. דער דלוטאַווער סאַד. דריי גרויסע הינט. מע דאַרף פּטור ווערן פון דער טשערעדע מיט חזרים. פּרילינג. מיר פאָרן אַרויס קיין דלוטאַוו. דער פעטער לייזער יוסף קוקט אויף די פּוילישע מלכים. קאַמאַצקי'ס קאַטש אויף לאַדזשער גאַסן. מזמרת הארץ. דער פּרילינג בליט אין לאָדזש. אַ ראָמאַנטישע לאַנדשאַפט אינמיטן לאַדזשער פאַבריקן. ווייסע שוואַנען. פּאַביאַניץ — דאָס נאָכקרימעניש אויף לאָדזש. ציגן דרייען זיך אַרום צווישן יידן און שמעקן צו זייערע קאַפּאָטעס. נאַכט. עס שמעקן די דלוטאַווער סעדער. גויים מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס. איך דערקען דעם פעטער לייזער יוסף.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי דער זיידע ברוך האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין בענקשאַפט צו אונדז אין לאָדזש און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ גוט נישט ווייט פון לאָדזש, וואוהין ער זאָל זיך קענען אַריבערציען און כסדר זיין נאָענט צו אונדז. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער זיידע האָט געקויפט דאָס גוט דלוטאָוו, אַן אַלטער פּריצישער מאַיאָנטעק, עט־לעכע קילאָמעטער גרויס, מיט אַ סך פעלדער, לאָנקעס און טיפע פינצ־טערע וועלדער. דער „הויף" איז געשטאַנען אין מיטן אַ גרויסן סאָד, — אַ סאָד פול מיט באַרנע ביימער, עפּל־ביימער, קאַרשן־ביימער און פלוימען־ביימער. און פול מיט בעז און יאַסמין. דער דאָזיקער „הויף" איז געווען אַ גרויסער הילצערנער פּאַלאַץ אין אַלטן פּוילישן סטיל, מיט אַ סך סאַליעס, פּאַרצייטיש פּויליש מעבל און מיט גאַניקעס אַרום אין סאָד אַריין. פאַר די גאַניקעס — גרויסע קלאָמבעס מיט רויזן און יאַסמין, און אַרום די גאַניקעס — אַלטע אַקאַציע־ביימער. בעת די אַקאַציע־ביימער האָבן געבליט, האָבן זיי אַלע סאַליעס פּאַרטרונ־קען מיט זייער זיסן איידעלן דופט און אין זייערע בליעכצן האָבן גע־זשומעט מחנות בינען און ס'האָט אויסגעקוקט, ווי די ווייסע צעבליטע

אקאציע־בוימער זינגען אין דער זון. אויך וואסערלעך און סאדזשעווקעס זענען געשמאקפול געוועזן פונאנדערגעלייגט אינעם סאד. געווען אויך א סך טונקעלע אלייען פון אלטע נוס־בוימער. ס'איז געווען א גרויסער פריצישער סאד געפלאנצט דורך דורות, און ס'האבן זיך אפילו אין אים געפונען הונדערטער־יאריקע דעמבעס, וועלכע האבן אין זייער דיקקייט און צעצווייגטקייט אויסגעקוקט, ווי צעוואקסענע קאטעדראלן. אויף די צווייגן פון די דעמבעס האבן זיך געפונען נעסטן פון אלערליי פייגל און אויף זייערע שפיצן — נעסטן פון בושלען. פאוועס האבן זיך ארומגעדרייט אויף די קלאמבעס און מחנות טויבן האבן געוואר־קעט און ארומגעפליוגן איבער די וואסערן און צווישן די בוימער. דער פריץ, ביי וועלכן דער זיידע ברוך האט געקויפט דאס גוט דלוטאוו, איז געווען אן אלטער פוילישער שליאכטשיץ און ער האט פארן זיידן ברוך אלצדינג איבערגעלאזט אין „הויף". ער האט איבערגעלאזט אפילו די צלמים, די הייליקע בילדער, די סטאטועס פון אלע פוילישע מלכים, צווישן וועלכע עס איז געהאנגען דער פארטרעט פון בארימטן ווארשעווער רב ר' בעריש מייזליש. ר' בעריש מייזליש האט אנטייל־גענומען אין דעם פוילישן אויפשטאנד פון 1863 און ער איז פארערט געווארן פון דער גאנצער פוילישער שליאכטע. אפילו זיינע דריי גרוי־סע הינט האט דער פאן קאמאצקי איבערגעלאזט אין דלוטאוו, און זיי האבן געהאט א באזונדער הינט־הייזל אין מיטן דעם דלוטאווער סאד. אויך סטאדעס גענדז, הינער, קאטשקעס און אינדיקעס זענען איבער־געבליבן אין די הינער־שטאלן און זייער געפילדער האט צוגעגעבן פריציש רחבות דעם דלוטאווער „הויף". אחוץ דעם האט קאמאצקי איבערגעלאזט פארן זיידן ברוך א טשערעדע מיט עטלעכע הונדערט פעטע אויסגעפאשעטע חזירים און חזירימלעך. דער זיידע ר' משהל פון קוטנע האט באלד געשריבן א בריוו צום זיידן ברוך, אז פון די חזירים זאל ער למען־השם גלייך פטור ווערן, — מחמת א ייד טאר נישט האבן קיין חזירים, — און דער זיידע ברוך האט זיי פארקויפט בחצי־חינם.

פרילינג־צייט האבן מיר אלע פון לאדזש געזאלט ארויספארן קיין דלוטאוו. אזוי ווי דער זיידע ברוך האט פארקויפט אסמולכס, האט

ער אריבערגענומען דעם פעטער לייזער יוסף קיין דלוטאָוו. הגם דער זיידע ברוך האָט פיינט געהאַט די גרינגע מומע טויבע, האָט ער זיי פאַרט דערלויבט אַריינצוציען זיך אין אַ זייטיקן פליגל פון דלוטאָוווער „הויף". אין דלוטאָוווער „הויף" זענען געווען גענוג חדרים און סאַליעס. דער פעטער לייזער יוסף איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אין דעם שליאַכעצקן „הויף" פון דלוטאָוו. די אַלטע מעבלען, די בילדער פון פוילישע מלחמות אויף די ווענט, און די רייען סטאַטועס פון די פוילישע מלכים אין זייערע בגדי־מלכות און מיט די קרוינען אויף די קעפּ, האָבן נאָך מער צערייצט די גוזמאַדיקע פאַנטאַזיע פון פעטער לייזער יוסף און ער האָט זיך ממש געפילט אין מיטן די אַלטע צייטן, ווען פוילישע מלכים האָבן געקיניגט אין גאָלדענע קרוינען, רייטער זענען געריטן מיט פאָנען און טראָמפּייטן און אין די וועלדער האָט מען געפירט מלחמות. דעם פעטער לייזער יוסף האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און לאַנג האָט ער געקוקט אויף די אַלטע שליאַכעצקע גערעכענישן אין דלוטאָוווער „הויף", ביז ער האָט געהערט דאָס בייזע גאַליקע קול פון דער מומע טויבע. דער פעטער לייזער יוסף האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעניכטערט פון זיינע וואונדערלעכע מחשבות, געוואָרן מיט אַ קאָפּ קלענער און געגאַנגען אויפן רוף פון דער מומע טויבע.

אהערצוברענגען אונדז קיין דלוטאָוו האָט דער פעטער לייזער יוסף אויסגעקליבן די עלטסטע קאָטש פון די פּריצישע קאָטשן, וואָס דער שליאַכטשיץ קאַמאַצקי האָט איבערגעלאָזט פאַרן זיידן ברוך. עס איז געווען אַ לאַנגע און שווערע לעדערנע קאָטש מיט הויכע רעדער, אַ פאַרצייטישער „לאַנדוי". פיר קאַרע געזונטע פערד פון קאַמאַצקיס „צוגאָווע" שטאַלן האָבן געמוזט די קאָטש רירן פון אָרט און דאַן האָט זי זיך גערירט מיט גאווה און מיט אַ געבייזער. פון אירע פאַרשימלטע לעדערס האָט זיך אַראָפּגעשיט דער שטויב פון אַמאָליקע יאָרן און אירע הויכע רעדער האָבן זיך געדרייט מיט אַ געפּילדער און געקלאַפּעריי, און דערביי געקרעכצט ווי זקנים. ווען די קאָטש מיט די פיר קאַרע פערד האָבן זיך באַוויזן אויף די לאָדזשער גאַסן, האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ שטיק פון אַלטן פוילן איז אַריין אין דעם צעיאַכמערטן

לאָדזש. די אַלטע פּריצישע קאַטש האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט אי־בער דעם פאַרוואָרלאָזטן לאָדזשער ברוק, די רעדער האָבן זיך בייז גע־דרייט און געקרעכצט, דער פויערישער דלוטאָווער פורמאַן אויפן באָק האָט געקנאַלט מיט דער לאַנגער בייטש אין דער לופטן. לאָדזש וואָס האָט קיין צייט נישט געהאַט צו קוקן אויף חידושים, האָט זיך אָפּגע־שטעלט און געקוקט. דראָשקעס האָבן אויסגעמיטן דעם חשובן און פּריצישן לעדערנעם קאַסטן. אַפילו די טומלדיקע יידן אויף די טראָ־טואַרן האָבן אויף אַ ווייל אויפגעהויבן די קעפּ און אָנגעקוקט דעם אויסטערלישן גאַסט אין לאָדזש. די קאַטש האָט זיך פאַרנומען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס צו די „הויזן" וואו מיר האָבן געוואוינט.

דער פעטער לייזער־יוסף האָט אונדז אויך מיטגעשיקט „מזמרת הארץ", פון די שמעקעדיקע און איידעלע דלוטאָווער אויבסטן, וואָס קאַמאַצקי האָט איבערגעלאָזט פול אין זיינע קעלערן: ווינטער־באַרן און ווינטער־עפּל, קוישן מיט פלוימען. ווען דער דלוטאָווער פּויער האָט די דאָזיקע קוישן אַרויסגענומען פון דער קאַטש האָט זיך אויס־געדוכט, אַז די אַלטע קאַטש האָט זיך אין מיטן דעם שמוציקן לאָדזשער הויף פלוצעם צעשמעקט מיט פּוילישע סעדער. אַלע פענצטער אין די „הויזן" האָבן זיך געעפנט. יידן און ווייבער האָבן אַרויסגעקוקט. אויך מיר האָבן אַרויסגעקוקט פון אונדזער פענצטער. לייבושל איז אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף העלפן דעם פויער טראָגן די פּריצישע אויבסטן.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַקן אין וועג אַריין. די פיר קאַרע פּריצישע פערד זענען געשטאַנען אויסגעשפּאַנטע אַרום דער קאַטש און געגעסן האָבער פון גרויסע זעק. הגם דער פעטער לייזער־יוסף האָט באַפוילן, אַז מע דאַרף גאָרנישט מיטנעמען, וואָרעם אַלצדינג האָט קאַמאַצקי איבערגעלאָזט אין דער פולסטער שפע, פונדעסטוועגן האָבן מיר מיטגענומען זאַכן פון לאָדזש. איבערהויפּט געפעסן, מחמת, וואָס וועלן מיר טאָן מיט קאַמאַצקיס געפעסן, אַז זיי זענען טריף. מיין פאָטער האָט מיטגענומען אַ גרויסן קאַסטן מיט ספרים, און געהייסן לייבושלען קויפן מזוזות זיי אָנצוקלאַפּן ביי די אַלטע פּריצישע טירן פון דלוטאָווער „הויף". מיר האָבן אָפּגעגעסן דאָס לעצטע לאָדזשער

מיטאָג. די קאָלישער רביצין מיט די טעכטער זענען געקומען זיך געזעגענען. אויפן הויף האָט מען איינגעשפּאַנט די פיר פּריצישע פערד אין דער אַלטער חשובער קאַטש. פון די פענצטער אין די „הויזן" האָבן נייגעריק אַרויסגעקוקט אַלערליי ווייבער.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין.

ווען מיר זענען שוין אַלע געזעסן אין דער קאַטש איז דער דלור־טאָווער פורמאַן אַרויפגעקראָכן אויפן הויכן באָק, געגעבן אַ שאַרפן קנאַל מיט זיין לאַנגער בייטש. די חשובע קאַטש האָט זיך שווער געטון אַ ריר פון אָרט.

מיר זענען געפאָרן מיט דער לענג פון דער פּיעטריקאָווער גאַס אַרויף צו־צו צו „גייערס מאַרק". פאַר „גייערס מאַרק" האָבן זיך אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס אָנגעהויבן צו ווייזן בוימער. זיי האָבן געבליט אין פרילינג. עטלעכע קאַשטאַן־בוימער זענען ווי פּרעמדע געשטאַנען אין מיטן לאָדזש און האָפּערדיק געבליט מיט זייערע גרויסע בליטן. אין יענער געגנט זענען געווען די הילצערנע גרינע הייזלעך, וואו עס האָבן געוואוינט די דייטשן. עס האָט ניכער אויסגעקוקט, ווי אַ דייטשיש דאָרף, איידער ווי דאָס צעיאָכמערטע און פאַרשמאַיעטע לאָדזש. דאָרט האָט מען געזען ווייניק יידן. טאָמער איז אַדורכגעגאַנגען אַ ייד, האָט ער זיך געאיילט ווי אַ פּרעמדער און ווי ער וואָלט געווען נישט אין זיין לאָדזש. אונדזער קאַטש האָט זיך הויך געטרייסלט אין איר חשובער אַלטקייט. פון די מיט בלומען־טעפּ פאַרשטעלטע פענצטערלעך אין די קליינע גרינע הייזלעך האָט וואו נישט וואו זיך אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ פון אַ גויע. נעענטער צו „גייערס מאַרק" האָט מען געהערט, ווי אין מיטן דער פּיעטריקאָווער גאַס רוישן און קלאַפּן גייערס פאַבריקן און געזען ווי עס רויכערן זייערע קוימענס. כאַראַקטעריסטיש פאַר לאָדזש: אין מיטן דעם דאָזיקן רעש פון פאַבריקן און אונטער די וואָלקנס רויך, וואָס זייערע קוימענס האָבן רציחהדיק אַריינגעשפּיגן אין די לאָדזשער הימלען, האָט גייער געהאַט זיין פּאַלאַץ און אַפילו זיין גאָרטן, וואָס האָט איצטער פרילינג־צייט זיך ווייס צעבליט אינמיטן דעם רוישן פון מאַשינען. אַ גרויס וואַסער איז געפלאָסן אינמיטן גייערס לאָדזשער גאָרטן. דאָס וואַסער האָט אויס־

געקוקט ווי עס וואָלט אַרויס אַנטלאָפֿן פֿון די קעסלען און פֿייערן פֿון גייערס פֿאַבריקן. דער איבלדיקער ריח פֿון לאָדזשער סחורות האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון די וואַסער־שפּיגלען, און עס האָט אויסגעקוקט, ווי די וואַסערן אין גייערס צעבליטן גאָרטן הויכן מיט פֿאַבריק־פֿאַרע. אויף די דאָזיקע וואַסערן זענען פֿאַרחלומטע אַרומגעשוואומען עטלעכע ווייסע שוואַנען און זיי האָבן געגעבן אַ גראַטעסקן און אומגליקלעך־ראָמאַנטישן אויסזען דער לאָדזשער לאַנדשאַפֿט, וואָס האָט געהאַט דעם ריח פֿון פֿאַבריק ־סחורה.

באַלד הינטער „גייערס מאַרק" האָט זיך אָנגעהויבן די לאָדזשער הינטערשטאָט מיט אַ סך סעדער. זיי זענען אַלע געשטאַנען אין ווייסן פּרילינג־צוויט. אויף די פֿעלדער האָבן געגרינט די יונגע תבואות. אויפֿן שאָסיי האָט זיך אונדזער קאַטש נאָך מער צעוויגט און צע־פּילדערט און אירע רעדער האָבן געשטויבט מיט פּריצישער רחבות. ווען די פֿעלדער זענען געוואָרן פֿרייער און שמעקנדיקער, זענען די פֿערד געלאָפֿן, האָבן זיך צעהיצט און געוואָרן פֿריילעכער. זיי האָבן זיך געפֿונען אויף דער פֿרייער נאַטור, ווייט פֿון די לאָדזשער טומלדיקע גאַסן, וועלכע זיי, די פֿערד, האָבן געזען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן. אויך אונדזער קאַטש איז, דוכט זיך, געוואָרן פֿריילעכער, און די ווינטן פֿון די פּרילינג־פֿעלדער און פּרילינג־סעדער האָבן ווי היי־מישע געווייעט אין אירע אַלטע לעדערס. לאָדזש האָט זיך דערווייטערט. אין מיטן זענען מיר דורכגעפֿאָרן אַ קליין שטעטל פֿאַביאַניץ. פֿאַביאַניץ איז עפּעס ווי אַ קאַריקאַטור און אַ נאָכשפּעטעניש פֿון לאָדזש, וואָרעם אויך דאָ האָט מען געהערט קלאַפּן וועב־שטולן און אויך די פֿאַביאַ־ניצער קליין־שטעטלדיקע געסלעך זענען פֿול געווען מיט פֿאַרשמייעטע יידן. — אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ לאָדזש אין מיניאַטור, אַ קרומער שפּיגל אויף לאָדזש. לאָדזש אָן דער רחבות, אָן איר פֿאַררויכערטער לופֿט און אָן די גרויע שטיינערנע מויערן, איז בכלל מער נישט געווען לאָדזש, נאָר עפּעס אַן אומבאַהאָלפֿענע נאָכקרימעניש אויף זיך אַליין. צווישן די יידן אויף די פֿאַביאַניצער טראָטואַרן האָט מען געזען זיך אַרומדרייען חשובע באַיאָרטע ציגן מיט לאַנגע היפּשע בערדלעך און מיט לאַנגע זעק מילך צווישן די פֿיס. די ציגן האָבן פֿאַביאַניץ צוגע־

געבן דעם גאַנצן אויסזען און ריח פון אַ העק. די באַמילכטע ציגן האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן יידן און געשמעקט צו זייערע קאַפּאָטעס.

אויך איבער פּאַביאַניץ איז אונדזער קאַטש אַדורכגעפאָרן מיט אַ פּריצישן געפילדער. באַלד האָבן מיר זיך פאַרקירעוועט אַרויס פון פּאַביאַניץ.

הינטער פּאַביאַניץ האָבן זיך שוין אינגאַנצן אויסגעלאָזט די לאַנד־שאַפטן, וועלכע האָבן נאָך וואו נישט וואו דערמאָנט אין אַן אינדוס־טריע־געגנט, ווי למשל, דער וועג צווישן לאָדזש און פּאַביאַניץ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די עכטע לאַנדשאַפטן פון פוילן. דער פרילינג האָט דאָ געשמעקט מיט זיין גאַנצער פרישקייט. פעלדער האָבן געגרינט באַגאָסן מיט זון און באַהויכט מיט ווינט. פויערישע סעדער האָבן געבליט. ווייסע בעריאָזעס האָבן צוגעגעבן זייער אומעטיקן און יונג־פרוילעכן חן דער פוילישער לאַנדשאַפט. וואַסערלעך זענען געפלאָסן. געלע בלימלעך האָבן אומעטום אַרויסגעקוקט צווישן די גרעזער. יונ־גע גענדזלעך און קאַטשקעלעך האָבן זיך געשפּילט ביי די וואַסערלעך. אונדזער קאַטש האָט אויפגערודערט די שמעקעדיקע און בליענדיקע שטילקייטן פון דער פרילינגדיקער לאַנדשאַפט. מיר האָבן אָפּגעגע־קוקט פון הינטער די אַלטע לעדערנע פאָרהאַנגען און מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן אַסמולסק. פוילן האָט אויסגעקוקט גרין און יונג־פרוילעך.

עס איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך. די זון האָט זיך גענויגט צו מערב. די איידעלע בלויע פוילישע הימלען האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַר־פאַרבן אין רויט און אין טונקל־גאָלד. וואָלקנדלעך האָבן זיך גע־זאַמלט אין די מערב־הימלען, ווי סטאַדעס גאָלדענע און פורפורנע שאָף. אויך די גרינע פעלדער האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן זיך צו באַלויכטן מיטן אָוונט־גאָלד פון זון־אונטערגאַנג. די בליענדיקע סעדער זענען געוואָרן טונקעלער. די קי זענען אַהיימגעגאַנגען פון דער פּאַשע. די בושלען זענען שוין געשטאַנען אין זייערע נעסטן אי־בער די פויערישע הייזלעך. אין די וויטקייטן האָט געקלונגען אַ תּפילה צו „אַניאָל פּאַנסקי".

ס'איז געוואָרן נאַכט, און מיר זענען אַלץ געפאָרן אין דער אַלטער קאַטש קיין דלוטאָוו. אין די הימלען זענען אויפגעגאַנגען שטערן. די פענצטערלעך אין די צעוואָרפענע הייזלעך האָבן זיך שטיל אָנגעצונדן. די פעלדער און די סעדער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעשמעקט אין דער פינצטערער פרילינג־נאַכט. מיר זענען אַריינגעפאָרן אין וועלדער, און ס'האָט זיך געהערט דאָס רוישן פון סאָסנעס פון ביידע זייטן וועג. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

מיך האָט אויפגעוועקט דאָס פּלוצלונגע שטיל־בלייבן פון דער אַלטער קאַטש און דאָס קול פון אַ סך מענטשן. ס'האָט שטאַרק געשמעקט מיט סאָד־בליעכץ. אין דער נאַכט אַרום אונדזער קאַטש זענען געשטאַנען עטלעכע גויים מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס. איך האָב דערקענט דעם פעטער לייזער־יוסף מיט דער מומע טויבע. אויך דער פעטער לייזער־יוסף האָט געהאַלטן אַ לאַמטערנע אין דער האַנט.

אין דער נאַכט האָט אַ שמעקנדיקער גערוישט דער צעבליטער דלוטאָווער סאָד.

קאַפּיטל דרײַסיק

פרימאָרגן. דאָס געזאַנג פון פייגל. ליכט-פּאַסן גיסן זיך אַריין דורך די הויכע אָפענע פענצטער. דער אַלטער סאַד אין פולן צוויט. די אויבסט-בוימער לייכטן אין בליעכץ און אין זון-ליכט. הינער און אינדיקעס. קאַמאַצקים הינט און דער פעטער לייזער יוסף. לייבושל קלאַפּט אָן מזוזות אין די אַלטע פּריצישע טירן. עס לייכט דער נאָמען „שדי". דלוטאַווער יידן זענען געקומען זאָגן גוט-מאָרגן די נייע יידישע פּריצים.

גאַנץ פרי האָט מיך אויפגעוועקט די אַריינשיינענדיקע זון און דאָס פרימאָרגנדיקע געזאַנג פון פייגל. עס האָט זיך מיר אויסגע־דוכט, אַז דער גאַנצער אינדרויסן איז פול מיט צוויט־דופט און מיטן געצווישטשער פון פייגל. איך בין געלעגן אין אַ גרויס אַלט־מאָדיש בעט. אויפן סופיט איז אויף שווערע קייטן געהאַנגען אַ גרויסער בראָנזענער לייכטער מיט פיגורן און ער האָט אויך געלויכטן ווי ער וואָלט זיך אָנגעצונדן אין זון־ליכט און מיטגעזונגען מיט די פייגל און מיטגעשמעקט מיטן סאָד. ליכט־פּאַסן האָבן זיך אַריינגעגאָסן דורך די הויכע אָפענע פענצטער און זיך געשפּילט אויף די אַלטע מעבלען אין צימער, אויף די שווערע לעדערנע קאַנאַפּעס און אויף די ליטאָ־גראַפישע בילדער און לאַנדשאַפטן, וואָס זענען געהאַנגען אַרום אויף די ווענט.

עס איז מיך באַפאַלן אַ גרויסע פרייד וועלכע איך קאָן נאָך היינט נישט פאַרגעסן, עפּעס אַזאַ טיף וועלט־גליק! איך בין אַ באָרוועסער, נאָך מיט פולע אויגן שלאָף, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צום פענצטער.

דער אַלטער סאָד איז געשטאַנען אין פולן צוויט, ווי ער וואָלט באַדעקט געווען מיט אַ וואַרעמען און דופטיקן שניי. די צעבליטע אויבסט־בוימער האָבן ממש געלויכטן אין בליעכץ און אין זון־ליכט.

דער הימל איז געווען בלוי און גאָלדיק. די לופטן זענען געווען צע־זונגענע פון פייגל. איבער די קלאָמבעס פאַרן „הויף" האָבן געבליט אַלערליי פאַרביקע בלומען. עס האָבן געבליט און געשמעקט די בעז־בוימער. מחנות טויבן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גרינע מיט זון באַגאָסענע גראָזן, אַרומגעגאַנגען און געוואַרקעט. דאָס דאָרפישע לעבן אַרום אַ פּריצישן „הויף" איז געווען אין גאַנג. די עופות זענען שוין געווען אַרויסגעלאָזט פון זייערע שטאַלן, און ס'האָט זיך געהערט דאָס געקוואַקעריי פון הינער, דאָס קרייען פון הענער און דער גע־כאָלדער פון אינדיקעס און אינדיטשקעס. די אינדיקעס האָבן פּו־נאַנדערגעבלאָזן זייערע פעדערן. די עטלעכע פּאַוועס האָבן מאַיעס־טעטיש אַרומגעשפּאַצירט און צעלאָזן זייערע פאַרביקע וויידלען. די דריי גרויסע פּריצישע הינט, וואָס קאַמאַצקי האָט פאַר אונדז איבערגעלאָזט, זענען געלעגן פאַר אונדזערע פענצטער און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. די הויפישע פּויערטעס האָבן געאַרבעט אין סאַד, און דער הויף־סטרוזש האָט געטראָגן פולע עמערס וואַסער.

דער פעטער לייזער־יוסף האָט זיך אַרומגעדרייט אונטער די צע־בליטע סאַד־בוימער און גערעדט מיט די פּויערים. די פּריצישע הינט, גרויסע און וואָליקע, האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דעם נייעם ייד, דעם פעטער לייזער־יוסף, וואָס דרייט זיך אַרום ווי אַ באַלע־באָס אין פּריצישן הויף, און ווען זיי האָבן אים דערזען, זענען זיי צו אים צוגעלאָפן און היימיש געדרייט מיט די וויידלען. דער פעטער לייזער־יוסף האָט זיי געגלעט איבער דער פעל, די ראַסאָווע פּויליש־פּריצישע הינט, און זיי האָבן אים געלעקט די האַנט. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער סאַד ווערט וואָס אַמאָל וואַרעמער אין זיין צוויט און וואָס אַמאָל ליכטיקער אין דער ווייס־גאָלדענער דאָרפישער זון. לאָדזש און מיין חדר זענען מיר אויסגעקומען ווי אַ ווייטער חלום. איך בין צוריק אַוועקגעלאָפן פון פענצטער און אַריינגעגאַנגען אין דעם דערנעבנדיקן צימער.

עס איז געווען קאַמאַצקיס סאַליע. די גאַנצע מיוחסדיקע ווירדע פון פּוילישער שליאַכטע איז געלעגן אויף איר. עס איז געווען אַ סאַליע מיט אַ סך הויכע פענצטער אין וועלכע עס האָט אַריינגעשיינט די זון

און אריינגעקוקט דער ווייסער צעבליטער סאַד און עס האָט אַריינ־געצוויטשערט דער דאָרפישער אינדרויסן. די מעבלען זענען געווען אַלטע און סטילפולע, פון טונקעלע האָלץ, און באַדעקט מיט פאַרשיי־דענע בראָנזן און אויסגעבעטן מיט ווייכן לעדער. עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער פּאַרצייטישער פּאַרטעפּיאַן און דערנעבן אַ געשטעל פאַר אַ פּיערל. אויף די ווענט זענען געווען אויסגעהאַנגען בילדער און צייַ־כענונגען פון דער פּוילישער געשיכטע און צווישן זיי דאָס בילד פון באַרימטן וואַרשעווער רב ר׳ בעריש מייזליש. אין דער דאָזיקער סאַליע זענען אויף פּאָסטומענטן געווען אויסגעשטעלט די פיגורן־רייען פון פּוילישע מלכים.

עס עפנט זיך אַ טיר און עס באַווייזט זיך לייבושל מיט אַ גאַנצן פּאַק מזוזות אין די הענט, מיט אַ קעסטל נעגל און מיט אַ העמערל. דאָס גייט ער, לייבושל, אין דער פרי אַרום איבער דעם אַלטן פּוילישן „הויף״ אָנצוקלאַפּן יידישע הייליקע מזוזות ביי די הויכע חשובע טירן. איצט וואוינען דאָ יידן, און יידן טאָרן נישט וואוינען אָן מזוזות. פון די טירן אין די סאַליעס און חדרים, אין וועלכע עס האָבן דורות־לאַנג געוואוינט פּוילישע פּריצים, האָט ערפורכטיק אָנגעהויבן אַראָפּצוקוקן דער נאָמען „שדי״, און ער האָט אויך געלויכטן אין דער זון, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער אַריינגעריסן דורך די פענצטער.

מ׳האָט אונדז אַריינגערופן צום אָנבייסן, וועלכן ס׳האָט ספּעציעל געמאַכט די מומע טויבע. זי האָט געוויזן אירע קענטעניש אין דלו־טאָווער מילכיקס. דער באָרשטש האָט אַראָפּגעשמעקט פון טיש, און די שמאַנטן און די קעזן האָבן אַראָפּגעשמעקט פון די אַלטע פּריצישע טעלער, וואָס קאָמאַצקי האָט פאַר אונדז איבערגעלאָזט. דאָס פרישע דאָרפישע ברויט איז מחיהדיק געלעגן צעשניטן. די געלע בלומיקע פּוטער האָט אַרויסגעקוקט פון פּאָרצעלייענע פּעסעלעך. מיר האָבן געגעסן, און לייבושל האָט נאָר פאַרגליכן דאָס דלוטאָווער מילכיקס צו סימכע גייגעס מילכיקס אין לאַגעווניקי. פּלוצעם איז אַריינגעקומען דער פעטער לייזער־יוסף און געזאָגט, אַז די דלוטאָווער יידן זענען גע־קומען זאָגן גוט־מאָרגן די נייע יידישע פּריצים.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

דריי פּראָסטע דלוטאָווער יידן. ר׳ הירשקע דער לאַטוטניק. ר׳ שימקע האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן און אַ שניידעריש זמרל. ר׳ מאָשקע דער שתקן. אַ קעלבל מעקעט ר׳ מאָשקען אין די אויערן אַריין נאָר ביי ר׳ מאָשקען אין קאָפּ איז שטיל ווי אין אַ פינצטערן וואַלד. זיין ווייב שרה. ר׳ מאָשקע אין זונטיק צווישן דלוטאָווער פּויערים. די דריי יידן נעמען אַראָפּ די היטלען פאַרן פּריצישן „הויף״. ס׳איז דאָ ברוך־השם פּרנסה נאָר די קינדער זענען צו קאַפּעטשקעלעך פאַרגרעבט אין יידישקייט. מע וועט אַהערברענגען ספרי־תורות אין פּריצישן „הויף״ אַריין און אַלע שבת וועט זיין אַ „מנין״. די יידן רוקן זיך צו צום פּריצישן גאַניק. די זון לייכט זיך גאָלדיק פונאַנדער צווישן דעם שמעקעדיקן בוימער־צווייט.

פאַרן גאַנעק זענען געשטאַנען עטלעכע עלטערע דאָרפישע יידן מיט זייערע ווייבער. די יידן זענען געגאַנגען אָנגעטון גרויע כאַלאַטלעך מיט גרויסע טאַשן און די ווייבער — ארומגעבונדן די קעפּ מיט טיכער, ווי אַלע פּויערטעס. ס׳זענען געווען די איינציקע יידישע משפחות, וואָס האָבן זינט דורות געוואוינט אין דלוטאָוו. יידישע דאָרפישע לאַטוטניקעס, וואָס האָבן גענייט סערמענגעס פאַר די פּויערים, פאַרריכט די קליידער און זשופּאַנעס פון די קאַמאָצקים און אַפילו גענייט גלחישע סוטאַנעס פאַר די דלוטאָווער גלחים. די פּויערים און די קאַמאָצקים האָבן זיי גערופן ביי זייערע יידישע נעמען.

די יידן, וואָס זענען איצטער געשטאַנען פאַר אונדזער גאַנעק, זענען געווען די איינציקלעך פון דלוטאָווער יידישע חייטים. זיי זענען אויך געווען שניידער־לאַטוטניקעס, פּונקט ווי זייערע עלטערן. זיי זענען שוין איצט געווען עלטערע יידן. איינער האָט געהייסן ר׳ הערשקע, איינער ר׳ שימקע און איינער ר׳ מאָשקע. ר׳ הערשקע איז געווען אַ קליין אויסגעדאַרט יידל מיט אַ גרוי בערדל, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי נישט גלייכע שפּיצן, און מיט רויטע קאַליע אויגן. אויגן, וואָס זענען אים קראַנק געוואָרן פון כסדרדיקן שטשאָבען מיט דער נאָדל אין פּויערישע סערמענגעס און פון די שטויבן אויף די דלוטאָווער וועגן. ר׳ הערשקע איז געווען אַ ווילדער שווייגער און די פּויערים האָבן אים זייער ליב געהאַט און זיך מיט אים עצות געהאַלטן. הגם ר׳ הערשקע

האָט דורכאַנאַנד געשוויגן, האָבן די פּויערים געזאָגט, אַז ר׳ הערשקע איז דער קליגסטער ייד און גיט די קליגסטע עצות. ר׳ שימקע האָט אויסגע־קוקט צו זיין אַ פריילעך יידל, וואָס האָט ליב געהאַט אינמיטן נייען צו כאַפּן דעם ביטערן טראָפּן און אונטערצוזינגען אַ שניידעריש זמרל. ער האָט געזאָגט, אַז נאָכן ביטערן טראָפּן, נייט זיך גאָר אַנדערש און די פּויערישע תחתונים פליען אַרויס פון זיינע הענט טשאַקנדיק און קנאַקנ־דיק. ער האָט געהאַט אַ גרוי אויסגעקראָכן בערדל ווי עמעצער וואָלט עס אים אויסגעצופּט און גרויסע געלע ציין וואָס האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיי ווילן אים אַרויסקריכן פון מויל ווען ר׳ שימקע האָט זיך פאַרגומען צום לאַכן. און געלאַכט האָט ר׳ שימקע אַ סך, סיי ביי דער אַרבעט און סיי גלאַט אַזוי. מחמת תמיד איז ר׳ שימקע געווען אַן אויפגעלייגטער און באַשמחהטער פון ביטערן טראָפּן און פון די פריילעכע זמרלעך, וואָס האָבן זיך פון אים, לייכטע און ליבע, געשיט ווי אַרבעס פון אַ זאַק. דער דריטער פון די דלוטאָווער יידן, ר׳ מאָשקע, וואָס האָט געוואַרט פאַר אונדזער גאַנעק, איז געווען דער שרייענדיקסטער היפּוך צו די פריערדיקע צוויי יידן. ר׳ מאָשקע איז דווקא געווען אַ הויכער און אַ בלאָנדער, כמעט אַ געלער, מיט וואַסערדיקע גויאישע אויגן. איבער די אויגן זענען אים געוואָקסן גרויסע צעשויבערטע ברעמען ווי שטיקלעך תבואה. ר׳ מאָש־קע האָט געהאַט אַ לאַנגע און שיטערע געלע באָרד, וואָס האָט זיך אים בנעימות אַראָפּגעלאָזט פון דער ברייטער גאָמבע און אים דערגרייכט היפּש ביז צום בויך, און גרויסע צעוואָקסענע הענט, וואָס זענען פול געווען מיט זומער־שפּרענקעלעך און מיט האָר. ר׳ מאָשקע איז תמיד געווען אין אַ טיפער און שטילער מרה־שחורה, ער האָט געשוויגן ווי אַ בוים, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער קאָן איבערהויפּט נישט קיין שום לשון אַחוץ דאָן ווען ער רעדט מיט די פּויערים. געדאַוונט האָט ר׳ מאָשקע פון אַן אַלטן קרבן־מנחה־סידור, געטייטלט מיט די פינגער איבער די שורות, ווי עס וואָלט געווען שווערע קלעצער אַדורכצוציין און געקייט די שווערע לשון־קודשדיקע ווערטער, ווי האַרטע קאַרטאָפליעס אין באָרשטש. ר׳ מאָשקע איז נישט געווען קיין בעל־מלאכה, נאָר אַ פּשוטער יידישער דאָרפס־גייער אין די דערפער אַרום דלוטאָוו. ער האָט געקויפט ביי די פּויערים, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אַ פּאָר אַלטע

פויערישע תחתונים, א פּעלעכל, צי גאָר א קעלבל, וועלכעס ר' מאָשקע האָט אהיים געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס. דאָס קעלבל האָט אים געמעקעט אין די פּאַרוואָקסענע אויערן אריין, נאָר ר' מאָשקע האָט גע־שוויגן, ווי ער וואָלט נישט געהערט. ר' מאָשקע האָט, זעט אויס, קיי־נעם נישט געהערט. אין קאָפּ איז אים געווען שטיל, ווי אין א פינצטערן וואַלד. ר' מאָשקע האָט כסדר עקשנותדיק געשוויגן און קיין מאָל א וואָרט נישט אויסגערעדט, אפילו נישט מיט זיין אייגענער יידענע, וואָס האָט גיכער אויסגעקוקט, ווי א הויכע אויסגעדאַרטע פויערטע, איידער ווי א יידישע טאָכטער. וואָרעם שרה, ר' מאָשקעס ווייב, איז געגאַנגען אָנגעטון אין פאַרביקע פויערישע קליידער און מיט א טיכל איבערן קאָפּ. זי האָט געכאָוועט הינער און געהאַנדלט מיט אייער. ר' מאָשקע האָט געוואוינט אין אן אייגן פויעריש הייזל, א ירושה פון זיינע עלטערן. דאָס הייזל איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער דלוטאָווער תפלה. זונ־טיק, ווען מחנות גוים און גויהס, יום־טובדיק אָנגעטון, האָבן זיך נאָך די תפילות אָנגעהויבן ארויסצושיטן פון דער תפלה און זיך צו צע־שפּרייטן איבער די פויערישע הייף און איבער די פעלדער, איז ר' מאָשקע געזעסן אויף א לאַנגער הילצערנער באַנק פאַר די פענצטער פון זיין הייזל. ער איז געזעסן אין בלויזן שפּאַנצער, זיינע בלויע וואַסערדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף די גויים. זונטיקדיק אָנגעטוענע פויערים זענען צו אים צוגעקומען און זיך נעבן אים אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק. און דאָ האָט זיך טיילמאָל דעם ווילדן שתקן ר' מאָשקען די צונג אויפגעבונדן, און ער האָט דערציילט פאַר די גויים א מעשה פון אַלטע דלוטאָווער צייטן.

אָט־אָ די דריי אַלטע יידישע דלוטאָווער תושבים מיט זייערע ווייבער זענען אינמיטן דעם בליענדיקן סאָד געשטאַנען פאַר אונזער גאַנעק. אַזוי ווי פאַר דעם דאָזיקן גאַנעק זענען זיי געוואוינט געווען צו שטיין אָן די היטלען, זענען זיי, די דריי אַלטע יידן אויך איצט געשטאַנען אָן די היט־לען. זיי האָבן אפילו געוואוסט, אַז פאַר יידישע פּריצים שיקט זיך נישט צו שטיין אין די בלויזע קעפּ, נאָר אַלטע געוואוינהייט. ווען מיר זענען ארויסגעקומען, האָבן זיך די דריי יידן מיט זייערע ווייבער געבוקט ביז צו דער ערד. בלויז ר' שימקע איז ווי תמיד געווען אין א בגילופּה־

דיקער שטימונג און ער האָט אַ צעשמייכלטער זיך געקראַצט אין גרויען אויסגעקראַכענעם קאָפּ. ר׳ הערשקע און ר׳ מאָשקע האָבן געשוויגן. ר׳ מאָשקע האָט אויפגעהויבן זיינע בלויע גויאישע אויגן און זיך אומגעקוקט איבערן צעבליטן סאָד.

דערזעענדיק מיין פאָטער און לייבושלען, יידן אין יידישע מלבושים, האָבן די דריי אַלטע יידן צוריק אַ כאַפּ אַרויף געטון די היטלען אויף די קעפּ. מיין פאָטער האָט די יידן צוגערופן צום גאַנעק. ר׳ הערשקע און ר׳ מאָשקע זענען געוואָרן נאָך שווייגנדיקער. דערפאַר האָט זיך ביי ר׳ שימקען באַלד אויפגעבונדן די צונג און ער האָט אָנגעהויבן צו ענטפערן אויף די פראַגעס פון מיין פאָטער מיט פריילעכע שניידערישע ווערטלעך. די יידן האָבן זיך נישט באַקלאָגט אויף דלוטאָוו. דאַנקען גאָט, מע לעבט צווישן גוטע גויים. ס׳איז דאָ פּרנסה און מע גיט אויס קינדער. ניט מער, וואָס מע ווערט צו קאַפּעטשקעלעך פאַרפרעמדט פון יידישקייט. די קינדער קאָנען קוים דאַווענען, און אַ מנין יידן זעט מען בלויז פון ימים נוראים צו ימים נוראים, ווען מע פאָרט, אַלע דלוטאָווער יידן מיט ווייב און קינד, אין דערנעבנדיקן שטעטל אַריין, קיין טושין צו הערן שופר־בלאָזן, הערן אַ חזן און אָפּפאַסטן דעם הייליקן יום־כּיפּור. אַ ייד מוז אַמאָל זיין צווישן יידן, וואָס דען, תמיד צווישן בוימער?

אַזוי האָט דער שניידער ר׳ שימקע גערעדט מיט אַן אויפגעבונדענער צונג און זיך געקראַצט דעם אויסגעקראַכענעם קאָפּ. די אַנדערע יידן, ר׳ הערשקע און ר׳ מאָשקע האָבן טיף געשוויגן. מיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז איצטער וועלן קומען נאָך יידן קיין דלוטאָוו, מ׳וועט אַריבערברענגען ספר־תורות און דאָ, אין פּריצישן „הויף״ וועט אַלע שבת זיין אַ „מנין״ און יידן וועלן אַריינקומען אין „הויף״ און וועלן דאַווענען.

דערהערט, אַז יידן וועלן דאַווענען אין אַלטן פּריצישן „הויף״ פון די קאַמאַצקיס, האָבן אַלע דריי דלוטאָווער דאָרפס־יידן אויפגעהויבן זייערע קעפּ און נאָכאַמאָל באַקוקט דעם חשובן „הויף״ פון די קאַמאַצקעס. זיי האָבן נישט דרייסט זיך נעענטער צוגערוקט צום גאַנעק.

אין בליענדיקן דלוטאָווער סאָד האָבן געזונגען די פייגל. די זון האָט זיך וואָס אַמאָל גאָלדענער פונאַנדערגעלויכטן צווישן די בלומען און דעם שמעקעדיקן בוימער־צווייט.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

די באָבע חיה נעמט זיך צו דאָרפישער באַלעבאַטישקייט. מע בשרט קאַמאַצקיס קיכן. גאַנשעראָווסקי אין דלוטאָוו. גאַנשעראָווסקי אין פּריצישן זשופּאַן באַקוקט די פּוילישע מלכים אין דער סאַליע. ווער האָט געטון אַן עולה לייבושלען דעם יתום? דער זיידע ברוך צעוויינט זיך אין בעט איבער דינעזאָנס „יאָסעלע".

דער זיידע ברוך מיט דער באָבע חיה האָבן זיך ענדלעך אָנגעהויבן אויף פּעסט צו באַזעצן אין דלוטאָוו. דאָס גוט איז געווען גרויס, עטלעכע פּאָלוואַרקעס, און די וועלדער זענען געווען אַלטע, פינצטערע און צעוואַקסענע. דער זיידע ברוך האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער באַלעבאַטישקייט, אויך די באָבע חיה האָט זיך גענומען צו דער הויפישער באַלעבאַטישקייט, און זיך אָנגעהויבן אַריינצוטון אין די עופות, וואָס קאַמאַצקי האָט איר איבערגעלאָזט. די באָבע חיה האָט מיטגענומען אירע עופות פון אַסמולסק און זיי פאַרטיילט אין די הי־נער־שטאַלן. די באָבע חיה האָט זיך זייער האַרציק און אינטים געקאָנט צוזאַמענלעבן מיט די פּויערטעס. זי האָט גערעדט פּויליש מיט א פּויערישן דיאַלעקט און די פּויערטעס האָבן זי באַלד ליב באַקומען צוליב איר פּשוטקייט און גוטהאַרציקייט. זי האָט געזעצט עופות אויף אייער, אָנגעהויבן אָנצושטעלן גרויסע טעפּ מיט זויערמילך, געזען, אַז אין די פּוטער־פּעסלעך זאָלן די שיקסעס קלאַפּן נייע און פרישע פּוטער, און בכלל צוריק איינפירן אַ ביסעלע אַסמולסקער יידישלעכע באַלעבאַטישקייט אין די גרויסע פּריצישע קיכן פון קאַמאַצקין. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע פּייערקעס, בראָטערן און באַק־אויוונס האָט מען אויסגעגליט און אויס־געברענט, אַז ס'זאָל אַלץ זיין אויפן פרומסטן און כשרסטן אופן. לייי־בושל האָט דער באָבע חיה צוגעהאָלפן ביי די הינער און אויך ביים

כשרן די קיכן. ער האָט זיך געמוזט שווערן ביי זיין מאַמען, די וויסטע אַלמנה אין קינצק, אַז אַלצדינג איז כשר על־פּי דין און דער גרעסטער רב וואָלט נישט געהאַט וואָס איינצואווענדן. די באָבע חיה האָט אויך אָנגעהויבן אין דלוטאָווער „הויף" צו ציילן אירע הייליקע אָפּגעשפּראָכענע גראָשנס, פּונקט ווי זי האָט עס געטון אין אָסמולסק.

דער זיידע ברוך האָט זיך דערוויַיל גענומען צו פּריצישע באַלע־באַטישקייט. איבער די פעלדער האָט שוין געגרינט די תבואה, אויף די לאָנקעס איז הויך געוואַקסן דאָס גראָז. די שייערן זענען נאָך געווען פול מיט פאַראַיאָריקן שניט. אין די שפּייכלערס זענען געלעגן גאַנצע בערג מיט גאָלדענעם ווייץ, מיט קאָרן, גערשטן, האָבער. די שטאַלן זענען פול געווען מיט פערד, מיט קי, מיט אָקסן און מיט שעפּסן. מען האָט זיך געמוזט אָריענטירן אין דער דאָזיקער גאַנצער שפע, וואָס איז איבער־געשטיגן אַ סך אַ סך מאָל די שפע פון אָסמולסק. דלוטאָוו איז געווען פיל, פיל גרעסער פון אָסמולסק. דער זיידע איז גאַנצע טעג געווען אויף די פעלדער מיטן פעטער לייזער יוסף און מיטן זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי. הגם גאַנשעראָווסקי איז שוין געווען אַלט, האָט אים דער זיידע ברוך נישט געוואָלט איבערלאָזן אין אָסמולסק, און ער האָט אים מיטגענומען קיין דלוטאָוו. דאָ אין פּריצישן „הויף" פון די קאַמאַצקיס, האָט זיך די אַלטע שליאַכעצקע גאווה נאָך מער אויפגעוועקט ביי גאַנשעראָווסקין, ער איז כסדר געגאַנגען אָנגעטון אין זיין פּריצישן זשופּאַן און געהאַלטן אין דער האַנט דעם גרויסן שטעקן מיטן זילבערנעם קנאָפּ. גאַנשעראָווס־קי האָט זיך צוגעהערט צום רוישן פון די אַלטע ביימער אין סאָד און געקוקט אויף דער שורה פּוילישע מלכים אין דער גרויסער סאַליע.

אויף דער נאַכט, ווען די קי און שעפּסן זענען אַהיימגעגאַנגען פון דער פּאַשע, די פּויערים און פּאַראָבקעס זענען אַהיימגעקומען פון די פעלדער, די פערד און די אָקסן זענען געגאַנגען אויסגעשפּאַנטע, מען האָט געפּאָיעט די דאָרשטיקע פי ביי די הויפישע ברינעמער, די טויבן זענען געגאַנגען שלאָפן אין זייער טויבן־שלאַק און די עופות אין זייע־רע שטאַלן, פון די לאָנקעס האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון פרעש,

און אין סאַד איז געוואָרן פייכט פון נאַכט און פון טוי — דאַן איז דער זיידע ברוך אַהיימגעקומען אין „הויף" אריין. ער איז געקומען מיטן פעטער לייזער־יוסף און מיטן זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי. מ'האָט אָנגעצונדן די אַלטע פריצישע לאָמפּ, וואָס האָט זיך שווער און בראַנזנדיק געוויגט אויפן סופיט. אויפן טיש איז געווען געגרייט צו וועטשערע. דער זיידע מיטן זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי האָבן נאָך איבערגעשמועסט וועגן די מעשים פון טאָג און וועגן דעם וואָס מען דאַרף צו טון מאָרגן. דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי האָט אונדז אַלעמען געזאָגט אַ גוטע נאַכט און מיר האָבן זיך געזעצט עסן.

איינמאָל אין איינעם פון די דאָזיקע ערשטע דלוטאָוווער אָוונטן, האָט דער זיידע ברוך געזען, ווי לייבושל גייט אַרום מיט פאַרווייניטע אויגן. דער זיידע ברוך האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן יתום און ער האָט זיך שטרענג אָנגעהויבן אויסצופרעגן וואָס עס איז די מעשה און ווער עס האָט לייבושלען דאָ געטון אַן עוולה. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז קיינער האָט לייבושלען גאָרנישט געטון, נאָר ער, לייבושל, האָט זיך פון לאָדזש מיטגעבראַכט אַ יידיש מעשה־ביכל, נעמלעך, „יאָסעלע" פון יעקב דינעזאָן. לייבושל האָט זיך פאַרלייענט אין דעם דאָזיקן מעשה־ביכל און דערביי פאַרגאָסן טייכן מיט טרערן. מחמת לייבושל האָט זיך דאָ דערמאָנט אָן זיינע ביטערע יתום־יאָרן אין שטעטל קינצק און ווי ער איז פאַרשווארצט און פאַרפינסטערט געוואָרן מיט זיין מאַמען, די וויסטע אַלמנה, און שפּעטער אין לאָדזש, ווי ער האָט זיך געוואַלגערט אין אַלעקסאַנדרער שטיבל און געגעסן „טעג". — דערהערט אַזאַ מעשה־ביכל האָט דער זיידע ברוך געהייסן לייבושלען, אַז ער זאָל עס אים למען השם באַלד געבן, מחמת, ער וויל עס אויך איבערלייענען איידער ער וועט אַנטשלאָפן ווערן אין בעט. ווען דער זיידע ברוך האָט אָפּגעלייענט קריאת־שמע און זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט ער אָנגעצונדן אַ גרויסע חלבנע ליכט ביי דעם נאַכט־טישל פון זיין בעט. ער האָט זיך גענומען לייענען „יאָסעלע". שוין היפּש אין דער נאַכט האָט זיך די באָבע חיה אין צווייטן בעט אַ דערשראָקענע אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דער זיידע ברוך איז געלעגן אין די קישנס און הויך געוויינט און גע־

העשעט אויפן קול. די באָבע חיה איז אַ באַרוועסע אַראָפּגעלאָפן פון בעט און געפרעגט דעם זיידן ברוך וואָס עס איז געשען. אַ ווײנענדיקער האָט איר דער זיידע ברוך געענטפערט, אַז ווען ער כאַפּט דאָ אינמיטן דער נאַכט דעם רשע בערל, דעם מלמד, וואָס האָט געפּייניקט יאָסעלען, וואָלט ער אים דאָ אין דלוטאָווער „הויף" געבראָכן די ביינער מיט אַ שטעקן. און זאָל אַ ייד וויסן, ווי צו איזדיעקעווען זיך אויף אַ יתום.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

די פֿינצטערע דלוטאָווער וועלדער. יואל דער מבֿין קומט קיין דלוטאָווו צו באַרעכענען דאָס געהילץ. בגילופֿין. יואל שלאָפֿט זיך אויס אונטער א בוים, באַקומט אַ כּוסה פֿון דער באָבע חיה און אים ווערט ליכטיק אין קאָפּ. מיר פֿאָרן אַוועק אין די וועלדער. אַ שמעקענדיקער און אומהיימלעכער בין־השמשות ווייעט פֿון די וואַלד־טיפֿענישן. דער פֿויגל פּיק־האָלץ. יואלס נאָז־לעכער ציטערן חיהש פֿון די ריחות פֿון וואַלד און וואַלד־ערד. „ס׳איז נישט קיין וואַלד נאָר אַ תּהום״. די פֿערד זינקען אין מאָך און אין וואַלד־ערד. גריינער דער וואַלד־וועכטער. גריינער טוט אַ מאַך מיט זיין גראָבן שטעקן אויף די אַלטע צערווישטע בוימער ווי אַ פּאַסטוך אויף זיינע שאָף. גריינערס הונט בילט דערזעענדיק ווי יואל צעשפּרייט די הענט.

די אַלטע דלוטאָווער וועלדער זענען פֿינסטערע געשטאַנען אונטער די הימלען און געוואַרט אויף דער האַק. אין דלוטאָווו זענען געווען וועלדער, וואָס אַפֿילו אין די ליכטיקסטע זומער־טעג האָט זיך די זון דאָרט נישט געקענט אַדורכבאַקומען דורך די הויכע פֿאַרצווייגטע פֿיכטן און סאָסנעס. אייביק איז געווען טיף שטיל און טיף טונקל אין די דלוטאָווער וועלדער און די לופֿט אין זיי איז פֿול געווען מיט אַ דעמפּי־קער פֿייכטקייט. טאָמער האָט אין גרויסע שטורעמס דאָרט אַריינגע־טראָפֿן אַ דונער און אַ בוים איז געפֿאַלן — איז דער בוים געבליבן הענגען צווישן די בוימער מחמת דער טונקעלער געדיכטעניש. יאָרן לאַנג איז ער אַזוי געהאַנגען, אַ טויטער בוים און זיין, פֿון דונער צע־בראָכענער שטאַם, איז באַוואַקסן געוואָרן מיט מאָך און וואַלד־גראָז. דער צעבראָכענער געשטאָרבענער בוים האָט זיך מיטגעוויגט מיט די בוימער, ווען די וועלדער האָבן פֿינסטער און טונקל גערוישט אין זייערע טיפֿקייטן.

צו באַרעכענען וויפֿיל די דאָזיקע דלוטאָווער וועלדער קאָנען געבן געהילץ, איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. דער זיידע ברוך האָט געלאָזט שיקן קיין לאַנעווניקי, צו ברענגען דעם שוואַרצן יואלן, דעם

פעטער אברהמקעס איידעם. נאָר אזא גרויסער און ווילדער מבין ווי יואל וועט דאָ אין די דאָזיקע וועלדער דערגיין אַ טאָלק. ווען יואל איז געקומען צופאָרן אין „הויף" אריין קיין דלוטאָוו, איז ער שוין גע־קומען אַ שיכּורער ווי לוט און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אַ קליינינקייט, אַזא כּבוד! דער זיידע ברוך האָט מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די דלוטאָוואָער וועלדער, נאָר יואל האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג און דער בראָנפן האָט זיך געהערט פון אים ניין איילן פונדער־ווייטנס. דער זיידע האָט געזען, אַז מיט יואלן איז נישטאָ וואָס צו מאכן און ער האָט געשריגן: רע, יואל, דו וועסט נאָך פּגרן אַ שיכּורער הינטער אַ פּלויט! און געהייסן יואלן גיין שלאָפן. יואל האָט זיך קוים דערשלעפּט צו אַ בוים אין דלוטאָוואָער סאָד און דאָרט אַנידערגעפאַלן ווי אַ טויטער. באַלד האָט מען געהערט ווי יואל שנאָרכט. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז יואל אויפגעשטאַנען אַ צעגענעצטער און אַ הונגעריקער. די באָבע חיה האָט אים געגעבן פון די גוטע דלוטאָוואָער מעדנים און פון רחמנות־וועגן — קיינער זאָל נישט זען — בסוד אים אונטערגע־רוקט אַ גלעזל בראָנפן. ערשט נאָכן גלעזל בראָנפן איז יואלן ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ און ער האָט זיך מיטן זיידן ברוך אַוועקגעלאָזט אין אַ לאַנגן שמועס וועגן געהילץ.

עס איז געבליבן, אַז מ'זאָל איינשפּאַנען אַ גרויסע הויפישע בריטש־קע און דער זיידע מיט יואלן דעם ווילדן מבין זאָלן זיך אַוועקלאָזן אין די וועלדער. אויך מיך האָט דער זיידע ברוך מיטגענומען. אויך דער פעטער לייזער־יוסף איז מיטגעפאָרן.

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון סאָד, האָב איך דאָס ערשטע מאָל בייטאָג געזען די צעבליטע מרחקים פון די דלוטאָוואָער פעלדער. אַלצדינג האָט געהאַלטן אין וואַקסן און אין בליען. וואו דאָס אויג האָט געקוקט, איז געווען שפּעדיק זון־ליכט, גרינס און צוויט. מיר זענען געפאָרן אויף זאַמדיקע פּוילישע וועגן צווישן פעלדער. פונדערווייטנס האָט זיך וואו נישט וואו געזען אַ פּויעריש הייזל. אַ ווינט־מיל האָט זיך געדרייט מיט אירע פליגלען אינמיטן די פאַרביקע און זוניקע פעלדער. טאָפּאָלן זענען געשטאַנען ביי די וועגן. אַ פּויעריש בית־הקברות האָט זוניק אַרויסגעלויכטן צווישן ווייסע בעריאָזעס.

עס האָט געשמעקט מיט זון־ליכט, מיט ווינט און מיט ערד.

באַלד זענען מיר אַריינגעקומען אין דער טונקלקייט פון די דלור־טאָווער וועלדער. אַ שמעקנדיקער און אומהיימלעכער בין־השמשות האָט געוויייעט פון די וואַלד־טיפקייטן. די ערד צווישן די בוימער האָט אויסגעקוקט צו זיין אַן אַלטע, און אַן אָנגעכמורעטע און אַ דורכגע־ווייקטע מיט שטילקייט, מיט טונקעלן שאָטן און מיט טריבן זון־ליכט וואָס האָט זיך קוים אַדורכגעקריגן דורך דער צווייגן־געדיכטעניש. אויף די אַלטע־בוימער־שטאַמען האָט וואו נישט וואו געלויכטן אַ זון־פלעק. די בוימער האָבן שטיל גערוישט, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך געשמועסט, און דער דאָזיקער טונקעלער און שמעקנדיקער וואַלד־שמועס האָט זיך געטראָגן איבער די טיפקייטן. פייגל האָט גערופן. די קוקאַווקע האָט געקוקעט אין דער וואַלד־טונקלקייט. דער פויגל פּיקהאָלץ האָט ערגעץ־וואו הויך און הויל געקלאַפּט אין אַ בוים, ווי אַן אומהיימלעכער וואַלד־העקער.

יואל האָט אויפגעהויבן זיין שוואַרצן שיכּורן קאָפּ צו די הויכע וואַלד־בוימער. זיינע נאָז־לעכער האָבן היהש געציטערט ביי די ריחות פון וואַלד־ און וואַלד־ערד וואָס האָבן פייכט און אורוויקסיק גע־שטראָמט פון די שטיל־צערוישטע טונקלקייטן. יואלס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען, ווען ער האָט דערזען וואַלד. פאַר זיינע אויגן זענען שוין די אַלטע בוימער געלעגן אונטערגעהאַקטע און צעשניטענע און דאָס געהילץ האָט געשמייכלט און געלאַכט אין יואלס פאַנטאַזיע. יואל האָט זיך אַזש געריבן די הענט פון גרויס דערהויבנקייט און ער האָט זיך אַ צעלויכטענער געווענדט צום זיידן ברוך אויף דער בריטשקע און געזאָגט, אַז הגם ער האָט זיך שוין אין זיין לעבן גענוג אָנגעגעסן מיט וועלדער נאָר אַזוינס ווי די דלוטאָווער וועלדער, האָט ער נאָך נישט געזען אפילו אין חלום. ס'איז נישט קיין וואַלד, נאָר אַ תהום. און וויפיל געהילץ קאָן אָט דער תהום אַרויסשפּייען, פעלט ממש פּאַפּיר עס אויסצורעכענען.

אַזוי האָט יואל געזאָגט צום זיידן ברוך און אַרויפגעקוקט צו די בוימער. דער פּיקהאָלץ האָט אין די וואַלד־טיפענישן הויך געפּיקט אין די שטאַמען און אונדזער בריטשקע האָט זיך געפּלאָנטערט אין די וואַלד־

געדיכטעניש. די פערד זענען ממש געזונקען אין מאָך און אין פייכטער וואַלד־ערד. די שמעקנדיקע צווייגן האָבן געקלאַפּט איבער אונדזערע קעפּ. דער זיידע ברוך האָט זיך געוואונדערט, וואָס מען זעט נישט דעם וואַלד־וועכטער. דער פעטער לייזער־יוסף האָט געזאָגט: „ס׳זעט זיך אויס, אַז קיינער, אַפילו די גויים, קאָנען זיך נישט גוט אויס אין די טיפ־קייטן פון די דלוטאָווער וועלדער און מיר וועלן פאַרבלאָנדזשען אין אונדזערע אייגענע וועלדער און נישט באַוויזן אַהיימצוקומען ביז דער נאַכט. פּלוצים האָט זיך אינמיטן דעם טונקעלן וואַלד דערהערט אַ שאַל פון אַ האָרן און דאָס שאַרפע בילן פון אַ הונט.

דער שאַל פון האָרן האָט זיך דערנעענטערט. אַ גרויסער גרויער הונט איז אָנגעלאָפן פון די וואַלד־טונקלקייטן. ווי אַ וואָלף האָט ער געבילט אויף אונדזערע פערד. באַלד האָט זיך באַוויזן פון צווישן די בוימער גריינער דער וואַלד־וועכטער. גריינער איז געווען אַן אַלטער הויכער גוי, אַ דאַרער, אַ טונקעלער און אַ הייזעריקער. עס האָט אויסגעקוקט ווי זיין פּנים האָט אויף זיך אָנגענומען די רויע פינסטערקייט פון די וועלדער. די אויגן האָבן זיך ביי אים כּמעט ווי נישט אַרויסגעזען, וואָרום זיי זענען געווען פאַרוואַקסן מיט פעסטע און געדיכטע ברעמען. גריינער איז סיי זומער און סיי ווינטער געגאַנגען אָנגעטאָן אין עפּעס אַ מין פּעלצל ווי עס וואָלט אים תּמיד געווען קאַלט אין די וועלדער. די האָר פונם פּעלצל האָבן גריינערן געגעבן דעם אויסזען פון אַ מענטש־חיה. ווען גריינער האָט פאַר אונדז אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט זיך זיין קאָפּ באַוויזן, ווי אַן אויסגעקראַכענער און אויסגעשפּיצטער טויטנשאַרבן מיט גרויסע ביילן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי הערנער. דער גרויער הונט איז כּסדר געשטאַנען מיט אַן אַרויסגעשטרעקטע צונג נעבן גריינערן, געדרייט מיטן וויידל און געקוקט גריינערן אין די ברעמען אַריין, ווי ער וואָלט זיך געפרעגט, וואָס ער האָט צו טאָן מיט די פרעמדע יידן, וועלכע זענען דאָ אָנגעפאָרן מיט אַ בריטשקע אין די טונקעלע וועלדער. אפשר זיי גאָר צערייסן, די יידן? ווען דער הונט האָט אָבער געזען, ווי גריינער שטייט פאַר די פרעמדע יידן אָן אַ היטל האָט ער זיך אוועק־געלייגט אינם מאָך און איינגעשלאָפן.

גריינער האָט גערעדט מיט זיין הייזעריק־הוילער שטימע און דער־

ציילט דעם יידן ברוך, אַז אין וואַלד איז שטיל און פּויערים גנבהנען וויניק. סיידן אַמאָל אין די גאָר פינסטערע נעכט באַווייזט זיך אַ פּויער, וואָס וויל אונטערהאַקן אַביימל און עס אַוועקטראָגן. די פּויערים דאָ ארום די וועלדער זענען זשעדנע אויף געהילץ. נאָר ער היט די וועלדער, גריינער, האָט ער געזאָגט און אַ מאַך געטון מיט זיין גראָבן שטעקן אויף די אַלטע צערוישטע ביימער ווי אַ פאַסטוך אויף זיינע שאָף. ביי דעם דאָזיקן מאַך מיטן שטעקן האָט גריינערס גרויער הונט אויפגעהויבן זיין מאָרדע און געדרייט מיטן ווידל, גלייך ווי אויך ער, דער הונט, גיט גוט אַכטונג און היט די וועלדער.

— אָן אַ טאַרטאַק וועט איר דאָ נישט אויסקומען, פעטער ברוך, האָט יואל פלוצים אינמיטן דערינען געזאָגט, וויסנדיק דעם יידנס ווידער־ווילן צו טאַרטאַקן. מיט בלויזע העק וועלן דאָ די פּויערים נישט אדורך ביז משיח וועט קומען. ס׳זענען נישט קיין וועלדער וואָס האָבן מורא פאַר העק, האָט יואל געטון אַ מאַך מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט גע־וואָלט צעשאָרן די וועלדער, — און וויפיל האָלץ דאָ איז דאָ? ימים מיט האָלץ, גאַנצע ימים מיט האָלץ.

גריינערס הונט האָט פלוצים אויפגעבילט, דערזעענדיק ווי יואל צע־שפּרייט זיינע הענט. גריינער האָט יואלן אָנגעקוקט מיט זיינע פאַר־כמורעטע ברעמען. יואלס יידישע לשון האָט געוועקט אין גריינערן אַ חשד, אַז אָט־אָ דער שוואַרצער הייזעריקער ייד וויל אים עפּעס דאָ טון מיט די וועלדער...

גריינער איז מיטגעגאַנגען נעבן די פערד און אונדז געוויזן דעם וועג אַרויס פון וואַלד. ער איז צוריק פאַרשוואונדן מיטן הונט אין די וואַלד־טיפענישן. שוין אויף דער בריטשקע האָט דער זיידע ברוך באַ־שלאָסן אויפצושטעלן אין דלוטאָוו אַ טאַרטאַק.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

ר׳ נח בראַם קומט צופאָרן אויף אַ צעקראָכענער ברימשקע. אַלע וואַרטן אויף ר׳ נח בראַם. אַ גערער חסיד צווישן וועלדער. אַ „מענטש״ ביי ר׳ יעקבֿ ענגעלמאַן. בראַנד-פלעקן אויף ר׳ נחס הענט און פּנים. „זאָל מען ברענגען פאַר ר׳ נחן צו וואַשן!״. ר׳ נח עסט ווי אַ פייגעלע. אביגדור גרוימאַן ווייזט ר׳ נחן אַ בלאָע ציצה. ר׳ נחס צינגעלע צעשפּילט זיך אין מעשיות וועגן ר׳ יעקבֿ ענגעלמאַן. ר׳ נחס „גוישע״ משפּחה. ר׳ נח צווישן קי און הינער.

איידער מ׳האָט זיך פאַרנומען צום בויען דעם ערשטן טאַרטאַק אינמיטן פון די דלוטאָווער וועלדער, האָט דער זיידע ברוך אָנגעהויבן אַרומצוזוכן געניטע וואַלד־שרייבער. — ס׳איז נישט קיין קלייניקייט אַ טאַרטאַק — דערצו אין אַזאַ פינצטערן תהום פון וואַלד, ווי אין דלוטאָוו. איידער ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם אמתן געניטן וואַלד־שרייבער, האָט דער זיידע ברוך געלאָזט קומען אביגדור גרוימאַן פון לאַגעווניקי. אביגדור גרוימאַן איז פאָרט פון דער קוטנער משפּחה, אַ וואַרשעווער קאָפּ און האָט זיך אָנגעזען מיט מסחר ביי „מיין האַרשלען״ אין וואַרשע. אביגדור גרוימאַן האָט זיך אין לאַגעווניקי גוט אָנגעקוקט מיט טאַרטאַק, כמעט ווי אַריינגעקראָכן צווישן די זעגן, באַטאַפּט אַלע שרייפלעך, און דערביי מיט זיין האָפערדיקן וואַרשעווער דיאַלעקט גערעדט וועגן זיך ווי וועגן אַ מומחה. אַלע דאָרפס־יידן האָבן פּאַמעלעכל אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אביגדור גרוימאַן איז איבערנאַכט געוואָרן אַ מומחה אויף טאַרטאַקן. פאָרט פון דער קוטנער משפּחה, אַ וואַרשעווער יונגערמאַן, אַ לייבלעכער ברודער פון דעם גרויסן גביר הירשל גרוימאַן און טראָגט בלויע ציצית צווישן אַלע יידן אין לאַגעווניקי. אויף וואַרשע קאָן מען אַלץ גלויבן — אין דעם איז סימכע גייגע זיכער געווען ווי דער טאָג. שפּיל זיך מיט וואַרשע! אויך דער זיידע ברוך, וואָס איז אַליין נישט געווען קיין גרויסער מאַדים אויף טאַרטאַקן, האָט איינציקווייז אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אפשר קאָן אַ וואַרשעווער חסידיש קעפּל תופס זיין אין מאַשינען דאָס, וואָס עס דאַרף ביי פּראָסטע

דאָרפישע יידן נעמען גאַנצע יאָרן. פּאָרט אַ גמרא־קעפּל, אביגדור גרוימאַן, און אַ שאַרפער ראַדזינער חסיד. אַזוי אָרום איז אביגדור מיט זיין ווייב דאַבעלע און מיט דעם היפּשן רעשטל פון זיינע קינדערלעך אָנגעקומען אַלס וואַלד־שרייבער אין די דלוטאָווער וועלדער. דאַבעלע האָט באַלד געמוזט פאָרן קיין קוטנע צו דער מומע שרהל, מחמת דאַבעלע האָט זיך פונדאַסניי — ווי אַלע יאָר — געריכט אין קימפּעט אַריין. אויף קימפּעט האָט זיך דאַבעלע נוהג געווען צו פאָרן קיין קוטנע. ר׳ יהושיעלע קוטנערס אייניקל וועט נישט געלעגן ווערן אין די וויסטע וועלדער.

מיטאַמאָל האָט זיך פאָרן דלוטאָווער „הויף״ באַוויזן אַן אַלטע צעקראַכענע בריטשקע איינגעשפּאַנט אין אַ קליין מאָגער יידיש פערדל. דאָס פערדל איז אָנגעפאָרן אַ טאַנצנדיקס און עס איז מיט יידישער הכנעה געבליבן שטיין אינמיטן דעם פּריצישן דלוטאָווער סאָד. פון דער בריטשקע האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אַ נידעריק געפּאַקט יידל, אָנגעטון אין אַ הויכן חסידישן קאַשקעט. דאָס קעפּל האָט דאָס יידל עפּעס ווי מיט אַ געמאַכטער חסידישער הכנעה געהאַלטן אין דער זייט אויף דעם אופן, ווי עס פּלעגן עס טון די שיינע יידן ביי גערער חסידים. פון דעם פרעמדן ייד האָט עס ממש אַראָפּגעשריגן, אַז ער איז אַ גערער חסיד. ווען ער איז שוין געהאַט אַראָפּגעקראָכן פון דער בריטשקע, האָט ער זיך גוט אויסגעהוסט, בנעימותדיק זיך אָנגענומען פאַרן בערדל און אָנגעהויבן צוצוגיין צו די טרעפּלעך פון דעם פּריצישן פּאַלאַץ.

דער ייד האָט נישט באַדאַרפט לאַנג גיין. די גרויסע הילצערנע טיר צום גאַניק האָט זיך אויפגעפּראַלט און דער זיידע ברוך איז דעם פרעמדן ייד אַקעגנגעלאָפן מיט אַן איבעררראַשטער אומגעדולדיקייט און אים אַקעגנגעטראָגן די הענט צום שלום עליכם.

— שלום עליכם, ר׳ נח בראָם!

דער פרעמדער ייד האָט מיט נאָך אַ גרעסערער חסידישער באַשיידנקייט פאַרבויגן דאָס קעפּל אין דער זייט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, גלייך ווי דער הויכער חסידישער קאַשקעט לאָזט זיך דעם פרעמדן ייד אַוועק אויף די פּלייצעס. דער ייד האָט זיך פונדאַסניי פונאַנדערגעהוסט און דאַן זיך פאַמעלעכל אויסגעשמייכלט צום זיידן ברוך.

אז דער באוואוסטער וואלד־שרייבער ר׳ נח בראם באדארף אָנ־קומען קיין דלוטאָוו, האָבן מיר אַלע געוואוסט. דער זיידע ברוך האָט אים אויסגעקוקט מיט אומגעדולד. ס׳ערשטע מאָל זינט ער איז וואלד־סוחר האָט דער זיידע ברוך נישט גענומען קיין „מענטשן״ פון זיינע פראָסטע יידן, נייערט ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו די „מענטשן״ פון ר׳ יעקב ענגעלמאַנס וועלדער, „מענטשן״ וואָס האָבן געשמעקט מיט חסידות, מיט שאַרפע פּלפּולדיקע קעפּלעך, מיט וואלד און מיט טאַרטאַק. איינער פון זיי איז געווען דער באַקאַנטער ר׳ נח בראָם. זיין נאָמען האָט געקלונגען אין די פּוילישע וועלדער. דער זיידע ברוך האָט אַפילו מורא געהאַט אַריינצולאָזן אין זיינע וועלדער אַזעלכע שאַרפע יידן, וואָס רעדן מיט שטילע און דינע קולכלעך, מישן אַריין אין זייער רעדן אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטער און טראָגן שבת שטריימ־לעך אינמיטן פון די וועלדער. קוים אָבער שטעלט מען אין דלוטאָוו אַ טאַרטאַק — מוז מען אָנקומען צו ר׳ יעקב ענגעלמאַנס „מענטשן״. גראָד האָט ר׳ יעקב ענגעלמאַן געהאַט אויסגעהאַקט אַ וואלד און איינער פון זיינע באַרימטסטע „מענטשן״, טאַקע דער נעמלעכער ר׳ נח בראָם, איז געוואָרן פריי, און דער זיידע ברוך האָט אים געוואָלט „אויסכאַפּן״. איידער ר׳ נח בראָם האָט זיך באַוויזן אין דלוטאָוו אויף זיין צעקראָכענער בריטשקע, איז דער זיידע ברוך אַלץ געווען אומרואיק. ווער ווייסט צי אַן אַנדערער וואלד־סוחר האָט דערווייל נישט געלייגט אַ האַנט אויפן באַרימטן נח בראָם. וואלד־סוחרים זע־נען פּיפּיקע יידן, פּיפּיקער ווי דער זיידע ברוך, וואָס האָט כּל ימיו פאַרבראַכט צווישן פּראָסטע יידן און צווישן פּויערים — אַ קשיא אויף אַ מעשה.

איצטער האָבן מיר אַלע אָנגעקוקט דעם באַרימטן ר׳ נח בראָם. ענדלעך איז ער געקומען. דאָס קליינע געפּאַקטע יידל, וואָס האָלט כּסדר דאָס קעפּל אין דער זייט — ער זאָל דאָס זיין דער דאָזיקער, וואָס אַלע וואלד־סוחרים אין פּוילן רייסן זיך איבער אים. וואָרעם — נישט קיין קלייניקייט! — ר׳ נח בראָם איז געווען פון די מקורבים פון ר׳ יעקב ענגעלמאַן, און ר׳ יעקב אַליין, דער ליב פון די יידישע וואלד־סוחרים אין פּוילן, האָט אים, ר׳ נחן, געהאַלטן פאַר אַ ווילדן מבין אויף

וועלדער און אויף טאַרטאַקן. ער האָט טאַקע אויסגעזען צו זיין אַן אויסטערלישער ייד, ר׳ נח בראַם. ווען ער איז נעענטער צוגעקומען האָב איך ערשט באַמערקט, אַז ער האָט אויפן פּנים דריי גרויסע בראַנד־פּלעקן, איינעם אויפן נידעריקן שטערן, און צוויי אויף די באַקן האַרט נעבן דער נאָז. ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געענטפערט אויפן זיידן ברוכס שלום עליכם, איז אויך די האַנט זיינע פול געווען מיט בלוט־רויטע בראַנד־פּלעקן. עס האָט טאַקע פון דעם דאָזיקן קליי־נעם, אָבער באַרימטן ייד געשמעקט מיט וואַלד־שרייבעריי, מיט ר׳ יעקב ענגעלמאַן, און מיט גערער חסידות.

הגם ר׳ נח בראַם האָט זיך געהאַלטן גאַנץ קאַלט און צוריקגעהאַלטן, האָט דער זיידע ברוך נישט אויפגעהערט אַרויסצואווייזן זיין אָפענע פרייד, וואָס ענדלעך איז אים געראָטן צו באַקומען ר׳ נח בראַמען. עס האָט אויסגעקוקט אַז דאָס צעקראָכענע בריטשקעלע מיטן פריילעכן יידישן פערדל מעגן שוין אוועקפאָרן פון דלוטאָווער סאַד, ר׳ נח בראַם בלייבט שוין אַן אונזעריקער! קודם־כל האָט דער זיידע ברוך אַ גע־שריי געטון צו דער באָבע חיה, אַז ר׳ נח בראַם איז הונגעריק. הגם ר׳ נח בראַם האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע סימנים פון הונגער. מיט גרוים איילעניש האָט די באָבע חיה מיט עטלעכע שיקסעס געטון אַ גרייט צום טיש, ווי זיי וואָלטן געציטערט, אַז ר׳ נח בראַם זאָל נישט דערווייל אוועקפליען. דער טיש איז פול געוואָרן מיט די דלוטאָווער מילכיקע מעדנים. אָבער ר׳ נח בראַם האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע התפעלות, רק ער איז געשטאַנען מיטן פאַרבויגענעם קעפּל אין מיטן שטוב און קאַלט געשמייכלט צום זיידן ברוך. דער זיידע ברוך האָט אַ געשריי געטון: זאָל מען ברענגען פאַר ר׳ נחן צו וואַשן. אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן אַ שיקסע מיט אַ שיסל, אַ שעפּ וואַסער און אַ קלאָר ווייס האַנטעך. ערשט איצט האָט ר׳ נח בראַם פּאַמעלעך אויפגעשאַרצט די לאַנגע אַרבל פון זיין קאַפּאָטע. אויף זיינע דאַרע אַנטבלויזטע הענט האָבן זיך ווידער באַוויזן בלוט־רויטע בראַנד־פּלעקן. ר׳ נח האָט זיך גענומען צו וואַשן. מיר האָבן אַלע געקוקט אויף דעם באַרימטן אויסטערלישן ייד, וואָס יעדעס פּיצל גוף, וואָס דעקט זיך פון אים אויף, איז פול מיט בראַנד־פּלעקן. ר׳ נח האָט זיך פּאַמעלעכל גע־

וואשן, אויפגעהויבן די באַפלעקטע הענט און מיט חסידישער פרומקייט געזאָגט „שאו ידיכם", דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום געדעקטן טיש, גע־זאָגט הויך „המוציא". אומווילקערלעך האָבן מיר אַלע געמוזט ענט־פערן „אָמן". דאַן האָט זיך ר' נח גענומען עסן. ער האָט זיך קוים צוגערירט צו די דליקאַטעסער מעדנים, וואָס די באָבע חיה האָט פאַר אים אויסגעשטעלט. ר' נח האָט געגעסן אויסטערליש ווייניק. ער האָט געגעסן ווי אַ פייגעלע.

דער זיידע ברוך האָט געברענט פון אומגעדולד שוין אָנהייבן צו רעדן מיט ר' נחן מכּח וועלדער און טאַרטאַקן. נאָר די געוואַלדיקע רואיקייט, וועלכע האָט ממש ווי אַרויסגעשטראַמט פון דעם דאָזיקן קליינעם יידל, וואָס האָט בנעימותדיק און פּאַמעלעכל קוים עפּעס אָפּ־געצופּט פון די מאכלים און זיי מיט באַפלעקטע פינגער אַריינגעלייגט צווישן די וואָנצעס, האָט כּמעט ווי אַלעמען געהעמט. אַלע האָבן שווייגנדיק געקוקט ווי ר' נח עסט. ביי דער טיר האָט זיך באַוויזן דער פעטער ליזער־יוסף. ער האָט אויך געוואָלט אַ קוק־טאָן אויפן באַ־רימטן וואַלד־שרייבער, וועלכן דער זיידע ברוך האָט אויפגעכאַפּט פון ר' יעקב ענגעלמאַנס וועלדער. עס איז אויך מיט וואַרשעווער האָ־פערדיקייט אָנגעקומען אביגדור גרוימאַן. ער האָט זיך ברייט פונאַנ־דערגעקנעפּלט דאָס זומערדיקע כּאַלאַטל, כּדי ר' נח בראַם זאָל זען די בלויע ציצית, וואָס באַמבלען זיך אים שקאָציש אויפן גרויסן טערקישן טלית קטן. אביגדור האָט געוואוסט, אַז ווען מען ווייזט אַ גערער חסיד אַ בלויע ציצה, איז עס פונקט ווי מען ווייזט אַ שד ווייוערעך. אַ גערער חסיד ווערט אויפגעציטערט ווען ער דערזעט ראַדזין, דעם איי־ביקן און געשוואוירענעם שונא פון גער. דערזעענדיק די בלויע ציצה האָט ר' נח בראַם ביטולדיק אַ פינטל געטון מיטן אויג, מיטאַמאָל געוואַשן זיך די הענט מיט מים־אחרונים און פאַרנומען זיך צום בענטשן.

ר' נח בראַם האָט געבענטשט הויך און ווי געציילט יעדעס וואָרט. דער זיידע ברוך האָט געברענט אָנצוהויבן דעם שמועס, נאָר ר' נח האָט זיך נישט געאיילט. דער ייד האָט געהאַט צייט.

ערשט ווען ר' נח האָט אָפּגעבענטשט און מיט די פאַרפלעקטע

פינגער אָפּגעשאָקלט די קרישעלעך אויף זיין באָרד, האָבן מיר זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום ר׳ נחן. ביי דעם דאָזיקן רואיקן און געלאַסע־נעם יידן האָט זיך מיט אַ ווילדער שפּע אָנגעהויבן פונאַנדערבינדן די צונג.

ווען די גרויסע קאַרפּן־קעפּ צווישן די יידישע וואַלד־סוחרים אין פּוילן, האָט ער גערעדט ווי ווען זיינס גלייכן, און ער האָט דערציילט מעשיות און וואונדער פון ר׳ יעקב ענגעלמאַנס חריפות, פון זיינע וועלדער און פון די גרויסע, לאַנגע און פאַרפּלאָנטערטע לאָדעניש, וואָס ר׳ יעקב האָט געפירט מיט די פּוילישע מאַגנאַטן. ר׳ נח האָט גערעדט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געווען אַ צווייטע האַנט ביי ר׳ יעקב ענגעלמאַן און איז אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן אין ר׳ יעקבס וועלדער און מסחרים. ר׳ יעקב האָט געהאַט וועלדער איבער גאַנץ קרוין־פּוילן. פון יעדן וואַלד פון וועלכן ר׳ נח האָט דערציילט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט דאָרט געוואוינט ביי אַ צוואַנציק יאָר, ד״ה פונעם קויף, ביז ס׳איז געפאַלן דער לעצטער בוים און צעשניטן געוואָרן אויפן טאַרטאַק. כ׳ווייס נישט פון וואַנען צו ר׳ נחן האָבן זיך גענומען אַזוי פיל יאָרן. נאָר ר׳ נח האָט עס דערציילט מיט אַזוי פיל חסידישער הכנעה און מיט אַזוי פיל זעלבסטזיכערקייט, אַז מיר זענען אַלע טיף געווען איבער־צייגט: ביי דעם דאָזיקן ייד איז אַלץ מעגלעך. דאַן האָט ר׳ נח אָנ־געהויבן צו גלאַנצן מיט זיינע ווילדע בקיאותן אין טאַרטאַקן. דאַ האָט ער ווידער דערציילט מעשיות פון ר׳ יעקב ענגעלמאַן. ר׳ נחס צונג האָט זיך ממש צעשפּילט ווי אַ פידעלע און מיר האָבן פּשוט נישט געפילט, ווען די צייט גייט אַוועק בעת ר׳ נח בראַם האָט גערעדט. ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס איז ער, דער גרויסער וואַלד־שרייבער. אַלע זענען געבליבן שטיל און געקוקט אויף אים. אפילו אביגדור גרוימאַן איז געוואָרן עפּעס ווי באַשיידענער און די בלויע ציצית האָבן מער נישט אַזוי חוצפּהדיק אַפּערגעקוקט פון אונטער זיין כאַלאַט. דער פעטער לייזער־יוסף האָט באַקומען פייכטע אויגן, ווי תמיד בעת ער האָט געהערט וואונדערלעכע מעשיות. דער זיידע ברוך איז אויך פאַרבליבן שטיל און האָט אויף ר׳ נח בראַמען גע־קוקט, ווי אויף אַן אבן טוב. וואָס איז דאָ צו רעדן? אַזוינס און

אזעלכעס האָט דער זיידע ברוך נאָך נישט געהאַט אין זיינע וועל־
דער.
קיין דלוטאָוו האָט אריינגעוויעט א שטיק פון ר׳ יעקב ענגעלמאַן.

ווען ר׳ נח בראַם איז אוועקגעפאָרן אויפן צעקראַכענעם בריטש־
קעלע, האָט דער זיידע ברוך אים נאָכגעשריגן, אַז ער זאָל למען־השם
געדענקען צו קומען. ר׳ נח בראַם האָט געלאָזן צוריקגעשאָקלט מיטן
קאָפּ און פאַמעלעך פארשוואונדן מיטן בריטשקעלע אינעם שטויב פון
דעם דלוטאָווער שאָסיי. מ׳האָט דערוויל אויף אין־דער־געשווינד אויס־
גערוימט דאָס פּויערישע הייזל, אין וועלכן ר׳ נח באַדאַרף וואוינען
מיט זיין משפחה, אויספאַרריכט דאָרט דעם אויוון, און אויפגעבויט א
שטעלעכל. ר׳ נח וועט דאָך באַדאַרפן האָבן אַן אָרט אויף א קו און
אויף עופות. דער טאָג, ווען ר׳ נח איז געקומען מיט זיין משפחה זיך
צו באַזעצן אין דלוטאָוו און צו ווערן א שרייבער אין די דלוטאָוווער
וועלדער, איז פאַר אונדז אַלעמען געווען א גרויסע איבערראַשונג. ר׳
נח איז געקומען אָנצופאָרן מיט א גרויסער פּויערישער פור, וועלכע איז
געווען אויסגעבעט מיט שטרוי און מיט היי. ר׳ נח איז, ווי זיין
שטייגער, געזעסן א רואיקער, אין א ברייטן חסידישן קאַשקעט און
דאָס קעפּל פאַרבויגן אין א זייט. אויפן ערשטן קוק האָט זיך אויס־
געדוכט, אַז ר׳ נח בראַם זיצט נעבן א בלאָנדער גויע און ער איז
ארומגערינגלט מיט שיקסעס און שקצים אין לאַנגע חסידישע קאַפּאָ־
טעס. ר׳ נחס משפחה האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן אָנבליק פון
יידן. ר׳ נחס ווייב האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי א בלאָנדע געזונטע
פּויערטע, מיט א גוישער אויפגעשאַרצטער נאָז, א געזונט ברוין פּנים,
און דער קאָפּ ארומגעבונדן מיט א פּויערישער פאַטשיילע, פון וועלכער
עס האָבן ארויסגעקוקט הארטע בלאָנדע האָר. ערשט שפּעטער האָבן
מיר געזען, אַז ר׳ נחס ווייב טראָגט א בלאָנד יידיש שייטל. די טעכטער
און די זין זענען פולשטענדיק ענלעך געווען צו דער געזונטער פּויערישער
מוטער. הויכע, פולע, ברוסטיקע, מיט פּוילישע אויפגעשאַרצטע נעז
און מיט בלאָנדע האָר ווי פלאַקס. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן

יידיש, האָט עס אויסגעזען אויסטערליש. דאָס יידישע לשון האָט זיך גאָרנישט צוגעפּאַסט צו זייערע גוישע פיזיאָנאָמיעס. ר׳ נחם הויז־געזינט איז אַראָפּ פון דער פויערישער פור און זיי האָבן קיין מי־נוט נישט געוואַרט און זיך באַלד מיט גוישן טעמפּעראַמענט גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון דעם שטרוי און פונם היי גאַנצע אוצרות מיט דאָרפישער באַלעבאַטישקייט: קאַ־נען, שיסלען, פוטער־פעסלעך, מעלק־שעפּלעך און פעסער מיט קרויט. דאַן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט גרויסע זעק מיט קאַרטאָפל און שטייגן מיט לעבעדיקע עופות. אינעם היי פון ר׳ נחם פויערישער פור זענען געלעגן גאַנצע מאַיאָנטקעס. ר׳ נח איז מיט חסידישער הכנעה גע־שטאַנען אין דער זייט, און זיין „גוייש" הויז־געזינט האָט געאַרבעט מיט פולער גויישער פּאַרע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס הייזל, וואו ר׳ נח האָט געוואוינט, איז געווען אויסגעשיט מיט זאַמד, די פויערישע פענצטער פאַרשטעלט מיט פּוילישע בלומען־טעפּ. אויף די בוימער האָט זיך געטריקנט וועש. ר׳ נחם געזונטע און בלאָנדע טעכטער האָבן זיך צע־לאָזט איבערן וואַלד אויף צו קלייבן שוואָמען. זיי האָבן אַהיים גע־בראַנגט גאַנצע קוישן מיט שוואָמען. פאַר ר׳ נחם טיר האָבן גע־קאָלדערט גענדז און געשריגן הינער. אינעם שטעלעכל זענען געשטאַ־נען צוויי רויטע, געזונטע קי, און אין די אָוונטן האָט זיך ר׳ נחם ווייב מיט אירע טעכטער אָוועקגעזעצט מיט מעלק־שעפּלעך אונטער די אייטערס און די מילך האָט שפּעדיק אַרויסגעשפּריצט פון די קיעשע ציצן. די בלאָנדע זין האָבן געהאַקט האָלץ, געטריבן די קי אין פעלד אַריין. קודם כל האָט זיך ר׳ נחם ווייב מיט די טעכטער פאַרנומען גוט אויסצוהייצן דעם באַק־אויוון און אָפּצובאַקן פרישע היימיש פּויע־ריש ברויט. ר׳ נח האָט צווישן זיין הויז־געזינט אויסגעזען, ווי אַ ייד צווישן גויים. און ווען די משפחה האָט הויך צווישן זיך געשמועסט אויף יידיש, איז עס אויסגעקומען זייער חידושדיק, ווי גוים וואָלטן גערעדט יידיש.

אַזוי האָבן זיך די טונקעלע דלוטאָוועד וועלדער דערוואַרט אויף דעם באַרימטן וואַלד־שרייבער ר׳ נח בראַם און אויף זיין משפחה.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

געסט פון קוטנע. יידישקייט. דער זיידע ר׳ משהל מיטן רבנישן שטעקן גייט קוקן צי אַלצדינג איז בתכלית הכשרות. פּסל ומסכה צווישן יידן ? מע האַקט אָפּ די נעזער ביי די פּוילישע מלכים. דער פעטער לייזער יוסף צעוויינט זיך אין דער זוניקער סאַליע.

ווען ס׳איז געוואָרן אַ ביסל שפּעטלעך אין זומער, האָבן מיר זיך געריכט אויף געסט. פון קוטנע האָט געזאָלט אָנקומען קיין דלוטאָוו דער זיידע ר׳ משהל און די באָבע לאה מיט זייערע קינדער. דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך צופריער דורך אַ בריוו אָנגעפרעגט ביים זיידן ברוך צי ער איז שוין פּטור געוואָרן פון די טמא־חזירים, וועלכע דער ערל קאַמאַצקי האָט איבערגעלאָזט, און אַז ער זאָל למען השם געדענקען אויפצובויען ביים „הויף" אַ מקווה פאַר די נשים, און ביי יעדער טיר פון קאַמאַצקים פּאַלאַץ אָנקלאַפּן אַ מזוזה. אחוץ דעם האָט ער אים צוגעשריבן נאָך עטלעכע עצות וועגן יידישקייט אין דלוטאָוו. ערשט נאָכדעם, ווי דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך פאַרזיכערט, אַז אַלצדינג איז אין אָרדענונג, און אַז אַ מקווה וועט אויסגעבויט ווערן ביים נייעם טאַרטאַק, און וועגן דעם זאָרגן זיך שוין סיי אביגדור גרוימאַן, סיי דער באַרימטער ר׳ נח בראַם, דאַן ערשט האָט דער זיידע ר׳ משהל געשריבן, אַז בכי טוב וועט ער קומען.

די קוטנער געסט זענען געקומען מיט דער אַלטער דלוטאָווער קאַטש, וואָס דער זיידע ברוך האָט לכבוד זיי אַקעגנגעשיקט צו דער באַן. די באָבע לאה האָט זיך צעקושט מיט מיין מוטער און מיט דער באָבע חיה, און די באָבע חיה האָט אָנגעהויבן צו וויינען פון פרומער שמחה און אויסגעשפּיגן ניין מאָל אויף דער ערד קעגן אַן עין־הרע. די מומע איטקע איז אויך מיטגעקומען, זי האָט זיך געהאַלטן אַ שווייגנדיקע און אַן איינגעהאַלטענע און געבראַכט אַ מתנה פאַר מיין פאָטער עטלעכע

נומערן פון דער „הצפירה״. מיין פעטער יאָסל האָב איך באַלד געוויזן דעם טויבנשלאַק מיט די טויבן. די דריי פריצישע הינט זענען געקומען צו לויפן לכבוד די פרעמדע געסט. דערזעענדיק א רב, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעבילט, נאָר זיי האָבן באַלד אויפגעהערט צו בילן, וואָרעם דער פעטער לייזער־יוסף האָט זיך אויף זיי צעשריגן. די הינט האָבן אָנגעהויבן צו דרייען מיט די וויידלען צוליב זייער טעות.

ווען דער זיידע ר׳ משהל איז נאָר געהאַט אראָפּגעגאַנגען פון דער קאָטש און אָפּגענומען שלום עליכם ביי די יידן, וואָס האָבן אים אָפּגע־ווארט, האָט ער קודם־כל נאָך אַמאָל געפרעגט דעם זיידן ברוך וועגן די חזירים און וועגן דער מקווה. עס זעט זיך אויס, ווי ער וואָלט זיך אַלץ נישט געקאָנט בארואיקן. איידער ער האָט זיך אויסגעטאָן די רבנישע בעקעשע, האָט ער — אין סויבעלנעם היטל, אין זיידענעם רבנישן כאַלאַט און מיטן גרויסן רבנישן שטעקן אין דער האַנט, — אָנגעהויבן ארומצוגיין איבער די פילע חדרים אין פריצישן „הויף״ און נאָכצוקוקן די טירן אויב אומעטום הענגען כשרע מזוזות. אַלע יידן, מיטן זיידן ברוך, מיט ר׳ נח בראַם און אביגדור גרוימאַן בראש, זענען אים נאָכגעגאַנגען. די באָבע חיה איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט אויסגעוויינטע אויגן פון נחת, וואָס ווידער באַווייזן זיך צדיקים אונטערן באַלקן פון איר הויז. דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך רחבות־דיק אָנגעלענט אויף זיין שטעקן. ער איז געווען צופרידן. אַלצדינג איז געווען בתכלית הכשרות.

אריינקומענדיק אין דער גרויסער סאַליע, איז ער געבליבן שטיין א צעטומלטער, ער איז בלאַס געוואָרן. פון די הויכע פענצטער האָט אריינגעשיינט די זומערדיקע זון און די סאַליע איז פול געווען מיט ליכטיקייט.

דער זיידע ר׳ משהל האָט מיט שטרענגער פרומקייט אויפגעהויבן דעם רבנישן שטעקן און אַלעמען געוויזן אויף די סטאַטועס פון די פוילישע מלכים, וואָס זענען געשטאַנען אין דער זומערדיקער ליכטיקייט פון די ווענט.

— פסל ומסכה! — האָט דער זיידע ר׳ משהל א לומדישן געשריי געטון צו אביגדור גרוימאַן און צו ר׳ נח בראַם, ווי צו די איינציקע יידן

צווישן די באַגלייטנדיקע, וואָס פאַרשטייען זיך אויף גמרא און קליינע אותיות, — פסל ומסכה צווישן יידן ?

דער זיידע ר' משהל האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבן דעם רבנישן שטעקן.

ר' נח בראַם און אביגדור גרוימאַן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען. פון גרוים שרעק האָט די באָבע חיה אויפ־געהערט צו וויינען.

באַלד אויפן אָרט האָט דער זיידע ר' משהל אַרויסגעגעבן דעם פסק, אַז מע דאַרף די סטאַטועס אָפּצוהאַקן די נעז, כּדי זיי זאָלן מעגן בלייבן שטיין, און באַלד איז ער, ווי אַ שטרענגער שופט נאָכן פּסק, אַרויס פון דער ליכטיקער סאַליע. אויסצופירן דעם פסק, האָט מען איי־בערגעגעבן צו לייבושלען דעם יתום. לייבושל איז אַריינגעגאַנגען מיט אַ העקל אין דער סאַליע און איינס ביי איינס, האָט ער יעדן איינעם פון די געקרוינטע מלכים אָפּגעהאַקט די נאָז. אַ דערשוויצטער איז דער יתום לייבושל צוריק אַריינגעקומען צום אומגעדולדיקן זיידע ר' משהל, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן אין דער זיידענער בעקעשע, מיטן שטעקן אין דער האַנט, און געוואַרט, אַז עס זאָל זיין אין גאַנצן כּשר אין אַ יידישער שטוב. ערשט ווען ער האָט געהערט, אַז לייבושל האָט שוין אַלצדינג געמאַכט, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם שטעקן.

דער פעטער לייזער־יוסף האָט זיך בסוד אַריינגעגנבעט אין דער סאַליע. דורך די הויכע פענצטער האָט אַריינגעשיינט די זומערדיקע זון. דער פעטער לייזער־יוסף האָט אַ קוק געטון אויף די צעקאַליעטשעטע פּנימער פון די אַלטע קיניגן. ער האָט זיך שטיל צעוויינט.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

אַ שולעכל אין דלוטאָווער הויף. דער זיידע ברוך האָט האַלט צו ברענגען פראָסטע יידן אין זיינע וועלדער אַריין. דער פעטער משה לייב מיט דער רויטער אַשמדאי-באָרד. פון וואַנען נעמט זיך די מאַנס-פאַרשויִנישע גבורה צו האָבן אַזוי פיל רויטע זין און צו האָבן באַגראָבן אַזוי פיל ווייבער? דוד אַנטלויפט צוריק צו דער ווייסל. צלאל. צלאל אין די באָבזשיקאָווער שטאַלן און אין די פלוימען-סעדער ביי דער ווייסל. דעם פעטער משה לייבס רויטע בנים און צלאל. דער פעטער משה לייב שלאָגט צלאלן מיט אַ פאַסעק און צלאל גיט אים אַ קוש אין דער האַנט אַריין. דער זיידע ברוך ברענגט צלאלן קיין דלוטאָוו. צלאל צווישן גויים און צווישן יידן. צלאל קושט די ספר-תורה. די שיקסע אנעצקא. עלטער און פרומקייט. אנעצקא קאָן נישט קוקן ווי בעלי-חיים פאָרן זיך. אנעצקא וואַרפט אַן אויג אויף צלאלן. געקריוודעטער עראָס. מילך מיט קליסקעלעך. מוטער- און פרויען-ליבע. צלאל באַקומט מורא פאַר אנעצקאן. צלאל פאַרשווינדט פון דלוטאָוו. צלאל שמדט זיך. צלאל טראָגט אַ שוואַרצן צלם אין שפּיץ פון דער גוישער פּראָצעסיע קיין טשענסטאָכאָוו און אנעצקא בלעקעצט צוזאַמען מיט די גויעם.

אין אַן אָפּגעלעגן חדר אין דלוטאָווער „הויף" האָט מען געמאַכט אַ קליין שולעכל. מ'האָט אַוועקגעשטעלט אַן אָרון־קודש מיט אַ רויט פּרוכתל, אַן עמוד און אַ טיש אַלס „שולחן". שבת אין דער פרי זענען געקומען דאַווענען די נייע וואַלד־שרייבערס, וואָס דער זיידע ברוך האָט אַהער געבּרענגט, ווי אויך די אַלטע דלוטאָווער תושבים, די שניי־דערוקעס ר' הירשקע און ר' שימקע און דער שתקן ר' מאָשקע. זיי זענען געקומען אין זייערע גראָבע פּויערישע שטיוואַלעס, אָנגעטון אין די אַלטע איינגעפּעטסטע טליתים אונטער די קאַפּאָטעס. ר' מאָשקען האָט אַ שייגעצל נאָכגעטראָגן דעם גרויסן קרבּן־מנחה־סידור. די ערשטע שבּתים זענען זיי נישט־דרייסטע אַריינגעקומען אין קאַמאָצקים „הויף". זיי זענען אַריינגעקומען דורך דער קיך, מיט גרויס דרך ארץ געטראָטן אויף די פּריצישע דילן, און ווען נישט דער הייליקער שבּת

און די ריחות פון די טליתים, וואָס זיי האָבן געטראָגן אונטער די קאַפּאָטעס, וואָלטן זיי זיכער אינסטינקטיוו געפּרואווט אויסטון די היטלען. אין שולעכל האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר. זיי האָבן זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף די נייע בריטלעכע און האָפערדיקע יידן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין דלוטאָוו. זייערע דאָרפישע פּנימער האָבן זיך צעלויכטן פון מתיקות פון שבתדיקן דאַווענען. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אין דלוטאָוו מניין האָבן מיר געהאַט דריי אויסגעפּרואווטע בעלי־תפילות. קודם־כל דער פעטער לייזער־יוסף, וואָס דער עמוד האָט אים צו זיך געצויגן, ווי אַ מאַגנעט. צווייטנס האָט אביגדור גרוימאַן געהאַט אַ קלינגעדיק וואַרשעווער קולכל, האָט געקענט זאָגן שבתדיקן שטייגער, און זיין ווייב דאָבעלע איז געווען שטאָלץ אויף אביגדורס חזנות. סך־הכל האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אביגדור פלעגט זינגען טיש־זמירות ביים ראַדזינער רבין. אפילו ר׳ נח בראַם האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ היפּשן בעל־תפילה, הגם ער האָט אויפן חסידישן שטייגער געשלונגען ווערטער און געזונגען ביים דלוטאָוועור עמוד פּאַנפּאָוואַטע גערער ניגונים.

איידער איך וועל ווייטער דערציילן מיינע דלוטאָוועור זכרונות, וויל איך נאָך דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטן און אייגנאַרטיקן פּאַרשוין, וועלכן דער זיידע ברוך האָט געבראַנגט קיין דלוטאָוו און וועלכער האָט זיך פאַר אַלע דלוטאָוועור יידן אויסגעלאָזט מיט אַ טראַגישער אַנטוישונג.

דער זיידע ברוך האָט געהאַט אַ טבע צו ברענגען פאַרשידענע פּראָסטע יידן אין זיינע וועלדער אַריין. ער האָט עס זיכער נישט געטון פון קיין שום געזעלשאַפטלעכער נויגונג. אָבער אין זיין אינסטינקט בסדר צו עקספּערימענטירן, האָט ער אויך די דאָזיקע עקספּערימענטן אויסגעשפּרייט אויף זיינע פּראָסטע יידן. ער האָט גענומען פּראָסטע יידן פאַר וואַלד־שומרים און זיי אַוועקגעזעצט אין מיטן די איינזאַמע טיפעניש פון די דלוטאָוועור וועלדער. די יידן האָבן אָנגעטון ביקסן, זיך פאַרשאַפט הינט, און אַרומגעגאַנגען אין די וועלדער. אין די פינצטערע נעכט זענען זיי מיט זייערע הינט געלעגן אונטער די אַלטע צעוווישטע ביימער און געהיטן פון פויערישע גנבים. מחמת אין די

פינצטערע נעכט פלעגן פויערים פון די שכנותדיקע דערפער קומען אין זיידנס וועלדער אריין גנבהנען געהילץ. די דאָזיקע יידן פלעגט דער זיידע ס'רוב ברענגען פון די ווייסל־ברעגעס. ביי די ווייסל־ברעגעס האָט דער זיידע ברוך געהאַט א וואלד מיטן נאָמען באָבזשיקאָוו. דער וואלד־שרייבער דאָרט איז געווען דער פעטער משה־לייב, אזוי צו זאָגן די באָבע חיהס א שוואָגער. איך זאָג „אזוי צו זאָגן", וואָרעם דעם פעטער משה־לייבס ווייב, די באָבע חיהס שוועסטער איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם־האמת, און דער פעטער משה־לייב האָט נאָך איר געהאַט באַגראָבן היפשע עטלעכע ווייבער. מחמת דער פעטער משה־לייב האָט נישט געהאַט קיין געוואַלטיקן זכרון געדענקט ער שוין נישט זייערע נעמען. אַלע ווייבער האָבן אים איבערגעלאָזט רויטע זין. פאַרוואָס עפּעס רויטע זין? סך־הכל איז דער פעטער משה־לייב געווען א קליי־נער, א דאַרער, מיט א פליכעוואַטן קאָפּ אָן א סימן, אז דאָרט איז אפילו ווען עס איז געווען א האָר. דערפאַר האָט דער פעטער משה־לייב געהאַט אַן אומהיימלעך לאַנגע רויטע באָרד, א לעגענדאַרישע אשמדאַי־באָרד, וואָס האָט ממש געבערנט פון רויטקייט און זי האָט אים דערגרייכט כמעט ביז צו די פיס. ווייבער האָבן געזאָגט, אז דעם פעטער משה־לייבס מאַנספאַרשווינישע גבורה נעמט זיך נאָר — סיידן פון דער דאָ־זיקער געוואַלטיקער רויטער באָרד, — וואָרעם ווי קומט צו אזא דראָב־נעם ייד דער כוח צו באַגראָבן אזוי פיל ווייבער און צו האָבן אזוי פיל גברישע זין און אַלע רויטע ווי די גוים? אַלץ דעם פעטער משה־לייבס באָרד. דער פעטער משה־לייב איז, דאַכט זיך, כל ימיו געווען ביים זיידן א שרייבער, און אַלץ אין זכות פון דער באָבע חיהס שוועס־טער, וואָס איז אויך געווען איינע פון זיינע ווייבער — און כסדר געוואוינט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל. אַלע זיינע רויטע זין זענען אויפגעוואַקסן אויפן וואַסער, אין באָבזשיקאָווער וואלד, און צווישן די פלוימען־סעדער, וואו ס'האָבן געוואַקסן די זאַפטיקסטע און טויי־איקסטע פלוימען פון פוילן. זיי זענען געווען געזונט ווי די גוים, האָבן געקאָנט בינדן טראַטוועס און כאַפּן פיש. אָנהייב וועסנע־צייט, ווען דאָס אייז האָט געפּלאַצט אויף דער ווייסל און די ווייסל האָט זיך

שטורעמדיק צעשפילט מיט אייז־קריעס, האָבן זיי, דעם פעטער משה־לייבס בנים, ווי די געניטסטע שיפערס זיך געקאָנט אַדורכקערעווען מיט אַ שיפל אויף יענער זייט ברעג; הגם יעדע מינוט האָט געלויערט דער טויט. פון די דאָזיקע רויטע זין האָט דער זיידע ברוך איינעם אַמאָל געוואָלט אהיים ברענגען קיין דלוטאָוו און אים אָוועקזעצן ערגעץ טיף אין די אַלטע טונקעלע וועלדער. ער האָט אָבער מיטן פעטער משה־לייבס רויטע און גברישע ווייסל־בחורים נישט געטראָפן דעם ריכ־טיקן. דוד — אַזוי האָט געהייסן איינער פון פעטער משה־לייבס בחורים, וועלכן דער זיידע ברוך האָט געבערענגט קיין דלוטאָוו — איז געווען אַ וויסטער שטאָמלער און דערצו האָט זיך אים דאָס מויל נישט צוגעמאַכט און ער האָט כסדר געוואָלט רעדן מיט שקצים, הגם יעדעס וואָרט איז אים אָנגעקומען מיט סכנות־נפשות. דוד איז געקומען צו־פאָרן קיין דלוטאָוו און געבערענגט אַ טונדל גרויסע זאַפטיקע פלוימען, אַ מתנה פון פעטער משה־לייב, נאָר ער האָט נישט געוואָלט בלייבן זיצן אין די איינזאַמע וועלדער. ער האָט געבענקט צו דער אָפענער שטראָמיקער ווייסל, צו די זינגער אויף די טראַטוועס, און צו די פלוי־מען סעדער, און ער איז אַנטלאָפן פון די טונקעלע דלוטאָווער וועלדער, ווי אַ זינג־פייגעלע וואָס פליט אַוועק צו דער זון און צו דער ליכטיקער רחבות. דוד איז אַוועקגעפאָרן אָן אַ זיי־געזונט. מ'האָט אים אַ צייט אַרומגעזוכט אין די וועלדער, וואָרעם מ'האָט געמיינט, אַז מיטן רויטן שטאָמלער איז געשען אַן אומגליק. אָבער עס איז באַלד אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דוד איז ווידער צווישן זיינע רויטע ברידער אין באָבזשיקאָוו און וויל נישט הערן פון דלוטאָוו.

איינמאָל ווען דער זיידע ברוך איז געקומען צופאָרן פון באָב־זשיקאָוו איז אויף דער קעלניע פון דער בריטשקע נעבן פורמאַן געזעסן עפּעס אַ פרעמדער הויכער גוי, אַ גוי אַ ריז, אַן אויסטערליש טונקעלער —נאָר נישט ווי די פּוילישע גוים — מיט אַ געגאָלטע שטעכנדיקע מאָרדע און מיט אַ גראָבער און לאַנגער נאָז, וואָס איז אים ווי אַ גאַנ־צע פלייש־משא געהאָנגען איבער די רויטע און זינלעכע ליפּן. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ פּויערישער קורטקע און אין אַ בלויער פּולי־

שער „מאטשעיואווקע״ מיט א לעדערנעם דאשעק פון אונטער וועלכן עס האָבן טעמפּ אפּערגעקוקט א פּאָר קליינע בלויע אויגעלעך, טעמפּע און העל־בלויע אויגעלעך פון א חזיר. אין זיינע גרויסע שווארצע הענט האָט ער געהאלטן א גראָבן דאָרפישן שטעקן. דער פרעמדער האָט אויסגעזען ווי א גוי פון גויים־לאנד, און נישט קליין איז געווען אונדזער פאַרוואונדערונג, אז ווען די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אונדזער גאניק האָט דער זיידע א זאָג־געטון צום פרעמדן גוי אויף פּראָסט יידיש:

— גיי אראָפּ, צלאל, און נעם דאָס טונדל מיט פיש. גיב א קוק צי די פיש לעבן נאָך אין וואסער.

— שוין, פעטער לעבן, — האָט דער גוי געענטפערט — אויך אויף יידיש — מיט א שטילן און גראָבן באַס און איז א שפּרונג אראָפּ געגעבן פון דער בריטשקע.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז צלאל איז פון קינדווייז אָן געווען אַלס יתום ביים פעטער משה־לייב אין באָבזשיקאָוו. ס׳האָט געהייסן: צלאלס עלטערן זענען געווען פּראָסטע ווייסל־יידן ערגעץ אין א דאָרף לעבן באָבזשיקאָוו. זיי זענען פאַרברענט געוואָרן אין א שׂרפה און צלאל איז פאַרבליבן א קליינער יתום אויף די נאקעטע פעלדער. דער פעטער משה־לייב האָט אים גענומען צו זיך ווי מע נעמט א קליין הינטל, און ער איז ווילד און אָן שום השגחה אויפגעצויגן געוואָרן אין די שטאלן, צווישן די פי אין וואלד, אין די פלוימען־סעדער און אויף דער ווייסל. ער איז מיטגעלאָפן אומעטום מיט די גוים און מיט דעם פעטער משה־לייבס רויטע זין. ווען ס׳איז געקומען צו געשלעגן מיט פרעמדע ווייסל־שקצים האָט ער זיי אַלעמען צעיאָגט און נישט איין שייגעץ איז אוועקגעלאָפן מיט א צעבלוטיקטן קאָפּ. צלאל האָט אַלצדינג קנעכטיש געטון, וואָס דעם פעטער משה־לייבס רויטע זין האָבן אים געהייסן: אין דער פינצטער געלויערט ביי דער ווייסל אויף ווילדע פייגל און אויסגעפונען נעסטן אויף די העכסטע בוימער־שפּיצן. ער האָט געשלאָגן די שיקסעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיין צום ווילן דעם פעטער משה־לייבס זין, און געממיתט די שקצים, וועלכע האָבן

ביי יענע שיקסעס גיכער אויסגענומען. ווען א פויערישע מאמע איז זיך געקומען באקלאגן פארן פעטער משה־לייב, אז צאלעק האט איר ווידער צעשלאגן א שיקסע, — האט דער פעטער משה־לייב גאר פאַ־מעלעכל ארונטערגענומען דעם פאסעק פון די הויזן און אזוי לאנג און אזוי רציחהדיק געשלאגן צלאלן מיטן פאסעק ביז דער פעטער משה־לייב איז ענדלעך געבליבן אן אטעם און די לאנגע רויטע באָרד איז געווען נאס פון שוויים. צלאל האט דערביי געריטשעט ווי א חזיר און נאכן שלאגן געגעבן דעם פעטער משה־לייבן א קוש אין דער האנט אריין.

אזוי איז צלאל אויסגעוואקסן אין די שטאלן פון פעטער משה־לייב און צווישן די באבזשיקאווער פויערים. ווען דער זיידע ברוך האט אמאל א זאג געטון דעם פעטער משה־לייבן אז ער האט חשק צלאלן אהין צו נעמען קיין דלוטאוו, וואָרעם ער באדארף דארט אזעלכע פארשוינען, און זאלן יידן ארבעטן אויף די פעלדער — האט דער פעטער משה־לייב תחילת געטון א שארפן שאקל מיט דער לאנגער רויטער באָרד, א סימן אז ער איז נישט שטארק צופרידן. די רויטע זין זענען געווארן בלאס ווען זיי האבן דערהערט אז דער פעטער ברוך וויל ניט מער ווי — איין קלייניקייט! — צונעמען ביי זיי צלאלן. ווען קיינער האט נישט געהערט האבן זיי אין די שטאלן אים געבונטעוועט, אז ער זאל נישט אוועק פון באבזשיקאוו. צלאל האט זיך טאקע אן אנהייב איינגעשפארט, עס איז אבער גענוג געווען אז דער פעטער משה־לייב האט געמאכט א באוועגונג מיט די הענט גלייך ווי ער גייט אראפנעמען דעם פאסעק, אז צלאל איז שטיל געוואָרן ווי גארנישט און זיך ארויפגעזעצט מיטן זיידן ברוך אויף דער בריטשקע אויף אוועק־צופאָרן פון באבזשיקאוו.

אין דלוטאוו האט דער זיידע ברוך צלאלן אוועקגעגעבן צווישן די פויערים אויף די פעלדער. צלאל האט געארבעט צוזאמען מיט די גוים און ס'איז ניט געווען צו דערקענען אויף אים אז ער איז א ייד. ער איז געוואקסן אין דער הויך און אין דער ברייט. סיידן דער זיידע

ברוך האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער אַראָפּגענומען פאַרן זיידן דאָס היטל און געענטפערט מיט אַ גראָבן און טונקעלן יידיש און צווישן צוויי ווערטער געזאָגט „פּריץ לעבן". צלאל האָט געגעסן צוזאַמען מיט די גוים און געשלאָפן צוזאַמען מיט זיי אין די וואַרעמע פערד־שטאַלן וואו ביינאַכט האָבן געפּאַרעט די לייבער פון די פערד ביי די קאַרעטעס, מ'האָט געהערט אין דער טונקלקייט דאָס פּסדרדיקע פרעסן פון אַ סך פערד. צלאל איז געלעגן צווישן די גוים וואָס האָבן געכראָפּעט אויפן שטרוי און ער האָט טיילמאָל ליב געהאַט אויפצוטון אַן אויג און צו קוקן. אַ טונקל פאַרקאָפּטשעט נאַפט־לעמפּל האָט אויף אַ לאַנגן שטריק אַראָפּגעהאַנגען פון אַ בעליק און שוואַך באַלויכטן די אַנימאַ־לישע טונקלקייטן אין שטאַל.

צלאל האָט אומהיימלעך געמיטן די דלוטאָווער יידן. איבערהויפּט האָט ער מורא געהאַט פאַר ר' נח בראַם און פאַר אביגדור גרוימאַן. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אַ ייד טאָר נישט עסן קיין גוייִשן קאָלבאַס, מוז גיין שבת צום דאַווענען און אַ קוש טון דער תורה. די ביידע זאַכן האָט ער געהיט מיט פויערישער עקשנות. הגם ער האָט געגעסן בלויז פויערישע מאכלים — באָרשט מיט קאַרטאָפליעס, שוואַרץ היימיש ברויט און קאָרענע קליסקעלעך מיט מילך — דאָך וואָלט ער זיכער גיכער זיך געלאָזט דערהרגענען איידער זיך צוצורירן צום ריח פון די קאָלבאַסעס. ווען אַ האָפערדיקער גוי האָט אים אַמאָל מיטאָג־צייט אין פעלד אויף אַ וויץ אָנגערירט מיט אַ שטיקל חזירישן קאָלבאַס, האָט צלאל דעם גוי אַזוי מוראדיק צעממיטשט, אַז ער, דער גוי, איז גע־בליבן ליגן אַ צעבלוטיקטער אין מיטן די בייטן. די גויים וואָס האָבן צוגעקוקט האָבן געזאָגט, אַז צלאל איז גערעכט און האָבן נאָך צוגע־האָלפן שלאָגן דעם שקאָצישן גוי. צלאל האָט זיך צעריטשעט אויפן קול און זיך געריבן מיט ערד די ליפּן ביז בלוט. — שבת אין דער פרי ווען אַלע יידן זענען שוין געווען אין שולעכל איז אויך צלאל אַריינ־געקומען. עס האָט אויסגעקוקט, אַז פון שבת צו שבת וואַקסט ער אין דער הויך און אין דער ברייט און דאָס גויישע געזונטקייט שרייט אים אַראָפּ פון דעם מגושמדיקן פּנים. אין זיין גויישער גשמיותדיקייט האָט

ער זיך אומבאהאָלפֿן און מיט די גראָבע פֿויערישע שטיוואַלעס אוועק־געשטעלט ביי דער טיר און מיט אַ שטום פֿאַרשטיינערט פּנים געהערט ווי יידן דאַוונען. ער האָט נישט געקאָנט קיין אַלף־בית. בלויז ווען ער האָט געהערט ווי יידן זאָגן „אָמן" האָט ער מיטגעזאָגט. ביים אויס־נעמען די תורה, ווען אַלע יידן האָבן געקושט דאָס מענטעלע פֿון דער ספֿר־תורה, דאַן איז אויך צלאַל צוגעגאַנגען. זיינע מגושמדיקע גרויסע הענט וואָס זענען תמיד שוואַרץ געווען פֿון פֿערד־מיסט און פֿון ערד האָט ער באַהאַלטן אין די טאַשן פֿון זיין פֿויערישער קורטקע, בלויז מיט זיין אויסגעשטרעקטן קאָפּ האָט ער זיך געשטופּט צווישן די באַ־טליתטע יידן און געזוכט מיט די ליפּן דאָס סאַמעטענע מענטעלע פֿון דער הייליקייט.

אַזוי זענען פֿאַרגאַנגען ביי אַ צוויי יאָר. אַחוץ שבת ביים דאַוונען האָבן אַלע פֿאַרגעסן, אַז צלאַל איז אַ ייד. צלאַל האָט זיך ענדלעך צו־געוואוינט צו די דלוטאָווער גוים. זייענדיק אין באָבזשיקאָוו האָט דער זיידע ברוך תמיד אויסגעדריקט פֿאַרן פֿעטער משה־לייב זיין צופֿרידנ־קייט מיט צלאַלן.

עס איז געווען פֿון די נאַטירלעכסטע זאַכן, אַז צלאַל האָט אַרומגע־שטופּט מיט שיקסעס באַגלייך מיט אַלע דלוטאָווער שקצים. ווען דאָס קאָרן איז געשטאַנען הויך אויף די פֿעלדער האָט צלאַל זיך באַהאַלטן מיט שיקסעס צווישן קאָרן. נאָך דער שניט־צייט האָט ער מיט זיי געשטופּט אין די שמעקנדיקע טונקלקייטן פֿון די פֿולע שייערס אָדער אונטער די סטויגן. קיין ספּעציעלע ליבשאַפֿט צו קיין מענטשלעך נפֿש האָט צלאַל קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן. ביי אַלע זיינע נאַטיר־לעכע נייגונגען איז ער געווען אָפּגעשלאָסן ווי אַ קינד. די נשמה זיינע האָט אויסגעקוקט צו זיצן אין זיין גרויסן און טעמפּן גוף ווי אין אַ פֿעסטונג.

אין דלוטאָוו איז געווען אַן עלטערע פֿאַרזעסענע שיקסע, אַנעצקאַ מיטן נאָמען. אַ בייזע, אַ דאַרע און אַן אויסטערליש פֿרומע. זי האָט געאַרבעט אין די שטאַלן ביי די קי. ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ מינוט צייט האָט זי געציילט די הייליקע פּאַטשערקעס, זיך געצלמט. זונטיק

א גאַנצן טאָג איז זי כּמעט ניט אַרויסגעגאַנגען פון תּיפלה. די שיקסע אַנעצקאַ האָט פאַרמאַטערט דעם גלח מיט אירע פרומקייטן און מיט אירע חטאים. הגם די חטאים פון אַנעצקאַן לגבי די חטאים פון אַנ־דערע שיקסעם זענען ממש געווען קיי און שפּיי, מחמת אויף אַנעצקאַן האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט. די שקצים האָבן זיך מיט איר נישט געטשעפּעט. וואָס עלטער און איינזאַמער זי איז געוואָרן, איז זי גע־וואָרן פרימער און פאַרביסענער, געציילט די פּאַטשערקעס און געלאָפן זיך מתוודה זיין אויף אירע חטאים. ווען זי האָט געזען ווי אַנדערע שיקסעם שטיפן אַרום מיט שקצים, זענען אירע גרינע אויגן געוואָרן פול מיט גאַל און האַס. זי האָט גערעדט צו זיך, געצלמט זיך, און טאָמער האָט זי פּונקט דאַן געמאָלקן אַ קו, האָט זי די קו בייז געריסן פאַר די ציצן. שפּעטער איז אַנעצקאַ געוואָרן בייז אַפילו ווען זי האָט געזען ווי בעלי־חיים פּאָרן־זיך, ווי דער האָן שפּרינגט אַרויף אויף דער הון, ווי דער אָגער הירזשעט צו דער קאָבילע, אָדער ווען דער ביק פּרוּאווט אַרויפצוקריכן אויף אַ קו אינמיטן דעם שטאַל פון די בהמות. זי האָט אָוועקגעדרייט דאָס פּנים, צו זיך געברומט און גערופן די הייליקע מוטער.

פּאַמעלעכל, ווי אַ שטילע באַהאַלטענע קאַץ, גלייך קיינער וואָלט עס נישט באַמערקט, האָט אַנעצקאַ געוואָרפן אַן אויג אויף צלאַלן. אַנעצקאַ האָט אינסטינקטיוו באַמערקט, אַז ביי זיין גאַנצער רויער און ליידנשאַפטלעכער נאַטור, איז צלאַל אַ הילפלאָזער און איינזאַמער מענטש, און אַז קיין נפש, אַפילו די שיקסעם, וועלכע באַהאַלטן זיך מיט אים אין די טונקלקייטן פון שייער, האָבן נאָך נישט אָנגערירט זיין הילפ־לאָז וועזן וואָס ליגט נאָך אַ שטומס אין אים, ווי עס וואָלט נאָך גאָרנישט געבוירן געוואָרן. אַנעצקאַ האָט געזען, אַז צלאַל פילט אַ פרעמדקייט סיי צו די יידן וואָס דרייען זיך איצט אין פּריצישן „הויף" און סיי צו די גוים. מיט דער אינטואיציע פון אַן איינזאַמער פאַרביטערטער פרוי, וואָס אויך אין איר זענען געקריוודעט געוואָרן אַלע געפילן און אַלע ליידנשאַפטן, האָט אַנעצקאַ וואויל באַמערקט, אַז קיין שום מוטער־האַנט האָט נאָך נישט באַרירט דעם דאָזיקן רויען אומגעלומפּערטן

גוף. א מוטער־האַנט! דוכט זיך אַלע געפילן און אַלע נשמה־וואַרעמ־קייטן צום לעבן און צו מענטשן וועקן זיך אונטער אַט־אָ דער ליבנ־דיקער האַנט. זיי וועקן זיך ווי פאַרשלאָסענע בלומען אונטער די שטראַלן פון דער זון. אַנעצקא האָט געפילט, אַז צלאַל האָט נאָך אויף זיך קיינמאָל נישט געשפּירט די דאָזיקע האַנט, — דעריבער איז אַלץ נאָך אַזוי פינצטער אין אָט דעם ווילדן און אומגעלומפּערטן גבר. און ווידער האָט אַנעצקא מיט דער ביטרעקייט פון א פּאַראיינזאַמטער קאַץ פּאַמעלעכל פונאַנדערגעוויקלט אירע געקריוודעטע ווילנס אַרום דעם נישט אַנטוויקלטן געפיל צו א מוטער וואָס האָט חיהש געדרימלט אין צלאַלן ווי ביי א קעלבל צו א קו. אַנעצקא האָט זיך אומבאַמערקט אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַר צלאַלן אויף אַן אופן וואָס איז געווען ביז גאָר צוגעפּאַסט צו אַזעלכע צוויי פּרימיטיווע מענטשן. אַנעצקא האָט באַמערקט, ווי צלאַל האָט באַזונדערס ליב קאָרענע קליסקעלעך מיט מילך. און אַנעצקא האָט, כלומרשט פאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן צו קאָכן דאָס דאָזיקע מאכל און עס מיטאָג־צייט געברענגט אין שטאַל אריין אין א גרויסן טאָפּ. ווען זי האָט אָנגעהויבן צו עסן, האָט זי זיך באַמיט עס צו טון אין צלאַלס אויגן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צלאַל האָט אָנגעהויבן גיריק צו קוקן אויף דעם ליבן מאכל וואָס פּליסט אין אַזא שפע פון אַנעצקאס טאָפּ. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען צלאַלס ליפּן זענען געוואָרן גיריקער און אין זייערע ווינקלען האָט זיך באַוויזן א ווייסער שוים, האָט אַנעצקא—אַזוי בדרך אגב—א פרעג גע־טון צלאַלן צי ער וויל פאַרזוכן פון אירע קליסקעלעך מיט מילך, — מחמת זי האָט נאָך געגוג אין איר טאָפּ. צלאַלס ליפּן האָבן זיך חיהש צעשמייכלט. אַנעצקא האָט נישט לאַנג געוואַרט און דערנעענטערט איר פולן שמעקנדיקן טאָפּ צו צלאַלס באַשוימטע ליפּן. צלאַל האָט געטרונקען די מילך ווי א קעלבל וואָס זויגט ביי א קו, און אַנעצקא האָט אים דערביי לייכט און מוטערלעך א גלעט געטון פאַר דער צע־שויבערטער טשופּרינע. אַזא ריר פון א פרויען־האַנט האָט נאָך צלאַל קיינמאָל נישט געפילט אויף זיין קאָפּ. ער איז געוואוינט געווען צו די באַרירן פון צערייצטע און ליידנשאַפטלעכע שיקסעס. אים

איז עפּעס ווי מיטאַמאָל וואויל געוואָרן אין זיין פאַרשלאָסענעם פינצ־טערן בלוט, און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געטרונקען די מילך און געשלונגען די פּעטע און באַטעמטע קליסקעלעך. אַנעצקאַס ליפּן האָבן דערביי פּרום געשעפּטשעט פרומע און הייליקע תפילות ווי זי וואָלט געבעטן אַלע הייליקע, איר, דער שוואַכער איינזאַמער פרוי, ביי־צושטיין אין איר טראַגישסטער מי צו זיך צוצובינדן אַט־אָ דעם טעמפּן און רויען ייד.

צלאַל אַליין האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי די מוטערלעכע צערט־לעכקייט פון דער דאָזיקער פאַרזעסענער און פאַרביטערטער שיקסע בינדט אים צו צו איר מיט שטאַרקע און נישט אָנזעעוודיקע פעדים. ער האָט צוריק נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע צערטלעכקייט. זיינע גראָבע פויערישע הענט האָבן אַפילו קיין מאָל נישט געפּרואווט צו באַרירן אַנעצקאַס באַקן, הגם אַנעצקאַ האָט זייער דיסקרעט און פאַר־ביטערט געזוכט זייער באַרירונג. אַנעצקאַס נאָענטקייט האָט דאָס מינדסטע נישט געווירקט אויף זיין עראָטיק. אָבער צלאַל האָט אָנגע־הויבן צו פילן צו אַנעצקאַן די ליבע מורא ווי צו אַ שטילער און שטרענגער מאַמען. ווען זי האָט דערנענטערט דעם טאָפּ מיט מילך צו זיינע ליפּן האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און זיינע ליפּן האָבן געציטערט ווי ביי אַ קינד פאַרן זויגן. אַנעצקאַ האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן זאָרגן פאַר צלאַלן. זי האָט געשטשאָבעט די לאַטעס אויף זיין פויערישער קורטקע און זיינע פויערישע הויזן, און ווען צלאַל האָט נישט געזען, האָט זי אים איבערגעצלמט. זי האָט עפּעס געוואָלט אויסמישן די צוריקגעשטאַנענע און געוועקטע עראָטישע געפילן אירע, מיט די אומ־היימלעכע געפילן פון איר קאַטוילישער פרומקייט. פּאַמעלעכל איז זי אַפילו געוואָרן צו צלאַלן שטרענגער, און ער האָט פאַר איר אָנגעהויבן מורא צו קריגן. אין איר אָנוועזנהייט האָט ער מורא געהאַט צו זאַ־טשעפּען אַנדערע שיקסעס. ווען שיקסעס האָבן צו אים געלאַכט און אים ליידנשאַפטלעך באַרירט, האָט זיך צלאַל מיט אומהיימלעכער שרעק אומגעקוקט אויב אַנעצקאַ זעט נישט — און ערשט דאַן האָט ער

ווילד געהירזשעט און זיך געוואָרפן מיט זיינע הענט אויף די שיקסעס מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפט.

אַנעצקאַ האָט אין זיך געהאַט פון אַ קעצישער שטילקייט און צלאל האָט אַליין נישט געפילט ווי איינציקווייז ווערט ער באַהערשט פון דער דאָזיקער שיקסע און פאַרלירט לגבי איר יעדן ווילן. זי האָט אים אָנגעהויבן צו באַפעלן און אויף אים אָנצושרייען און ער האָט איר שטום געהאָרכט ווי מע האָרכט אַ שטרענגע מאַמע. זי האָט אויף אים אָנגעהויבן אַכטונג צו געבן, און ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער געמוזט פאַר איר אויסהיטן צו פאַרברענגען מיט אַנדערע שיקסעס. זי האָט געהיט זיין פרייע צייט. איין און איינציקע ליידנשאַפט האָט זי אים נאָכגעגעבן ביד רחבה — עסן. אַנעצקאַ האָט זיך כּסדר געקליגט אויס־צוגעפינען וואָס צלאל האָט ליב און זי האָט אים געקאָרמעט, און זיינע באַקן האָבן אָנגעהויבן פעטער צו ווערן אונטער איר מוטערלעכער השגחה. אין אירע ווידוים פאַרן גלח האָט זי געמוזט אוודאי דערציילן פון איר ליבשאַפט צום ייִד. און אפשר — אַז זי האָפט צלאלן אָפּצו־שמדן און מיט אים חתונה צו האָבן ווי אַ פרומע קאַטאָליקין. אָבער פאַר צלאלן האָט זי זיך דערוווייל אויסגעהיטן צו ווייזן אירע אינטימע מחשבות. זי האָט מורא געהאַט מיטאַמאָל אָפּצושרעקן זיין אומהיימלעך ייִדישקייט. צלאל איז ווי תמיד געקומען שבת אין דער פרי צום דאַוו־נען. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר און אויפגעהאָרכט צי די ייִדן זאָגן שוין „אָמן". ביים אויסנעמען די ספר־תורה האָט ער זיך ווי תמיד געשטופּט צווישן די באַטליתטע ייִדן. ער האָט באַהאַלטן די מגושמדיקע הענט אין די טאַשן פון זיין קורטקע, און מיט זיינע זינ־לעכע ליפּן געזוכט צו קושן דאָס סאַמעטענע מענטעלע פון דער היי־ליקייט...

אין אַ שיינעם טאָג איז צלאל מיט אַנעצקאַן פאַרשוואונדן פון דלוטאָוו. ר' הערשקע דער דלוטאָווער לאַטוטניק האָט אים געזען ביי דער פּאַביאַניצער תיפלה. ווען צלאל האָט דערזען ר' הערשקען איז

ער אנטלאָפן הינטער די אַלטע בוימער וואָס האָבן אַרומגערינגלט די תיפלה. צווישן די דלוטאָווער יידן איז געוואָרן אַ מהומה. דער זיידע ברוך האָט אָנגעהויבן חרטה צו קריגן וואָס ער האָט צלאלן אַראָפּגע־בּרענגט פון באָבזשיקאָוו.

פּאַמעלעכל האָט מען צלאלן פאַרגעסן און ס׳האָט געהייסן, אַז צלאל האָט זיך געשמדט, חתונה געהאַט מיט דער אַלטער שיקסע און אַרבעט מיט איר צוזאַמען אין אַ פּאַביאַניצער פאַבריק.

איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג ווען דער הויפּישער גלאָק האָט געקלונגען אויף מיטאָג איז ר׳ הערשקע געקומען אַריינצולויפן אין „הויף". ער האָט קוים געקאָנט אָטעמען, און האָט אויסגעשריען אין מיטן דער קיך:

— צלאל גייט מיטן גאַיעס נאָך טשענסטאָכאָוו!

אַלע זענען מיר אַרויסגעלאָפן קוקן. מיר זענען געלאָפן איבערן אַלטן דלוטאָווער סאָד צו צום שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן אין מיטן די דלוטאָווער פעלדער. מיר האָבן געהערט פונדערווייטנס דאָס פייער־לעכע קלינגען פון דער דאָרף־תיפלה און דאָס פרומע קאַטוילישע זינגען פון אַ פּראָצעסיע. אינמיטן דער זומערדיקער שטילקייט האָט זיך גע־הערט דאָס מאָנאָטאָנע פרומע געזאַנג פון פרויען. איבערן שאָסיי איז געגאַנגען אַ פּראָצעסיע פון פּילגרימען צו דעם בילד פון דער הייליקער מוטער אין טשענסטאָכאָווער קלויסטער. זיי זענען געגאַנגען אויפן שאָסיי צווישן די תבואה־פעלדער וואָס זענען געשטאַנען הויך אין זייער רייפקייט באַגאָסענע מיט זון. דאָס פרויען־געזאַנג האָט זיך דערנענע־טערט. ס׳האָבן זיך שוין בולט געזען די פאַרביקע קירכלעכע פאָנען וואָס האָבן זיך שווערע און ערפורכטיקע געטראָגן איבער די פרום־אַנט־בלויזטע קעפּ פון די גוים. ס׳האָט זיך געזען דאָס רויט און גאָלד פון די גלחים וואָס זענען אין זייערע קירכלעכע מלבושים געגאַנגען אונטער אַ חופּה אַרומגערינגלט מיט בלעקערצנדיקע גוים און גויעס. די גוים און די גויעס נעבן דער חופּה האָבן געטראָגן גרויסע ברענענדיקע וואַקס־ליכט.

אין דער ערשטער שורה פון די פרומע גוים איז א שווערער און אן אומגעלומפערטער געטרעטן צלאל. זיין קאָפּ איז געווען אנטבלויזט. מיט זיינע מגושמדיקע הענט האָט ער געטראָגן א שווארצן הילצערנעם צלם. נעבן אים איז געגאנגען אנעצקא מיט א ווייס טיכל אויפן קאָפּ. זי האָט געהאלטן א געבעט־ביכל אין דער האנט און פרום מיטגע־בלעקערצט מיט די זינגענדיקע גויעם.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

דער תּבֿואה־שניט אין דלוטאָוו. דאָס גרויסע גערעטעניש. שפּע. שני־טער־יום־טוב. די צוויי יידן מיטן פּוילישן שליאַכטשיץ טרינקען אַלטן פּוילישן מעד אונטער אַן עפּל־בוים. „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ". פּויערישע מוזיק. פידלען און פּייפּיאַלן. שיקסעס דער־לאַנגען דריי תּבֿואה־קרוינען די דלוטאָווער יידישע פּריצים. דלוטאָווער פעלדער שמעקן אַראָפּ פון די קרוינען. גראַמען און שניטער־לידער. דער גרויסער כּיבוד פאַר די פּויערים. טענץ. יידן טאַנצן צוזאַמען מיט די גוים. דער שליאַכטשיץ גאָנשעראָווסקי טאַנצט מיט אַ שיקסע. ס'פאַלט צו דער זומערדיקער אָוונט.

דער תבואה־שניט אין אונדזער ערשטן דלוטאָווער זומער איז גע־קומען נאָך אַ געוואַלדיקער גערעטעניש. דלוטאָווער פעלדער האָבן זיך ממש געבראָכן אונטער דער געבענטשטער לאַסט פון ברויט. אַלע שייערם און סטאַדאָלעס זענען פול געווען ביזן דאַך מיט דער אַריינגע־בּרענגטער תבואה. צענדליקער סטויגן זענען געשטאַנען אויף די אָפּ־געשניטענע פעלדער. די לופט האָט געשמעקט מיט תבואה און מיט ערד. אַפילו די פייגל זענען פעט געוואָרן אויף די ביימער. די טויבן האָבן זאַטע געוואָרקעט. די עופות זענען שפּעדיקע און צופרידענע אַרומגעגאַנגען איבערן הויף. די הויפישע הינט זענען זאַטע געשלאָפן אונטער דער הייסער זון. — אַ קלייניקייט, אַ גערעטעניש! בשעת דעם תבואה־שניט איז דער זיידע ברוך נאָר אַהיים געקומען אויף אָפּעסן. גאָנשעראָווסקי איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אויפן פערד. לייבושל דער יתום האָט אין די דאָזיקע טעג קנאַפּ מיט מיר געלערנט חומש. ער איז מיטגעגאַנגען מיטן זיידן ברוך אויפן פעלד. לייבושל האָט גע־וואָלט העלפן די שיקסעס בינדן די אָנגעלאָדענע גאַרבן. די שיקסעס האָבן געלאַכט פון זיין אומבאַהאָלפנקייט און אים געריסן פאַר די ציצית. לייבושל איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט צוגעוואוינען צום פאַרשייטן לאַכן פון די שיקסעס. נאָכדעם ווי די לעצטע פור איז

געברענגט געוואָרן אונטערן דאך, און מ'האָט אַרויפגעלאָזט סטאַדעס שאָף אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער, האָט מען זיך סיי ביי די הויפישע פויערים, סיי ביי אונדז אין „הויף", אָנגעהויבן גרייטן צו דער „אָק־רענזשנע" (שניטער־יום־טוב).

זונטיק נאָכמיטאָג האָבן עטלעכע הויפישע גוים אויסגעשטעלט לאַנגע טישן אונטער די סאַד־בוימער ביים „הויף". מ'האָט געברענגט פולע פעסלעך מיטן אַלטן דלוטאָווער בראָנפן פון קאַמאַצקיס קעלערס. ווי אויך טונקלעך און פולע קוישן מיט נייע עפּל און בארן. די באָבע חיה, די מומע טויבע און עטלעכע שיקסעס האָבן זיך געפּאָרעט ביי די אויבסטן. ר' נח בראַמס ווייב האָט אָנגעבאַקן פויערישע קוכנס און זיסקייטן. זי און אירע בלאָנדע טעכטער האָבן זיי געברענגט אין קוישן. דאַכעלע איז נישט געווען צווישן די ווייבער, מחמת זי איז ווידער גע־ווען אין קוטנע אויף קימפּעט. די זון האָט אַ זומערדיקע געברענט אין די הימלען. די פייגל האָבן געזונגען אויף דיביימער. דער זשאַנדרצע גאַנשעראָווסקי, אין זיין אַלטן פּריצישן זשופּאַן און מיטן טייערן שטעקן אין דער האַנט, איז אַ זונטיקדיקער און אַ גאַוודיקער אָנגעקומען מיטן פעטער לייזער יוסף. דער הונט טרעזור איז אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. גאַנשעראָווסקי האָט זיך געדרייט ביי די לאַנגע שלאַכציצקע וואָנצעס און אַ צעשמייכלטער צוגעקוקט, ווי די שיקסעס און די ווייבער פּאָרען זיך צו גרייטן די טישן. דאַן האָט ער אָנגענומען דעם פעטער לייזער־יוסף אונטערן אָרעם און זיך מיט אים אָװעקגעזעצט אויפן וואַ־רעמען גראָז אונטער אַן אַלטן עפּל־בוים.

לכבוד דער „אָקרענזשנע" האָט דער זיידע ברוך פאַר גאַנשעראָוו־סקין אַרויסגעברענגט פון קאַמאַצקיס קעלער אַ פלאַש מיט אַלטן פּוילישן מעד. די פלאַש איז געווען אַ בייכיקע, אַ פאַרשטויבטע און גרין פון די לאַנגע יאָרן אין קעלער. גאַנשעראָווסקי האָט זי גענומען אין דער האַנט אַריין, באַקוקט פון אַלע זייטן און זיך געדרייט פאַר די וואָנצעס. פוילן האָט צו אים אַראָפּגעשריגן פון דער אַלטער פלאַש מעד. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע גיטער. גאַנשעראָווסקי האָט מיט געניטקייט אויפגעפּראָפּט די פלאַש. פון דעם דיקן העלדזל פון דער פאַרשטויבטער פלאַש איז, ווי פון אַ פינצטערן תהום, אַרויסגעקראָכן אַ זיסער ריח.

א טיף־דראַמאַטישער ריח פון אַלטן מעד. א ריח, ווי פון פּאַרצייטישע, אין טונקעלן און טרוימערישן שלאָף פאַרטונקענע, וועלטן. דער ריח האָט זיך שווער אָנגעהויבן אויסצומישן מיט דער וואַרעמער פרישקייט אונטערן עפּל־בוים. דער פעטער לייזער־יוסף האָט געברענגט געשליפענע מעד־גלעזער פון קאַמאַצקים גלאָזוואַרג. גאַנשעראָווסקי האָט פאַ־מעלעך מיט גרוים קענערשאַפט אָנגעגאָסן די גלעזער. דאָס פעטע טונ־קעלע געטראַנק האָט זיך ווי צעפּלאָסענע הייסע און זיס־שמעקנדיקע נאַכט שווער צעגאָסן איבער די געשליפענע ווענט פון די גלעזער. די צוויי יידן און דער אַפּגעקומענער שלאַכטשיץ האָבן אונטערן עפּל־בוים געטרונקען דעם אַלטן פּוילישן מעד. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט די גלעזער און גאַנשעראָווסקי האָט צו די יידן אויסגערופן „לחיים". די באַקן פון די טרינקער זענען געוואָרן רויטלעך. אין זייערע אינגעווייידן איז געוואָרן וואַרעם פון דעם פעטן און שווערן געטראַנק. די צינגער זענען ביי זיי געוואָרן ווייך און פייכט פון דער שווערער אַראָמאַטישער זיס־קייט. גאַנשעראָווסקיס צונג האָט זיך אויפגעבונדן און ער האָט אָנ־געהויבן צו דערציילן פון אַלטע פּוילישע פּריצים און פון דעם לעבן אין זייערע „הייף", פון זייערע פערד און פון זייערע ליבעס. אַפילו פון זיין אייגענער יוגנט אין די פּריצישע „הייף", האָט גאַנשעראָווסקי אָנגעהויבן צו דערציילן. זיין צונג האָט זיך געטונקט אין זכרונות און אין דעם גליקזעליקן טעם פון מעד. מיטאַמאָל האָט זיך דער אַפּגעקומענער שליאַכטשיץ אויפגעשטעלט אונטערן עפּל־בוים, האָט זיך גאַווהדיק געדרייט פאַר די וואָנצעס, האָט הויך אויסגעשריגן „ניעך זשיע" און מיט א הייזעריקער שטימע אָנגעהויבן צו זינגען דאָס אַלטע לעגיאָנען־ליד „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ". א ליד, וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו זינגען אין צאַרישן רוסלאַנד און עס האָט דערפאַר גע־דראָט מיט סיביר. די זון האָט אַריינגעשיינט דורך די עפּל און די בלעטער. די ביידע יידן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געהאָרכט. דער פעטער לייזער־יוסף האָט באַקומען פייכטע אויגן פון גאַנשעראָוו־סקיס מעשיות, פון מעד און פון דעם אַלטן לעגיאָנען־ליד. און דער פעטער לייזער־יוסף האָט געביילט די פויסטן.

פּלוצעם האָט זיך צווישן די סאַד־ביימער דערהערט פּויערישע מוזיק. פידל־קולות האָבן זיך דערנעענטערט מיט א האסטיקער און פרייליכער געגרימפּלעריי. עס האָבן זיך געהערט פּייפיאַלן און פרויען־געזאנג. אַלע זענען מיר ארויס אויפן גאניק. דער זיידע ברוך, דער פעטער לייזער־יוסף און דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי זענען אפּער געגאַנגען פון אונטערן עפּל־בוים און צוגעגאַנגען צום גאַניק. די מוזיק און די מענטשלעכע קולות האָבן זיך ראַש דערנעענטערט פון צווישן די סאַד־ביימער. פאַרן הויפישן קלאָמב האָבן זיך מיטאַמאָל באוויזן די הויפישע פּויערים, און אין זייער שפּיץ א פּויערישע קאַפּעליע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן. די פּויערים זענען געגאַנגען אָנגעטון אין זייערע זונטיקדיקע מלבושים, אין פאַרביקע הויזן, און די קאַפּעלוש־לעך זייערע זענען געווען ארומגענומען מיט זאַנגען און פעלד־בלומען. צלאַל איז נאָך דאָן נישט געווען קיין געשמדטער און ער איז געשטאַנען צווישן די יום־טובדיקע גוים. אין דער ערשטער רייע פון די הויפישע גוים זענען געשטאַנען די יונגע שיקסעס, אין פאַרביקע פּויערישע קליי־דער מיט בענדער און קרעלן. די קעפּ פאַרבונדן מיט קאָלירטע טיכער, און די טיכער אַרומגענומען מיט פעלד־בלומען. אַלע שיקסעס האָבן זיך פייערלעך ארומגעשטעלט דעם פריצישן גאַניק און געזונגען שניטער־לידער. די פּויערישע מוזיק האָט וואָס אמאָל האסטיקער געשפּילט און פּויערים און שיקסעס האָבן אַלע מאָל ארייננעשרינן פאַרשיידענע אויסרופן אינמיטן דעם שפּילן פון דער מוזיק.

דריי פון די שענסטע שיקסעס האָבן זיך אַנידערגעשטעלט אין דער פאָדערשטער רייע פאַרן גאַניק. איטלעכע פון זיי האָט געטראָגן אין דער האַנט א גרויסע קרוין געפלאָכטן פון תבואה־זאַנגען און פון פעלד־בלומען. פון די קרוינען האָבן אַראָפּגעשמעקט די דלוטאָווער פעלדער. דאָס האָבן די דלוטאָווער הויף־פּויערים געבּרענגט א מתנה פאַר דעם פּריץ און די פּריצה און פאַר זייער הויז־געזינט. דערביי האָבן די דאָ־זיקע דריי שיקסעס געזונגען א ליד, ספּעציעל פאַרפאַסט לכבוד דעם הייַנטיקן שניטער־יום־טוב. אין דעם ליד זענען געווען גראַמען אויפן זיידן ברוך, אויף דער באָבע חיה, אויף מיין מוטער, אויפן פעטער לייזער־יוסף און אויפן זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי. איטלעכס מאָל, ווען

די שיקסעס האָבן אַרויסגעזונגען דעם גראַם, איז די מוזיק אַריינגעפאַלן מיט אַ פרייליכן געגרימפּל און די פאַרזאַמלטע פויערים האָבן אויסגע־שריען פאַרשידענע אויסרופן. נאָכן ליד האָבן די שיקסעס דערלאַנגט די קרוינען. איין קרוין האָט גענומען דער זיידע ברוך, די צווייטע די באָבע חיה, און די דריטע מיין מוטער. נאָך דעם דאָזיקן אַקט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע מכבד־זיין די פויערים.

די ווייבער האָבן געשניטן די זיסע קוכנס. דאָ האָט ר׳ נח בראַמס ווייב מיט אירע בלאָנדע טעכטער געוויזן וואונדער. די קוכנס זענען ממש צעפאַלן אונטער זייערע מעסערס. די ווייבער האָבן אַרומגעטיילט צווישן די פויערים און די שיקסעס שטיקער זיסן קוכן. דער פעטער לייזער־יוסף, דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי און דער זיידע ברוך האָבן אָנגעגאָסן בראָנפן. די פויערים האָבן געטרונקען און געגעסן. דאַן האָבן זיי זיך גענומען צו די אויבסטן אין די קוישן. דער זיידע ברוך, גאַנשעראָווסקי און דער פעטער לייזער־יוסף האָבן אויך גענומען צו גלעזלעך בראָנפן, און זיך געווינטשעוועט מיט די פויערים אויף געזונט, לאַנג לעבן און נייע גערעטעכנישן. בעת מ׳האָט געטרונקען, האָט די קאַפּעליע אויפגעהערט צו שפּילן. די קלעזמאָרים האָבן אַוועקגעלייגט זייערע פידלען און פייפיאָלן אויפן גראָז און זיך גענומען צו דער משקה און צו די זיסע מעדנים. לייבושל דער יתום איז געווען אין זיבעטן הימל, ווען דער זיידע ברוך האָט אים געהייסן מיטהעלפן גיסן בראָנפן. די פויערים און די שיקסעס האָבן אים שוין אַלע גוט געקאָנט און אים גערופן „לייבוש״.

ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, האָט די קאַפּעליע פון דאָס ניי זיך גענומען צו די כּלים. די פויערישע מוזיק האָט אויפגעשפּילט פּוילישע מאַזורקעס און דאַרפס־טענץ. דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעשיט אין פּאָרלעך. פויערים און פויערטעס, שקצים און שיקסעס האָבן זיך פאַרביקע פּאָרלעכוויז, פריילעכע און צעטאַנצטע געדרייט צווישן די סאָד־ביימער נעבן גאַניק און אויף דעם גראָזיקן קלאָמב. ס׳איז געוואָרן וואָס אַמאָל לעבעדיקער. דער פעטער לייזער־יוסף האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מומע טויבע. ער האָט געזען, ווי די גרינע בייזקייט איז פאַרשוואונדן פון איר פּנים לכּבוד

דעם שניטער־יום־טוב, און ער האָט געכאַפּט אַ שיקסע און זיך מיט איר פונאַנדערגעטאַנצט. אויך ר׳ נח בראַמס ווייב האָט געטאַנצט מיט אַ פּויער. אירע בלאָנדע טעכטער האָבן זיך, באַגלייך די שיקסעס, צע־טאַנצט מיט שקצים. דער זיידע ברוך איז געשטאַנען אַ האָפּערדיקער און געשמועסט מיטן זשאַנדרצע גאָנשעראָווסקי. די דריי הויפּישע הינט, וואָס זענען איבערגעבליבן פון קאַמאַציקין, זענען אַרויסגעקומען פון צווישן די ביימער און צוגעקוקט צו די צעטאַנצטע מענטשן און צו דעם שפּילן פון דער פּויערישער קאַפּעליע.

ערשט ווען די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין און די ערד און די סאַד־ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרפאַרבן מיט טונקלקייט און מיט גאָלד, האָט זיך דער זשאַנדרצע גאָנשעראָווסקי אַ ריר געטון פון גאַניק. ער האָט זיך אַ צעשמייכלטער געדרייט ביי די וואָנצעס און מיט אַ קענעריש אויג געזוכט צווישן די שיקסעס. ער האָט אויסגע־קליבן די שענסטע. ער האָט זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע, אַ געשריי געטון צו דער מוזיק אויפצושפּילן אַ קראַקאָוויאַק און זיך ווי אַ יונגנטלעכער שליאַכטשיץ צעטאַנצט מיט דער שיקסע.

ווען ס׳איז געוואָרן טונקעלער אין סאַד, אויף די וואַרעמע הימ־לען האָבן זיך באַוויזן שטערן און די גרעזער האָבן אָנגעהויבן פייכט צו ווערן פון טוי, האָבן זיך די טאַנצנדיקע און זינגענדיקע פּאָרלעך דערווייטערט פון אונדזער גאַניק. די פּויערישע מוזיק האָט ווייטער געשפּילט אין די זומערדיקע טונקלקייטן. זי האָט זיך דערווייטערט אין די טיפקייטן פון אַלטן סאַד. ווען די פּויערישע קולות און דאָס שפּילן פון דער מוזיק האָט זיך פּאַמעלעך דערטרונקען אין דער פינצטערער נאַכט, — האָט מען געהערט ווי אין לינדן זומערדיקן ווינט רוישט שטיל דער סאַד און אויף די ווייטע לאָנקעס קוואַקען פּרעש.

ביי אונדז אין „הויף״ האָט מען אָנגעצונדן די פּריצישע נאַפט־לאָמפּן. מ׳האָט געגרייט צו וועטשערע.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

עס רוקן אָן די ימים נוראים. די בושלען און די שוואַלבן פֿאַרלאָזן דעם דלוטאָווער סאָד. דלוטאָווער ייִדן גרייטן זיך צו די הייליקע טעג. אין בית דין של מעלה גרייט מען זיך נאָכצוקוקן די חשבון־ביכער פֿון ייִדישע מעשׂים. מע נעמט אַרויס דעם שופֿר פֿון די טונקלקייטן פֿון אָרון קודש. לייבושל בלאָזט שופֿר. אַ שופֿר אָן עקשן. „דער יתום וועט זיך מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע". צווישן ר' נחם וואָנצעס הויבט דער שופֿר אָן צו רעדן דיבורים.

ס'זענען אָנגעקומען די ימים־נוראים פֿון אונדזער ערשטן דלוטאָווער זומער. ס'האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן די קאַלטע האַרבסטיקע ווינטן. טייל טעג זענען געווען רעגנדיקע. פֿון די סאָד־ביימער האָט מען אַראָפּגעשאָקלט דאָס ווינטער־אויבסט. די בלעטער פֿון די ביימער זענען געוואָרן געלע און גאָלדיקע און אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַראָפּצופֿאַלן. די בושלען און די שוואַלבן האָבן זיך פֿאַרנומען צו פֿאַרלאָזן אונדזער דלוטאָווער סאָד און אַוועקצופֿליען אין די וואַרעמע מרחקים. די נעכט זענען געוואָרן לענגערע, קאַלטע און ווינטיקע. די דלוטאָווער וואַסערן האָבן זיך אָפּגעקילט. די פּויערים אויף די פֿעלדער האָבן געאַקערט אויף ווינטער־תבואות. דאָס ביסל ייִדן אין דלוטאָוו האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די הייליקע טעג. די אַלטע דלוטאָווער תּושבֿים זענען דאָ ס'ערשטע מאָל נישט געפֿאָרן אין שטעטל טושין אויף ימים־נוראים. אין קאַמאָצקיס „הויף" האָט אָנגעהויבן אַריינצוּואווייען די פֿורכטיקייט פֿון ראָש־חודש אלול, ווען די פֿיש אין וואַסער ציטערן און אויבן איבער די וואָלקנס שטעלט מען אויס די טישן צום יום־הדין. מ'גייט נאָכקוקן די חשבון־ביכער פֿון ייִדן און מ'גייט משפּטן. דער מליץ־יושר און דער מקטרג שאַרפֿן זיך די צינגלעך. ייִדן ווייסן וואָס אויף זיי גייט אין די הימלען. אויך דאָס ביסל ייִדן אין דלוטאָוו האָבן געוואוסט וואָס אויף זיי גייט.

איידער וואָס, איידער ווען, האָט לייבושל דער יתום זיך אָנגעהויבן צו לערנען בלאָזן שופר. עס איז געווען אַן אַלטער געלער שופר, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג אויסגעוואַלגערט אין אַלערליי אָרון־קודשן צווישן ספרי־תורות און אין זיין דארקייט און געלקייט האָט ער אין זיך גע־האַט פון דער אַסקעטישער און בלוטלאָזער פרומקייט פון מתנגדישע זקנים. עס איז ממש נישט געווען צו גלויבן, אַז אַט־אָ דער געלער און פרומער שופר איז סך־הכל אַמאָל געווען אַ זינדיקער האָרן פון אַ באָק און דער באָק האָט זיך געפּאַשעט אויף פעלדער און אין דער ברונסט־צייט געהאַט צו טון מיט שעפּסיכעס. דער שופר האָט אויף זיך אָנגע־נומען די גאַנצע פרומע מרה־שחורה פון אַן אייביקן זיך־וואַלגערן צווישן שמות און ספרים־מענטעלעך. ווען מ׳האָט אים ראש־חודש אלול אַ פאַרשטויבטן אַרויסגענומען פון די טונקלקייטן פון אָרון־קודש, האָט זיין אויסגעדאַרטע געלקייט מיט פרומער און פרעמדער גאווה אויף זיך גע־נומען די טאָג־ליכטיקייט און פון זיין מויל האָט זיך געהערט אַן איבל־דיקער און פאַרדומפּעצטער ריח, ווי פון איינעם וואָס האָט זיך לאַנג דאָס מויל נישט אויסגעוואַשן.

אויף אַט־אָ דעם שופר האָט זיך לייבושל געלערנט בלאָזן. דער שופר איז געווען אַ בייזער און אַן איינגעעקשנטער און ס׳איז נישט אַזוי לייכט געווען פון אים אַרויסצוקריגן אַ קול. דער שטן וואָס האָט אים פאַרפּאַקט ביי די פאַראַיאָריקע תקיעות, האָט זיך, זעט אויס, וואויל געפילט אין דעם אַסקעטישן און פרומען שופר און ער האָט נישט בדעה געהאַט פון אים זיך אַרויסצוקלייבן. סיידן אַ געניטער בעל־תקיעה האָט דאָ געקענט דערגיין אַ טאַלק. לייבושל האָט אַריינגעבלאָזן אין אים דאָס גאַנצע ביסל יתומדיקע לונגען. אָבער דער שופר האָט נאָר בייז אַ ריטשע געטון, ווי ער וואָלט זיך איינגעשפּאַרט. לייבושל איז געוואָרן נאָס פון אַנגסטן און דער שופר איז געבליבן ביי דאָס זייניקע. די באָבע חיה האָט פאַרבראָכן די הענט צוזעענדיק, ווי דער יתום לייגט אַריין זיין ביסל לונגען אין דעם שופר און דער שופר ליגט אַ בייזער, אַ געלער און פאַרעקשנטער צווישן לייבושלס ליפּן. די באָבע חיה האָט געזאָגט, אַז דער יתום וועט זיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע. אָבער לייבושל איז אויך נישט אָפּגעטרעטן. ערשט ווען ר׳ נח בראָם איז אַריינגע־

קומען אין „הויף" און צוגעזען דעם פאַרביטערטן קאַמף צווישן לייבושלען מיטן שופר, האָט ער זיך שטיל און ביטולדיק אַ שמייכל אויס געגעבן, ער איז צוגעגאַנגען צו לייבושלען, אַ נעם געטון דעם שופר צווישן זיינע רויט־באַפלעקטע פינגער, אַריינגענומען דעם שופר צווישן די וואָנצעס, און אַ פאַרבויג געטון דאָס קעפּל אין דער זייט.

דער פרומער געל־פאַרדאַרטער שופר האָט אַ בלאָז־אויף געטון צווישן ר' נח בראַמס וואָנצעס מיט אַזאַ יונגטלעכן געשאַל, — עס האָט זיך ממש נישט צוגעגלויבט, אַז עס ליגן אין אים אַזעלכע דינע און פאַרכצומטע קולות. דער שופר האָט געבלאָזן מיט ראש־השנה, און דאָס דאָזיקע שאַליקע און פאַרכצומטע קול האָט זיך אַריינגעריסן דורך די אָפענע פענצטער אין הארבסטיקן דלוטאָווער סאַד, וואָס האָט גע־רוישט אין די קאַלטע ווינטן און די בלעטער זענען געפאַלן פון זיינע ביימער, ווי גרויסע גאָלדענע טראָפּנס. אין קאַמאַצקים סאַד האָט זיך — ס'ערשטע מאָל זינט ער וואַקסט — געהערט דאָס קול שופר. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, דער סאַד נעמט זיך אָן מיט יידישקייט און הויבט אָן צו פילן דעם טעם פון ראש־חודש אלול. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז סך־הכל איז ר' נח בראַם געווען בעל־תקיעה ביי ר' יעקב ענגעלמאַנען אין גלאַזנאָוו און דלוטאָווער יידן האָבן באַקומען אַ מייסטער. ר' נח בראַם האָט אַ בלאָז־אָפּ געטון אַלע תקיעות און תרועות און דער שופר איז געלעגן צווישן זיינע ליפּן ווי אַ לעמעלע און גערעדט דיבורים. לייבושל האָט זיך געווישט דעם שטערן. די באָבע חיה האָט באַקומען פרומע טרערן אין די אויגן. אין דלוטאָווער „הויף" האָט אויף אַן אמתן אָנגעהויבן צו שמעקן מיט יום־הדין.

קאַפּיטל נײַן און דרײַסיק

האַרבסט. אַ צניעותדיקע ליכטיקייט האַלט זיך בײַם עפּענען איבער דער וועלט. ס'רעגנט. סליחות. ייִדן, אויסגעווייקטע פֿון רעגן קומען חצות אין „הויף" אַרײַן. מע דערציילט נײַעסן. אביגדור דערציילט פֿון וואַרשעווער גבֿירים און ר' נח פֿון ר' יעקב ענגעלמאַן. צוועלף בײַנאַכט שפּילט דער זייגער אַן אַלט פּויליש לידל. סע שמעקט מיט יום הדין. ימים-נוראימדיקע סליחות אין די שטילקייטן פֿון קאַ-מאַצקים פּריציש „הויף". מלווה-מלכּה.

אין יענעם זומער האָבן זיך די ימים־נוראים אָנגעהויבן אין שפּעטן האַרבסט. די רעגנס, די קאַלטע ווינטן און די אויבסט־ביימער, וואָס האָבן פֿון זיך אָנגעהויבן אַראָפּצושאָקלען די בלעטער, האָבן צוגעגעבן צו דער אלולדיקער מרה־שחורה. די ביימער, וואָס זענען געבליבן שטיין האַלב־נאַקעטע האָבן אויסגעקוקט צו באַשטעטיקן די פֿאַרגאַנגלעכקייט און דעם הכל־הבל פֿון דער וועלט. די בינען האָבן אָפּגעגעבן זייער לעצטן האָניק און זיך באַהאַלטן אין די בינשטאָקן. די פֿליגן זענען געוואָרן בייזע און ווייטיקלעך געביסן לכּבֿוד ראש־חודש אלול. די ערד האָט רוי און שאַרף געשמעקט מיט דער פֿאַרוויאַנעטקייט פֿון האַרבסט. דער סאָד איז פֿול געווען מיט הויפֿנס פֿאַרוויאַנעטע בלעטער. ווען אַן אלול־טאָג איז גראָד געווען אַ שיינער, די הימלען האָבן זיך אויסגעבלויט קילע און גאָלדיק־העלע, און די זון האָט אַ שײַן־אויף געטון איבער דלוטאָוו, האָט זיך אויסגעדוכט — אַלע פֿעלדער און וועלדער אין דלוטאָוו הילן זיך אײַין אין אַן אומעטיק און רוי־שמעקנ־דיקע גאָלדיקייט: אַז אַ צניעותדיקע ליכטיקייט האַלט זיך בײַם עפּענען איבער דער וועלט. אויך די וועלדער האָבן אויסגעקוקט צו ווערן ליכ־טיקערע אין די שיינע טעג פֿון פּוילישן האַרבסט. נאָר אין יענעם זו־מער זענען געווען ווייניק אַזעלכע גאָלדיקע האַרבסטיקע טעג. דער חודש אלול איז געווען אַ ווינטיקער און אַ רעגנדיקער.

שבת צו נאכטס פאר ראש־השנה האָט מען זיך ביי אונדז אין „הויף" געגרייט צו סליחות. די ביינאַכטיקע הימלען זענען געווען פינצטערער און פאַרוואָלקנט. אינדרויסן אין סאָד האָבן אומהיימלעך גערוישט די האַלב־נאַקעטעביימער. מ'האָט געהערט, ווי דער ווינט טראָגט פונאַנדער די הויפנס נאַסע בלעטער. אין די פינצטערע שויבן האָט פויל געקלאַפּט דער רעגן. ביי אונדז אין „הויף" האָבן געברענט די לאָמפּן. אין די שפּעטלעכע נאַכט־שעהן, נאָענט צו חצות, איז אַלע־מאָל אַן אַנדערער פון די דלוטאָווער יידן אָנגעקומען פון די צערעגנטע פינצטערנישן. די יידן זענען געווען נאַסע. פון זייערע בערד האָט נאָך געטריפט דער דרויסנדיקער אַלולדיקער רעגן. די יידן זענען גע־קומען צו סליחות, וואָס מ'וועט אָנהויבן צו זאָגן פּונקט ווען דער זייגער וועט ווייזן האַלבע נאַכט. אַלעמאָל זענען אַריינגעקומען נייע יידן. אויך די אַלטע דלוטאָווער תושבים, ר' הירשקע, ר' שימקע און ר' מאָשקע זענען אָנגעקומען פון די דרויסנדיקע פינצטערנישן. דער רעגן האָט געטריפט פון זייערע דאָרפישע קאַפּאָטעס, פון זייערע בערד און פון זייערע שטיוואַלעס. די פראָסטע יידן זענען געבליבן שטיין. די באָבע חיה האָט זיי געהייסן זעצן און זיי האָבן זיך אַלע דריי בײ־זאַמען אוועקגעזעצט אין דער זייט אויף אַן אַלטער הילצערנער באַנק. אויבנאָן ביים טיש איז געזעסן דער זיידע ברוך צווישן זיינע „מענטשן". אויפן טיש איז געשטאַנען הייסע טיי מיט איינגעמאַכטס. פון דער קיך האָט מען געפילט די ריחות פון רויטן בוריק־באָרשטש וואָס מען קאָכט אויף מלווה־מלכּה פאַר אַלע דלוטאָווער יידן. מיין פאָטער האָט דער־ציילט די לעצטע וועלט־נייעסן פון דער „הצפירה" און פון די פּאָליטישע פּשטלעך מיט וועלכע דער „ממזר" נחום סאָקאָלאָוו האָט היינט פויל גע־מאַכט זיין לייט־אַרטיקל „דברי־הימים". ס'האָט באַשיימפּערלעך אויס־געקוקט, אַז ערגעץ־וואו אין דער וועלט שמעקט מיט מלחמה. דערהערט מלחמה, האָט דער פעטער לייזער־יוסף אויפגעשטעלט די אויערן און געפּרואווט אָנהייבן דערציילן פון זיין געליבטער טעמע, נעמלעך, וועגן דער רוסיש־טערקישער מלחמה. דער זיידע ברוך האָט אַ זאָג געטאָן: „שוין ווידער שאַשעלע מיט זיינע מעשיות". דער פעטער לייזער־יוסף איז געבליבן ביי דאָס זייניקע, אַז אויב נישט אַזאַ מלחמה ווי

צווישן די רוסן און די טערקן, איז עס נישט מער סיידן ווי הוילע קינ־דער־שפּיל. אביגדור גרוימאַן האָט דערציילט פון וואַרשע, פון „מיין האַרשלען", פון מאַנעלע רויזנשטראָך און פון ר׳ ישעיה פּריוועס. וועגן אַט די אַלע וואַרשעווער קאַרפּן־קעפּ האָט אביגדור גרוימאַן גערעדט ווי אַ היימישער. ר׳ נח בראַם האָט געזופּט טיי און אַלע מאָל אַ לעק געטון צום איינגעמאַכטס. אחוץ אין וואָלד־ענינים, האָט ר׳ נח בראַם קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן, אַז אביגדור גרוימאַן איז אַ ראַדזינער חסיד און טראָגט בלויע ציצית. ווען אביגדור גרוימאַן האָט דערציילט פון וואַר־שעווער גבירים, האָט ר׳ נח בראַם ביטולדיק געשמייכלט. ערשט ווען אביגדור האָט אויפגעהערט, האָט ר׳ נח בראַמס צינגעלע זיך געטון אַ צעשפּיל וועגן ר׳ יעקב ענגעלמאַן און וועגן זיינע וועלדער און לאַ־דענישן.

אַלע האָבן אויפגעהאָרכט ווען ר׳ נח בראַם האָט דערציילט. אפילו די פּראָסטע יידן אויף דער הילצערנער באַנק האָבן נעהאָרכט. דער פּעטער לייזער־יוסף האָט פאַרגעסן, אַז עס שמעקט מיט מלחמה ווען ער האָט געהערט דערציילן פון ר׳ יעקב ענגעלמאַן.

אַזוי איז פאַרלאָפן די צייט. די ווייזערס אויפן אַלטן פּריצישן זייגער פון קאַמאַצקין האָבן זיך דערנעענטערט צו דער צוועלפטער שעה. אינדרויסן אין סאָד האָט זיך געשטאַרקט דער ווינט און דער רעגן. נאָך עטלעכע פאַרשפּעטיקטע יידן זענען נאַסע און אויסגעווייק־טע אָנגעקומען פון די פינצטערנישן. ווען די ווייזערס האָבן שוין גע־האַלטן ביי צוועלף, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט. ס׳האָט אויסגעקוקט, אַז דער מאַרגנדיקער ערב־יום־הדין לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קעפּ פון די יידן. דער רעגן אינדרויסן האָט זיך געשטאַרקט. דער סאָד האָט אומהיימלעכער אָנגעהויבן צו רוישן אין די פינצטערנישן. די פּנימער פון די יידן זענען געוואָרן ערנסטער. סליחות. דער ווייזער האָט אַ וויז געטון צוועלף. דער פּריצישער זייגער האָט פּלוצעם געטון אַ הייזעריקן ברום, און פון זיינע הילצערנע אינעווייניקייטן האָט — אין דעם אָנקומענדיקן חצות — הייזעריק אויפגעשפּילט אַן אַלט פּויליש לידל. דער קוראַנט. אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן ביז דער זייגער האָט אָפּגעשפּילט זיין אומעטיק חצות־געזאַנג. דאַן האָט ר׳ נח בראַם

מיטאמאָל אַ זאָג געטאָן : „צייט צו זאָגן סליחות". אַ ציטער איז אַדורכגעגאַנגען די יידן אין דער שעה פון ערב־ראש־השנהדיקן חצות.

ווען ר' נח בראָם האָט זיך אין דער מיט נאַכט אָנגעטון דעם טלית, האָט ער אין זיך געהאַט פון אַן ערפוכטיקן בר־מנן און ער האָט באַ־שיימפּערלעך געוויזן דעם שייכות צווישן דעם יום־הדין און „יענער וועלט". די ייִדן האָבן אויף אים געקוקט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגע־שיידט פון אַלעמען מיט פרומער און אומהיימלעכער פאַרכצומקייט. ר' נח בראָם האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. זיין פּנים פון צווישן דעם טלית האָט אויסגעדריקט אַ פאַרשטיינערט שווייגן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, האָט טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם טלית איבערן קאָפּ און הויך, מיט אַן אימהדיק און וויינענדיק קול אַ זאָג געטון דעם ערשטן אַלטן סקאַרבאָוון ניגון פון סליחות.

די יידן האָבן זיך צעברומט. מ'האָט בחוש געפילט, ווי דער „אל מלא רחמים", דער אַלטער יידישער גאָט האָט מיט זיינע „דרייצן מידות" אַ קוק אַראָפּ געטון אינמיטן דער נאַכט צו זיינע יידן אין דלוטאָוו, און זעט ווי עס האַלט מיט זייער חשבון. אויך זיי ווייסט ער נישט פאַרגעסן אין מאָרגנדיקן ראש־השנה און אויך זייערע ביכער ליגן אָפּן צוזאַמען מיט די ביכער פון אַלע יידן. דלוטאָווער יידן האָבן וויינענדיק געזאָגט די ימים־נוראימדיקע סליחות אין דער שטילקייט פון קאַמאַצקים פּרי־צישן „הויף" אַרום וועלכן עס ווייען ביינאַכט די האַרבסטיקע ווינטן, עס רוישן די סאָד־ביימער און וואַרפן פון זיך אַראָפּ די בלעטער, און עס רעגנט. די יידן האָבן געזאָגט די לאַנגע סליחות. ווען דאָס דאַונ־דיקע געברום פון יידן האָט זיך פּאַמעלעך געלאָשן — האָט זיך דער באַטליתטער ר' נח בראָם ביי דער וואַנט צעזאָגט מיט די שלום־פּסוקים פון סליחות און מיט אַ מאָוימדיקן ימים־נוראים־ניגון — אין מיטן חצות — אָנגעהויבן אויסצורעכענען די מעלות און די אייגנשאַפטן פון יידישן גאָט און וואָס יידן פאַרלאַנגען פון אים.

נאָך סליחות האָבן אַלע יידן אָפּגעאָטעמט. ר' נח האָט אַ דער־שוויצטער אויסגעטון דעם טלית. אין דרויסן האָט אַלץ גערעגנט און די ווינטן האָבן געבלאָזן. נאָר די יידן האָבן געוואוסט, אַז דער ערש־טער „פּאַטשאָנטעק" אויף דער זייט פון די גוטע מלאכים אין הימל איז

געטון געוואָרן און אַז איצט קען מען זיך אויסגעהונגערטע נעמען צו דער מלווה־מלכּה. די דינסטן און די שיקסעס, וואָס האָבן געוואַרט אין קיך, האָבן זיך באַוויזן צווישן די דלוטאָווער יידן וואָס האָבן אָקערשט אָפּגעטון די ערשטע ראש־השנהדיקע עבודה. די סידורים און סליחות זענען נאָך געלעגן אויפן טיש. אויך ר' נח בראַמס טלית איז נאָך גע־לעגן אויפן טיש. די שיקסעס האָבן פאַרשלאָפענע געבּרענגט חלות, גרויסע טעפּ מיט רויטן באָרשטש און מיט פאַרעדיקע קאַרטאָפל, פול־מיסקעס מיט קאַלטע פיש און קאַלטע קעלבערנע פליישן. מ'האָט עס אויסגעשטעלט אויף די ווייסע טישטעכער, וואָס זענען נאָך פון שבת געלעגן אויף די טישן. אַנדערע שיקסעס האָבן געבּרענגט וואַסער צו וואַשן און האַנטעכער. דלוטאָווער יידן האָבן זיך געוואַשן און אָוועק־געזעצט עסן די געשמאַקע און הייליקע סעודה פון דוד המלך. אביגדור גרוימאַן האָט געזונגען די זמירות פון אליהו הנביא.

קאַפּיטל פערציק

פאַרוואָרפענע יידישע ישובֿניקעס קומען האַלטן די הייליקע טעג אין דלוטאַוו. ווייסע העמדער און היטלען. די קיטלען לופטערן זיך אויף די ביימער. ווי האָט אויסגעקוקט אין טושין? די נאַכט פאַר יום כפור פילדערן די ווייסע כפרה-עופות אונטער אַלע טישן. די עופות קוקן אויס יידלען דעם שוחט. יידל דער שוחט קומט שפעטלעך אין די פינצטערנישן. מען שלאָגט כפרות. יידל איז נאָך אַמאָל בודק די חלפים און די עופות קאָנען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דער שחיטה. מע שחט די עופות אינדרויסן אונטער אַ בוים ביים שיין פון אַן אָנגעצונדענער לאַמטערן. דער סאָד רוישט אין די פינצטערנישן.

ערב ראש־השנה, ווי אויך ערב־יום־כפור זענען אָנגעפאָרן קיין דלוטאַוו עטלעכע פויערישע פורן מיט פרעמדע יידישע משפחות. דאָס זענען געווען יידן פון ווייטע אָפּגעלעגענע דערפער. יידן, וואָס האָבן געהאַלטן מילך־שווייגן ביי פריצים. אָדער גאָר אַ יידישער לאַטוטניק פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ העק צווישן גוים. די דאָזיקע יידן האָבן טייל־מאָל במשך אַ גאַנץ יאָר נישט אָנגעזען קיין ייד פאַר די אויגן. פאַרגרעבטע יידן — זיי, זייערע ווייבער און זייערע קינדער. שטענדיק צווישן פעלדער און צווישן גוים. יידן וואָס האָבן מיטגעלעבט מיט די נויטן און מיט די זאָרגן פון גוים. געזעסן און געטרונקען מיט גוים אין די פוילישע קרעטשמעס. יידן וואָס האָבן מער נישט געוואוסט פון יידישקייט, סיידן ווי אָפּצוהיטן דעם הייליקן שבת, און אין די שעהן פון באַגינען, ווען די הימלען האָבן זיך פאַרפאַרבט מיט טאָג, צו לייגן טלית און תפילין. צו דאַווענען אין סידור איז זיי אָנגעקומען מיט נויט־שוועים. אַזוי האָבן זיי געלעבט, איינצלנע יידן מיט זייערע משפחות, דור־איין, דור־אויס — אָפּגעריסן פון יידישן שטאַם.

ראש־חודש אלול האָבן עפּעס די ווינטן געבראַכט צו טראָגן צו די אויערן פון יענע יידן, אַז עס קומען אָן פאַרכצומע טעג. און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרייטן. אין זייער פראַסטקייט און אויך אין

זייער פאַרגרעבטקייט האָט אָנגעהויבן צו ציטערן דער פּחד פון יום־הדין. וואָס האָבן פּראָסטע יידן, פּאַרוואָרפענע צווישן ימים מיט גוים, געקאָנט מער טון, ווי זיך גרייטן לויט זייערע יכולתן און לויט זייערע פאַרשטענדעניש ? די ווייבער האָבן אויסגעקליבן ווייסע הענער און הינער און זיי ספּעציעל געהאָדעוועט אויף כפּרה־שלאָגן אין דער נאַכט פון הייליקן ערב יום־כּפּור. מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון די קופערטס דעם קיטל וואָס אַ ייד מוז טראָגן אין הייליקן טאָג, כּדי ער זאָל ענלעך זיין צו די מתים וואָס מע משפּט אין בית־דין של מעלה. וואָרעם אין דעם טאָג פון יום־כּפּור משפּט מען די לעבעדיקע באַגלייך מיט די טויטע. די הויט דאַרף ציטערן אויף אַ מענטש. מ׳האָט דעם קיטל אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים, כּדי ער זאָל זיך אויסלופטערן. אַפילו פון בוים אַראָפּ האָט דער קיטל אָראָפּגעווייעט ווי אַ זכר פון טויט און געשראָקן די פּראָסטע יידן און זיי גערופן צו פרומקייט. די יידן זענען פרימער געוואָרן אין חודש אלול, און לויט זייערע השגות אָנגעהויבן שטרענגער אַכטונג צו געבן אויף יידישקייט אין דער משפּחה.

יאָר ביי יאָר ראש־השנה און יום־כּפּור־צייט האָבן די יידן איינגעשפּאַנט זייערע פורן, דאָרט אַרויפגעלייגט קישנס און פּערענעס אויף צו קאָנען שלאָפן אין דער פרעמד, ווי אויך אויבסטן, מילכיקס און די ווייסע כּפּרה־עופות. אַפילו טונדלעך מיט לעבעדיקע פיש. זיי האָבן פאַרשלאָסן זייערע הייזקעס און די שליסלען אָפּגעגעבן צו באַקאַנטע פּויערים. מיט דער גאַנצער משפּחה, מיט ווייב און קינד זיך אוועקגעלאָזט אויף ימים־נוראים אין שטעטל טושין. די יונגע יידישע זין און טעכטער, וואָס זענען במשך דעם גאַנצן יאָר אויפגעצויגן געוואָרן צווישן גוים, האָבן טיילמאָל כּמעט ס׳ערשטע מאָל געזען יידן. קיין עין־הרע אַ שטאָט מיט יידן. און וואָסערע יידן ! יידן אין כאַלאַטלעך, אין פּאות און אין גאַרטלען. יידן חסידים וואָס האָבן שמועסנדיק שטאַרק געמאַכט מיט די הענט, און צייטנווייז אַפילו זיך קעגנזייטיק אָנגעהאַלטן פאַר די בערד. זיי האָבן געזען דעם טושינער רב, — אַ ייד מיט ווילדע צעלאָזענע פּאות. דעם שוחט און דעם מורה־הוראה. זיי האָבן געזען דעם קהלשן צאַפּ, וואָס האָט זיך אין די אלול־טעג אַרומגעדרייט צווישן יידן און געגעסן שמות. די פורן מיט די דאָרפס־

לייט זענען ס׳רוב שטיין געבליבן נישט ווייט פון בית־המדרש און פון דער מקווה. פון די אָפענע בית־המדרש־פענצטער האָט זיך געהערט דאָס זינג־זאַנג־קול פון לערנען אָדער דאַווגען. די פּראָסטע יידן זענען אַראָפּגעשטיגן פון די פורן, אויסגעשפּאַנט די פויערישע פערד און אַריינגעגאַנגען אין הייליקן בית־המדרש אַ קוש צו טון די גרויסע פאַר־מעטענע מזוזות, וואָס זענען דאָרט געהאָנגען אויף די ביישטידלען פון די אַלטע הילצערנע טירן. די דאָרפס־יידן אין זייערע גראָבע שטיוואַ־לעם זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר, און מיט פרעמדלעכן דרך־ארץ געקוקט, ווי יידן זיצן ביי לאַנגע טישן, ביי אויפגעמישטע גמרות, דרייען זיך אַרום איבערן בית־המדרש, אָדער דאַווגען גאָר און שאָקלען זיך צווישן די ספרים־אַלמערס. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, די פּראָסטע יידן, אַז פונקט אַזוי קוקט עס אויס אין הימל ראש־השנה און יום־כפור. די דאָרפישע אויערן האָבן פאַרנומען די אומעטיקע ניגונים פון תורה־לערנען. די פּראָסטע ווייבער און די קינדער זענען נישט דרייסטע געבליבן זיצן אויף די פורן צווישן דעם בעט־געוואַנט, צווישן די אויבסטן און די עופות און מיט אָפענע פויערישע אויגן געקוקט אויף דעם יידישן יאַריד אין שטעטל.

ווען מ׳האָט געמאַכט אַ „מנין" אין קאַמאַצקיס „הויף", זענען די עטלעכע פאַרגרעבטע און פאַרוואָרפענע יידן אַרום דלוטאָוו שוין מער נישט געפאָרן אויף ימים־נוראים אין דעם שטעטל טושין. זיי זענען געקומען קיין דלוטאָוו. זיי זענען געקומען אויף זייערע פורן, מיט זייערע בעט־געוואַנט, מיט די עופות, און זיך אוועקגעשטעלט נישט ווייט פון אונדזער סאָד. דער זיידע ברוך האָט געהייסן עפענען איינעם פון די דלוטאָוווער שייערס און די יידן האָבן זיך דאָרט אויסגעלייגט אין די שמעקנדיקע טונקלקייטן פון הויפנס היי און קאָניעטשינע. אין דאָרף האָבן זיך די יידן היימישער געפילט ווי אין שטעטל טושין.

אין דער נאַכט פאַר ערב־יום־כפור האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פּירכטערלעכקייט פון יום־הדין ווערט מיט אַמאָל שטאַרקער. אין דער הויפישער קיך האָבן געשריגן די געבונדענע עופות, וואָס מ׳האָט גע־

ברענגט צו כּפּרה־שלאָגן. די ווייסקייט פון די גרויסע העגער און היי־נער האָט פונדאָסניי דערמאָנט אין דער ווייסקייט פון קיטלען און תכריכים — אָן טויט — הגם די געבונדענע עופות האָבן אונטער אַלע טישן פון קיך געפּילדערט, געשריגן און געקלאַפּט מיט די פליגלען. מ׳האָט בחוש געזען, אַז די אַלע העגער און הינער זענען די אויסלייזער פאַר יידנסוועגן. פון זייער שרייען און קוואַקען האָט מען כּמעט ווי געהערט די יענע־וועלטישע פרומקייט פון יום־הדין. אויך פון טונקעלן שייער וואו עס זענען געזעסן די פרעמדע פאַרגרעבטע יידן האָט מען געהערט ווי עס שרייען אומבּרחמנותדיק געבונדענע עופות. קיינער האָט זיך ביי אונדז נישט געלייגט שלאָפן. אין דער קיך האָבן זיך גע־טומלט די ווייבער און די דינסטן. אויך לייבושל האָט געהאָלפן בינדן און אויסלייגן די ווייסע כּפּרות־עופות.

די שעה האָט געהאַלטן ביים שלאָגן צוועלף. אויפן טיש אין עס־חדר זענען געלעגן סידורים. פונעם סופיט אַראָפּ האָט העל און וואַרעם געפלאַקערט די בראָנזענע נאַפט־לאָמפּ. פון טושין האָט געזאָלט קומען יידל דער שוחט. יידל איז געווען אַ זון פון אַלטן טושינער שוחט און ער האָט זיך אָקערשט געהאַט אויסגעלערנט שחיטות און דערווייל נאָך נישט געהאַט קיין שטעל. יידל האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דלוטאָוו. ער האָט געוואָלט ווערן שוחט ביי דעם נייעם דלוטאָווער ישוב און אין דער נאָענטקייט פון יידישן פריץ. איידער וואָס און ווען, האָט ער דערווייל זיך געקליבן צו קומען שחטן אונדזערע כּפּרות און איבערבלייבן איבער יום־כּפּור אין דלוטאָוו. יידל האָט געהאַט נאָך אַ מעלה. ער איז געווען אַ כּהן. דלוטאָוו האָט נישט געהאַט קיין כּהן צום דוכענען אין יום־כּפּור און אויך נישט וועמען צו געבן די ערשטע עליה. סטייטש, מיר וועלן נישט האָבן קיין כּהן ? די באָבע חיה האָט טאַקע אויסגעקוקט יידלען ווי אַן אבן־טוב און ווען ס׳האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען אין דרויסן און דער טושינער כּהן האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן, האָט די באָבע חיה כּסדר אויפגעזיפצט : וואָס וועלן מיר טון אָן אַ כּהן און ווער וועט אונדז שחטן די כּפּרות ? עס האָט אויסגעקוקט, אַז די גע־בונדענע ווייסע עופות אונטער די קיך־טישן וועלן אומגעדולדיק און

מיד פון ווארטן אויפן שוחט, ווארעם זיי האבן מיט אמאל אויפגעהערט צו פילדערן און עפעס ווי איינגעשלאפן אונטער די טישן. פלוצעם האט זיך דערהערט פון קיך א געשריי: ער איז דא! מיר אלע האבן פרייער אפגעאטעמט. אין דער טיר האט זיך באוויזן א קליין דראבנער פאר־שוינדל מיט פעטע בעקלעך און מיט א שפיציק געל בערדל. ער איז געגאנגען דעם האלדז ארומגעבונדן מיט א רויטער פאטשיילע, און האט געטראגן אויפן קאפ א גרויסן און ברייטן סאמעטענעם קאשקעט, אין דער האנט האט ער געהאלטן עטלעכע הילצערנע שיידלעך מיט חלפים.

די הינער און די הענער האבן פונאויפסניי אנגעהויבן צו שרייען אונטער די טישן. די באבע חיה האט געהייסן גרייטן פארן שוחט אויף וועטשערע. יידל האט נישט לאנג געגעסן, ווארעם עס איז שוין געווען שפעט אין חצות און ער האט נאך געמוזט שארפן און פרואוון די חלפים. א נייער ערשט־אויסגעלערנטער שוחט, האט ער זיך כסדר גע־פארעט ביי די חלפים. איצט, ווען מ'האט אריינגעבראכט די עופות, האט זיך יידל אוועקגעשטעלט אין א ווינקל און גאר אויפסניי זיך גע־נומען צו די חלפים. מיר האבן זיך אויסגעשטעלט ארום טיש, יעדער האט גענומען א ווייס עוף אין דער האנט און אנגעהויבן צו זאגן אין סידור. דאס עוף האט געשריגן. ערשט ווען ס'איז געקומען צו „זה כפרתי", „זה חליפתי", האבן מיר געדרייט מיט די עופות איבער די קעפ. די עופות האבן געפאכעט מיט די פליגלען און געקוואקעט ווי זיי וואלטן עפעס פארשטאנען.

ווען די כפרות זענען שוין געווען אפגעשלאגן און די געבונדענע עופות זענען געלעגן בייזאמען אין א קופע, האבן די שיקסעס זיי אנ־געהויבן ארויסצוטראגן אין פינצטערן אלולדיקן אינדרויסן. אין מיטן דער נאכט האט מען געהערט דאס יאמערלעכע שרייען פון עופות. א שיקסע האט געהאלטן א גרויסע אנגעצונדענע לאמטערן. יידל דער שוחט איז ארויסגעקומען אין דרויסן מיט א חלף, האט זיך אוועקגעשטעלט אונ־טער א פינצטערן בוים און אנגעהויבן צו שחטן די עופות, וועלכע א שיקסע האט אים איינציקווייז אונטערגעטראגן. אין דער ווייטער אלולדיקער נאכט האט געראשט דער סאד. מ'האט געהערט אויף דער ערד דאס

גוססדיקע קלאפן פון די פליגלען פון געשחטענע עופות. די וואס האבן נאך געלעבט, האבן געשריגן אין די הענט פון די שיקסעס און אין די הענט פון יידל דעם שוחט. דער לאמטערן האט טריב און אומעטיק געלויכטן. ווען אונדזערע עופות זענען שוין אלע געווען געשחטן, זענען פון צווישן די פינצטערע ביימער ארויסגעקומען די פראסטע דארפס־יידן. אויך זיי האבן געברענגט זייערע עופות צו דער שחיטה. באלד איז שטיל געווארן. מ'האט אויפגעהויבן די טויטע עופות פון אויף דער ערד. דער לאמטערן איז געווארן פארלאשן. דער סאד האט גע־רוישט אין די פינצטערנישן. ס'איז געווען די נאכט פאר ערב־יום־כפור.

קאַפּיטל איין און פערציק

אַ בריטשקע מיט דריי וואַרשעווער יידן. אלעזר קאַסמאַן. וואו איז ר׳ ברוך גזשיוואַטש? געהערט, יונגערמאַן, פון מגישעווער בראָנפן? מאיר טוימאַן. קענן אים זענען מיר אַלע מלופים-קינדערלעך. יום-טובדיקע יידן די קאַסמאַנס. אויסטערלישע סוחרים. איר מיינט טאַקע, אַז וועלדער זענען תּורת-משה? אַ געשעפטל גרינג ווי אַ זומער-פייגעלע. די בני-יחידים אין פּוילן. יידן שטייען קעפּ אויף קעפּ. דער זיידע ברוך בייסט איין אין דער ווענדקע. גאָלד וועט אייך רינען פון דעם דאַזיקן הייזקעלע.

באַלד ווי מ׳האָט נאָר צענומען די סופה און אויף די פעלדער האָט מען אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל, איז אָנגעקומען צו פאָרן קיין דלוטאָוו אַ ברייטע נגידישע בריטשקע. אין איר זענען געזעסן עטלעכע פרעמדע יידן. אין פלוג האָט עס אויסגעקוקט צו זיין עפּעס ווי וואַרשעווער יידן, מחמת איינער פון זיי האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ בענדל אַזוי ווי עס האָבן געטראָגן די פּריוועסעס. ער האָט געהאַט אַ רויטע גבירישע צעקעמטע און צעבאַלעוועטע באָרד און אַ פּאָר רויטלעכע פּריילעכע אויגן, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער געדיכטע און רויטלעכע ברעמען. ער האָט געטראָגן אַ נגידישן און פּריצישן שטויב-מאַנטל. ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער בריטשקע, האָט זיך געזען, אַז אָט־אָ דער נגידישער ייד האָט אויך אַ היפּש בייכל. דער צווייטער ייד איז געווען אַ דראָבנער און טונקעלער יונגערמאַן און עפּעס ווי אַ פאַרשלאָפענער. דער דריטער ייד איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטבייניקער, דווקא מיט אַ קליינשטעטלדיקן אָפּגעריבענעם פּאַלטן און אין אַ הויכן און ברייטן חסידישן קאַשקעט. ער האָט געהאַט אַ העל־טונקעלע לאַנגע און פאַרוואָרלאָזטע באָרד, וואָס איז אים געוואַקסן היפּש אַרויף אין די באַקן, אַ פּאָר געדיכטע וואָנצעס, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דאָס גאַנצע מויל, און אַ פּאָר געדיכטע צעוואַקסענע ברעמען, וואָס האָבן אויסגע־קוקט אים צו וואַקסן אין די אויגן אַריין.

די דאָזיקע דריי פרעמדע יידן — בראַש וועלכע עס האָט מיט אַ בנעימותדיק נגידיש הילוכל פאָראויס געטענצלט דער ייד אין שטויב־מאַנטל און מיט דער רויטער צעקעמטער באָרד — זענען אַריינגעקומען אין אונדזער שטוב. זיי זענען געקומען פּלוצעם און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט געריכט. דער זיידע ברוך איז געווען אויפן פעלד. בלויז מיין פאָטער איז געווען אין דער היים. די יידן האָבן זיך אומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. מיין פאָטער איז צו זיי צוגעגאַנגען, גע־געבן שלום עליכם, און געפרעגט ווער זיי זענען.

— יידן. אַזוי צו זאָגן וואַרשעווער יידן. קודם וואו איז ר׳ ברוך גזשיוואַטש? — האָט דער נגידישער פרעמדער ייד געפרעגט מיט וואַרשעווער ברייטקייט. איך הייס אלעזר קאַסמאַן פון מנישעוו. איר האָט געהערט, יונגערמאַן, מן־הסתם פון די מנישעווער קאַסמאַנס? און דער עיקר פון מנישעווער פּסחדיקן בראָנפן? הא, יונגערמאַן? וואו דען, נישט געהערט? — האָט אלעזר קאַסמאַן לייכט געטון מיין פאָטער אַ קלאַפּ אויפן בויך, ווי ער וואָלט אים שוין געקענט פון כּמה יאָרן.

— וועלכער ייד ווייס נישט פון מנישעווער פּסחדיקן בראָנפן? — האָט מיין פאָטער געענטפערט. די יידן האָבן זיך דערוויַיל היימישלעך און פריי אויסגעזעצט אַרום טיש.

אלעזר קאַסמאַן האָט זיך אויסגעטון דעם שטויב־מאַנטל, האָט זיך בנעימותדיק מיט די פינגער צעקעמט די רויטע באָרד, האָט אַרויסגע־נומען אַ נגידיש זיידן יאַרמלקעלע פון זיין בוזעם־טאַש, האָט אַוועקגע־לייגט דאָס פריוועסישע היטל אויפן טיש און זיך אָנגעטון דאָס זיידענע יאַרמלקעלע. ער האָט אויסגעקוקט דערין נאָך גבירישער און נאָך מער וואַרשעווערִיש. ער האָט כּסדר גערעדט און געוויזן אויף די אַנדערע פרעמדע יידן, וואָס האָבן דערוויַיל טיף געשוויגן.

— אָט אָ דער קליינער יונגערמאַן הייסט ר׳ וואָלף ביין. ער איז אַ וואַרשעווער און וואוינט אין „יענע גאַסן", ד"ה אויף דער פראַנ־צישקאַנער. ער איז אַ ביסל אַ פאַרשלאָפענער, נאָר ביים מסחר און ביים קערטל ווערט ער פלאַם פייער, און ביי נאָך עפּעס... כ׳מיין ביים רבין, — האָט אלעזר קאַסמאַן בלומרשט פאַרריכטנדיק אַ שפּראַך־טעות

שעלמיש א ווינק געטון צום פארשלאָפענעם וואָלף ביין און אים גוט־ברודע־ריש א שטאַרקן קלאַפּ געטון אויף דער פּלייצע. דאָס פאַרשלאָפענע פּנים פונם קליינעם טונקעלן ייד האָט זיך קוים אויסגעשמייכלט און ער האָט אין מיטן דערין הויך א נאָס געטון. אלעזר קאַסמאַן האָט אים וואווילעריש גע־זאָגט „צו געזונט", האָט זיך א גלעט געגעבן ביי דער רויטער גבירישע־צעקעמטער באָרד און זיך גלייך געמאַכט דאָס זיידענע יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס געגרייט.

— און דער דאָזיקער ייד, — האָט אלעזר קאַסמאַן געזאָגט נאָך א קליינער פּויזע און געוויזן מיט דער האַנט אויפן ברייט־ביייניקן באַ־וואַקסענעם ייד, וואָס איז געזעסן שטיל אין דער זייט און אַזוי ווי ער וואָלט געקוקט מיט זיינע געדיכטע ברעמען, — אָט־אָ דער ייד... נע, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, יונגערמאַן, — האָט אלעזר קאַסמאַן נאָך אַמאָל איבערגעהאַקט, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס ריכטיקע וואָרט, איר, יונגער־מאַן, ווי מיר האָבן געהערט, זענט ר' יהושיעלע קוטנערס אייניקל און איר ווייסט דאָך, אַז די תורה איז טיף. דער דאָזיקער ייד איז נאָך טיפער. נאָך א סך טיפער. עס איז א שטיל וואַסערל, וואָס גראָבט טיף, אָט־אָ דער רב מאיר טוימאַן. א ייד, ווי איר זעט, וואָס רעדט ווייניק, נאָר... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ער ברענט וועלטן און קיינער האָט נאָך מיט אים נישט געוואונען קיין דין־תורה. מיר אַלע, אַלע מנישע־ווער קאַסמאַנס, זענען קעגן אים בלאָטע שבבלאָטע. מלופים־קינדער־לעך. ער שטאַמט טאַקע פון דעם רעכטן מקום, פון גער, און איז א משפחה מיט די גערער בלאַסעס. יידן, וואָס קיין פינגער אין מויל אַריין וואָלט איך זיי נישט געשטעקט, מחמת זיי בייסן, די יידן. יידן מיט זאַפט, די גערער בלאַסעס. איר האָט געהערט פון די גערער בלאַסעס, יונגערמאַן?

מיין פאָטער האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם ייד, וואָס קומט פון די גערער בלאַסעס, איז טיפער ווי די תורה און בייסט... דעם יידנס פּנים האָט כּסדר אויסגעדריקט אַן ערנסטע און פאַרזיכטיקע אומבאַ־שטימטקייט. ער האָט אַזוי ווי געקוקט מיט די ברעמען און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער קימערט זיך גאָרנישט, וואָס עס רעדט זיך דאָ וועגן אים.

אלעזר קאסמאן האָט נאָך געוואָלט רעדן, ער האָט זיך מיט די פינגער געקעמט די גבירישע באָרד און די בעקלעך זיינע האָבן אזש גע־פלאַמט פון א וואוילערישער זעלבסטצופרידנקייט. דאָס שווארצע זיי־דענע יארמלקעלע איז ממזריש אים געזעסן אויפן קאָפּ. פלוצעם האָט זיך די טיר געעפנט. דער זיידע ברוך האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

דערזעענדיק דריי פרעמדע יידן, איז דער זיידע ברוך זיכער געווען, אז דאָס האָט צו טון מיט געהילץ. הגם דאָס פרעמדלעכע ווארשעווער אויסזען פון די יידן, האָט עפּעס נישט אויסגעקוקט, אז די דאָזיקע יידן האָבן א שייכות צו וועלדער.

די דריי פרעמדע יידן האָבן זיך אויפגעשטעלט. אלעזר קאסמאן האָט געטון א נגידיש הוסטל, און איז מיט אָפענע הענט אקעגנגעגאנגען דעם זיידן ברוך ווי א גוטער און אלטער באַקאַנטער.

— עליכם שלום, ר׳ ברוך — האָט אלעזר קאסמאן געזאָגט מיט ברייטקייט איידער דער זיידע האָט נאָך באַוויזן דער ערשטער אָפּצוגעבן די יידן שלום עליכם. — נו, יידן טרעפן צו אייך אומעטום. איר וועט זיך פון יידן נישט אויסבאַהאלטן אפילו אין אייערע גרויסע וועלדער. מיך מוזט איר מן־הסתם קענען. קאסמאן. פון די באַרימטע מנישע־ווער קאסמאנס. יום־טובדיקע יידן, די קאסמאנס. ווי שייך, ר׳ ברוך, איר האָט נישט אמאָל ליב צו נעמען דעם ביטערן טראָפּן, און פּסח נאָך די פיש א קאָפּעלע מנישעווער בראָנפן. וועלכער ייד ווייסט עס נישט? געהערט פון מנישעווער בראָנפן, ר׳ ברוך? וואו דען? נישט גע־הערט?

— געהערט פון מנישעווער בראָנפן, — האָט דער זיידע ברוך גע־זאָגט אַן אומגעדולדיקער. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די פרעמדע יידן און האָט אלץ נית געוואוסט צו וואָס זיי זענען געקומען און וואָס זיי זענען אויסן.

ערשט דאָ האָט זיך ר׳ מאיר טוימאַן אויפגעשטעלט מיט זיין גאַנצער מאַסיווער ברייט־ביינקייט. די דיקע ברעמען האָבן זיך אים אויפגעהויבן, און עס האָט זיך אויסגעדוכט: א פּאָר שווארצע גרויסע אויגן, וואָס קוקן מיט אומבאַשטימטע בליקן, הויבן ערשט איצט אָן

ארויסצוקריכן פון הינטער די ברעמען. עס האט פון אים ארויסגע־ברומט מיט א גראב און טונקל קול. דאס קול איז ביי ר׳ מאיר טוימאנען ארויסגעקומען עפעס ווי אין א זייט ערגעץ צווישן זיינע וואנצעס. —

— הערט שוין אויף, ר׳ אלעזר, מיט אייערע מנישעווער אקאוויטן.

— ער האט זיך שטרענג געוואנדן צום זיידן ברוך:

— מיר זענען געקומען צו אייך מכח א מסחר, ר׳ ברוך...

דערהערט, אז דאס זענען סך־הכל יידן סוחרים, האט דער זיידע ברוך אויפגעשמייכלט. הגם אזעלכע וואלד־סוחרים האט דער זיידע ברוך נאך נישט געהאט געזען. גאר אנדערע, ווי די סוחרים, צו וועל־כע ער איז געוואוינט געווען זינט זיין גאנץ לעבן. אפשר זענען עס יידן, וואס האבן א שייכות צו טארטאקן. היינט וואקסן אנדערע יידן, ווי ר׳ יעקב ענגעלמאן.

— מסחר? אדרבה, — דער זיידע ברוך האט זיך צוגעזעצט צום טיש — וואס ווילן די יידן זאגן עפעס גוטס?

אלעזר קאסמאן האט זיך גלייך געמאכט דאס זיידענע יארמלקעלע אויפן קאפ, און מיט זיינע קורצע און פעטע פינגער זיך אריין אין דער רויטער צעקעמטער באָרד:

— איר זענט דאך, ווי מענטשן זאגן, א קלוגער ייד, ר׳ ברוך. ביי אייך איז אויך א קערבל נישט קיין ממזר. אז איר פארשטייט צו מאכן די ריכטיקע פאר גראשן, קיין עין־הרע, דאס זעט מען אויף אייך אן און די וועלט קלינגט דערמיט. היינט זשע, זאגט מיר, טייערער ר׳ ברוך, וואס ממש אייך אונטער דער נאז רינען גאלדענע קוואלן און איר זעט זיי נישט?

דער זיידע ברוך האט א פארוואונדערטער אנגעקוקט אלעזר קאס־מאנען.

— איי, זענט איר א ייד, ר׳ ברוך, האט זיך אלעזר קאסמאן צע־לאכט מיט א דריבנע נגידיש געלעכטערל, איר מיינט טאקע, אז וועלדער זענען תורת־משה. בלאטע. ס׳איז דא איין קוואל אין פוילן, פון וועלכן א ייד קאן שעפן און שעפן פאר זיך און פאר קינדס־קינדער און פון וואנען די מנישעווער קאסמאנס שעפן פון כמה וכמה יארן און זיי לאכן, רב ברוך, פון אייך און פון אייערע וועלדער.

דער זיידע ברוך האָט זיך אַרומגעקוקט אַן אומבאַקוועמער. ער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס מנישעווער יידן האָבן פון אים צו לאַכן.

אלעזר קאַסמאַן האָט נאָך אַמאָל געטון דאָס נגידישע הוסטל, האָט זיך אַליין אָנגענומען פאַר דער באָרד, האָט געטון אַ פאַרשנדיקן קוק אויף מאיר טוימאַן און איז גלייך איבערגעגאַנגען צום ענין:

— וואָס וועלן מיר דאָ מיט אייך לאַנג איינטענהן, טייערער ר׳ ברוך. איך זע דאָך, אַז איר האָט ליב קלאָרע דיבורים און האָט נישט קיין גרויסע הבנה אין סתרי־תורה. איי, וואַלד־סוחרים, וואַלד־סוחרים, ס׳פעלט אייך איינגאַנצן דער ברען פון אַן אמתן ייד. איר האָט אייך די קעפּ פאַרשטופּט מיט בוימער. איז די מעשה אַזוי: מיר זענען געקומען צו אייך, איך אַ קאַסמאַן פון די אמתע קאַסמאַנס, און אָט־אָ דער יונ־גערמאַן וואָלף ביין פון דער פראַנטשישקאַנער גאַס און ר׳ מאיר טוימאַן הגדול. זאָגן אייך ווער ר׳ מאיר טוימאַן איז, מוז מען האָבן דאָס לשון פון „אקדמות". איר וועט שוין שפּעטער אַ שמעק טון צו דעם דאָזיקן ייד און איר וועט אַליין זען וואָסער אוצר מיר האָבן אייך געבראַנגט קיין דלוטאָוו. הכּלל, ר׳ ברוך, מיר ווילן פון אייער דלוטאָוו מאַכן אַ צווייט מנישעוו! מיר ווילן סך־הכּל ביי אייך אין דלוטאָוו אויפ־שטעלן אַ גוראַלניע פון פּסחדיקן בראַנפן, און זאָל פּוילן ציטערן.

— וואָס הייסט איר ווילט? — האָט דער זיידע ברוך געפרעגט אַ פאַרוואונדערטער. ער האָט נאָך אַלץ נישט באַנומען וואָס די יידן זע־נען אויסן.

— זענט איר דאָך, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ בטלן, ר׳ ברוך, הגם איר זענט עלטער פאַר מיר און איך פאַרמאָג ניט דאָס מיסט פון אייערע וועגענער, — האָט זיך אלעזר קאַסמאַן צעזונגען און זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַר דער אייגענער באָרד. — וואָס הייסט מיר ווילן? איר אַליין וועט וועלן, ווען איר וועט נאָר גוט צעקייען דעם גאָלדענעם עסק, וועלכן מיר האָבן אייך אַהערגעבראַנגט אויף אַ פּסחדיקן טעלערל. אַ שיינע מעשה — מיר ווילן, — האָט זיך אלעזר קאַסמאַן כּמעט ווי צעבייזערט אויפן זיידע ברוך, — ער טוט אונדז גאָר די טובה. שוין צייט, ר׳ ייד, — האָט ער כּמעט ווי אַ געשריי געטון אויפן זיידן,

— איר זאָלט עפענען די אויגן און זען וואָס איר וואַרפט אַרויס אין דלוטאָוו. מיר האָבן פאַר אייך אַ געשעפטל, גרינג ווי אַ זומער־פייגעלע. איר האָט געגעסן וועלדער אייער גאַנץ לעבן, ר׳ ברוך, און איר האָט נאָך נישט טועם געווען דעם טעם פון אַ פסחדיקער גוראַלניע. פרעגט די מנישעווער קאַסמאַנס. זיי האָבן אויך פעלדער ווי איר, און גוטע פעלדער. נאָר זיי לאַכן פון פעלדער. בייסט נאָר איין מאָל איין אין אַ פסחדיקער גוראַלניע, און איר וועט ערשט זען וואָס עס הייסט אַ לייכ־טער גראָשן.

דער זיידע ברוך האָט געשוויגן. אלעזר קאַסמאַן האָט זיך מיט אַלע זיינע קורצע און פעטע פינגער פונאַנדערגעקעמט זיין רויטע גבירי־שע באָרד:

— קודם־כּל וויל איך אייך זאָגן פאַרוואָס דלוטאָוו איז געוואויגן און געמאָסטן פאַר פסחדיקן בראָנפן. פאַראַן געַנוג דערפער אין פוילן. אויב מיר האָבן זיך מטריח געווען צו אייך אַזש פון וואַרשע, און ר׳ מאיר טוימאַן איז נישט אַ ייד, וואָס רירט זיך לייכט פון אָרט. אַ שווע־רער ייד ר׳ מאיר טוימאַן. אויב ר׳ מאיר טוימאַן זעצט זיך שוין אויף אויף דער בריטשקע, ווייסט ער צו וואָס און פאַרוואָס? הקיצור — וואָס גראָד דלוטאָוו? מוז איך אייך ווידער זאָגן, ר׳ ברוך, אַז איר ווייסט גאָר נישט וואָס איר פאַרמאָגט. איר האָט טאַקע, זאָגן יידן, די גרויסע זשמעניע. איר פאַרמאָגט נאָך עפּעס, וואָס מ׳קאָן דערפון מאַכן געלט. איר פאַרמאָגט יחוס — און דאָ האָט אלעזר קאַסמאַן אַ שטעל אויף געגעבן אויפן זיידן ברוך אַ פּאָר גרויסע אויגן און זיך גביריש אַ גלעט געטון פאַר דער באָרד.

— יחוס? — האָט דער זיידע ברוך געזאָגט אַ שטילער. — וואָס וועל איך טון מיטן יחוס?

— פסחדיקן בראָנפן, — האָט טריאומפירנדיק אַ געשריי געטון אלעזר קאַסמאַן און אַ קוק געטון אויף מאיר טוימאַן, — אַלצדינג האָבן זיי, די מנישעווער קאַסמאַנס, נאָר נישט ר׳ יהושיעלע קוטנער. ר׳ יהושיעלע קוטנער איז אַ גאָלד־גרובן. אין די וועלדער וועט איר מיט אים גאָרנישט מאַכן. אין פסחדיקן בראָנפן — אָט וואו מ׳קאָן דעם יחוס אויסמינצן און מאַכן פון אים גאָלד. אַז מע מאַכט פסחדיקן בראָנפן

פון יחוס און פון „מעלאס", דאַן פליסט ער גלייך אריין צו די יידעלעך אין מויל אריין, און די מנישעווער קאַסמאַנס וועלן ליגן איינגעלייגט ווי די קעצעלעך. וועלכער ייד וועט וועלן אַ שמעק טון צו מנישעווער בראַנפן, ווען מיר וועלן מאַכן אונדזער דלוטאָווער. געוואַלד, ר' ברוך, שלאָפט נישט כּל־זמן דאָס אייזן איז הייס. איר דאַרפט אונדז הייסן געבן די גוטע וועטשערע. און מיט וויין. מיר האָבן אייך, בנאמנות, געבראַנגט דאָס טעלערל פון הימל.

אלעזר קאַסמאַן האָט זיך גוט אויסגעהוסט, זיך גלייך געמאַכט דאָס זיידענע יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ און זיך ברייט פונאַנדערגעקעמט די באָרד.

דאָ פּלוצעם — איידער דער זיידע ברוך האָט נאָך געפּרוואווט עפּעס צו ענטפערן — האָט זיך מאיר טוימאַן שווער אַ רוק געטון אויף דער שטול. די שטול האָט אַזש אַ קרעכץ געטון אונטער זיין ברייט־ביינִיקן מאַסיוון גוף. די טונקלקייט פון זיין פּנים איז געוואָרן גרויער, גלייך ווי דאָס פּנים וואָלט פּלוצעם געביטן די הויט. די אויגן האָבן ביי אים שאַרף אַנגעהויבן אַפּערצוקוקן פון די פּאַרוואַקסענע ברעמען. זיינע גראָבע געדיכטע וואָנצעס האָבן זיך עפּעס ווי אַ שטעל־אויף געגעבן כּדי אַרויסצולאָזן מאיר טוימאַנס קול:

— פּסחדיקע אָקאָוויטן (מאיר טוימאַן האָט נישט געזאָגט בראַנפן, ווי אַלע יידן. ער האָט געזאָגט אָקאָוויטע, און דאָס וואָרט האָט אין זיין מויל געשמעקט מיט דעם שאַרפן פינצטערן ריח פון אַלטע בראַנפן־פעסער) איז אַ קוראַנטנער מסחר, און זייער אַ טיפער מסחר. ווען מען ווייסט נאָר גוט צו פירן און מען האַלט קאָפּ, קען מען לייכט אוועק־לייגן אַט די אַלע קאַסמאַנס אין מנישעוו און בלייבן אַ קיילעכדיקער בן־יחיד אין פוילן. די קאַסמאַנס וועלן זיך אפילו טשעפּען מיט דין־תורהס. יידן פון פּסחדיקע אָקאָוויטן האָבן ליב דין־תורהס. נאָר צו דין־תורהס, הייס איך מאיר טוימאַן.

און מאיר טוימאַן האָט אויף אַ שעה צייט אוועקגעלייגט פאַרן זיידן ברוך דעם גאַנצן פּלאַן פון אַ פּסחדיקער גוראַלניע אין דלוטאָוו. דאָס מיילעכל זיינס, וואָס איז פינצטער געלעגן באַהאַלטן צווישן די וואָנצעס, האָט זיך פונאַנדערגערעדט עפּעס אויף אַ פרעמדן און אויס־

טערליש־קלינגעדיקן יידישן דיאלעקט. זיינע יידישע זאצן זענען ארויס־געקומען הארטע און שפיציקע און רוי־טונקעלע און האבן זיך פונאנ־דערגעוויקלט אין פארביקע און לאקנדיקע בילדער. פון זיי האט גע־שמעקט מיט פיל אוואנטוריסטישער וואגעניש און עקספערימענט, מיט נייע און אויסטערלישע מעגלעכקייטן פון פארדינסט און געלט. דער זיידע ברוך איז געבליבן זיצן א געפלעפטער. א יידישע און יום־טובדיקע וועלט האט זיך א טונקעלע און א שמעקנדיקע פונאנדערגע־לויכטן אין די שילדערונגען און בילדער, וואס האבן זיך ארויסגעקייקלט פון צווישן מאיר טוימאנס וואנצעס. ער האט געשילדערט דעם פאר־פסח־דיקן יריד ביי מאליניאקן אויפן גזשיבאוו. יידן שטייען דארט קעפ אויף קעפ, ברענגען געלט און רייסן זיך פאר פסחדיקן בראנפן. מאיר טוימאן האט דערציילט, וואס עס טוט זיך אין די יידישע שטעטלעך מיט פסחדיקן בראנפן. רבנים פארדינען גראבע געלטער צוליב די גרוי־סע און פארפלאנטערטע דין־תורהס, וואס יידישע בראנפן־קרעמער האבן צווישן זיך נאך פסח. און אלצדינג צוליב דער ווילדער שפע. אין דעם דאזיקן גרויסן רעגן פון גאלד, וואס רעגנט אויף יידן אין פוילן, שטייען אליין די מנישעווער קאסמאנס מיט אויסגעשפרייטע פאלעס און כאפן און שעפן און לאכן פון דער וועלט. עס זענען פאראן נאך יידן אין פוילן, וועלכע עס קומט גרייטלעך א חלק אין אט דעם אויסטערלישן מזל־ברכה. שווין צייט, אז די קאסמאנס זאלן אויפהערן צו זיין די בני־יחידים ביים רבונו־של־עולם.

דער זיידע ברוך איז געווען א מענטש מיט פיל פאנטאזיע און מיט א ווילן צו עקספערימענטירן. די דאזיקע יידן האבן אים גענומען. איבערהויפט האט אים פריטשמעליעט מאיר טוימאן. דלוטאוו איז א גרוים גוט. דער זיידע האט זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו מאכן דא א גרויסע פיש־צוכט און פארלייגן סטאוועס אויף האדעוועז קארפן. אחוץ זיין ווידערווילן צו טארטאקן, האט ער ליב געהאט אלע פרואווע־נישן. עלעהיי, זאל מען אויך א פרואוו טון מיט א פסחדיקער גוראל־ניע אין דלוטאוו.

ווען די דריי יידן האבן געזען, אז דער זיידע ברוך האלט דערביי איינצובייסן אין דער ווענדקע, האבן זיי זיך אלע דריי מיטאמאל א

שטעל־אויף געגעבן פונעם טיש. אלעזר קאַסמאַן האָט געטון אַ טו־אויס דאָס זיידענע יאַרמלקעלע און זיך צוריק אָנגעטון דאָס פּריוועסעשע היטל מיטן בענדל. מאיר טוימאַן האָט אויסגעקוקט צו זיין נאָך העכער און ברייטגעוויקסיקער ווי ער איז געווען ביז אהער. מיט אַ טונקל קול האָט ער אַ זאָג־געטון צום זיידן ברוך.

— לאָמיר אָקערשט אַ קוק טון אין דרויסן. ווייזט אונדז, ר' ברוך, עפּעס אַ חורבה, וואָס איר באַדאַרפט מער נישט צו אייער באַלעבאַטישסקייט. אין אַ גרויסן פּריצישן הויף געפינען זיך תמיד אַזעלכע פּוסטע קרעטשמעס. פאַר פּסחדיקע אָקאָוויטן איז עס געגוג.

דער זיידע ברוך איז מיט די פרעמדע יידן ארויסגעגאַנגען אין דרויסן. מיין פאָטער איז מיטגעגאַנגען. די פרעמדע יידן האָבן געטאָפּטשעט צווישן די האַרבסטיקע בלאָטעס און צווישן די הויפנס פאַרוויאַנעטע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער אין נאַקעטלעכן סאָד. פון קילן און פייכטן האַרבסט־טאָג זענען אָנגעלאָפן די דריי פּריצישע הינט און אָנגעהויבן צו בילן אויף די פרעמדע יידן. מאיר טוימאַן האָט אַ גאַנצע צייט טיף געשוויגן און שווער געגאַנגען צווישן די בלאָטעס און די בלעטער. אלעזר קאַסמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן מיט גלייכווערטלעך אויפן חשבון פון די מנישעווער קאַסמאַנס. אויפן הויף זענען געווען ווייניק גוים, וואָרעם אויף די פעלדער האָט מען אויסגעגראָבן די קאַרטאָפליעס. דער זיידע ברוך האָט די יידן צוגעפירט צו אַן אַלטער געמויערטער חורבה, וואָס איז נאָך געשטאַנען פון קאַמאַצקיס עלטערן. מ'האָט זי באַנוצט בלויז אויף אָפּגענוצטע אַלטוואַרגן. דער זיידע האָט געהייסן עמעצן פון די הויף־פּאַראָבקעס עפענען די חורבה. אינעווייניק איז געווען טונקל. שוואַכע טאָג־ליכטיקייטן האָבן קוים אריינגעשיינט דורך דעם צעבראָכענעם שינדל־דאַך. עטלעכע איבערגעשראָקענע פלעדער־מייז זענען אויפגעפלויגן. ווען מ'האָט ברייטער געעפנט די טיר פון דער פּריצישער חורבה, האָט פון דאָרט ארויסגעשלאָגן אַ פאַרדומפּעצטער ריח פון אַלטע פוילעניש. דאָס טאָג־ליכט האָט זיך פון דער פרישקייט פון אינדרויסן אריינגעריסן אין די טונקעלע אינעווייניקייטן און האָט באַלויכטן גאַנצע קופּעס מיט כּל־ערליי אַלטע בראַכווארגן. פון די ווענט זענען אַראָפּגעהאַנגען גאַנצע וואָלקנס שפּינוועבס.

די דריי יידן האָבן געטאָפּטשעט איבער די אַלטוואַרגן, צווישן זיך גערעדט, גערעכנט און געמאָסטן. פון די טיפע אינעוויינינקייטן פון דער חורבה האָט מאיר טוימאַן רוי אַרויסגעשריגן צום זיידן ברוך, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל:

— דער דאָזיקער בנין איז משֵשת ימי בראשית אָפּגעמאָסטן פאַר אַ גוראַלניע פון פּסחדיקע אָקאָוויטן.

אלעזר קאַסמאַן האָט אויך אַרויסגעשריגן צום זיידן ברוך:

— גאָלד וועט אייך רינען פון דעם דאָזיקן הייזקעלע. איר וועט זען, ר׳ ברוך, וואָס די מנישעווער קאַסמאַנס קענען.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן אין דער חורבה אָנגעהויבן צו קלאַפּן האַמערס און זעגן. מ׳האָט אָנגעהויבן צו בויען אַ פּסחדיקע גוראַלניע אין דלוטאָוו.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

די צוויי גרעסטע תורה־משפּחות אין פּוילן זענען זיך משדך. צדיקים אין גן־עדן טרינקען לחיים. פּאַטשט־קאַטשן אין די בלאָטעס צווישן לויוויטש און סאָכאַטשעוו. דעם פעטער יעקלס נצחון. אין אַ לויוויטשער אכסניה. דער פעטער יעקל מאַכט קולות אַז אַלע זענען שלימזלען. יידן שטופּן ירחמיאלן אַריין אין דער קאַטש. דער פעטער יעקל ווערט שטיל ווי אַ לעמעלע. די פּעלדער פּורים־צייט. די פּאַטשטאַליאָנען טראָמפּייטערן אין דעם סוף־ווינטערדיקן רחבות. גיי, פאָר מיט אַ נאַר אויף אַ חתונה. דער פעטער יעקל ווערט ווידער שטיל ווי אַ לעמעלע. סאָכאַטשאָווער בלאָטעס און סאָכאַטשאָווער מאַרק. ס'פאָרן מחותנים!

דעם צווייטן ווינטער זענען מיר ווידער געווען אין לאָדזש. איך בין נאָך אַלץ געגאַנגען צו ר' אהרנען אין חדר. אין די ווינטערדיקע אָוונטן בין איך אַהיים געפאָרן מיט דער גרויסער סחורה־פור פון די ווישליצקים. מ'האָט געשמועסט: אויפן קומענדיקן ווינטער וועט מען מיך אָפּגעבן צו אַ גמרא־מלמד. דאָס האָט מיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ. אין קוטנע האָט זיך די מומע איטקע געהאַלטן ביים גטן מיט בערישן.

פּורים־צייט זענען מיר אַלע געפאָרן אויף אַ חתונה. דער פעטער יצחק, דעם טאַטנס ברודער — דער וואָס האָט זיך האָפערדיק געשניטן אויף אַן עלוי — האָט געהאַלטן ביים חתונה האָבן פון סאָכאַטשאָוו. די כלה איז געווען אַן אייניקל פון באַרימטן סאָכאַטשאָווער גאון ר' אברהמעלע. ס'האָט געהייסן: אין דעם דאָזיקן שידוך האָבן זיך צונויפגעגאָסן צוויי פון די גרעסטע און באַרימטסטע תורה־משפּחות פון פּוילן. ר' יהושיעלע קוטנער און ר' אברהמעלע סאָכאַטשאָווער. דערצו איז דער חתן געווען אַן אייניקל פון ר' יצחק וואָרקער און די כלה אַן אייניקל פון קאָצקער. אַלטע חסידים האָבן געזאָגט, אַז צוליב דעם דאָזיקן שידוך איז אַ שמחה אין דער פמליא של מעלה. די צדיקים אין גן־עדן הייסן זיך געבן בעכערס מיט יין־המשומר כדי צו טרינקען לחיים.

מען האָט זיך טאַקע געגרייט אויף אַט־אַ דער חשובער חתונה. אין אַלע רבישע הייף אין פּוילן האָט מען זיך מכין געווען צו פאָרן אויף דער „סאָכאַטשאָווער חתונה". ר' אברהמעלע איז דאַן געווען דער גרעסטער שר־התורה אין פּוילן, דעם קאָצקערס אַן איידעם און אַ רבי פון חסידים.

פון לאָדזש זענען מיר געפאָרן מיט דער באַן ביז לויוויטש. סאָ־כאַטשאָוו איז געווען אַ קליין אָפּגעלעגן שטעטעלע. אַ העק צווישן בלאָטעס. קיין באַן איז אַהין נישט דערגאַנגען. מ'האָט געמוזט פאָרן מיט באַלעגאָלישע בוידן. אין יענע בלאָטעס צווישן לויוויטש און סאָכאַטשאָוו האָט אויך קורסירט די „עקסטרא־פּאָטשט". אַ גרויסער געלער קאַסטן מיט אַן אויפגעמאָלטן רוסישן אָדלער און מיט משונהדיק הויכע רעדער, וואָס האָבן פאָרנדיק געקלאַפּט און געאָכצט. מ'האָט אַזש פון דער ווייטן געהערט, אַז דאָ גייט די „עקסטרא־פּאָטשט". די באַלעגאָלעס פון דער „פּאָטשט" זענען געגאַנגען אָנגעטון אויסטערלישע קיילעכדיקע קאַפּעלושן און האָבן אויף זיך געטראָגן רויטע פּאַלדיקע שנורן, אויף וועלכע ס'זענען געהאָנגען געדרייטע מעשענע טראָמפּייטן. אין מיטן וועג אָדער אַריינפאָרנדיק קיין סאָכאַטשאָוו, האָבן זיך די פּאָטשטאַליאָנען צעבלאָזן אויף די דאָזיקע טראָמפּייטן. זיי האָבן גע־בלאָזן מאָדנע פּאַרצייטישע ניגונים, וואָס האָבן שאַרף און אויסטערליש אָפּגעקלונגען אויף מרחקים. ווען די „עקסטרא־פּאָטשטן" זענען גראָד אַדורכגעפאָרן אַ וואַלד און די פּאָטשטאַליאָנען האָבן געבלאָזן, האָט דער וואַלד זיך אָפּגערופן פון שאַרפע און שאַליקע ווידער־קולות. סאָכאַטשאָוו איז געווען אַזאַ פאַרוואָרפענער העק, אַז ווען מ'האָט אָפּגעשאַפט די פּאָטשט־קאָטשן אין פּוילן האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן די אַלטע גע־לע קאָטשן, וואָס זיי האָבן זיך געשלעפּט אין די בלאָטעס צווישן לוי־וויטש און סאָכאַטשאָוו. זיי האָבן ווייטער קורסירט ווי אין קדמונים. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז דעם פעטער יעקל אין קוטנע געגראָטן איבערצורעדן אַלעמען און אויסצופועלן, אַז מ'זאָל פאָרן קיין סאָכאַטשאָוו נישט אויף קיין פּשוטע יידישע באַלעגאָלישע בוידן, נאָר אויף אַט־אַ די אויסטערלישע פּאַרצייטישע קאָטשן. געגנוג — דער פעטער יעקל האָט אויסגעפועלט. ווען מיר זענען געקומען צופאָרן קיין לויוויטש מיט

דער באַן און אוועק ערגעץ אין אַן אכסניה הינטער דער שטאָט, איז שוין דאָרט געווען די גאַנצע קוטנער משפחה. דער פעטער יעקל האָט זיך שטאַרק געפֿרעט און זיך כּסדר געקריגט מיט זיין איידעם ירחמיאל. אין אַ באַזונדער חדר פֿאַר מאַנסבילן איז אויבנאָן ביים טיש געזעסן דער זיידע ר׳ משהל אָנגעטון אין אַ רבנישן שאַפֿענעם פּעלץ און מיטן סויבלנעם קאָלפּאַק אויפֿן קאָפּ. ער האָט געהאַלטן דעם רבנישן שטעקן אין דער האַנט און ער האָט געוואַרט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיצנ־דיק אין דער לוויוויטשער אכסניה שוין געווען אין סאָכאַטשאָוו אויף דער חתונה. נעבן אים איז געזעסן דער חתן יצחק מיט די צעשוי־בערטע פּאות פון אַן עלוי, אין אַ גרויסן סאַמעטענעם קאַשקעט און אין אַ נייעם שאַפֿן־פּעלץ, וואָס האָט אים צוגעגעבן די ברייטע האַפּערדי־קייט פון רבנישער עילוישקייט. אַלערליי לוויוויטשער יידן — וואָס האָבן גאָרנישט געהערט צו די מחותנים — האָבן זיך אין וואָכעדיקע קאַפּאָטעס געשטופּט צווישן די קוטנער מחותנים. די יידן זענען צו־געגאַנגען צום זיידן ר׳ משהל און אים געגעבן שלום עליכם. די קוטנער ווייבער זענען געזעסן אין אַן אַנדער חדר און געטרונקען טיי. צווישן זיי האָט זיך געפֿרעט און הייזעריק געשריגן דער נייער משמש פון זיידן ר׳ משהל, הירשל נאָמנס איידעם יעקב צאַמבער. ער איז געווען אַ קליין לעבעדיק שוואַרץ יידל מיט אַ פּאָר ברענענדיקע און ליידנשאַפֿט־לעכע אויגן.

דערווייל האָט מען געהערט פון דרויסן דאָס פּאַרצייטישע געשאַל פון טראָמפּייטן און אַ קרעכצעניש און אָכצעניש פון רעדער. דער פעטער יעקל איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און אַריינגעלאָפן צו די ווייבער און מיט געוואַלדיקער און טריאומפירנדיקער שמחה אַ גע־שריי געטון:

— די פּאָטשט!

אינדרויסן זענען טאַקע געשטאַנען די צוויי געלע גרויסע פּאַר־צייטישע קאַסטנס. אויפן הויכן באָק זענען געזעסן באַוואָנצנטע גוים אָנגעטוענע אין אויסטערלישע לעדערנע קאַפּעלושן. די טראָמפּייטן אַרומגעבונדן אויף די סוקמאַנעס, לאַנגע בייטשן אין די הענט. די גוים האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן און אַזוי אַרום אַרויסגערופֿן די

פּאַסאַזשירן פון דער אַכסניה. מיר זענען אַלע אַרויסגעקומען. דער פּעטער יעקל האָט זיך אַ בשמחהטער געפּאָרעט, גלייך ווי די קאַטשן וואָלטן געווען זיין אייגנטום. ער האָט זיך אַפילו אין דרויסן פאַר די קאַטשן געקריגט מיט ירחמיאלן. די טרעפלעך צו די קאַטשן זענען גע־ווען הויכע און דאָס אַרויפגיין אויף זיי איז נישט געווען זייער לייכט. פאַר דער קאַטש אין וועלכער עס האָבן געזאָלט פאָרן די ווייבער, האָבן זיך טאַקע געהערט געשרייען און געלעכטערס. די שלימזלדיקערע ווייבער האָבן בשום אופן זיך נישט געקאָנט אַרויפדראַפּען אויף דער קאַטש. דער משמש יעקב צאַמבער — הגם ער איז געגאַנגען אָנגע־טון אין אַ סאַמעטענעם קאַשקעט מיט אַ יאַרמלקע און אין אַ צעדריפּעטן חסידישן גאַרטל — איז געשטאַנען נעבן די ווייבער און אויף זיין הויך הייזעריק קול געמאַכט אַלערליי צווייַדייטיקע וויצן אויפן חשבון פון די ווייבער וואָס באַווייזן נישט אַזוי לייכט אַרויפצוקומען אויף דער געלער קאַטש. אויך ביי די מאַנסבילן האָט זיך געטון דאָס נעמלעכע. פאַר די עלטערע יידן איז עס אויסגעקומען גאָר שווערלעך, הגם דער פּעטער יעקל איז געשטאַנען נעבן די טרעפלעך, געשריגן און אַלעמען אָנגערופן שלימזל. ווען עס איז געקומען צו ירחמיאלן, האָט ער, ירחמיאל נעבעך, שטאַרק אָנגעהויבן צו קרעכצן, האָט זיך צוגעהאַלטן מיט די הענט ביים בויך און האָט קיין פוס אַפילו נישט באַוויזן אַרויפ־צושטעלן אויפן טרעפל. פון דער ווייבערישער קאַטש האָט אים געזידלט זיין ווייב ראצע. דער פּעטער יעקל האָט זיך געקאָכט און דעם אומגליקלעכן ירחמיאלן אָנגערופן מיט כלערליי צונעמענישן. ס'איז נישט געגאַנגען. ערשט עטלעכע פרעמדע לוווויטשער יידן האָבן ירחמיאלן גענומען אויף די הענט און אים אַריינגעטראָגן אין דער קאַטש. ירחמיאל האָט שווער אָפּגעזיפצט און דער פּעטער יעקל ביי די טרעפלעך האָט געליאַרעמט און געזידלט. ווען עס איז געקומען דערצו, אַז דער פּעטער יעקל אַליין דאַרף ענדלעך אַרויפצושטייגן אויף די טרעפלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קאָן דעם ערשטן טריט נישט אַרויפשטעלן. דער פּעטער יעקל איז מיטאָמאָל שטיל געוואָרן און זיך שטאַרק פונאַנדערגעהוסט. עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. די אייגענע פרעמדע לוווויטשער יידן האָבן

אים, דעם פעטער יעקל, געמוזט נעמען אויף די הענט און אים אריינ־שטופן אין דער קאַטש.

ווען אַלע מחותנים און מחותנתטעס זענען שוין געווען פונאַנדער־געזעצט, האָבן זיך די אַלטע געלע קאַטשן שווער אַ ריר געטון פון אָרט. עס האָט געגעבן אַזאַ טרייסל, אַז אַלע פּאַסאַזשירן זענען אַרויפגעפאַלן איינער אויפן אַנדערן. דער פעטער יעקל האָט שוין מער נישט געשריגן. די קאַטשן האָבן זיך קרעכצנדיקע צעשאָקלט און עס האָט אויסגעקוקט, אַז מיט זיי שאָקלט זיך מיט גאַנץ לוויוויטש. די פורמאַנעס אויפן באָק האָבן געשריגן „נאַ באָק!” און געקנאַלט מיט די בייטשן. ענדלעך זענען די קאַטשן פאַרבייגעפאָרן די לעצטע לוויוויטשער הייזלעך און אַרויף אויף די פעלדער.

ס'איז געווען פורים־צייט. אויף די פעלדער איז נאָך געלעגן טי־פער שניי. דער וועג אָבער, וואָס פירט קיין סאָכאַטשאָוו האָט נישט ליב קיין שניי. ער איז געווען איין לאַנגע געוואַלטיקע בלאָטע פול מיט גריבער און גריבלעך. די בלאָטעס האָבן זיך ווי אויפגעקאָכט און צע־שפריצט אונטער די הויכע קרעכצנדיקע רעדער פון די צוויי קאַטשן. אויף די ווייסע פעלדער אַרום זענען געפלויגן שוואַרצע קראָען און גע־שריגן. פון די מחותנים אינעווייניק אין די קאַטשן איז געוואָרן אַ קנויל און זיי האָבן זיך פעסט געמוזט אָנהאַלטן אָן וואָס עס האָט זיך געלאָזט, וואָרעם עס איז געווען חיות נישט זיכער. דער זיידע ר' משהל האָט אפילו געהאַט בדעה אַ שמועס צו טון מיטן חתן אין לערנען, נאָר עס איז ממש נישט מעגלעך געווען צו טון די מינדסטע זאַך — אויך רעדן איז נישט געווען מעגלעך, סיידן צו שרייען הויך אויפן קול. פלוצעם — קיינער האָט זיך אויף דערויף נישט געריכט — האָט זיך דערהערט אַ שניידיקער שאַל פון טראָמפּייטן. די ביידע גוים אויפן באָק האָבן זיך מיט אַמאָל שאַרף און הויך צעבלאָזן אינמיטן די ליידיקע שנייאיקע פעלדער.

ירחמיאל נעבעך, איז געזעסן אַריינגעשטופּט צווישן די מחותנים און זיך פעסט אָנגעהאַלטן ביים אייגענעם בויך. אַלע מיחושים זיינע, אינעווייניק אין אים, האָבן אָנגעהויבן צו רעדן דיבורים. ירחמיאל

האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק דערשראָקן פון דעם פּלוצעמדיקן שאַרפן געשאַל און האָט זיך געוואַנדן צום פעטער יעקל און אים אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין, אַז מ'זאָל — נישט מער און נישט ווייניקער ! — אָפּשטעלן די קאָטש אינמיטן די בלאָטעס, מחמת ער באַדאַרף משתין זיין...

דער פעטער יעקל איז אַזש רויט געוואָרן פון גרויס כעס.

— גיי פּאָר מיט אַ נאַר אויף אַ חתונה, — האָט ער אַ געשריי געטון אין מיטן דעם צעשאָקלטן קנויל פון די מחותנים.

דער זיידע ר' משהל האָט געפּסקנט: פּאַרפאַלן. מ'קאָן נישט קיין ייד לאָזן עובר זיין אויף אַזאַ שווערע עבירה, ווי „בל תשקצו".

מיט גרויס מי און מאַטערניש איז עס קוים געראָטן אַרויסצוקלאַפּן צום גוי אויפן באָק, אַז ער זאָל אָפּשטעלן די קאָטש. די קאָטש האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט. אויך די קאָטש מיט די ווייבער האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך אויסגעדוכט: די טיפע בלאָטעס אין וועלכע די געלע באַשפּריצטע קאָטשן האָבן שווער געטאָפּטשעט, — האָבן זיך אויך באַרואיקט. בלויז אויף די שנייאיקע פעלדער האָבן הפקרדיק געקראַקעט די קראָען. אַז מ'האָט אויפגעעפנט די טירן פון דער קאָטש, האָט זיך אַריינגעריסן דער פרישער סוף־ווינטערדיקער דרויסן. אַלע יידן אין דער קאָטש האָבן געמוזט העלפן ירחמיאלן זיך אַרויסצובאַקומען. ירחמיאל איז אַראָפּגעשטיגן טיף אינמיטן פון די בלאָטעס. ענדלעך האָט מען מיט גרויס מי און מאַטערניש צוריק אַרויפגעקראָגן ירחמיאלן אין קאָטש אַריין. ווען דער גוי האָט געטון אַ קנאַל מיט דער בייטש און געוואָלט אַ יאַג טון די פערד, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איצט איז דער פעטער יעקל אַ קאַנדידאַט אויף משתין זיין. מ'האָט צוריק אַרויסגעקלאַפּט צום גוי, אַז ער זאָל וואַרטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווערע שטיקל אַרבעט, דעם פעטער יעקל אַרויסצוקריגן און צוריק אַריינצוקריגן אין דער קאָטש.

אַזוי זענען מיר מידע און צעבראָכענע ענדלעך אָנגעלאַנגט צו די ערשטע הייזלעך פון סאָכאַטשאָוו. דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די ריכטיקע בלאָטעס. דאָס שטעטל איז ממש געשוואומען אין בלאָטע. ווען אונדזערע קאָטשן זענען מיט רעש און געקרעכצעניש אַריינגעפאָרן

צווישן די קליינע הילצערנע הייזלעך, האָט זיך אויסגעדרוקט, ווי סאָכאַטשאָוו וועקט זיך פון הינערפלעט. אַלע פענצטער האָבן זיך געעפנט. כּלערליי קעפּ פון יידענעס אין שלאָף־הויבן און יידן אין יאַרמלקעס האָבן זיך אַרויסגעבויגן פון די פענצטער צו קוקן. פון טייל פענצטער האָבן זיך ווייבער איבערגעשריגן, אַז דאָ פאָרן די קוטנער מחותנים. די גוים אויפן באָק האָבן זיך פונדאָסניי פונאַנדערגעבלאָזן מיט די טראָמפּייטן. אַזוי זענען מיר מיט געשאַל און געפילדער אַרויפגעפאָרן אויפן סאָכאַטשאָווער מאַרק.

דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען איין גרויסע בלאָטע, אין וועלכער עס האָבן אַרומגעטאָפּטשעט יידן און גוים. פאַר די קרעמלעך זענען געשטאַנען יידן צוזאַמען מיט פּויערים און געשמועסט. אַלע האָבן געקוקט אויף די קוטנער מחותנים. אונדזערע קאָטשן זענען דערווייל אַריינגעפאָרן צווישן אויסגעשפּאַנטע פּויערישע פורלעך, וואָס זענען געשטאַנען כּמעט ווי פאַרטרונקען אין דער סאָכאַטשאָווער בלאָטע. אָנגעבונדענע ביי די פורלעך האָבן פּויערישע פערדלעך געשמאַק געקייעט היי און שעטשקע. קי זענען געשטאַנען אין מיטן די בלאָטעס, נאַריש געקוקט אויף די אָנפאָרנדיקע קאָטשן און געמעלה־גרהט. איינצלנע ציגן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די בלאָטעס פון סאָכאַטשאָווער מאַרק, אַלעמאָל אַריינגעשטעקט די באַבערדלטע קעפּ אין דער טיר פון אַ יידיש קרעמל, ווי זיי וואָלטן דאָרט עמעצן געזוכט. ענדלעך האָבן זיך אונדזערע קאָטשן אָפּגעשטעלט. פרעמדע סאָכאַטשאָווער יידן האָבן אונדז געהאָלפן ביים אויסשטייגן. מ'האָט אונדז אַלעמען ביסלעכווייז „איינגעשטעלט" ביי פאַרשיידענע יידן. מיד און מאַט פון דער גרויסער און שווערער נסיעה פון לוויוויטש קיין סאָכאַטשאָוו, בין איך ערגעץ אַריינגעפאַלן אין אַ בעט און איינגעשלאָפן ווי אַ טויטער.

קאַפּיטל דריי און פערציק

דער סאָכאַטשאָווער „הויף״. דער גאון ר׳ אַבֿרהמעלע און זיינע התנהגותן. קאָצקער גוואַרדיע אין סאָכאַטשאָוו. די רביצין צינה. ר׳ שמואל און אסתרל. מאיר באָרנשטיין ברענט אַ וועלט. די פעסטע האַנט. דער קינצקער רבֿ. ר׳ יואב יהושע פסקנט שאלות. לאָז מען שיקן נאָך ליבע׳ן.

דער סאָכאַטשאָווער „הויף״ האָט געשמט איבער פוילן. נאָך ר׳ יהושיעלעס טויט איז דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר׳ אברהמעלע, געבליבן די איינציקע גרויסע תורה־אויטאָריטעט. אַלע יידן פון פוילן און מחוץ פוילן האָבן צו אים אַרויפגעקוקט, ווי צום לעצטן פוסק. ר׳ אברהמעלע איז געווען אַ קליינער און זייער אַ פלינקער, הגם ער איז געווען אַ חלוש און כל־ימיו אַ לונגען־קראַנקער. ער האָט אין זיך געהאַט אַלע תנועות און העויות פון אַ פויליש־יידישן גאון: האָט גערעדט שנעל און נאָר גרויסע לומדים זענען אין שטאַנד געווען אים גוט צו פאַרשטיין. דערצו האָט ר׳ אברהמעלע געפּראַוועט רביסטווע און אַ טייל פון זיין רבישער התנהגות איז געווען צו דערציילן מעשיות פון קאָצק. אין נאָמען און אין דער פּערזאָן פונעם קאָצקער האָט ר׳ אברהמעלע געזען די העכסטע שלמות פון אַ הייליקן ייד. ביי ר׳ אברהמעלען אין בית־המדרש האָבן זיך געזען די גרעסטע לומדים און רבנים פון פוילן, וואָס זענען געקומען קיין סאָכאַטשאָוו צו שמועסן מיט ר׳ אברהמעלען אין לערנען. אַחוץ זיי האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט אַלטע קאָצקער חסידים, איבערבלייי־בענישן פון דער אַמאָליקער חסידישער גוואַרדיע פון דעם גרויסן רבישן מיזאַנטראָפ. מיט די דאָזיקע אַלטע חסידים האָט ר׳ אברהמעלע ליב געהאַט צו פאַרברענגען, צו הערן זייער שאַרפן קאָצקער דיבור און זייער סאַטירישן ביטול לגבי אַלע און אַלעמען. איינעם פון זיי — חזקיה לוויוויטשער — האָט ר׳ אברהמעלע אַמאָל געפרעגט, צי ער רעדט נאָך אויס אויף גוטע יידן. קאָצקער חסידים האָבן פון אַלע אַנדערע

גוטע־יידן געמאכט אש און בלאָטע. חזקיה האָט אים געענטפערט, אַז אויף אַלע היינטיקע גוטע־יידן לוינט זיך צומאָל נישט אויסצורעדן. איין גוטער ייד איז פאַראַן אין פּוילן, וואָס אויף אים לוינט זיך שוין יאָ אויסצורעדן, איז ער גראָד מיין רבי, ד״ה דער סאָכאַטשאָווער. וויפל קאָצקער נוסח! וואָס עס האָט געשמעקט מיט קאָצק, אפילו פּשוטע גלייכווערטלעך, איז פאַר ר׳ אברהמעלען גלייך געווען צו די גאונותן פון דער תורה. אויך די סאָכאַטשאָווער רביצין, ר׳ אברהמעלעס ווייב, דעם קאָצקערס ליבלעכע טאָכטער (צינע) איז מיט די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ ווייבערישער קאָצקער חסיד. די גאַנצע סאַטירישע שאַרפ־קייט, אין וועלכער זי האָט פאַרברענגט אירע קינדער־יאָרן, די לופט און די אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אַרום דעם קאָצקער, האָט זיך אין איר אַנגענומען. זי האָט אויך גערעדט שאַרף און בייסיק, געזאָגט אָפן אירע מיינונגען וועגן נאָענטע, און געיאָגט פון זיך די יעניקע פּערזאָנען, וואָס זענען איר נישט געווען סימפּאַטיש. איר מאַן האָט זי באַטראַכט ווי מע באַטראַכט אַ ספר. זי האָט פאַר אים אויסטערליש געזאָרגט און אָפּגעהיטן. אָבער זי האָט אין אים געהיטן מער די תורה ווי דעם מאַן. אגב איז זי געווען די איינציקע פּרוי, וואָס דער גאון ר׳ אברהמעלע האָט במשך פון לאַנגע לאַנגע יאָרן געזען פאַר די אויגן. אין סאָכאַטשאָוו צו ר׳ אברהמעלען איז שטרענג פאַרבאָטן געווען אַריינצו־לאָזן ווייבער. אפילו זיינע אייגענע שוועסטערן האָבן נישט געטאָרט איבערטרעטן די שוועל פון ר׳ אברהמעלעס חדר. אַלע ענינים און עצות פון ר׳ אברהמעלעס ווייבערישער משפחה האָט באַזאָרגט די רביצין. זי האָט עס באַזאָרגט אויפן קאָצקער אופן, שאַרף און אָן סענ־טימענטן. פאַרוואָס ביי ר׳ אברהמעלען אין הויז איז געווען אַזאַ חרם אויף ווייבער — וועגן דעם זענען צווישן פּוילישע חסידים אַרומגע־גאַנגען פאַרשיידענע מעשיות.

ר׳ אברהמעלע האָט געהאַט צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער. ביידע זענען געבוירן געוואָרן אין קאָצק, די ערשטע יאָרן נאָך ר׳ אברהמע־לעס חתונה. נאָכדעם ווי ר׳ אברהמעלע האָט מקיים געווען די מצווה פון „פריה ורביה״ — זכר ונקבה בראאם — האָט זיך דעם קאָצקערס טאָכ־טערס טראַכט פאַרמאַכט. גענוג! אַ ייד באַדאַרף נישט מער. קוים

האָט ער מקיים געווען דעם עול וואָס די תורה האָט אויף אים אַרויפגע־לייגט איז דאָס איבעריקע נישט מער ווי מעשה־יצר, און אין קאָצק האָט מען קנאַפּ געהאַלטן פון יצר־הרע. פאַר דער טאָכטער האָט ר׳ אברהמע־לע גענומען פאַר אַן איידעם אַן אייגענעם ברודער, מאיר באָרנשטיין. ס׳האָט געהייסן, אַז מאיר באָרנשטיין האָט נאָך געהאַט אַן עילווישערן קאָפּ ווי ר׳ אברהמעלע, נאָר ער האָט דעם עילווישן קאָפּ ניט געוואָלט אַריינלייגן אין תורה נייערט אין מסחר. מאיר באָרנשטיין האָט פאַר־ברענט פוילן מיט מסחרים. אין זיינע געשעפטן האָט ער זיך תמיד פאַרגאַלאָפּירט מיט עילווישקייט און זיך אין זיי פאַרדרייט מיט סוחרי־שע פּשטלעך. ביי דער תורה וואָלט עס אפשר אָנגעגאַנגען, די האַרטעווירקלעכקייט האָט אָבער אַ גראָבן קאָפּ און זי איז נישט געווען קיין מבין אויף מאיר באָרנשטיינס קאָמבינאַציעס. מאיר באָרנשטיין איז פון אַלע זיינע גאָלדענע פּלענער תמיד אַרויסגעגאַנגען בשן ועין. רייכע סאָכאַטשאָווער חסידים האָבן אים געמוזט אַרויסשלעפּן פון די בלאָטעס אין וועלכע ער האָט זיך אַריינגעעילווישט. מ׳האָט מאיר באָרנשטיינען גענומען אויסצוגלייכן פאַרפּלאָנטערטע בוררותן. זיין שאַרפער קאָפּ האָט געהאַט אַ שם אפילו אויף יענער זייט גרענעץ, אין קירה. קירהשע גבירים האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט מאיר באָרנשטיינען אַהין צו ברענ־גען אויף אויסצוגלייכן בוררותן. דער סוף איז געווען, אַז די יידן האָבן זיך פאַרשאָלטן די יאָרן. מיט זיין שאַרפן פּשטלדיקן קאָפּ האָט מאיר באָרנשטיין די שוין געגוג פאַרפּלאָנטערטע סכסוכים נאָך מער פאַר־וויקלט. די סכסוכים האָבן זיך געצויגן יאָרן. מאיר באָרנשטיין האָט גענומען געלט, און די צדדים זענען גרוא און אַלט געוואָרן און נאָך נישט געהאַלטן ביים אָנהויב פון אָנהויב. אגב האָבן קירהשע יידן מאיר באָרנשטיינען אַזוי ווייט פאַרשמעקט, אַז ווען אסתרל, ר׳ אברהמעלעס טאָכטער, מאיר באָרנשטיינס ווייב, איז אַוועקגעגאַנגען אויפן עולם־האמת און דער שאַרפער קאָפּ איז אין מיטן דרינען געבליבן אַ קייר־לעכדיקער אַלמן האָט ער זיך מיישב געווען און גאָר חתונה געהאַט פון קראָקע מיט אַן עלטערער גאַליציאַנער יידענע, אַ פּיפּיקע סוחרטע. ער האָט זיך באַזעצט אין קירה אונטערן מלכות פון קייסער פראַנץ־יאָזעף, געטראָגן סאַמעטענע קירהשע קאַפּלאַטשן, די פּאות האָבן זיך

אים, פון זיך אליין אויסגעדרייט ווי פראפּנציערס. קירהשע פּאות. מאיר בּארנשטיין האָט אָנגענומען אַלע תנועות און העויות פון א גאליציאנער ייד און אפילו אָנגעהויבּן צו רעדן א קאפּעטשקעלע דייטש־מעריש. דער שארפער קאָפּ האָט אָנגעהויבּן פונדאסניי צו בּרענען אין גאליציע.

ר׳ אברהמעלעס בּן־יחיד, ר׳ שמואל, דער מחותן פון זיידן ר׳ משהל, איז גאָר געווען אַן אנדערער טיפּ. אסתרל איז געווען א קליינע. אין חולשות איז זי געווען גערעטן אין איר פאָטער דעם גאון. ר׳ שמואל איז געווען א הויכער, א בּרייט־בּייניקער, מיט א פלײשיקער סלאווישער נאָז און געשפּראָצט פון געזונטקייט. גאָר ניט ווי א צורבא מדרבנן. זיין גויאישע געזונטקייט האָט זיך אויך געלייגט אויף זיין פּסיכיק. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך א רואיקער. די קאָצקער שארפקייט האָט זיך בּיי אים נישט אויסגעדריקט אין נערוועזער אומרואיקייט, נאָר אין שטאלצער און זעלבּסט־בּאוואוסטער געלאסנקייט. ער האָט אין זיך געהאָט א סך פון א סלאווישן דעספּאָט, האָט געהאלטן זיין הויז־געזינט מיט א פעסטער האנט, הגם — ווי עס וועט מיר שפּעטער אויס־קומען צו דערציילן — א סך פון זיינע קינדער, — פונקט אזעלכע פעס־טע און עקשנותדיקע כאראקטערן ווי ער, — זענען שפּעטער „קאליע" געוואָרן; איבּערגעגאנגען צו דער רעוואָלוציאָנערער ארבּעטער־בּאוועגונג, צום ציוניזם, און איינער פון זיי איז אפילו געוואָרן א יידישער שריפטשטעלער (מ. ב. שטיין). נאָר וועגן דער אינטערעסאנטער "מרידה" אין ר׳ שמואלס הויז — אין די ווייטערדיקע בּענדער.

ר׳ שמואל האָט געהאָט דריי אויפגאבּעס אין זיין לעבּן. אַלע דריי אויפגאבּעס האָט ער אויסגעפירט מיט אויסערגעוויינטלעכער געלאסנקייט און עקשנות. קודם־כּל, זיין פאָטער דעם גאון. אזוי ווי ר׳ אברהמעלע איז געווען א חלוש, אחוץ אין די טיפענישן פון ים־התלמוד איז ער געווען נאאיוו און אומבּאהאָלפן ווי א קינד, איז דער געלאסענער און דער געזונטער ר׳ שמואל זיך מיט אים אומגעגאנגען ווי מיט א טייער און ציטערדיק קינד. ער האָט זיך געזאָרגט פאר ר׳ אברהמעלעס רום און כּבוד, פאר זיינע מאנוסקריפּטן, פאר זיינע בּאקאנטשאפטן און בּאציאונגען. דער חלוש ר׳ אברהמעלע האָט זיך געפילט זיכער אונ־

טער דער השגחה פון דעם ברייט־ביייניקן און סלאווישן בן־יחיד. ר׳ אברהמעלע האט אים, ר׳ שמואלן, כסדר דערמאנט אין זיינע „שאלות ותשובות" און אפילו אין זיינע ספרים. ר׳ שמואלס א געלונגענע תלמודישע סברא האט ר׳ אברהמעלע מיט פיל זארגפעלטיקייט אריינגענומען אין דעם געוועב פון זיינע גאונותן און וועגן אים געשריבן „בני הגאון ר׳ שמואל". אזוי, אז אין דעם ליכט פון זיין פאטער דעם גאון, האט אויך ר׳ שמואל געשפילט אין פוילן די ראלע פון א ייד וואס שמעקט מיט דער ברייטקייט פון גאונות.

ר׳ שמואלס תקיפות, זיין קאלטבלוטיקע און געלאסענע דעספאטיע, זיין כסדרדיק אויפטרעטן כמעט אלס די לייבלעכע פארקערפערונג פון זיין גאונישן פאטער — האט גורם געווען אז ר׳ שמואל האט ר׳ אברהמעלען פארשאפט א סך שונאים. ארום ר׳ אברהמעלען האבן זיך צעברענט אלערליי מחלוקתן. הגם דער דאזיקער גאון איז געווען נאאיוו ווי א קינד, שטענדיק פארטאן געווען אין תורה און נישט געטשעפעט קיין פליג אויף דער וואנט, — ר׳ שמואל אבער האט ליב געהאט אלעמען צו ווייזן א שטארקע האנט. די שטארקע האנט האט ער אנגערופן — גאון ר׳ אברהמעלע. די קעגנערישע צדדים וואס ר׳ שמואל האט אומזיסט און אום נישט פארשאפט זיין פאטער, זענען טייל מאל אזוי פארביטערט געווארן אז זיי זענען ניט אפגעשטאנען אפילו ר׳ אברהמעלען צו מסרן פארן גובערנאטאר. אט־א דער בטלנישער ייד איז אמאל ארויסגערופן געווארן צום ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאר אויף אן אויספארשונג. די מסירות האבן — ווי קאמיש! — געטראגן דעם כאראקטער אז ר׳ אברהמעלע האט אנטי־מלוכהשע עסקים. חושד צו זיין אזא ייד אין אזעלכע אויסטערלישע חטאים! ביי פוילישע חסידים זענען מסירות געווען אן אויסגעפרואווט וואפן. דער גרויסער גאון איז געפאלן א קרבן פאר דעם שאטן פון זיין רום, ד"ה פאר זיין האפערדיקן בן־יחיד.

אחוץ ר׳ שמואלן, איז נאך געווען א פערזאן אין פוילן וועלכע האט זיך געהאלטן פאר א צווייטע האנט פון ר׳ אברהמעלען. נישט די צווייטע האנט פון ר׳ אברהמעלעס כבוד, נייערט פון ר׳ אברהמעלעס תורה. עס איז געווען דער קינצקער רב ר׳ יואב יהושע.

ר׳ יואָב יהושע האָט זיך גערעכנט פון די ערשטע גדולים אין פּוילן. פון זיין כסא־רבנות אין קינצק פלעגט ער ספּעציעל אַראָפּקומען נאָך סאָכאַטשאָוו כדי צו שמועסן מיט ר׳ אברהמעלען אין לערנען. זיין קומען נאָך סאָכאַטשאָוו האָט ר׳ אברהמעלע געהאַלטן פאַר א יום־טוב, מחמת מיט קיינעם פון די פּוילישע לומדים האָט זיך ר׳ אברהמעלע נישט געקאָנט אזוי טיף פונאנדערשמועסן ווי מיטן קינצקער רב. ר׳ יואָב יהושע איז געווען א ווילדער בעל־מפלפל, האָט געקענט צוזאַמענפירן א וואַנט מיט א וואַנט און ער מיטן סאָכאַטשאָווער גאון האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן וואונק. ווען אָט די ביידע יידן האָבן זיך צעשמועסט אין לערנען האָט טאַקע קיין שום פּשוט לומדיש אויער נישט געקאָנט כאַפּן קיין וואָרט. עס האָט זיך אויסגעדרוקט, אז די וועלט האָט זיך אונטערגעצונדן פון דער שאַרפקייט פון זייער פּלפּול. דער דאָזיקער ר׳ יואָב יהושע וואָס איז געווען אזא מייסטער אין געפעכט מיטן סאָכאַטשאָווער גאון איז אויך פונקט ווי ר׳ אברהמעלע אויף די שטחים פון ווירקלעכן לעבן געווען נאאיוו און אומבאַהאָלפן ווי א קינד. ר׳ אברהמעלע האָט געהאַט א זון ר׳ שמואל, וועלכער האָט אים געהאַלטן ביי דער האַנט און אַדורכגעפירט דורכן לעבן. הגם ער האָט אים נישט איינמאָל היפּשלעך אַריינגעפירט אין אַלערליי מחלוקתן אין וועלכע ר׳ אברהמעלע איז געווען גאָט די נשמה שולדיק. פאָרט איז פאַר ר׳ אברהמעלען אַלץ געטון געוואָרן און ער האָט געקאָנט בלייבן א רואיקער אויף די צעווייגטע וואַסערן פון ים־התלמוד. ר׳ יואָב יהושע, להיפּך, איז געווען א ייד אַן אָרעמאַן, א רבֿ ערגעץ אין א פאַרוואָרפן שטעטל קינצק. אחוץ פּלפּולן זיך האָט ער אויך געמוזט עוסק זיין אין זיין רבנישע פּרנסה. מילא שאלות פסקענען איז נאָך אָנגעגאַנגען. די ווייבער וואָס זענען געקומען צו אים מיט זייערע פאַרזינדיקטע עופות האָבן געמוזט שטיין ווייט אָפּגערוקט פון אים. ער אַליין, א פאַרטוענער, האָט אַרומגעגראַבלט אין די אויפגעמאַכטע הינער, גערעדט פונדערווייטנס צו די ווייבער אויף א פאַרפּלאָנטערטן גמרא־לשון, ווי זיי וואָלטן געווען יידן־לומדים. די ווייבער האָבן מורא געהאַט דאָס מויל אויפצועפענען, זענען געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט אויפן פּסק וואָס ר׳ יואָב יהושע האָט געזאָגט מיט א גמרא־ניגון און געהאַלטן

אין דער הויך די פֿאַרפֿעצטע און פֿאַרבלוטיקטע רבנישע פֿינגער וואָס האָבן געהאַט געגראַבלט אין די אינגעווײדן פֿון די עופֿות. אַזוי ווײַט בײַ שאלות. בײַ די דין־תורהס איז אים געווען נעבעך גאָר שווערלעך. ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג אין הײנטצײטיקן מסחר. אויף די צדדים האָט ער געקוקט ווי אויף תנאים ואמוראים פֿון דער גמרא, האָט זײערע לאָדענישן פֿאַרפּשטלט מיט שאַרפֿע שנײדיקע חילוקים און סברות. די ייִדן האָבן נישט געקאָנט דערגײן קײן טאָלק און נישט פֿאַרשטאַנען ר׳ יואָב יהושעס לשון. קינצקער סוחרים האָבן טאַקע געמיטן זיך צו לאָדענען בײַ ר׳ יואָב יהושען, און ער האָט נעבעך געהאַט גאָר קנאַפּ פּרנסה. ווי ווײַט זײַן פּרעמדקײט צום לעבן איז דערגאַנגען זאָל דינען דער פֿאָלגנדיקער פֿאַקט:

צו ר׳ יואָב יהושען אין בית־דין־שטוב אין קינצק זענען אַמאָל אַרײַנגעקומען אַ בחור מיט אַ בתולה אָפּצולאָזן אַ שידוך. ס׳איז אָבער בײַ זײ געווען אַ סכסוך וועגן נדן. ר׳ יואָב יהושע האָט געזאָגט אַז מ׳זאָל רופֿן דעם שדכן אַלס עדות, וואָרעם ער ווײסט דאָך מן־הסתם די תנאים לויט וועלכע דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. „ס׳איז נישט געווען צווישן אונדז קײן שדכן, ס׳איז געווען אַ ליבע״, האָט דער בחור פֿאַרשעמט געזאָגט צום שאַרפֿן רב. וועגן ליבע האָט ר׳ יואָב יהושע קײנמאָל נישט געהערט זינט ער לעבט. ער האָט אָבער געוואוסט פֿון דעם ווײַבערישן נאָמען ליבע און איז זיכער געווען אַז דער בחור מײנט אַ ייִדענע אַ שדכנטע מיטן נאָמען ליבע. „נו, זאָל מען רופֿן ליבען״, האָט ר׳ יואָב יהושע אַן אומגעדולדיקער געזאָגט אין זײַן פּולער נאַאיוויטעט.

קאַפּיטל פיר און פערציק

אַ חופּה אין סאָכאַטשאָוו. יוצא! אַ מדבר פאַרן זינדיקן גוף. מע נעמט זיך צוריק צו די גמרות. יעקב צאַמבער באַקומט אַן אָפּשניט פון דער רביצין צינה.

ווי ווייט ס'איז נאָר געווען מעגלעך האָט מען אין סאָכאַטשאָוו איינגעפירט קאָצקער התנהגותן. אין קאָצקער „הויף" האָט מען קיינמאָל ניט געשטעלט קיין חופּה בײנאַכט ווי ביי אַלע יידן, נייערט אינמיטן העלן טאָג. דעם קאָצקערס קינדער, וואָס האָבן חתונה געהאַט האָבן טייל מאָל שעהן לאַנג געמוזט וואַרטן אונטער דער חופּה. די הבדלות האָבן שוין געהאַט אויסגעברענט ביז דער קאָצקער האָט באַוויזן אַרויסצוקומען פון זיין חדרל צו דער חופּה. אין סאָכאַטשאָוו איז עס נישט געווען אַזוי שאַרף, אָבער דער קאָצקער מנהג צו שטעלן אַחופּה בייטאָג איז אין סאָכאַטשאָוו געווען אָפּגעהיט מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. דערפאַר האָט מען נישט געהאַלטן אין סאָכאַטשאָוו פון קלעזמאָרים. הגם — פאַרפאַלן — קלעזמאָרים אויף אַ חתונה מוז מען נעמען. נאָר די קלעזמאָרים האָבן זיך פאַרשאָלטן די יאָרן. חסידים האָבן זיי געשטופּט ווי האַנטשערקעס, און קוים האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּילן, האָט ר' שמואל בּרייט אַ שריי געטון: „יוצא!" און ר' אברהמעלע האָט מיט עמעצן בּיים טיש אָנגעהויבן צו שמועסן אין לערנען. דער בּדחן — וועמען מ'האָט געמוזט נעמען אויף אַ סאָכאַטשאָווער חתונה ווי אַן אומפאַרמיידלעך בייז, — קוים האָט ער געעפנט דאָס מויל, האָבן חסידים אָנגעהויבן צו מאַכן אַ טומל, ר' אברהמעלע האָט עס געהאַלטן פאַר ביטול־תורה, און ר' שמואל האָט אַ געשריי־געטון: „גענוג!". די גראַמען זענען ממש געבּליבן אויסגעטריקנטע אויף דער צונג פון אומגליקלעכן מאַרשאַליק. מ'האָט אים געגעבן אַ שטופּ אַראָפּ פון בּענקל און ער איז כּמעט ווי צעקוועטשט געוואָרן צווישן עולם חסידים וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטון צום טיש צו הערן ר' אברהמעלעס תורה.

אזוי איז אויך די חופּה פון פעטער יצחק געווען אין מיטן העלן טאָג. זי איז געווען אויפן הויף פון ר׳ אברהמעלעס בית־המדרש. אין מיטן דער ריכטיקער סאָכאַטשאָווער בלאָטע. ר׳ שמואלס טעכטער זענען געווען דראָבנע און שוואַרץ־חנעוודיקע. פרומעט, דעם פעטער יצחקס כּלה, איז, גלויב איך, געווען די שענסטע. א קליינע, א פולע, מיט לעבעדיקע לאַכנדיקע אויגן. זי האָט צו דער חופּה ניט געטראָגן קיין ווייס חופּה־קלייד. אין קאָצק האָט מען נישט געהאַלטן אַז ווייבער זאָלן זיך קליידן אין ווייסן ווי מלאכי־השרת, דאָס מעגן טון סיידן גרויסע צדיקים. דערפאַר, געדענק איך, ווי די כּלה פרומעט איז גע־גאַנגען אָנגעטון עפּעס ווי אַ געל קלייד מיט אַ טשיפּיקל אויפן קאָפּ און אין אַ געל דעק־טוך. אַלע מחותנים און אַ געוואַלטיקער עולם חסידים זענען געשטאַנען אין דער בלאָטע אַרום דער חופּה. די ווייבער זענען געשטאַנען ערגעץ ווייט אַוועקגערוקט אין הויף, וואָרעם אין ר׳ אברהמע־לעס נאָענטקייט האָט זיך נישט געטאָרט ווייזן קיין אשה. אין מיטן פון די בלאָטעס — ווען מען האָט געפירט חתן־כּלה צו דער חופּה — האָבן די קלעזמאָרים מכּלומרשט עפּעס געטון אַ גרימפּל, אָבער ר׳ שמואל האָט פון אונטער דער חופּה אָפּער אַ געשריי געגעבן: גענוג. די קלעזמאָרים האָבן דערשראָקענע אויפגעהערט. אונטער דער חופּה האָט זיך אָנגעהויבן דער סידור־קידושין. שנעל און פלינק אָן לאַנגע ברייענישן און זמירות, אַלץ אויפן קאָצקער אופן.

אזוי ווי דאָס גרויסע חתונה־מאָלצייט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויפדערנאַכט, איז זיך דער עולם באַלד נאָך דער חופּה פונאַנדערגע־גאַנגען אויף די אכסניות אָדער אין בית־המדרש. ר׳ אברהמעלע איז געגאַנגען צו זיין געוויינטלעכן שיעור. ר׳ שמואל האָט זיך געזעצט לערנען. סאָכאַטשאָווער לומדים האָבן זיך גענומען צו די גמרות, אָדער זיך מפּלפּל געווען אין לערנען. מ׳האָט פאַרגעסן אַז אָקערשט איז געווען חופּה. דער טאָג אַרום ר׳ אברהמעלעס בית־מדרש האָט אָנגענומען זיין וואָכעדיקן לומדישן אויסזען. אין סאָכאַטשאָוו האָט מען ניט ליב געהאַט זיך צו באַלעווען מיט חתונה־צערעמאָניעס. אַלע האָבן זיך צוריק גענומען צו דער גמרא. מאיר באָרנשטיין האָט געשמועסט מסחר־זאַכן מיט אַ רייכן סאָכאַטשאָווער חסיד. אויך דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך אוועק־

געזעצט לערנען מיטן חתן. די אויסגעפוצטע מחותנתטעס האָבן זיך ארומגעדרייט ווי איבעריקע נפשות, מיר אַלע זענען געווען הונגעריק. ר׳ אברהמעלעס סאָכאַטשאָוו איז געווען א מדבר פאַרן זינדיקן גוף. ר׳ אברהמעלעס ווייב, צינע, דעם קאָצקערס טאָכטער, האָט מיט חסידי־שער שאַרפקייט געיאָגט די ווייבער זיך נישט ארומצודרייען צווישן די מאַנסבילן און ניט שטערן יידן צו לערנען תורה. די קוטנער מאַנס־בילן האָט זי געטריבן צו דער גמרא. דער משמש יעקב צאַמבער וואָס איז אהונגעריקער אריינגעקומען צו די מחותנתטעס און געבעטן א שטיקל לעקעך, און דערביי געפּרואווט זאָגן ווייבערישע גלייכווערטלעך, האָט פון דער רביצין צינע באַקומען א וויסטן אָפּשניט. הויך אויפן קול צווישן אַלע מחותנתטעס האָט זי אויף אים א געשריי געטון: „פּושע עוכר ישראל, ארויס פון דאנען, זעץ דיך צו דער גמרא״. יעקב צאַמבער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשלונגען שפּייעכץ, א טויט־הונגעריקער אוועק אין בית־המדרש, קוים זיך אריינגעשטופּט צווישן לערנענדיקע יידן און הויך, אויף א בייז־זינגענדיק קול גענומען לערנען די מסיכתא „עירובין״.

קאַפּיטל פינף און פערציק

סאכאַטשאָווער חתונה־מאַלציים. מע איז זיך מפלפל. דער בדחן נעביך! די רביצין צינה פּראָוועט תרבות ביי די ווייבער. די באָבע בלימעלע. וואורקער אהבת ישראל. מיט אַן עגונה איבער פּוילן. די באָבע בלימעלע אויף דער באַן. „וואָס הייסט איך וועל מיך שעמען מיט יידן?" אַט, אַט קומט משיח. גוטע יידן און משיחס צייטן. משיח־איילעניש. די אימהות טאַנצן אַקעגן מיט אַ קוילעטש. די מאַמע רחל. דער פעטער בונימל. דער פעטער בונימל צעטאַנצט זיך און עס שמעקט בפירוש מיט דער שמחה פון לעתיד־לבוא.

אַ סאַכאַטשאָווער חתונה־סעודה האָט גאָר קנאַפּ געהאַט ענלעכקייט מיט אַ געוויינטלעכער חתונה. עס איז פּשוט געווען אַ רבישער „טיש". נישט מער וואָס אויבנאָן ביי ר' אברהמעלע איז געזעסן דער חתן, דער פעטער יצחק. טאָמער האָט ר' אברהמעלע געעפנט דאָס מויל, איז גע־וואָרן אַ געשטופעריי פון חסידים אויפן אויבנאָן. מ'האָט דעם חתן כמעט אַראָפּגעוואָרפן פון בענקל. די עסנס זענען געווען קנאַפּ. און אויך דאָס האָט מען געגעסן אויף אינדערגעשווינד. נישט געשפּילט זיך מיט די אכילה. דער עיקר האָט מען געשמועסט אין לערנען. און גערעדט האָט ר' אברהמעלע, שטיל און זייער פלינק אַז מ'האָט קוים געקאָנט כאַפּן מיטן אויער. דערצו האָט ר' שמואל צוגעאיילט די חסידישע סאַרוועדס נישט צו באַלאַמוטשען, צו דערלאַנגען וואָס ס'איז דאָ. איידער מ'האָט זיך נאָך צו עפּעס צוגערירט האָבן די סאַרוועדס שוין אוועקגעכאַפּט די טעלער, און ס'איז ווייטער אָנגעגאַנגען דער שאַרפער פּלפּול־שמועס. אָבער אַפילו ביי דער גאַנצער יאָגעניש איז ר' אברהמעלע נישט אויסגעזעסן ביים טיש. מחמת ער איז געווען אַ חלוש האָט אים ר' שמואל אַריינגעפירט צוריק אין זיין חדרל. ר' אברהמעלע האָט זיך ביחידות אוועקגעזעצט ביי דער גמרא. ביים חתונה־טיש איז ווייטער אָנגעגאַנגען דער פּילפּול צווישן די איבערגע־בליבענע גרויסע לומדים.

בײַ די װײַבער איז גאָר צוגעגאַנגען װי אין אַ מדבר. ס'איז געװען דאָרט אַן אומהיימלעך שװײַגעניש. אױבנאָן איז אין איר שאַרפֿן קאָצקער ביטול געזעסן די רביצין צינע און געװאָרפֿן אױף אַלעמען אַן אימה. װער פֿון די ייִדענעס עס האָט געפּרוּװט צו עפֿענען דאָס מױל האָט פֿון דעם קאָצקערס טאָכטער אױפֿן אָרט באַקומען אַן אָפּשניט, נישט צו האָבן קײן נײַן מאָס רײד און צו געדענקען, אַז דאָ נישט װײַט זיצט ר' אברהמעלע בײַ דער תּורה און מע דאַרף זיך אױסהיטן װי פֿון פֿײַער אים נישט מבטל צו זײַן, און בכלל איז בעסער אַז מע רעדט נישט קײן נאַרישקײטן. אָפּעסן, און אָפּבענטשן און גײן אױף דער אכסניא שלאָפֿן. מער האָבן װײַבער נישט צו טון. דאָס איז געװען דער טאָן, מיט װעלכן די רביצין צינע האָט געפֿירט די חתונה־סעודה.

אײן פֿרױ איז אָבער געװען צװישן די קוטנער מחותּנתטעס װאָס בעת די רביצין צינע האָט זי געזען האָט זי מיטאַמאָל נאָכגעלאָזן פֿון איר קאָצקער שאַרפֿקײט, האָט אַפֿילו אַרױסגעװיזן עניוות און סענטימענטן. פֿאַרשטײט זיך אױף אַזױ פֿיל, װיפֿיל די דאָזיקע קאָצקער טאָכטער איז בכלל פֿעאיק געװען צו װײכהאַרציקײט און סענטימענטן.

דאָס איז געװען ר' יצחק װאָרקערס טאָכטער, די באָבע בלימעלע.

אין ערשטן באַנד האָב איך שױן גערעדט װעגן דער באָבע בלימעלע. איך האָב אַזױ לאַנג געװאַרט אַרײַנצופֿירן איר פּערזאָן אױף ברײטערע פֿלאַכן, מחמת איך האָב געװאַרט אױף דער גינסטיקער טעכנישער געלעגנהייט װעגן איר אױספֿירלעכער צו רעדן און צו שילדערן איר געשטאַלט, דאָס געשטאַלט פֿון דער װאָונדערלעכסטער ייִדישער פֿרױ װאָס איך האָב געקאָנט. איך װיל זי טאַקע איצט געבן אַלס דעם קעגנטיפּ צו דער רביצין צינע.

אין די דאָזיקע צװײ פֿרױען האָט מען באַשײמפּערלעך בולט געקאָנט זען אומיטלבאַרע נאַטירלעכע פֿאַרקערפּערונגען פֿון די בײדע חסידישע שיטות. — קאָצק און װאָרקע. די רביצין צינע האָט צו אַלעמען געהאַט די שאַרפֿע מיזאַנטראָפּישע װעלט־באַציאונג פֿון איר קאָצקער פֿאָטער. אױף אַלע מענטשן געקוקט מיט פֿאַראַכטנדיקן ביטול, און זײ געטריבן פֿון זיך װי װערעם. אַלע האָט זי מבטל געװען אחוץ די גרױסע גאונים און די קעפּ פֿון שאַרפֿער תּורה. די באָבע בלימעלע האָט

אין זיך געהאַט אַ געוואַלטיקע עניוות. פּשוטע — און דערבײַ זייער חכמהדיקע — גרויסע און טיפע ליבשאַפט צו אַלע ייִדן. אַ ליבשאַפט צו ייִדן, וואָס האָט ממש געשמעקט מיט ליבשאַפט צו אַלע קרעאַטורן, און מיט פאַנטעאיסטישער אהבה צו דער וועלט. די וואונדערלעכע טבע און דער לימוד אין חסידות פון איר פאָטער ר׳ יצחק וואורקער. געווים האָט די באָבע בלימעלע זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון די אַלע זאַכן. אַלע די אײַנגעשאַפטן האָבן געהערט צו דער ליכטיקייט פון איר אינסטינקט. עס איז געווען דער וועלט־קוק פון ר׳ יצחק וואורקער. די באָבע בלימעלע איז אויפגעצויגן געוואָרן אין זיין שטוב. אין דער אַטמאָספערע וואו ער האָט געווירקט. זי איז געווען דער פּראָדוקט פון די דאָזיקע השפּעות.

ווען איך האָב געקאָנט די באָבע בלימעלע איז זי שוין געווען אַ זקנה, היפּש טויבלעך און מ׳האָט געמוזט איר אַרײַנשרײַען אין די אויערן אַרײַן כּדי זי זאָל פאַרנעמען וואָס מע רעדט צו איר. אָבער די טויבקייט האָט זי נישט פאַרביטערט ווי אַנדערע עלטערע מענטשן און זי האָט געלעבט כּסדר אין אַן אויסטערלישער וואַכקייט צו צוויי זאַכן: גוטס צו טון ייִדן, און אויף משיחן. איר גוטסקייט צו ייִדן האָט אין זיך נישט געהאַט קיין שפּור פון מיטלייד און רחמנות פון אַ זאַטן צו אַ הונגעריקן — נאָר ווירקלעך דאָס געפיל פון אַ ליבשאַפט צו אַלע מענטשן. זאָל מיר דער לייענער גלויבן: איך בין נישט מגזם אויף אַ האָר. כ׳פיר נישט אומישנע די פּערזאָן פון דער באָבע בלימעלע אַרײַן אין דעם ליכט־קרײַז פון דיכטערישער פאַנטאַזיע. גראָד בײַ דער פיגור פון דער באָבע בלימעלע באַמי איך מיך — ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך פאַר אַ שריפט־שטעלער — אויסצושאַלטן די באַלייכטונגען פון דעם סוביעקטיוון גע־מיט און פון דער סוביעקטיווער פאַנטאַזיע. איך וויל דורכאויס געבן איר געשטאַלט אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. אַזוי ווי איך האָב זי געקאָנט. כ׳וועל דעם לייענער דערציילן עטלעכע פאַקטישע מעשׂיות פון דער באָבע בלימעלע כּדי ער זאָל פולשטענדיק האָבן די פאָרשטע־לונג וועגן איר וואורקער מהות.

די באָבע בלימעלע איז געוואָרן אַן אלמנה אין אירע יונגע מיטל־יאָרן. זי האָט — ווי איך האָב שוין דערציילט אין ערשטן בוך — גע־

האט אין איר לעבן דריי מענער. אלע דריי גרויסע חסידים און פון אלע דריי האט זי געהאט קינדער. ווען דער לעצטער מאן, ר' פייוויש טארטשינער איז געשטארבן, האט די באבע בלימעלע זיך אנגעהויבן צו באטראכטן ווי א „קטלנית" און פון דאמאלסט אן האט זי אנגעהויבן איר זעלטן נע־ונד לעבן. די טעכטער אירע זענען געווען בעלי־פרנסה און האבן געוואלט אז די באבע בלימעלע זאל ביי זיי וואוינען. די באבע בלימעלע האט אבער נישט געהאט קיין „זיץ־פלייש". קיינער האט נישט געוואוסט, ווען זי האלט ביים אוועקפארן. זי האט אויף איינ־דערגעשווינד איינגעפאקט איר טלומעקל, געטון א קוש די מזוזה, אויף אינדערגעשווינד געזאגט: „זיי געזונט" — און די באבע בלימעלע איז פארשוואונדן געווארן. ס'זענען פארגאנגען גאנצע וואכן ביז מע איז געוואויר געווארן אז די באבע בלימעלע איז ערגעץ אין א שטאט צי אין א שטעטל פון פוילן, וואוינט טיילמאל אין א נאסן פינצטערן קעלער צווישן ארעמע יידן, אלטע וואורקער חסידים, און גייט דארט, אין שטעטל, ארום מיט א פאטשיילע איבער יידישע הייזער כדי צו זאמלען געלט אויף חתונה צו מאכן אן ארעמע יתומה. די דאזיקע אומ־באקאנטע ארעמע יתומה האט די באבע בלימעלע געקאנט אנטרעפן אויפן מארק אדער אין א פרעמדער שטוב. מאמענטאל האט זי זיך גע־נומען מיט איר פאראינטערעסירן, גלייך ווי דאס עלנטע מיידל, וואלט איר, דער באבע בלימעלע, געווען א נאענטע פון כמה יארן. פאר דער באבע בלימעלע איז נישט געווען קיין חילוק צווישן יידן. אלע זענען איר געווען טיף איינגעבאקן אין הארץ, און צו אלעמען האט זי זיך באַ־צויגן ווי אן אייגענע און הארציקע שוועסטער. איינמאל איז פון דער באבע בלימעלע פארלוירן געווארן יעדער שפור. מ'האט אויפגעהערט פון איר צו הערן. די קינדער אירע האבן אומעטום ארומגעשריבן. אין קול ואין קשב פון דער באבע בלימעלע. פלוצעם איז אנגעקומען פון איר א ידיעה ערגעץ פון א ווייט פארווארפן שטעטל אין פוילן. דער סוד פון דער מעשה איז געווען דער פאלגנדיקער: די באבע בלימעלע איז א סך ארומגעפארן אויף דער באן. זי האט געהאט א טבע באלד זיך פונאנדערצושמועסן מיט די פארנדיקע יידן און ווייבער, זיי אויס־צופרעגן אויף זייערע צרות און נויטן און זיי דערציילן מעשיות פון גוטע

יידן און פון משיחן. אמאָל, — אַזוי פאַרנדיק אויף דער באַן, האָט זי זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט עפּעס אַ פרעמד ווייבל. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס ווייבל איז סך־הכּל אַ וויסטע עגונה און זי שלעפּט זיך אַרום איבער פּוילן זוכן איר אַנטקומענעם מאַן. וואָס הייסט אַ יידישע טאָכטער פאַרט אַזוי עלנט אַליין איבער דער מדינה? איר האָט נישט עמעצן וואָס זאָל מיט אייך פאָרן? האָט די באָבע בלימעלע זי געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס ווייבל איז אַן עלנטע יתומה און זי האָט נישט קיין קרוב און קיין גואל. די באָבע בלימעלע האָט נישט לאַנג געטראַכט. עס איז דאָך אוממעגלעך אַ יידיש ווייבל, אַן עגונה און אַ יתומה צו לאָזן פאָרן אַליין איבער פּוילן. די באָבע בלימעלע האָט זיך וואָכן מיט איר אַרומגעשלעפּט אויף בוידן און באַנען איבער אַלערליי שטעטלעך, געניסטערט און געזוכט דעם אַנטלאָפענעם מאַן. ערשט גאָר שפּעט האָט זי זיך דערמאָנט אַז זי מוז שיקן אַ ידיעה די פאַרזאָרגטע קינדער.

עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַז די באָבע בלימעלע איז געפאָרן אויף דער באַן. אַן אָרעמער ייד וואָס האָט נישט געהאַט אויף הוצאות איז אַלס „בלינדער פּאַסאַזשיר" געלעגן אונטער אַ באַנק. די יידן וואָס זענען געזעסן אויף אַזאַ באַנק פלעגן זיך אויסזעצן אויף אַן אופן אַז די פּאָלעס פון זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס זאָלן פאַרשטעלן דעם „בלינדן פּאַסאַזשיר" אונטער דער באַנק און ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די גויאישע הענט פונעם קאָנדוקטאָר. נישט תמיד האָט זיך דער גוי געלאָזט אָפּנאַרן. אויב אַזאַ סצענע איז אים אויסגעקומען פאַרדעכטיק האָט ער זיך במחילה אַרונטערגעבויגן אונטער דער באַנק און אָפּערגעצויגן די טריפהנע סחורה. ס'רוב פלעגן די יידן אין וואַגאָן צווישן זיך צוזאַמענגעמען עטלעכע גילדן און אויסקויפן דעם זינדיקן ייד פון גויאישע הענט. די באָבע בלימעלע איז אַזוי אַמאָל געזעסן צוזאַמען אַריינגעשטופּט צווישן יידן אויף אַזאַ טריפה באַנק. אונטן איז געלעגן נעבעך אַ ייד אַ שלימזל און יידן האָבן אים פאַרשטעלט מיט די פּאָלעס פון זייערע קאַפּאָטעס. עס איז אַריינגעקומען דער גוי. דאָס בילד איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך אַרונטערגעבויגן אונטער דער באַנק, אָנגעכאַפּט דעם ייד פאַר אַ פוס און אים שיין אָפּערגעצויגן אויף

דעם ליכטיקע טאָג. דער ייד וואָס איז נעבעך קנאַפּ געפּרואווט געוועזן אין אַזעלכע נסיונות און האָט געציטערט פאַר אַ גוי אימת־מות האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען ווי אַ בלאַט אין די הענט פונעם גוי און איז בלאַס געוואָרן ווי דער טויט. מיט אַ וויינענדיק קול האָט ער דערציילט פאַר די יידן אין וואָגאָן אַז סך־הכל איז ער אַ שדכן און פאָרט אין אַ דערנעבנדיקן שטעטל אַריין אויף אָנצושלאָגן אַ שידוך, נאָר עס האָט אים אויסגעפעלט אויף הוצאות. די באָבע בלימעלע האָט נישט לאַנג געטראַכט און אָוועקגעגעבן דעם שלימזלדיקן שדכן איר אייגענעם בי־לעט כּדי אים מציל צו זיין פון גויאישע הענט. דער גוי האָט טאַקע אָפּגעלאָזט דעם שדכן און זיך גענאַנגען נעמען צו דער באָבע בלימעלע. וואָרעם איצטער איז זי נעבעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „בלינדע פּאַ־סאַזשירקע" — און ער האָט געזאָגט אַז באַלד אויף דער ערשטער סטאַ־ציע נעמט ער זי אַראָפּ פון דער באַן און מ'וועט זיך מיט איר באַגיין ווי מיט איינעם וואָס באַגנבעט די באַן. די באָבע בלימעלע איז גרייט געוועזן אויף אַלצדינג און זי איז געבליבן רואיק. די יידן אָבער אין וואָגאָן האָבן אָנגעהויבן צונויפצוקלייבן גראָשנס. מ'האָט דעם גוי משחד געווען און מקיים געווען אין דער באָבע בלימעלע די מצווה — פון פּדיון שבוים.

אין שול־געסל האַרט אונטערן רבס הויז אין קוטנע זענען געשטאַ־נען עטלעכע אָרעמע יידישע הייזלעך. דאָרט האָבן געוואוינט פון די סאַמע נידעריקסטע שיכטן פון דער קוטנער יידישער באַפעלקערונג. מדינה־גייער, קאַטערינקע־שפּילער, טרעגער און אַנדערע גאָר אָרעמע און פּראָסטע יידן. אַלע יענע יידן און ווייבער האָבן, אחוץ זייער אָרעמ־קייט, אויף זיך געטראָגן אַלערליי מיאוסע צונעמענישן. הגם שכנים — איז צווישן דעם רבס הויז און די דאָזיקע המונישע משפחות געווען אַ שטאַרקע מחיצה. ווען די באָבע בלימעלע איז געקומען נאָך קוטנע — אפילו נאָך ביים לעבן פון ר' יהושיעלע קוטנער — פלעגט זיך אָפּט טרעפן אַז זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק צווישן די שפּלע יידן און ווייבער מיט צונעמענישן. זי איז געזעסן צווישן זיי אָן דעם מינדסטן געפיל פון דיסטאַנס גלייך ווי זי וואָלט געזעסן צוזאַמען מיט וואָור־קער חסידים. זי פלעגט די דאָזיקע יידן דערציילן מעשיות פון גוטע־

יידן, פון נשים צדקניות, און פון דער רביצין רבקהלע (דאָס ווייב פון ר׳ בונם פשיסכער). ר׳ יהושיעלעס ווייב די באָבע פריווע האָט געקוקט קרום אויף אַזעלכע זאַכן. סטייטש די מוטער פון איר שנור, די לייב־לעכע מחותנתטע פון ר׳ יהושיעלע קוטנער זעצט זיך עפנטלעך אַוועק צווישן נידעריקע המונישע מענטשן ווי זייערס גלייכן? זי האָט גע־הייסן די באָבע לאה אויפמערקזאַם מאַכן איר מוטער אַז אַזעלכע התנהגותן זענען נישט פאַרן כבוד פון ר׳ יהושיעלע קוטנער.

— וואָס הייסט איך וועל מיך שעמען מיט יידן? — האָט די באָבע בלימעלע געפרעגט מיט דער טיפסטער נאַאיוויטעט ווי זי וואָלט די טאָכ־טער גאָרנישט פאַרשטאַנען.

דאָס אַנדערע געפיל, אַחוץ איר אויסטערלישער יידישער גוטסקייט, איז געווען איר אייביק אומגעדולדיק וואַרטן אויף משיחן. עס איז געווען ממש וואונדערלעך ווי בטחון און גלויבן האָבן ביי איר געקענט אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמען. זי האָט גערעדט וועגן משיחן ווי וועגן אַ טייערן ליבן ייד וואָס דאַרף אָנקומען בוכשטעבלעך יעדע רגע. ווען ס׳האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין טיר איז עס פאַר דער באָבע בלימעלע געווען דריי גלייכע מעגלעכקייטן: אָדער ס׳קומט אַן די יידענע מיט עופות, אָדער אַן אָרעמאַן נאָך אַ נדבה, אָדער משיח. און די אַלע דריי מעגלעכע געסט איז זי גרייט געווען מקבל צו זיין מיט דעם גלייכן גוט־האַרציקן און פריילעכן וואורקער נעמיט. פאַרשטייט זיך, אַז משיחן האָט זי צונויפגעבונדן מיט איר גוטסקייט־געפיל פאַר יידן. זי האָט דערציילט וואָסערע שמחות עס וועט זיך טון ביי יידן ווען משיח וועט נאָר טון אַ קום. פאַרנדיק אַ סך אויף די באַנען האָט זי זיך אָנגעזען ווי אָרעמע יידן „בלינדע פאַסאַזשירן”, ליגן נעבעך אונטער די בענק און גוים פייניקן זיי און פאַרלאַנגען פון זיי בילעטן — און די באָבע בלימעלע האָט געזאָגט, אַז ווען משיח וועט קומען וועט איר בונמל, באַגלייך מיט אַלע גרויסע צדיקים, זיין די קאָנדוקטאָרן אויף די באַנען און אַלע יידן וועלן פאָרן אָן בילעטן. באַזונדערס האָט די באָבע בלימעלע ליב גע־האַט צו דערציילן די ראָל פון גרויסע גוטע־יידן, ווען משיח וועט קומען. די באָבע בלימעלע האָט ליב געהאַט צו גראַמען. אין וואורקער „הויף” האָט מען געהאַלטן פון גראַמען. דער „יינגער וואורקער” אַליין האָט ליב

געהאט צו גראַמען. בעת אירע מעשיות וועגן גוטע־יידן אין משיחס צייטן איז זי אַריינגעפאַלן אין גראַמען און האָט געזאָגט: „גוטע־יידן וועלן זיין אַפּיצירן און יידן צו משיחן פירן". ערשט ווען משיח וועט קומען — און קומען קאָן ער ממש יעדע רגע. יידן וועלן גאָרניט באַוויזן צוצו־מאַכן זייערע קרעמלעך און ווייבער וועלן נישט אוספּייען אָפּצוקאָכן וועטשערע, וואָרעם משיח איילט זיך און וועט קיין צייט נישט האָבן. יידן וועלן הענדום־פּענדום מוזן צוזאַמען מיט משיחן אַוועק קיין ארץ־ישראל. אין דעם דאָזיקן בשמחהדיקן משיח־איילעניש וועלן גוטע יידן און אַלע גרויסע צדיקים — הן די וואָס לעבן נאָך, הן די וואָס זיצן שוין לאַנג אין ליכטיקן גן־עדן — זיין כּמעט ווי משרתים ביי אַלע יידן, זיי פּשוט נעמען אין די הענט, זאָרגן זיך פאַר זיי, און אַוועקטראָגן אין די פּאַלעם איבערן ים קיין ארץ־ישראל. וואָס עס וועט זיך טון אין סאַמע ארץ־ישראל בעת יידן וועלן אַ קום אָן געבן אַהין צוזאַמען מיט משיחן און מיט אַלע צדיקים — פון דעם האָט די באָבע בלימעלע דערציילט גאַנצע שעהן. די מערת־המכפלה וועט זיך עפענען. די אָבות וועלן יידן אַקעגנטאַנצן אַ קאַזאַק. די אמהות אין גאָלד און אין פּערל און אין די טייערסטע קופּקעס וועלן אַקעגנטאַנצן מיט אַ קוילעטש. די מאַמע רחל וועט זיך אָפּווישן די טרערן פון די אויגן און זי וועט אויפשטיין פון אונטערן שטיין אויפן וועג קיין בית־לחם און וועט זיך פרייען צוזאַמען מיט יידן. דאָס בית־המקדש וועט זיך אַ בוי־אויף טון אין איין רגע. יידן וועלן הוליען אויף אַלע גאַסן. דוד המלך וועט שפּילן אויפן פידעלע. משה וועט זאָגן תורה, און מ'וועט טרינקען לחיים און עסן באָקסערן און מאַנדלען אַקוראַט ווי אין חמשה־עשר־בשבט. און ער אַליין, כּביכול הייסט עס, וועט אַ קוק אַראָפּ טון פון זיבעטן הימל, זיך מיטפרייען מיט דער גרויסער שמחה פון יידן, און מוחל זיין יידן אַלע עבירות, און אַלע יידן וועלן ווערן ריין און ווייס ווי די שעפעלעך. אי ווי דערלעבט מען שוין יענע טייערע גאָלדענע צייטן. די באָבע בלימעלע איז געווען זיכער ווי דער טאָג, אַז הגם יידן לעבן נעבעך אין דחקות און אין נויט און האָבן קנאַפּ פּרנסה, — פונדעסטוועגן קאָן זיך יעדע רגע טון דאָס רעדל אַ דריי און ס'וועלן זיך גאָר פּלוצעם אָנ־הויבן די טעג פון משיח.

אויב ס'איז געווען אפשר אַן אויסנאַם אין אירע געפילן צו יידן — איז עס געווען איר בן־זקונימל, דער פּעטער בונמל.

אין ערשטן בוך האָב איך אין אַ באַזונדער קאַפּיטל דערציילט וועגן פּעטער בונמל, וועגן זיין שווער משה טביה, ווי אַזוי דער פּעטער בונמל האָט זיך נוהג געווען אַלס שוחט, און דער עיקר, ווי דער פּעטער בונמל איז געווען אַ גרויסער טענצער און האָט משמח געווען יידן אויף חתונות. נאָך אַלע פּרנסות, פּרומקייטן, מרה־שחורהס און שמחות זיינע, איז דער פּעטער בונמל געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, און דערצו אַ מטופּל מיט קינדער — איז די באָבע בלימעלע געווען וועגן אים שטאַרק פאַר־זאָרגט. אַז משיח וועט קומען — האָט די באָבע בלימעלע געוואוסט, וועט דער פּעטער בונמל זיין דאָס אויבערשטע פון שטיסל. ר' יצחק וואורקערס אַן אייניקל, אַן אָפּגעהיטענער שוחט, אַ חסידישער ייד און אַ טענצער, — אין משיחס צייטן וועט עס זיין מיט גאָלד אָפּצואוועגן. אָבער איידער וואָס און ווען, ד"ה איידער משיח וועט באַוויליקן צו טון אַ קום מוז דער פּעטער בונמל דערווייל אויך האָבן פּרנסה. קינדער וואַקסן אונטער. גראָד האָט דער פּעטער בונמל געהאַט טעכטער גרויסע יפת־תוארס. ער האָט געהאַט אַ טבע זיי אויסצוגעבן פאַר קרענקלעכע אַלמנס, צעבראָכענע יידן און מלמדים. עטלעכע טעכטער זענען אים טאַקע געבליבן אַלמנות מיט פּיצלעך קינדער אונטערן פאַרטוך און זענען צוריקגעקומען צום פּעטער בונימלס אָרעמקייט. דער עול־פּרנסה איז געוואַקסן און משיח האָט זיך דערווייל נישט צוגעאײַלט — הגם די באָ־בע בלימעלע האָט אויף אים יעדע רגע געוואַרט.

דערפאַר אויף אַ חתונה ווען דער פּעטער בונמל האָט זיך געטון אַ באַוויז אין זיין הויכן סאַמעטענעם קאַשקעט און זי האָט אַ קוק־אַריין געטון אין זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, האָט זי געוואוסט, די באָבע בלימעלע, אַז די אמתע שמחה קומט אָן אויף יידן ווען דער פּעטער בונמל וועט זיך נאָר צעטאַנצן אינמיטן דעם עולם און ווייזן וואָס ער קאָן. אַפילו גוטע־יידן ווערן פריילעך ווען דער פּעטער בונמל טאַנצט, וואָרעם עס שמעקט בפירוש מיט די שמחה פון לעתיד לבוא. די באָבע בלימעלע האָט געוואוסט, אַז היינט ביינאַכט פאַרן מצווה־טענצל ווען דער פּעטער בונמל וועט זיך צעהוליען אַ פאַרשטעלטער

פאר א „דייטש", וועט אפילו דער גאון ר' אברהמעלע און די אנדערע גדולי־התורה וואס שמועסן כסדר אין שארפן פלפול און קיין פראס־טער ייד קאן גאר נישט פארשטיין זייערע רייד—אפילו אטא די שארפע קעפ וועלן זיך אויסשמייכלען און צוקוקן באגלייך מיט אלע יידן די גרויסע שמחה וואס פלאקערט פון אונטער דעם פעטער בונמלס פים. אפילו די רביצין צינע, די קאצקער טאכטער, וועט אויפהערן צו טרייבן פון זיך מענטשן, און איר שטרענג אויסגעדארט פנים וועט זיך פארציען מיט גליקזעליקייט.

אזוי איז עס טאקע געוועזן.